STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04920

HERSHELE

Jacob Dineson

Permanent preservation of this book was made possible
by Lane Gerber
in memory of
Evelyn & Philip Gerber

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב דינעזאָן

הערשעלע

ראָמאַן

פאַרלאַג „אחיספר" וואַרשע

Printed in poland

Copyright by S. Sreberk New-York U. S. A. 1923

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

הערשעלע

א

ער האָט אין בית-המדרש געלערנט און בײַ איר מוטער אַ טאָג געגעסן.

האָט אין דעם טאָג אַ ראש-חודש אַ חנוכּה, אָדער אַזוי עפּעס אַ וואָכעדיקער יום-טוב געטראָפן, האָט ער אויך אַמאָל אַ טעם פֿון פֿלייש פֿאַרזוכט, נאָר אַזוי אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, האָט ער כּמעט מער ווי דעם טאָג אַליין נישט געגעסן.

איר מוטער איז געווען ברײַנדעלע, אַ רײַכע אלמנה, בטבע זייער אַ קאַרגע, און כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז זי איז קאַרג, ד'האָט זי אַליין אָבער נישט געוווּסט, אַז אַלע ווייסן עס און האָט זייער געוואָלט, אַז לײַט זאָלן עס בעסער נישט וויסן — זי האָט שוין, ברוך-השם, אַזוי אויך געגוג בײַזע מײַלער, וואָס האָבן מער נישט צו טון, ווי צו רעדן וועגן איר. דעריבער פֿלעגט זי זיך נישט אָפּזאָגן פֿון אַ צדקה, אָדער פֿון אַ מצווה-זאַך, גלאַט אַזוי, און ווען זי האָט זיך נישט גע-קאָנט אַרויסדרייען מיט אַ גלאַטן תּירוץ, האָט איר, חוץ עגמת-נפש, אויך עטלעכע מזומנע קאָפּיקעס געקאָסט.

„מען קאָן קיין דבר-אחר נישט זײַן", פֿלעגט זי זיך טרייסטן, „מען דאַרף נישט אַזוי פֿאַר גאָט דעם לעבעדיקן יוצא צו זײַן, ווי פֿאַר זינדיקע מענטשן. ער ווייס, אַז איך בין אַן עלנטע אלמנה און נאָר דאָס ביסעלע געלט איז מײַן פּרנסה. אָבער לײַט מײַנען דאָך, אַז איך האָב

גאַנצע זאַשיקעס מיט געלט. זיי צו קיין עבירה נישט צו ברענגען, גיב איך, כאָטש איך קאָן נישט!"

אַז אירער אַ קרוב איז געוואָרן משגיח אויף דער ישיבה, אינם בית-המדרש, אין וועלכן זי האָט געדאַוונט, האָט זי, איהם צוליב, צו-גענומען אַן אָרעמען בחור אויף איין טאָג אין דער וואָך ביי איר צו עסן.

„וואָס וועט ער ביי מיר אויפעסן," האָט זי געקלערט, „משטיינס-געזאָגט, וויפל עס בלייבט, וועט פאַר אים גענוג זיין!"—נאָר גאַנץ גיך האָט זי באַמערקט, אַז עס ווערט עפּעס נעלם דאָס ברויט אונטער זיי-נע ציין.

„ווי איז מיר," האָט זי איבערגערעדט, ווען איר טאָג-עסער איז אַרויס, „ער עסט דאָך עפּעס, ווי נישט אין זיך! האָסטו געזען אַ ביסל אַ ווויללערנער זאָל עסן, ווי אַ פּויער! אַזעלכער קאָן מיר דעם קאָפּ אויפעסן, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן!"

ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיטן משגיח האָט זי געבעטן, מען זאָל איר שיקן אַן אַנדער ישיבה-בחור און דעם געבן אַ טאָג ביי אַן אַנדערן ערגעץ.

— פאַרוואָס געפעלט אייך דער נישט?...—האָט דער משגיח גע-פרעגט.

—עפּעס דאַכט מיר, אַז ער איז נישט קיין געזונטער...—האָט זי אַ גלאַטן תירוץ געפונען.—מיין מירעלע איז אַ ציטריק קינד, איר ווייסט דאָך, זאָל די שעה נישט זיין... איך האָב מורא, זי זאָל זיך, חלילה, אַ קראַנקייט פון אים נישט אָנעמען.

— גאָר אַ קראַנקער?—האָט זיך דער משגיח אָנגערופן. — זיין גע-זונט אויף מיינע קינדער געזאָגט!

—ער עסט אָבער נישט, ווי אַ געזונטער!—האָט בריינדעלע דער-קלערט. — האָט איר געזען אין אייער לעבן, אַ מענטש זאָל עסן מיט ביידע זייטן ציין? דאָס מוז זיין אַזאַ פעלער, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערן! איך בעט אייך, שיקט מיר אַ שטיל קינד, אַן איידל קינד, וואָס מען זאָל קאָנען מיט אים זיצן ביים טיש.

דעם אַנדערן מיטוואָך האָט שוין ביי איר אַן אַנדער יינגל גע-געסן, אָבער דער אַנדערער האָט אויך דיזעלבע קרענק געהאַט צו עסן, בעת ער איז געוועזן הונגעריק. זי האָט דעם אַנדערן אויף אַ

דריטן אויסגעביטן, דעם דריטן—אויף אַ פּערטן, א. אַז. וו. אַ גאַנצן זמן מיטוואָכס האָט קיינער נאָך נישט אָפּגעגעסן.

— ביי אייך עסט אַזאַ זיידן, איידל קינד,—פלעגט זי מקנא זיין איר שכינה, אַז זי פלעגט זען, ווי יענע גיט איר ישיבה-בחור עסן,— מען זעט נאָך זיין עסן נאָך, אַז ער איז אַ ווילדערנער. איך ד'האָב קיין מזל נישט צו זיי: עפּעס שיקט מען מיר נאָר די גרויסע, איבער-געוואַקסענע, וואָס ווייסן נאָר צו עסן, און אין דער גמרא אַוודאי אַ וואָרט נישט!... נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד. איך ווייס גאָר-נישט, צי האָב איך אַ מצווה פאַר מיין ברויט, וואָס ער עסט ביי מיר. מען דאַרף צו אַלץ מזל האָבן!

און זי האָט טאַקע צו זיי קיין מזל נישט געהאַט. גאַנץ גיך איז אין דער ישיבה באַקאַנט געוואָרן, וואָס פאַר אַ סחורה בריינדעלע איז און וואָס פאַר אַ טאָג מען האָט ביי איר. שטילע קינדער האָבן בעסער געוואָלט הונגערן דעם טאָג און נישט גיין מבויש ווערן, וואַרטנדיק ביי איר אַ שעה, אָדער צוויי, ביז זי דערמאָנט זיך גרייטן צום טיש און הייסן גיין וואַשן זיך צום עסן. האָט זיך שוין יאָ געפונען איינער, וואָס איז געגאַנגען עסן איר מיטוואָך, איז ער געוועזן פון יענע „כוואַטסקע" בחורים, וואָס האָבן זיך געוואָלט נוקם זיין אָן איר ברויט פאַר זייערע פאַרשעמטע חברים, אויף וועלכע זי האָט שטענדיק אַ חסרון געפונען, אַבי פון זיי פטור צו ווערן.

אַזוי האָבןביידע צדדים אַ מלחמה געפירט: די העלדן פון דער ישיבה האָבן זייער גבורה אין עסן אַרויסגעוויזן, און בריינדעלע האָט זיך געקלאָגט, ווי אַזוי זייער ביטער ברויט, זיי נאָך ביטערער צו מאַכן און זי האָט שטענדיק תירוצים געפונען יוצא צו זיין, וואָס דער מיטאָג איז נישט געראָטן. אַמאָל פלעגט קיין כשרע קוואָרט נישט זיין, מיט וואָס זיך צו וואַשן, אַמאָל פלעגט גראָד אין דער מינוט דאָס אָנגע-גרייטע ברויט אויסגיין. דאָס דינסטמיידל איז אין יאַטקע אַוועקגעגאַנגען, דאָרט „איינגעזונקען" געוואָרן: זי האָט נישט וועמען נאָך אַ פריש לעבל ברויט צו שיקן.

—זאָל שוין זיין דאָס שטיקל, וואָס איז נאָך דאָ! — פלעגט זי זאָגן.

זייער אָפט פלעגט זיך אויף כלומרשט אַ שאלה מאַכן, און זי פלעגט דעם הונגעריקן ישיבה-בחור אויסדערציילן איר עגמת-נפש, נישט אַזוי אויף דעם מיטאָג, וואָס איז טריפה געוואָרן, ווי אויף דעם, וואָס

זי האָט אים נישט וואָס צו געבן אין מויל אַריין. אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי אָנזאָגן דער דינסט, אַז זי זאָל געבן דעם אָרעמען בחור עסן און נאָכדעם, ווי זי פלעגט אַלץ פאַרשליסן, פלעגט זי זיך גאָר אַוועקגיין.

—וואָס האָב איך אים צו געבן, באַלעבאָסטע-לעבן? — פלעגט די דינסט פרעגן.

—אָט גיב אים, וואָס עס איז.

—און אַ צווייט געריכט?

—אַבי וואָס!—פלעגט זי ענטפערן, אַ קלאַפּ טון מיט דער טיר און אַוועקגיין.

אין בית-המדרש האָבן די צוויי געריכטן באַקומען נעמען. דאָס ערשטע האָט געהייסן „וואָס עס איז" און דאָס צווייטע — „אַבי-וואָס."

און דער קורס פון ברײַנדעלעס „מיטוואָך" איז שטאַרק געפאַלן אויף דער ישיבה-בערזע: מען האָט צו אים געמוזט צוצאָלן, אָדער מקבל באהבה זיין הונגער און בזיונות, אַבי מיט דער ארורה זיך אָפּצורעכענען.

ענדלעך, האָט גאָט איר צער אויך צוגעזען און איר צוגעשיקט אַזאַ יינגל, פונקט ווי זי האָט זיך געוווּנטשן: אַ שטיל קינד, גאָר אַ קנאַפּער עסער, אָבער דערפאַר, אַזאַ איידעלער, אַזאַ שעמעוודיקער, אַז איר אַליין קומט שוין אָפּט אויס אים צו בעטן נאָך אַ ביסל צו עסן.

דאָס יינגל איז הערשעלע געווען.

דער משגיח, וועלכער האָט נייטיק געהאַט ברײַנדעלעס אַ טובה, האָט געפועלט ביי הערשעלען אָנצונעמען ברײַנדעלעס הונגעריקן מיטוואָך. דערפאַר האָט דער ראש-ישיבה אַליין—נאָכדעם, ווי הערשעלע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטן קאָפּ, התמדה און שטילקייט — אים מפצה געווען מיט ברוך דעם קצבס דאָנערשטיק, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן טאָג אין גאַנצן שטעטל.

שפּעטער איז הערשעלע מער צופרידן געווען מיט ברײַנדעלעס מיטוואָך, ווי מיט ברוכס דאָנערשטיק: עפּעס איז דאָ ביי ברײַנדעלען אַזוי ריין, אַזוי ליכטיק און רייך, אַז עס איז פּשוט אַ פאַרגעניגן דאָ צו זיצן, גלאַט אַזוי, כאָטש נישט צו עסן, בשעת דאָרט, ביי ברוכן,

איז שטענדיק שמוציק, געשריי און געטומל. ער ווערט מיד עסנדיק און ברוכס ווייב גיסט אַלץ צו אין טעלער. אים איז שווער צום דנאָ צוצוקומען, און זי לייגט נאָך צו נאָך אַ שטיק פלייש און נאָך אַ שטיק. ער שוויצט, ער האָט שוין קיין כּוח נישט מער צו עסן, וויל זיך אָפּ-שטעלן, כאָטש דעם אָטעם אָפּכאַפּן, אָבער ברוך גיט אַ געשריי מיט זיין קצבישן קול:

— כּל זמן שהנשמה בקרבו — רייב! אַז דו וועסט עסן, ווי אַ קינד, וועסטו קענען לערנען אויך ווי אַ קינד... עס, ווי אַ גרויסער, וועסטו האָבן כּוח, ווי אַ גרויסער צו דער תּורה. איך ווייס: זי נעמט גענוג אַרויס דאָס געזונט!...

און הערשעלען האָט זיך געדאַכט, אַז ביי ברײנדעלען ווערט ער פיינער און איידעלער. ביי ברוכן אָבער — פאַרגרעבט, אָנגעשטאָפּט מיט פלייש, מיט קישקע און מאָגן, און הערט זיך אָן גענוג פּראָסטע ווער-טער, קללות און זידלעריי און אָפּט אויך אַזאַ מין וואָרט, וואָס ער שעמט זיך אַליין איבערצוטראַכטן וועגן דעם.

ברוך האָט אין זיין ישיבה-בחור נאָר איין חסרון געפונען:

— וואָלט ער נאָר געהאַט כּוח צו עסן, ווי עס דאַרף צו זיין, — האָט ער שטענדיק געטענהט, — איז ער גאָר אַ ווױלער בחור! ווער רעדט, אַ דין וועגן „יעלה ויבא,” אַז איך טו אים אַמאָל אַ פרעג, אָדער אַזוי עפּעס אַ מעשה פון דער הייליקער תּורה, „וואָס דער קאָפּ איז צע-דרייט און עס פאַרגעסט זיך...” אפילו אַ דין פון אַ ריאה ווייס ער אויך. וואָלט ער נאָר עסן, ווי אַ מענטש, איז ער שוין אַ פאַרטי-קע כּלי!...

און ברײנדעלע האָט נאָר איין מעלה אין אים געפונען:

— אַן איידל קינד, אַ זיידן קינד, — פלעגט זי זאָגן, — שטיל, ווי אַ טויב, עסט, ווי אַ פייגעלע... וויפל מען גיט אים, איז אים אַלץ צו-פיל... הלוואי זאָל ער נאָר אַזויפיל אויפעסן, וויפל איך פאַרגין אים... איך ווייס, אַז איך האָב אַ מצווה, זאָל אים נאָר וווֹיל באַקומען!..

עס האָט אים אויך געליובט דער ראש-ישיבה אַליין.

מיט אַזאַ תּלמיד איז באמת אַ פאַרגעניגן צו לערנען, — פלעגט ער זאָגן נאָך יעדן שיעור, ווען הערשעלע פלעגט אָנפרעגן קשיות אויף דער גמרא, אויף רש״י און פלעגט אַליין טרעפן דעם מהרש״א מיטן מהר״ם שי״ף. — נו, אַזאַ איז מחדר דעם שכל, ער וואַקסט אַ ליים!...

און ער האָט אים, ווי אַ טרייער פאָטער מקרב געווען מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

עס האָבן אים ליב געהאַט אויך זיינע חברים, כאָטש עס טרעפט זעלטן, אַז אַ ישיבה-בחור זאָל מיט נאָך אַ ישיבה-בחור לעבן באהבה ואחוה. חוץ זיין גוטסקייט צו זיי, דערקלערנדיק זיי אָפט אַ "ויש לישב" אין מהרש"א, אָדער ערגעץ אַ וויזעניש אין גמרא, חוץ זיין עניוות זיך קיינמאָל נישט צו גרויסן איבער זיינע פּראָסטע חברים, האָט ער נאָך אַ מעלה געהאַט, וואָס האָט אים חן צוגעגעבן אין זייערע אויגן, און דאָס איז געווען דער זיסער "קול בגינה" זיינער, זיין זינגען אַ שטייגערל ביי דער גמרא, אָדער אָפט, אין אַ פריילעכער רגע, בעת עס האָט זיך אים געזונגען אַליין, נישט וויסנדיק, פאַרוואָס. זיינע חברים, אים אויסהערנדיק, פלעגן שרייען:

— פלאי פלאים! אַ מתנת אלקים!

אין די ווינטערדיקע לאַנגע נעכט פלעגן זיי זיך אָפט אַרומקלויבן אַרום אים, בעטן אים זינגען אַ וואָלעכל, אַ קליבאַנער בעטלער, הזנישע זאַכן, אָדער אַזוי עפּעס אַ שטייגער און פאַנטאַזיע... ער האָט אַלץ גע-זינגען: נלחות, אָדער קאָר-געזאַנג, אויך פאַרשידענע מעלאָדיעס פון פורים-שפּיל, "מכירת-יוסף", "מלוכת שאול אָדער "גדולת דוד ושלמה".

יעדער ישיבה-בחור האָט זיך פון אים אַ באַזונדער ניגון אויס-געלערנט: מיט דעם ניגון האָט מען די גמרא געלערנט, און די גמרא איז עפּעס גרינגער און ווייכער געוואָרן: דער ניגון האָט אַ נשמה אַריינ-געבלאָזן אין די ווערטער, עס האָט זיך געלערנט מיט לוסט, מיט פאַר-גענינגן. דער בית-המדרש איז פול געוואָרן מיט געזאַנג און מיט תורה, און אפילו דער פוילער איז אַ מתמיד געוואָרן.

הערשעלע האָט אויך שטענדיק מיט אַ ניגון געלערנט, נאָר זיין ניגון איז נישט אַלעמאָל געווען דערזעלבער. אָפט האָט מען אין דעם געקאָנט הערן זיין גליק און צעפרידנקייט פון דער שיטה אין גמרא, וואָס ער לערנט, און אָפט האָט זיך אין אים געהערט אַ טיפער טרויער, אומבאַקאַנטע האָפענונגען, עפּעס אַ מין בענקעניש, ווי עס רייסט זיך די נשמה זיינע צו פליען ערגעץ אינדערהויך, ווייט זיך אַוועקצוטראָגן אַהין, דאָרט, ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט די תנאים און אמוראים, וועמענס שכלדיקע רייד ער לערנט איצט.

נאָר דעם לעצטן ווינטער האָבן זיך זיינע ניגונים פאַרענדערט: וואָס אַ טאָג, ווערן זיי אַלץ טיפער, טרויעריקער און רירנדיקער: עס

הערט זיך אין זיי אַ באַהאַלטענער ווייטיק פון האַרצן. עס צעגייט דאָס האַרץ צוהערנדיק. עס ווילט זיך אים טרייסטן, אָדער פאַלן אים אויפן האַלדז און אים קושן און האַלדזן. זיינע אויגן בליצן, די תמיד בלאַסע באַקן הייבן אָן צו ברענען; דער ניגון אָבער ווערט טיפער, די ווער־טער פון דער גמרא שיטן זיך, ווי פּערל. ער איז אַריינגעטון אין ענין, זעט נישט, ווי ביי עפּעס אַ חבר, וועלכער שטייט און הערט זיך צו, ווייזן זיך טרערן אין די אויגן, און אַזוי לערנט ער און זינגט אַלץ ווייטער און ווייטער. עס גיסן זיך די טרערן אַזוי קלאָר און ריין, ביז דער חבר שלאָגט אים איבער מיט דער פראַגע:

— זאָג, הערשעלע, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר אַזוי וויי? עס קאָן פון דיין ניגון אַ שטיין צוגיין!

דאַן כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום. אים רייסט זיך אַרויס אַ שווערער זיפץ. ער פאַרמאַכט די גמרא און הייבט אָן איבערן בית־המדרש הין און צוריק צו גיין, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס וועלן געפינען, וואָס אים פעלט...

די חברים האָבן פיל גערעדט און פיל דיספּוטירט איבער זיין קול נגינה, נאָר אַלע האָבן מודה געווען, אַז חוץ דעם עצם קול אַליין, וואָס דאָס איז אַ מתנת אלקים, האָט ער נאָך גרויס געפיל דערצו, און אַז ער וואָלט קענען נאָטן, האָט ער שוין געמעגט אָפּגעבן קאָנצערט פאַר שרים און שררות, אַזוי ווי דאָס ווילנער באַלעבעסל בשעתו.

נאָר הערשעלע האָט פון קאָנצערט נישט געטראַכט. ער האָט גע־זונגען, ווייל עס איז זיין טבע געווען. ער האָט קיינמאָל קיין לוסט נישט געהאַט צו זינגען, וואָס יענער בעט, נאָר וואָס דאָס אייגענע האַרץ וויל, און ער האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער זינגט.

די גמרא, די תורה איז דער עיקר געווען. זינגען, האָט זיך אים געדאַכט, קאָן יעדער.

—נישט דער האַלדז, נאָר דאָס האַרץ זינגט! — האָט ער אַלץ געזאָגט.

און וואָלט אַן אַנדערער געהאַט אַזאַ פול האַרץ, ווי ער, וואָלט דער אַנדערער אויך אַזוי זינגען, ווי ער, און אים איז שווער געווען אויסצוהערן, ווי זיינע חברים מאַכן אים אַזוי גרויס, און לויבן אים אין די אויגן פאַר זיין כלי.

פונדעסטוועגן האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז זי זאָל אים הערן זינגען, זי זאָל כאָטש זיין אַ „רואה ואינה נראה" און קומען אין בית־

המדרש אַריין, בעת ער זיצט אונטערן ארון־הקודש מיט דער גמרא אויפֿן שטענדער. ער זאָל זי נישט זען, קיינער זאָל זי נישט זען, און זי זאָל אויסהערן אַלע מעלאָדיעס און שטייגערלעך, וואָס זינגען זיך אים דאָן אַזוי ליב און אַזוי זיס.

ער האָט געוווּסט, אַז זי קען אויך זינגען, אַז זי האָט געפֿיל און האָט זייער ליב געזאַנג, אָבער ער איז אין כעס געווען אויף זיך, פֿאַר־וואָס אים ווילט זיך אַזאַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זיין!

— שוטה!—פֿלעגט ער צו זיך אַליין זאָגן.—וואָס ווילט זיך דיר דאָס אַזוי? נו, וואָס וועט זיין, אַז זי וועט מיך שוין הערן, אַז זי וועט שוין וויסן? רעדן מיט איר וועל איך אַלץ נישט, האָס קאָן איך מיט איר רעדן? זי איז אַ געבילדעטע, אַ גבירס אַ בת־יחידה, וועלכע עסקים האָט זי מיט מיר? און זי האַלט זיך אַזוי גרויס!..

און אים האָט זיך פֿאָרט געוואָלט, ער זאָל כאָטש איינמאָל אין זיין לעבן קאָנען פֿאַר איר זיך אויסזינגען. אים האָט געדאַכט, אַז עס וואָלט אים דעמאָלט גרינגער ווערן. דאָס האַרץ וואָלט שוין זיין רויק און ער וואָלט צוריק אָנהייבן זינגען פֿריילעכע זאַכן, ווי אַמאָל, און קיינמאָל נישט מער זיין אומעטיק.

און וואָס מער ער האָט פֿון דעם געטראַכט, אַלץ מער איז זי אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן, און ער האָט אָנגעהייבן פֿילן, אַז עס ציט אים עפּעס צו איר, ווי מיט צוואַנגען. ער קאָן זי נישט פֿאַרגעסן... אפֿילו בעת ער לערנט, דערמאָנט ער זיך אָן איר און הערט נישט מער די ווערטער, וואָס ער לערנט.

—צי איז דאָס נישט אַ יצר הרע אָנגעשטאַנען אויף מיר?—האָט ער זיך געפֿרעגט.—צי שטעקט דאָ נישט עפּעס אַ כישוף? דאָס איז דאָך אַ וווּנדערלעכע זאַך; זי האָט קיינמאָל מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגע־רעדט, נאָר ווען נישט ווען אַ קוק געטון, און איך קאָן אירע אויגן נישט פֿאַרגעסן! ווען איך טראַכט פֿון איר, פֿיל איך, ווי דאָס האַרץ איז עפּעס אַזוי פּוסט אין מיר, אַזוי אויסגעריסן... אַן אמתער כישוף!.. ער האָט אָנגעהייבן זוכן סגולות פֿון ספֿר זכירה און פֿון נאָך אַזעלכע ספֿרים וואָס ווייסן אַן עצה צו געבן צו אַלע קרענק אין דער וועלט... ער האָט אויך גענומען לערנען מיט התמדה, זיך פֿאַרטיפֿן אין דעם ענין, זיין פֿרום, מיט תּפֿילות און תּעניתים און נישט צו הערן דעם יצר־הרע, וואָס וועט אים צו קיין גוטס נישט פֿירן.

פֿון די אַלע גוטע סגולות, ווי זיך צו היילן פֿון דער אָנגעשיק

טער קרענק, איז אים נאָר מעגלעך געווען די סגולה פון פאַסטן—פאַסטן איז בלויז נישט עסן אַ טאָג. נו, וועלכער ישיבה־בחור קאָן עס נישט; בפרט הערשעלע, וואָס האָט פון עסן קיינמאָל נישט געהאַלטן, און זינט דער יצר־הרע איז אָנגעשטאַנען אויף אים, האָט ער גלאַט אַזוי דעם אַפּעטיט צום עסן פאַרלוירן. אָט האָט ער געפאַסט אָן רחמנות אויף זיך דאָס האַרץ האָט אים אַזוי ווי געטון, אַז ער האָט געמוזט נאָך אַ ווייטיק געפינען, יענע שמערצן צו פאַרגעסן. אָבער אומזיסט. וואָס שוואַכער ער איז געוואָרן פון נישט עסן, אַלץ שטאַרקער איז אין אים דער כוח־הדמיון געוואָרן: ער האָט מירעלען געזען, און קלאָר געזען, אפילו ווען ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט גרויס כוונה שמונה־עשרה געדאַוונט. זי דאַוונט, זי זינגט, די אויגן אין סידור אַריינגעטון. ער קאָן קוקן אויף איר. ער הערט יעדעס וואָרט, ווי אַ פּערל אַרויס פון איר שיין מיילעכל. און אַזוי קוקט ער אויף איר מיט פאַרמאַכטע אויגן, הערט איר געזאַנג, איר ריינע קלאָרע עברי און ווייס נישט, אַז נישט אירע ווערטער און שטימע הערט ער, נאָר זיין אייגענע. פּלוצלונג הייבט דער עולם אָן צו זאָגן קדושה. ער ווייסט נישט, וווּ ער האַלט, שפּרינגט קדוש גלייך מיט אַלעמען. עס הייבן זיך אים אָן גיסן טרערן פון די אויגן פאַר זיין זינד, פאַר זיינע הרהורים אין דאַוונען, און ער בעט ביי גאָט אַ רפואה פאַר זיין קראַנקן נפש.

דאָס אייגענע פּלעגט אויך זיין ביי דער גמרא: אָן אַ ניגון האָט ער נישט געקאָנט לערנען, און קוים האָט ער אָנגעהייבן צו זינגען, האָט זיך ווי פון אַ קוואַל מעלאָדיעס געגאָסן. ער האָט די וועלט, די גמרא, אביי ורבא פאַרגעסן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטייט לעבן אים, זי הערט און זינגט מיט און טרערן הייבן אָן צו קאַפּען איבער דער גמרא, און זיי וועקן אים אויף פון זיין שווערן חלום און ער זיפצט אויס:

— אַ יצר הרע, אַ נסיון, וואָס וויל זי פון מיר?

ב

זי איז געווען מירעלע, ברײנדעלעס בת־יחידה, אַ מיידל אַ לעבעדיקס. אַ פּאָר שיינע, בלויע אויגן, לאַנגע בלאָנדע צעפּ, שלאַנק און גראַציעז, געהאָדעוועט אין גוטס אין נאָכגעגעבנקייט, און איר גוט האַרץ האָט מען דאָך דורך אירע ליכטיקע אויגן דורכגעזען.

אַלע, וואָס האָבן איר געשטאָרבענעם פאָטער געקענט, האָבן געזאָגט, אַז זי איז אינגאַנצן דער פאָטער. ער איז אויך אַזאַ גוטער און פריילעכער געווען, האָט מען דערציילט. נאָר ברײנדעלע האָט איבן די יאָרן אָפּגעקירצט: ער האָט נישט געקאָנט זיין אַזאַ אַ האַרטער פּראָצענטניק, ווי זי האָט געוואָלט און זי האָט אים שטענדיק געקרענקט. ערשט, אַז ער איז שוין אַ קראַנקער אויפן טויטן בעט געלעגן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט, וואָס פאַר אַ קרוין, וואָס פאַר אַ גאָלד אַמאַן זי האָט פאַרלאָרן.

ער האָט פאַרן טויט עטלעכע טויזנט רובל זיין שוואָגער, ברײנדעלעס ברודער, איבערגעגעבן אין זיכערע הענט פאַר זיין איינציק קינד אויף נדן. דאָס איבריקע, האָט ער אינגאַנצן ברײנדעלען איבערגעלאָזן, איר געווונטשן גליקלעכער צו לעבן מיט אַ צווייטן מאַן, אויב זי וועט וועלן חתונה האָבן נאָך זיין טויט. פונם פּראָצענט פון די דריי טויזנט רובל, האָט ער אָנגעזאָגט, זאָל מען בילדן זיין קינד. ווי די בייע וועלט פאָדערט. ברײנדעלע האָט נאָך אים זיך נישט געקאָנט צוקלייבן אַ מאַן, און—איז אַן אלמנה געבליבן, געהאָדעוועט איר בת־

חידה, געדונגען רביים און לערער פאַר איר, און געפירט איר ווכער־געשעפט ווייטער.

לויט די מלמדים און לערער, וואָס מען האָט דאָ אין שטעטל געקאָנט באַקומען, איז מירעלע אי געלערנט, אי געבילדעט געווען, זי האָט דעם פיינסטען בריוו, יידיש און רוסיש געקאָנט אויפשרייבן און די שווערסטע האַנדשריפט געקאָנט איבערלייענען. נחמיה דער לערער, אַ פּאַרצייטיקער מושלם, האָט מיט איר אויך דייטש און מאַנכע ווער־טער פראַנצויזיש געלערנט, און אַזוי ווי ער איז אַמאָל אַ גוטער זינגער געווען, האָט ער איר אויך געלערנט זינגען. ברײַנדעלע האָט עס נישט געוואָלט ליידן לכתחלה.

—וואָס טויג עס מיר ?—פלעגט זי זאָגן. — אַ חזן וועט זי אפשר ווערן אין דער ווייבער־שול ?

נחמיה פלעגט איר דערקלערן, אַז בילדונג הייסט אַלץ, אפילו זינגען אויך. אַ מענש דאַרף אַלץ קענען און קיין זאַך נישט דאַרפן, און וואָס שאַדט עס, אַז זי זינגט, אַז זי האָט אַ הנאה פון זינגען? פאַרגינט עס איר, זי איז דאָך אייער בת־יחידה...

— אַ הנאה, לאָז זיין אַזוי ! — פלעגט ברײַנדעלע מסכים זיין, הייבנדיק מיט די אַקסלען אויף אַזאַ מין משוגעת.—גאָר אַ מיידל לער־נען זינגען !...

אין דער מוטערס געשעפטן האָט זיך מירעלע נישט אַריינגעמישט. עס פלעגט אַפילו אַמאָל טרעפן ממליץ טוב צו זיין אויף ער־געץ אַ בעל־חוב ברײַנדעלעס, וועלכער האָט פאַר איר אַװעקגעלייגט זיי־נע טענות. אָבער ברײַנדעלע פלעגט איר באַלד ענטפערן:

—נישט דיין עסק ! רחמנות אויף לייטן איז אכזריות אויף זיך ! דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן. אַז דיין מאַמען איז, חלילה, נישט אַזאַ, וואָס באַראַבעוועט לייטן אין די גאַסן! איך נעם נאָר וויפל מיר קומט נאָך דער עסקא... פאַרקרענק איך דעם איבעריקן פעניק, וואָס איך נעם נישט קיין פאַרדינסטן !..

אָבער ווען מירעלע פלעגט נאָך אַלץ בעטן, כאָטש צו וואַרטן אַ ביסל און נישט פאַרקויפן ערגעץ אַ משכון, האָט ברײַנדעלע איין מיטל געהאַט: זיך פאַנאַנדערוויינען, באַקלאָגן איר פינסטערן מזל, וואָס אַפילו איר האַרציק גוט קינד גלויבט זי נישט. און פלעגט זיך אַזוי לאַנג פיעשטשען אין געוויין, ביז מירעלע פלעגט גאָר קאָסטן די מוטער צו באַרויקן און צו טרייסטן

אין דער מוטערס הנהגות מיט די ישיבה-בחורים האָט זי קיין אומגערעכטיקייט נישט איינגעזען. בעת זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָבן שוין ישיבה-בחורים אַ טאָג געגעסן ביי זיי. דעמאָלט פלעגט זי קוקן אויף זיי מיט רחמנות. זי האָט זיך שטענדיק אַליין געהאָדעוועט, אָן ברידער, אָן שוועסטער, און דאָס האַרץ האָט זי שטענדיק געצויגן צו די אָרעמע קינדער, געוואָלט רעדן מיט זיי, שטיפן, שפילן, ווי אַ קינד פון די יאָרן. שפּעטער האָט זי באַוואונדערט זייער אָרעמקייט, באַטראַכט זייערע צעריסענע קליידער, געוואָלט וויסן, וווּ איז זייער היים, וווּהין גייען זיי אַוועק פון דאַנען? צי האָבן זיי ערגעץ ברידער און שוועסטער? און נאָך אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן זי אין איר קינדערישער תמימות שטאַרק געאַרט... אָבער ברײנדעלע האָט זי קיינמאָל נישט צוגעלאָזן צו נאָענטע מחזקות מיט זיי, נישט ווייל איר איז נישט אָנגעשטאַנען, אַז איר איידל קינד זאָל רעדן מיט די אָרעמע בחורים, נאָר זי האָט פשוט מורא געהאַט, זי זאָל זיך, חלילה, ערגעץ אַ קראַנקהייט נישט אָנעמען פון זיי, און האָט מירעלען אָנגעשראָקן מיט אַזעלכע אויסגעטראַכטע חסרונות אויף זיי, ביז זי האָט אָנגעהייבן מורא צו האָבן זיך אָנצורירן אָן דעם לעפל אָדער טעלער, וואָס אַ ישיבה-בחור האָט פון דעם געגעסן.

אַז זי איז עלטער געוואָרן און אָנגעהייבן איינצוזען, אַז מאַנכע פון די, וואָס האָבן ביי איר מוטער געגעסן, זענען נישט מיאוסער פון ערגעץ אַ באַלעבאַטיש קינד. פון שטעטל, האָט זי דאָך נישט געקאָנט דאָס איינגעוואָרצלטע עקלגעפיל אַרויסטרייבן פון זיך, און האָט זיך זעלטן ווען באַקימערט, ווער עס עסט ביי זיי און וואָס ער עסט.

אַז די מוטער אירע זשאַלעוועט זיי דאָס עסן, וואָס זי גיט זיי, האָט איר קיינמאָל אויפן זינען נישט געקאָנט אַרויפקומען: ברײנדעלע איז נאָר פאַר זיך און פאַר דער וועלט קאַרג געווען, אָבער פאַר איר בת-יחידקע איז קיין זאַך נישט צו טייער געווען.

אַבי זי זאָל נאָר עסן! עס זאָל איר נאָר ווויל באַקומען!.. דאָס נאָכגעגעבענע קינד אָבער, וואָס האָט זיך גענערט מיט נאַשערייען, פלעגט גיין צום טיש עסן נאָר דער מוטער צוליב, און האָט גאָרנישט געקאָנט קלערן, אַז די מוטער פאַרגינט נישט דאָס עסן וועמען עס איז.

אויף הערשעלן האָט זי אין אָנהייב נישט בעסער געקוקט, ווי

אויף עפּעס אַן אַנדער ישיבה-בחור, כאָטש זי האָט אָפט געהערט, ווי די מוטער לויבט אים פאַר זיין שטילקייט. זי האָט אויך געהערט, אַז ער קען גוט לערנען און זינגט ווי אַ פידעלע.

איינמאָל האָט ברײנדעלע מירעלען דערלאַנגט דעמזעלבן לעפל, וואָס הערשעלע האָט מיט אַ שעה פריער מיט אים געגעסן. מירעלע האָט דעם לעפל אַוועקגעלייגט און געבעטן ביי דער מוטער די שליסעלעך אַרויסצונעמען אַן אַנדער לעפל. ברײנדעלע האָט די שליסלען נישט געקאָנט געפינען און האָט איר געהייסן עסן מיט דעמזעלבן לעפל.

— איך קאָן מיט דעם לעפל נישט עסן! — האָט מירעלע זיך קאַפּריזעט.

— וואָס איז? טריפה איז ער?

— דער ישיבה-בחור האָט מיט אים געגעסן!—האָט זי געענטפערט און אַליין נישט געוווסט, פאַרוואָס זי איז בעת מעשה רויט געוואָרן.

—דיר וועט גאָרנישט שאַדן!—האָט די מוטער זיך אָבגערופן.—ביי זיין טאַטע-מאַמע איז ער אפשר אויך אַזאַ ציטריק קינד, ווי דו, מיין טאָכטער... זעסט דען נישט, וואָס פאַר אַן איידל קינד ער איז? זאָל עס מיר צוקומען אין געזונט, מיט וויפל ער איז איידעלער און רייגער פאַר אַנדערע באַלעבאַטישע קינדער... די תורה שיינט דאָך אויף זיין פנים!

— אַ ישיבה-בחור!.. — האָט מירעלע אויסגערעדט, אַליין נישט ווייסנדיק קלאָר, וואָס זי האָט געמיינט דערמיט צו זאָגן.

— אַ גרויסער חסרון!—דיין טאַטע, אים צו לענגערע יאָר, האָט אויך בחורווייז אין דער ישיבה געלערנט. זי מיינט, אַז אַלע ישיבה-בחורים זענען גלייך! עס זענען דאָ, מיין טאָכטער, אַזעלכע איידעלע קינדער, וואָס מען מעג זיך בענטשן מיט זיי! הערשעלע, אונדזער ישיבה-בחור, איז געווים פון אַ פיינער גזע און עס וועט אים גאָר צו אַ שידוך נישט שאַדן, וואָס ער לערנט אין דער ישיבה! אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ פיינע כלה ער וועט נאָך אַמאָל האָבן! מיאוס זיך נישט, מיין טאָכטער, פון אים... זאָל עס מיר זיין. וואָס עס וועט דיר שאַדן!

— איך קאָן אָבער פאָרט נישט!—האָט מירעלע, נעמענדיק אין האַנט דעם לעפל, ווי זיך געבעטן ביי דער מוטער.

— זינדיק נישט, מיין קינד, מען טאָר עס נישט זאָגן! — אפשר באַליידיקסטו דערמיט זיין געשטאָרבענע מאַמען... וואָס איז? וואָס האָסטו אין איםם אַזוינס געזען, וואָס דו מיאוסט זיך צוצורירן צו דעם לעפל?

מירעלע האָט דער מוטער נאָכגעגעבן און בעת מעשה זיך באַרעכנט, אַז הערשעלע איז טאַקי באמת נישט גלייך צו אַנדערע. עפּעס איז ער אַזאַ שטילער און קוקט אָפּט אויף איר מיט אַזעלכע אויגן און אַזוי שעמעדיק.

דעם אַנדערן מיטוואָך איז זי מיט אַ בכיון די גאַנצע צייט געזעסן ביים טיש און זיך נעענטער צוגעקוקט צו אים, און זי האָט ערשט דערזען, אַז ער איז אויך שיין. גאָר אומגערן האָט זי אים אין די אויגן אַריינגעקוקט. זיי האָבן אויך אויף איר געקוקט און דאָס האַרץ אירס האָט בעת מעשה עפּעס אַזוי ווי געטון. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די אויגן האָבן איר געזאָגט:

— האָט רחמנות, נישט לאַכט פון מיין אָרעמקייט!

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט איר שטאַרק באַנג געטון, וואָס זי האָט אים היינט אַזוי מבייש געווען מיט איר קוקן אויף איםם. איר האָט פאַרדראָסן: טאָמער קלערט ער, אַז זי האָט עס געמיינט פון אים אָפּצולאַכן, וואָס זי האָט עס באמת נישט געוואָלט און נישט געמיינט.

שפּעטער האָט זי אויך געהערט דערציילנדיק פון זיין זינגען, פון זיינע גבורות אין הלל זאָגן, אַ שבת ראש חודש, פאַרן עמוד... זינגען האָט זי ליב. זי וואָלט אַ האַלבע נשמה פאַר שיין זינגען אַוועקגעגעבן, און זי האָט זייער געוואָלט מיט אים אַמאָל רעדן פון זינגען. נאָר ווי אַזוי? ווייל זי נאָר אָנהייבן רעדן מיט אים, באַמערקט זי, ווי ער ווערט פאַרשעמט. זיין קוק זאָגט איר אויסדריקלעך:

„האָט רחמנות, לאַכט נישט פון מיין אָרעמקייט!"

און ווי קאָן זי נאָך רעדן, אַז אפילו אַ קוק פאַרשעמט איםם אַזוי.

פאַרוואָס שעמט ער זיך אַזוי? דאָס האָט זי זיך גאָרנישט געפרעגט. זי האָט געוואוסט, אַז אַ ישיבה-בחור דאַרף זיך שעמען. ער שעמט זיך פאַר דער מוטער אויך; אפילו דאָס דינסטמיידל פרעגט אים, וואָס ווערט ער אַזוי פאַרשעמט, זאָל ער זיך נאָך פאַר איר נישט שעמען? אפשר שעמט ער זיך פאַר זיינע אָרעמע קליידער, ווייל ער

איז נישט קיין געבוירענער קבצן? און דאָס האַרץ האָט איר ווי געזאָגט, פאַרוואָס איז ער אַזוי אָרעם? איר האָט זיך געוואָלט וויסן, פון וואַנען איז ער? ווער זענען זיינע עלטערן געווען? צי האָט ער ערגעץ אַ שוועסטער, אָדער כאָטש אַ פעטער אַ רייכן, וואָס זי זאָל קאָנען שרייבן פון זיינעטוועגן אַ בריוועלע, אַזוי ווי זי קען, און דעם פעטער דערמאָנען, אַז עס איז שוין צייט אים נייע בגדים צו שיקן און נישט לאָזן זיין טייערן פלימעניק אַזוי פאַרשעמט צו ווערן מיט זיין אָרעמקייט...

זי האָט ביי זיך באַשלאָסן אַמאָל פאָרט מיט אים זיך אויסצורעדן, אים אויספרעגן וועגן זיין פאַמיליע, און טאַקי ביי דער געלעגנהייט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ מענטש דאַרף נישט זיין אַזוי אָראָפּגעפאַלן מיט זיין אָרעמקייט, זיך נישט אַזוי שטאַרק שעמען דערמיט, און אים טאַקע ביי דער געלעגנהייט דערקלערן, אַז זי מיינט, חלילה, נישט פון אים חוזק צו מאַכן. אַדרבה, זי ווינשט אים אַלדאָס גוטס. זי ווייסט, אַז ער קען גוט לערנען און האָט געהערט, ווי לייט קענען זיך נישט גענוג אָנלויבן זיין שיינע שטימע צו זינגען, וואָס דאָס איז ביי איר מער ווערט, ווי רייכקייט און אַלץ.

אַריינקומענדיק אַמאָל פון גאַס אַ צעהיצטע, און דורכלויפנדיק דעם עסצימער, וווּ הערשעלע איז געזעסן און געוואַרט, אַז ברײַנדעלע זאָל אָנקומען און אים הייסן גיין זיך וואַשן צום עסן, האָט זי אים דערזען, און זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז איצט, ווען די מוטער אירע איז ביים פעטער, וועט זי מיט אים אַליין ביים טיש עסן און קאָנען זיך אויסרעדן.

אים האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זי וויל עפּעס מיט אים רעדן, וואָרים זי האָט עפּעס אַזאַ קוק געטון אויף אים, דורכלויפנדיק גלייך, ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט: „גוט, וואָס איר זייט דאָ. איצט וועל איך אייך שוין זאָגן, אַז איך האָב שטאַרק פאַריבל אויף אייך, וואָס איר טראַכט שטענדיק פון מיר!”

אַז ער טראַכט שטענדיק פון איר, ווייס זי געוויס, האָט ער געקלערט, אַז נישט וואָלט זי איצט אויף אים נישט קוקן אַזוי אָפּט. זי איז געוויס אין כּעס און איז גערעכט. „ווי קום איך, ישיבה-בחור, פון איר צו טראַכטן?” און ער האָט זיך צוגעגרייט צו הערן באַלד זיין שאַנד, ווי ער איז ווערט. אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט צוגעפינען אַן עצה, ווי זיך אַרויסצוראַטעווען, איז זי צוריק אַריינגעקומען. ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די אויגן האָבן אויף דער פּאָדלאָגע

געקוקט און די פּאַדלאָגע נישט געזען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט נאָר אירע שיינע אויגן, וועלכע קוקן אויף אים, און זיי קוקן, דאַכט זיך, מיט רחמנות, מיט ליבשאַפט און ליטזעליקייט.

—מי יודע?—האָט ער געקלערט.—ווער ווייס? אפשר מיינט זי מיר גאָר אַ גוט וואָרט צו זאָגן? עס מוז דאָך זיין אמת, וואָס אַ וועלט זאָגט: „אַ האַרץ פילט אַ האַרץ!"

—נו, און אַז זי וועט עס מיך פרעגן, וואָס וועל איך איר ענט-פערן?—האָט ער זיך ווייטער געפרעגט?

—גאָרנישט... איך וועל גאָרנישט ענטפערן... איך קאָן נישט ענט-פערן... בעסער שווייגן... זי איז אַ קלוגע... זי וועט אַליין וויסן, אַז „שתיקה כהודאה דמיא!..."

ער האָט דעם קאָפּ טיפער אַראָפּגעבויגן און דאָס האַרץ אָבער, האָט שטאַרקער און שטאַרקער געקלאַפּט.

—הערשל! — האָט ער דערהערט אַ שטימע הינטער זיך, און די שטימע איז אַזוי ליב, ווי עס וואָלט אים אַ בת-קול פון הימל גע-רופן.

—הערשל!—האָט ער נאָכאַמאָל דערהערט און ער האָט זיך שוין געוואָלט אָפּרופן. ער האָט אָבער באַדאַרפט פריער טיף זיך אויסזיפצן, אָפּצוכאַפּן דעם איינגעהאַלטענעם אָטעם, און דאָס האָט ער מורא גע-האַט צו טון, טאָמער פּאַסט עס נישט.

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט? — האָט מירעלע געפרעגט, צוגייענדיק נענטער. — ווילט איר גאָר מיט מיר אַ וואָרט נישט אויס-רעדן?

דער איינגעהאַלטענער אָטעם האָט זיך דערוויל געענדיקט, אַ שווערער זיפץ האָט זיך אים טיף פון האַרצן אַרויסגעריסן. רעדן, אָבער, האָט ער נאָך אַלץ נישט געקענט. נישט ווילנדיק, האָבן זיך, זיינע אויגן צוגעקערט צו דער זייט, פון וואַנען די שטימע האָט צו אים אַזוי זיס און ליב גערעדט. ער האָט מירעלען גלייך אין פּנים אָנגעקוקט און האָט זי נישט געזען. דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, דאָס האַרץ האָט פּלוצים אויפגעהערט צוקלאַפּן, פאַר די אויגן האָבן זיך נאָר פייערדיקע רעדער געדרייט, און ער האָט זיך געמוזט פאַר אַ ברעג טיש אָנכאַפּן, ער זאָל פון שטול נישט אַראָפּפאַלן.

מירעלע האָט זיין בלאַסקייט, זיין ציטערן מיט אַלע גלידער דער-זען און האָט מיט שרעק אַ געשריי געטון:

—וואָס איז אייך, הערשעלע?

אַזוי האָט אים די מוטער אײַן און אונטער די אויגן גערופן, און פון שרעק, האָט זי פאַרגעסן, אַז עס פּאַסט אפשר נישט פאַר איר אַזוי פאַמיליאַר אים צו רופן, נאָר ער האָט עס נישט געהאָרכט.

—הערשעלע, אייך איז נישט גוט, זע איך! — האָט זי אויסגע-רעדט מיט אַנגסט און צוגערוקט צו אים דאָס גלאָז וואַסער, וואָס איז דאָ אויפן טיש געשטאַנען.—נעמט אַ שלונג וואַסער, גיכער!

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אָבער זי האָט אַזוי געציי-טערט, און נאָך איידער ער האָט דאָס גלאָז אויפגעהייבן, האָט זיך שוין אַ העלפט אויפן טישטוך אויסגעגאָסן.

זי האָט דאָס גלאָז צוגעטראָגן אים צו די ליפּן, און ער האָט אַ שלונג געטון.

— אַ דאַנק! — האָט ער, קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּנדיק, אויסגע-רעדט.

—צי איז דאָ נישט אַ טשאַד געווען?—האָט זי געפרעגט.

—ניין, נישטאָ... נאָר דאָרט... אין בית-המדרש... —האָט ער קוים געפונען אַ תירוץ.

—לעגט אייך צו אַ ביסל, דאָ אויף דער סאָפע, ביז אייך וועט איבערגיין... שעמט אייך נישט!

און מיט די ווערטער האָט זי אים פאַר דער האַנט אָנגענומען, צוגעפירט צו דער סאָפע, ווו זי האָט באַלד אַוועקגעלייגט אַ קישן און אים געהייסן זיך צולייגן.

ער וואָלט זיך גליקלעכער און פרייער געפילט, ווען זי וואָלט אים אָפּגעלאָזט, ער זאָל גיין צוריק אין בית-המדרש אַריין. דאָ איז אים ענג געוואָרן. ער האָט זיך נישט דערוועגט אָפּצוזיצן דעם אָטעם, נאָר ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט.

מירעלע האָט פון קיך מיטן דינסטמיידל באַלד אַריינגעטראָגן אַ שיסל מיט הייס וואַסער און ער האָט געמוזט אויסוואַשן דעם קאָפּ, כאָטש וויי געטון האָט אים נאָר דאָס האַרץ... עס האָט אים שרעקלעך וויי געטון. וואָס ער האָט איר אַזויפיל שרעק און מי אָנגעמאַכט.

—ווען זי זאָל וויסן, אַז איך האָב איר אַזאַ ליגן געזאָגט...—האָט ער געקלערט און דאָס האַרץ האָט אים נאָכמער וויי געטון.

נאָר מירעלע האָט נישט געוווּסט. זי האָט געמיינט, אַז ער האָט דעם קאָפּ פאַרטשאַדעט, און האָט אַלע מיטלען אָנגעווענדט צו לינדערן

זיינע קאָפּ-שמערצן. זי האָט אַליין אַ ציטרין צעשניטן, אים צו די שלייפן צוגעלייגט און האָט צום ערשטן מאָל זיין שיינעם שטערן מיט זיינע שיינע האָר דערזען. ביז איצט האָט זי נאָר זיין אָרעם היטל געקענט און איצט אויך זיין שיינעם קאָפּ מיט שיינע ווינקלען ביי די שלייפן.

דער רחמנות אויף אים האָט אויסגעפילט איר האַרץ, דאָך האָבן אירע אויגן דאָס געזען און זיין קוק און געשטאַלט זענען אין איר האַרץ אַריין. זי איז פון צימער אַרויס, ער זאָל קאָנען איבערשלאָפן אַ ביסל. נאָר האָט ער דען געקענט אַנטשלאָפן ווערן?.. ער האָט זיך פאַר זיך אַליין געשעמט, טראַכטנדיק וועגן דער פאַלשער קאָמעדיע, וואָס ער שפילט איצט, און האָט זיך געמוזט פאָרשטעלן, אַז ער שלאָפט, אַז דער קאָפּ טוט אים נאָך וויי, זי זאָל נישט מערקן, אַז נישט דאָס, וואָס זי מיינט, איז די סיבה, וואָס אים איז נישט גוט געוואָרן, נאָר עפּעס אַנדערש, אַנדערש... כאָטש ער ווייס נישט ווי דאָס אַ נאָמען צו געבן, נאָר איין גאָט ווייס, אַז ער איז אין דעם אויך נישט שול-דיק... אַ יצר הרע, אַן אָנשיקעניש, פון וואָס ער איז אַליין נישט געוואָרן.

אין אַזעלכע פיינלעכע געדאַנקען איז ער געלעגן אַ שעה, צוויי און דריי.

— ווי שטייט מען אויף? ווי גייט מען אַוועק? — האָט ער זיך געפרעגט.—עפּעס דאַרף מען איר דאָך זאָגן, אַז מיר איז שוין בע-סער... אַריינגיין צו איר? פּאַסט עס? ווי וועל איך איר זאָגן?.. ווען זי זאָל אַריינקומען מיך פרעגן, וואָלט איך שוין ווי עס איז איר ענט-פערן, אָבער אַריינגיין צו איר פון העלער הויט און זאָגן: „הערט איר, מיר איז שוין בעסער!” וועל איך דען דאָס קאָנען? וועט זיך די צונג צום גומען נישט צוקלעבן ביי מיר אַזוי ווי פריער?

און ער האָט גאָט געבעטן, ער זאָל איר אַזאַ דעה געבן, זי זאָל אַריינקומען, זי זאָל אים פרעגן, און ער, גאָט, ברוך הוא, זאָל זיין מיט זיין צונג, זיינע ווערטער זאָלן קלאָר זיך אַרויסרעדן, און ער זאָל געפינען לייטזעליקייט אין אירע אויגן, זי זאָל אים אַליין הייסן גיין אין בית-המדרש צוריק און ער זאָל פּטור ווערן פון ביידע בזיונות.

פּלוצלונג האָט זיך די טיר שטיל געעפנט און מירעלע איז אַריינ-געקומען שטיל און לאַנגזאַם, נישט אויפצוועקן דעם קראַנקען, נעבעך.

טאָמער שלאָפט ער. ער האָט זי דערזען, זי האָט אים ווי אַ מלאך שיין אויסגעוויזן, ווי אַ בת מלכּה, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער פאַרבלאָנדזשעטער פּאַסטוך פון יענע כּישופדיקע מעשיות, וועלכע ער האָט אין בית־המדרש אַמאָל געהערט, און ער געפינט זיך איצט ביי איר אין קריסטאָלענעם פּאַלאַץ.

— וואָס מאַכט איר? איז אייך בעסער? — האָט זי מיט אַ זיסן שמייכל געפרעגט.

— בעסער... איך קאָן שוין אַהיימגיין!

— איר האַלט אייך נישט אויף אין בית־המדרש?

ער האָט די פראַגע נישט פאַרשטאַנען און נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן.

— איר האָט דאָ אַהיים? האָט זי איבערגעפרעגט.

—ניין, קיין טאַטע-מאַמעס היים האָב איך דאָ נישט!.. איך מיין: איך קאָן שוין גיין צוריק אין בית־המדרש...

— דאָרט איז דאָך אַ טשאַד! איר קאָנט אייך, חלילה, נאָכאַמאָל פאַרטשאַדען!

ער האָט זיך שיער נישט אויסגערעדט, אַז דאָרט איז גאָר קיין טשאַד נישט געווען, נאָר ער האָט זיך דערמאַנט און געענטפערט:

— איך וועל גיין נעכטיקן אין שניידערשן בית-המדרש...

— וו וועט איר דאָרט נעכטיקן? איר האָט דאָך נישט דאָרט אייערע זאַכן?

ער האָט ווידער די שאלה נישט פאַרשטאַנען און געמיינט, אַז זי פאָרשט אים, ווייל זי ווייס שוין, אַז ער האָט איר געזאָגט אַ ליגן און ער האָט זי נאָר שעמעדיק אָנגעקוקט. דער קוק אָבער האָט מירעלען טיף אין האַרצן אריינגעדרונגען.

— איר האָט נאָך, דאַכט זיך, נישט געגעסן היינט! וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל אייך געבן צו עסן!

— ניין, איך וועל גיין!—האָט ער זיך ווי געבעטן.

— אָבער איר זייט דאָך נישט געזונט... נעכטיקט דאָ!

— איך דאַנק אייך... אַ גוטן טאָג... גאָט זאָל אייך פאַר אייער גוט האַרץ באַצאָלן!

מיט די רייד האָט ער זיך אַ קער געטון צום טיר און האָט זיך ווי פון פייער אַרויסגעכאַפּט. ער איז גליקלעך און שטאַרק געווען, וואָס אים האָט זיך פאָרט איינגעגעבן כאָטש די לעצטע עטלעכע ווע־

סער קלאָר און דייטלעך אַרויסצורעדן. מער האָט ער נישט געוואָלט. פאַר די ווערטער אַליין איז כדאי געווען אַלץ וואָס ער האָט דאָ הייגט איבערגעליטן. כדי מען זאָל נישט דערגיין, אַז ער האָט געזאָגט אַ ליגן, האָט ער זיך אין בית-המדרש באַלד ערגעץ אין אַ ווינקל אַוועקגעלייגט און דערציילט, אַז ער האָט שיער נישט געחלשט.

אַן אַלטער ישיבה-בחור, וועלכער האָט אַמאָל ביי ברייגדעלען דעם אייגענעם מיטוואָך געגעסן, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז הערשעלען געשען, ווייל עס האָט אים געוויס דאָס האַרץ איבערגעחלשט, איידער די זרוּרה ברייגדעלע האָט זיך דערמאָנט אים צו געבן עסן, און האָט זי געשאָלטן אין איר טאַטן אריין. הערשעלען האָט עס פאַרדראָסן.

— דאָס איז לשון הרע!—האָט ער געזאָגט,—זי איז נאָר אינדערהיים נישט געווען...

— עס האָט נישט דערצו, אַ רוח אין איר טאַטנס טאַטן אַריין!—האָט זיך דער ישיבה-בחור אָבגערופן נאָכאַמאָל.—ווייניק האָב איך ביי איר געחלשט? וואָס אַרט דיך פאַר איר?

— איך עס איר זאַלץ און ברויט... איך טאָר נישט צוהערן ווי מען שעלט זי!

ער האָט עס נישט געזאָגט מיט פאַלשקייט, כאָטש באמת האָט ברייגדעלע אין אים אַ נישט-געבעטענעם מליץ טוב געפונען, נישט פאַר אירע אייגענע מעשים טובים, נאָר פאַר דעם, וואָס זי איז דער גוטער מירעלעס אַ מוטער. צוליב איר איז זי אים איצט אויך ליב און טייער געוואָרן.

—איר זייט אַלע זינדיקע, כפויי-טובהניקעס! מען טאָר מיט אייך אַ וואָרט נישט אויסרעדן!

עס האָט געקאָנט אַרויסקומען אַ שטאַרקע מחלוקות צווישן זיי, ווען ער וואָלט זיך נישט דערמאָנט איינמיטן, אַז אים פאַסט איצט נישט אַרויסצוווייזן אַ כעס פון אַ געזונטן, און ער האָט זיינע חברים מיט אַ ווייטיק פאַרשוויגן.

אויף מאָרגן איז ער נישט געגאַנגען עסן, כאָטש דער טאָג איז געווען גאָר אין אַן אַנדער גאַס, גאַנץ ווייט פון ברייגדעלעס הויז.

„עס פאַסט נישט אַזוי גיך געזונט צו ווערן,“ — האָט ער געקלערט,—„טאָמער קומט מען מיך געוואָר ווערן פון ברייגדעלען, איז

עפּעס בעסער און שענער, מען זאָל מיך געפינען ליגנדיק".

דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מירעלע וועט שיקן געוואָר ווערן, וואָס ער מאַכט, און אַ זייגער צוועלף בייטאָג איז טאַקע ברײנ־דעלע געקומען, און האָט דערציילט, אַז איר מירעלע, זאָל לעבן, איז גאר אויסער זיך פון רחמנות, און וויל וויסן, וואָס ער מאַכט

— וואָס־זשע מאַכסטו, מיין זון?—האָט זי געפרעגט.

—מיר איז בעסער... אַז נישט אייער טאָכטער, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף מיר, ווייס איך נישט, וואָס וואָלט מיט מיר געשען... זי האָט מיך געראַטעוועט!

— זי איז מיר אַ בריליאַנט אַ קינד, האָט קיין בייז גאָל נישט אין זיך... זאָל נאָר גאָט, ברוך הוא, איר אַזאַ גוטן מזל געבן! — האָט ברײנדעלע מיט אַ צעפּרידענעם שמאָלץ געענטפערט. — בעט, מיין זון, גאָט פאַר איר, זי איז, נעבעך, אַ יתומה... זאָל גאָט איר באַצאָלן פאַר איר איידל האַרץ! זיי געזונט, מיין זון, גאָט זאָל דיך אויך דערפרייען מיט וואָס דו ווינשט זיך!

אַרויסגייענדיק, האָט זי געבעטן דעם שמש, ער זאָל נישט איילן צו פאַרמאַכן דעם קוימען פון בית־המדרש־אויוון, עס זאָל מער קיין טשאַד נישט זיין. דער שמש האָט געשוווירן, אַז עס איז נעכטן אויך קיין טשאַד נישט געווען: והראיה, אַז קיינער פון די ישיבה־בחורים האָט דאָ דעם קאָפּ נישט פאַרטשאַדעט.

— וואָס גלייכט איר הערשעלען צו אַן אַנדערן?—האָט זיך ברײנ־דעלע אָפּגערופן.—ער איז אַן איידל קינד, און האָט נישט אַזאַ פאַר־שטאָפּטן קאָפּ ווי זיי! גיט אַכטונג, איך בעט אייך!..

— אָבער ער האָט נאָך היינט אין זיין מויל נישט געהאַט, פאַר־דינט טאַקע די מצווה און זעט, ער זאָל באַלד האָבן אַ האָבערגריץ מיט פּוטער אין מויל אַריין... נאָר פרישע פּוטער, ברײנדעלע... ער האָט גיכער דעם מאָגן פאַרדאָרבן, איידער דעם קאָפּ פאַרטשאַדעט..

אין אַ פאַר שעה אַרום האָט ברײנדעלעס דינסט געבראַכט אין בית־המדרש אַריין אַ האָבערגריץ מיט סוכאַרקעס, אויך טיי מיט צו־קער, און האָט הערשעלען געזאָגט, ווען קיינער האָט נישט געהערט, אַז די סוכאַרקעס און טיי מיטן צוקער האָט אים מירעלע געשיקט און אים געהייסן געזונט זיין!

כאָטש ער האָט שוין דעם אַנדערן טאָג נישט געגעסן און וואָלט

גערן דעם קרופּניק אויסגעזופּט ביזן דעק, האָט ער זיך דאָך געשעמט פֿאַרן דינסטמיידל, וואָס האָט געוואַרפֿט אויף די כּלים, טאָמער זאָגט זי דאָרטן, אַז ער עסט, ווי אַ געזונטער... איבעריקנס, איז ער נישט לאַנג הונגעריק געבליבן: ברוכֿס ווייב האָט אים געבראַכט אַ מיטאָג גאָר אַן אַנטיק, און אַ פּאָר ישיבֿה-בחורים האָבן געמוזט אים נאָך צוהעלפֿן די כּלים אויסצולײדיקן.

ג

בלילה ההוא, אין דערדאָזיקער נאַכט, ווען הערשעלע איז אַ געזונטער־קראַנקער אויף דעם בית־המדרש־באַנק געלעגן, פאַרחלשט פאַר הונגער און אַ פאַרטשאַדעטער פון אייגענע פאַנטאַזיעס און נעבלדיקע האָפענונגען, און האָס האַרץ האָט אי גליק, אי ווייטיק געפילט פון אַלץ, וואָס האָט מיט אים דעם טאָג פּאַסירט, — אין דערדאָזיקער נאַכט, איז מירעלע אין איר ווייכער, וואַרעמער בעט געלעגן, זיך געקערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

די פריערדיקע איינדרוקן האָבן איצט אויפגעוואַכט, און קוים האָט זי אירע אויגן צוגעמאַכט אַנטשלאָפן צו ווערן, האָט זיך איר דאָס בילד פאַר די אויגן געשטעלט, ווי הערשעלע ליגט אַ בלאַסער אויף דער קאַנאַפּע, אָן אַ היטל, און זי זעט זיין צאַרט ווייסן שטערן, זיינע שיינע שלייפנווינקלען, וועלכע ציען זיך ווייט אונטער זיינע שוואַרצע האָר, און אַ פאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן קוקן אויף איר מיט דאַנק און בעטן רחמנות אויף זיין אָרעמקייט, מיטלייד — אויף זיין עלנט.

זי האָט זיך געמיט דאָס בילד צו פאַרטרייבן און טראַכטן פון עפּעס אַנדערש. זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין דערמאָנענדיק, אַז זי טראַכט פון אים, און האָט מיט אַ בכּיון איר פעטער דערמאַנט, זיין

שמואלקען, איר שוועסטער-קינד, און עס ווערט איר קאַלט, אַז זי דערמאַנט זיך דער מומעס רייד, די מעלות און חכמות, וואָס זי דערציילט איר פון שמואלקען... זי פאַרמאַכט די אויגן נאָך שטאַרקער און זי זעט ווידער הערשעלען, און אַזוי נאָענט זעט זי אים, אַז איר דאַכט, זי הערט אויך זיין אָטעם. פּלוצלונג רוקט זיך די קישן אַרונטער, זי רוקט צוריק אַרויף די קישן און דערמאַנט זיך, אַז ער איז אין בית-המדרש אַוועק און שלאָפט דאָרט אַ קראַנקער, נעבעך, אויף אַ האַרטער באַנק, אַפילו אָן אַ קישן... אַ רחמנות-געפיל דריקט איר דאָס האַרץ, איר ווילט זיך וויסן, וואָס מאַכט ער? טוט אים נאָך וויי דער קאָפּ?

„עלנטער הערשעלע!“ — טראַכט זי. — „וואָלט איך נישט געוועזן אַ מיידל, וואָלט איך כאָטש האַלבע נאַכט געגאַנגען אַ קוק טון, וואָס דו מאַכסט... איך וואָלט דיר פון מיין היים אַ קישן מיט אַ קאָלדרע געבראַכט, און ווי לעבן אַ ברודער לעבן דיר זיצן, ביז דו וואָלסט געזונט ווערן!“

און עס טוט איר באַנק, וואָס זי האָט אים נישט שטאַרקער צוגערעדט דאָ צו נעכטיקן, און נאָכמער פּייניקט זי זיך, וואָס איר איז נישט איינגעפאַלן אים כאָטש אין אָוונט עפּעס אַ דערקוויקונג צוצושיקן. זי גיט זיך אַ וואָרט: מאָרגן מיטן באַגינען אויפצושטיין, און די ערשטע זאַך שיקן די דינסט אים געוואָר ווערן, און איר מיטגעבן פאַר אים, וואָס זי וועט נאָר געפינען אין שטוב.

אין אַזעלכע געדאַנקען איז זי געלעגן, ביז דער זייגער האָט געשלאָגן פיר און איז ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַז זי איז אויפגעשטאַנען, איז שוין די מוטער אָן אָבגעדאַוונטע געוועזן און האָט שוין פרישטיק געגעסן.

—וואָס איז דיר, מיין קרוין ?—האָט ברײנדעלע געפרעגט, אַז זי האָט איר קינד עפּעס ווי צעבראָכן דערזען. — וואָס ביזטו אַזוי אומעטיק?

מיר׳לע האָט זיך פאַרשעמט און נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן, נאָר אַז ברײנדעלע איז אומרויק געוואָרן און איז צוגעשטאַנען, זי זאָל איר זאָגן, וואָס פעלט איר, האָט זי געענטפערט, אַז טאַקע דאָ האָט נעכטן געמוזט זיין דער טשאַד, וואָס הערשעלע האָט זיך אַזוי פאַרטשאַדעט, וואָרים איר טוט עפּעס אויך וויי דער קאָפּ, און זי האָט ביז פיר אַ זייגער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן.

ברײנדעלע האָט זי כמעט מיט געװאַלד אין בעט אַװעקגע־לײגט און באַלד איר צוגעטראָגן אַ לאָבונג פון אירע בעסטע אײנגע־מאַכטסן.

—איס, מאַמעשי, גיט קײנער גאָרנישט!—האָט זי מיט אַ זיפץ גע־זאָגט.—איז נישט אַן עלנט אויף אים?

—זעסטו, מײן קינד, װי טײער אַ מאַמע איז?—האָט זיך ברײנ־דעלע אָפּגערופן. — װי לאַנג די מאַמע לעבט, היט זי דאָס קינד אָפּ, װי דאָס אויג פונם קאָפּ... שטאַרבט, חלילה, די מאַמע — איז אָך און װיי צו די יתומים, נעבעך! נישט אײנדערפרעמד, אַפילו אין דעם אײגענעם שטעטל איז מען עלנט, װי אַ שטײן, זאָל די בײזעשעה ורגע נישט זײן!...

— איז טאַקי אַ מצוה, מאַמעשי, אויף אַן עלנטן רחמנות צו האָבן! — האָט מירעלע געזאָגט. — האָב דו אויך רחמנות, מאַמעשי, אויף אים! מיר צוגײט דאָס האַרץ, אַז איך דערמאַן זיך, װי ער ליגט דאָרט, אַ קראַנקער, אָן אַ קישן אפילו... נישטאָ אַ געטרײע האַנט, װאָס זאָל אים עפּעס דערלאַנגען. ער האָט נאָך געװיס אין זײן מויל נישט געהאַט...

פאַרװאָס האָט זי אויף אים מער רחמנות, װי אויף אַן אַנ־דערן—האָט זי זיך נישט געפרעגט. ברײנדעלען איז איר קינדס רחמנות נישט קשה געװעזן: זי האָט זי שטענדיק געליבט פאַר איר גוט האַרץ. זי האָט אַלײן אויך אָפט רחמנות געפילט, כאָטש זי האָט דעם געפיל קײנמאָל נישט נאָכגעגעבן. נאָר אַז רחמנות איז פאַר אַ מײדל צו אַ שידוך אַ מעלה, האָט זי געװוסט, און האָט זיך איבערגענומען, קוקנדיק מיט ליבשאַפט אויף איר אײנציק קינד, װאָס אים פעלט קײן גוטע מעלה נישט.

זי האָט מירעלען צוגעזאָגט צו גײן טאַקע באַלד דעם קראַנקן געװאָר װערן, און זי װעט זען, אַז אויב ער קאָן נאָך נישט גײן עסן זײן טאָג, װעט זי קומען אַהײם און אים צושיקן, װאָס װעט פאַר אים באַר געזונט זײן. צו װאָס זאָל זי זיך טראָגן דערװײל מיטן טעפּל אפשר גאָר אומזיסט? דאָס דינסטמײדל מוז דאָ מיט איר, מיט מירעלען בלײבן, װײל זי איז דאָך אויך נישט גאָר אינגאַנצן און טאָר אַלײן נישט בלײבן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז טאַקע ברײנדעלע אין בית־המדרש

געװעזן, און פון דאָרט מירעלען די ידיעה געבראַכט, אַז הערשעלע קאָן נישט פאַרגעסן איר טובה, װאָס זי האָט אים פון חלשות געראַטעװעט — ער איז טאַקע, נעבעך, שטאַרק פאַרטשאַדעט געװעזן, און איז נאָך הײַנט אויך נישט געזונט.

פון יענעם מיטװאָך אָן האָט זי אָנגעהייבן זיך עפּעס צו שעמען פאַר אים, און פלעגט פריער פון איר צימער נישט אַרויס, װען זי האָט געװוּסט, אַז ער איז דאָ, ביז זי פלעגט צוגיין צום שפּיגל, זיך אײַנקוקן, פאַרקעמען די האָר און דאַן דורכלויפן דעם עסצימער, װי אַ װינט, אין קיך אַרײַן און באַלד אַרײַן צוריק אין איר צימער.

ד

אַנדערש האָט דער אָרעמער הערשעלע די צייט איבערגע־
לעבט.

ווי ער איז געזונט געוואָרן פון זיין פאַרשטעלטער קרענק, האָט ער זיך כמעט, ווי גליקלעך געפילט. דאָס האַרץ האָט געהאָפט, נישט ווייסנדיק, וואָס עס האָפט. אים האָט זיך געוואָלט רייך ווערן, שטאַרק רייך, כאָטש ווי ראָטשילד, דאַן וועט ער זיין רייכקייט איר אַוועק־שענקען, פאַר זיך אַפילו אַ האָר נישט איבערלאָזן, זי וועט צונעמען, אים דאַנקען... און—ער וועט זיך מער נישט שעמען, וועט רעדן מיט איר, ווי אַ ברודער רעדט מיט אַ שוועסטער, וועט זינגען פאַר איר, זי וועט זיין זינגען פאַרשטיין, און וואָס דאַרף ער דען נאָך אין דער וועלט?..

ווי אַזוי זאָל דאָס געשען? ווי ווערט מען רייך אין דעם אָרע־מען בית-המדרש? צו וואָס דאַרף נאָך מירעלע זיין רייכקייט? זי איז דאָך שוין אָן דעם אויך די רייכסטע פונם שטעטל? דאָס אַלץ האָט אים נישט געאַרט. רייך קאָן מען ווערן אַפילו אין בית-המדרש, ווען גאָט וויל נאָר. אליהו הנביא קאָן קומען, אים מגלה זיין, וווּ עס גע־פינט זיך אַ באַהאַלטענער אוצר... פאַרוואָס נישט? און מיט וואָס דען, אַז נישט מיט גאָלד, זילבער און אבנים טובות קאָן ער ביי מירעלען חן געפונען, האָט ער געטראַכט. אין גמרא פאַרשטייט זי נישט, זיין זינגען האָט זי קיינמאָל נישט געהערט, ווי אַזוי זשע קאָן ער קומען

צו איר, אויב נישט דורך אַזאַ רייכקייט, ווי ראָטשילדס? און ער האָט נאָט געבעטן, ער זאָל אים רייך מאַכן דורך אַ נס, און האָט געהאָפט, אַז גאָט וועט עס אים טון. ער האָט זיך פאָרגענומען צו דינען אים מיטן גאַנצן האַרצן. טאָ פאַרוואָס זאָל ער עס אים נישט פאַרגינען?

נאָר אַז דער ערשטער מיטוואָך איז געקומען און ער האָט באַדאַרפט גיין צו ברײַנדעלען, האָט ער זיך פלוצלונג אַרומגעקוקט, ווי אָרעם זײַנע בגדים זענען, ווי עלנט ער מוז אויסזען אין אירע אויגן... און אים איז דאָס האַרץ פאַרקלעמט געוואָרן, ווי ער וואָלט פלוצלונג פון רײַך אָרעם געוואָרן. און ער האָט זיך געשעמט צו גיין אַזוי צו ברײַנדעלען.

עס האָט אָבער דאָס שעמען און דאָס קלעמען נישט געהאָלפן. גאָט וויל קיין נס נישט טון. אליהו הנביא ווייס אפֿילו געוויס זײַן ווייטיק אין האַרצן און וויל נישט קומען אים גליקלעך מאַכן, און אָט איז שוין צוועלף אַ זייגער, ער מוז גיין עסן... אים וואָלט איצט ליבער זײַן דרײַ טעג צו פאַסטן, איידער זיך אַזוי עלנט און אָפּגעריסן צו באַווייזן פאַר איר!... נאָר ווי גייט מען נישט? אָפּזאָגן ברײַנדעלען איר מיטוואָך? דאָס קאָן ער נישט.

נישט עסן גייט ער, נאָר זען זי, כאָטש איין קוק טון פונדערווײַטנס... און עס ציט אים פאָרט, ער וועט קיין אָרט און קיין רו נישט געפינען. ער מוז גיין, ער מוז זי זען!...

און ער איז צו צום בית-המדרש-כיור, זיך אַרומגעוואַשן, זיך גוט אײַנגעקוקט, ווי אין אַ שפּיגל, פאַרקעמט זײַנע געקרויזטע, שוואַרצע האָר, דאָס היטל אַזוי אויפן קאָפּ אַרויפגעזעצט, ווי אים האָט געדאַכט, אַז אַזוי איז שענער, און איז געגאַנגען עסן.

אַזוי איז אויך איבערגעלאָפן אַ וואָך איבער צוויי וואָכן צוגעגאַנגען. דאָס האַרץ זײַנס האָט שרעקלעך געליטן, און ער האָט קיין עצה נישט געפונען, ווי רײַך און ווי גליקלעך צו ווערן.

איינמאָל איז אים עפּעס אַ ספרל אַרײַנגעפאַלן, אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף. נאָר אָן אַ כּוונה האָט ער אָנגעהויבן עס צו לייענען, און קוים האָט ער עטלעכע בלעטלעך אָפּגעלייענט, האָט ער שוין נישט געקאָנט דאָס ספרל פון האַנט אַרויסלאָזן. עס האָט זיך אין אים עפּעס פון אַזעלכע זיסע זאַכן דערציילט... און מיט אַזאַ מין ליבער מליצה און שיינעם לשון געשריבן, אַז אים האָט געדאַכט, אַז נאָר פון זײַן האַרצן

האָט עס יענער געמוזט אַרויסנעמען. דאָס איז דער „אהבת־ציון" גע־זען.

אין אָנהייב ד־האָט ער קיין מורא נישט געהאַט, דאָס אָפן צו האַלטן אויף דער גמרא. ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס ספרל גע־הער צו די ספרים חיצונים, וועלכע זענען אַחרן פון שוים אַרויסגע־פאַ־ן און ער איז פון אלישע בן אבויה אחר געוואָרן. ער האָט דאָ קיין איינציק אַפּיקורסיש וואָרט נישט געפונען. אדרבה, אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געלייענט, האָט אים אָן אונדזער הייליק לאַנד, ארץ ישראל, דערמאָנט, די שיינע, גרויסע שטאָט ירושלים פאָרגעשטעלט אַזוי לעבע־דיק, אַז אים האָט זיך געדאכט, ער זעט זי, ער איז אין איר. ער זעט „ידידיה הנדיב" מיט די „בני הנביאים," ער זעט דעם בית־המקדש מיט דעם הר־הבית, ער שטייט אויף דעם הר־הזתים און זעט דעם שרעקלעכן ים־המלח פון ווייטן... אים איז אַזוי גוט, עס רעדט זיך אים לשון־הקודש, אמתע לשון־הקודש, נישט קיין פיוט, נישט קיין גמרא אָדער זוהר־לשון, און עס איז אַ פאַרגעניגן צו הערן, ווי קלאָר און ווי שיין די לשון-הקודש-ווערטער רעדן זיך אַרויס פון תמרן, און אַפילו פון מעכהן. איר דינסטו אים פאַרדריסט, פאַרוואָס איז ער נישט געבוירן אין יענער גליקלעכער, געבענטשטער צייט? ער וואָלט מיט מירעלען אויך אַזוי זיך אויפגערעדט אויף לשון־הקודש. ער וואָלט אויך אַ פּאַס־טוך געווען אין שרון לעבן כרמל, און וואָלט אַ לייב, אָדער אַן אַנ־דער ווילדע חיה מיט אַ פייל־נבויגן געשאָסן און זי, מירעלען, פון טויט געראַטעוועט. און ווו איז דאָ די אפיקורסיש?... אָבער שפּעטער האָט ער פאָרט זיך באַהאַלטן. ער האָט פשוט מורא געהאַט, טאָמער דער־וויסט מען זיך פון דעם ביכל, וואָס זיין האַרץ ליידט פון מירעלעס וועגן, וואָריבם אַנדערש קאָן נישט זיין, סיידן אַ נביא, וואָס ווייס אַלץ, האָט געמוזט אין זיין האַרץ אַריינקוקן, און דאָס דערציילן אין אַ מעשה פון אמנון מיט תמרן, כאָטש ער הייסט גאָר הערשעלע און זי מירעלע.

פון דעם ספרל האָט ער אַלע פיינע ווערטער זיך אויסגעלערנט, און ווען נאָר מירעלע פלעגט אים אויפן זינען אַרויפקומען, פלעגן זיי־נע ליפּן אַרויסשעפּטשען די ווערטער: „יונתי תמתי," „חמדת לבבי",„עדינה משאת נפשי" און ווי האָט אים באַנק געטון, וואָס מירעלע קאָן נישט קיין לשון־הקודש! וואָלט זי קענען לשון־הקודש, דאַכט זיך אים, וואָלט ער זיך לאָזן פאַנגען, מען זאָל אים אָפּשרייען און פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט,

אין דער גרויסער שטאָט נינוה, און דאָרט אין דעם ווייגאָרטן, וווּ ער וואָלט זיך לייגן אָפּרוען אויפן גראָז, און וואָלט צו איר שרייבן אַזאַ בריוו, פּונקט ווי אמנון האָט צו תמרן געשריבן! אַלע פיינען פון זיי־נע פאַנגער וואָלטן אים ליב זיין, אבי נאָר מירעלע זאָל לייענען זיין בריוו.

די חלומות אָבער האָבן אים נאָר גליקלעך געמאַכט, בעת די אויגן זיינע זענען אין ביכל אַריינגעטון געווען. קוים אָבער האָט ער זיי אויפגעהייבן, אַרומגעקוקט די שוואַרצע, פאַרשטויבטע בית־המדרש־וואַנט, דערזען די בלאַטיקע פאַדלאָגע, די לאַנגע, אויסגעבראָכטע און מיט חלב פאַרשמאַלצענע טישן, האָט ער זיך נאָך אָרעמער און עלנ־טער געפילט, ווי פריער, און ער האָט זיך ענדלעך מודה געווען, אַז אַזאַ גליקלעכער אמנון האָט נאָר געקאָנט זיין דעמאָלט, בעת ישעיה הנביא האָט געלעבט, בעת יידן האָבן נאָך אין ארץ־ישראל געוווינט, און מילך און האָניק האָבן אין די גאַסן געפלאָסן. איצט אָבער וווינען מיר צווישן די אומות־העולם, די שכינה רוט נישט אויף אונדז, איצט פאַרשטייען נישט נשים אַפילו קיין איין וואָרט לשון־הקודש...

— ניין, נישט מיט אַזאַ בריוועלע, ווי אַמנונס, אַפילו נישט מיט אַזאַ שיר, וואָס ער האָט פאַר תמרן געזונגען, וועל איך געפינען גנאָד און ליטזעליקייט אין אירע אויגן, זי זאָל נאָך מיר אַזוי בענ־קען, ווי תמר האָט נאָך אַמנונען געבענקט! — האָט ער צו זיך גע־זאָגט. — רייך מוז איך ווערן, רייך, ווי ראָטשילד, ווי מאָנטעפיאָ־רע!

—ווי אַזוי אָבער קאָן איך רייך ווערן?...

ליגנדיק אַמאָל אויף דער בית־המדרש־באַנק און טראַכטנ־דיק פאַרט ערגעץ אַן אוצר צו געפינען, האָט ער צו זיך אַ זאָג גע־טון:

„ניין... נישטאָ קיין אוצרות! אויף ניסים, זאָגט די גמרא, טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן, מען מוז טון, וואָס מען קאָן, טאַקע האָרעווען, כוחות און געזונט נישט זשאַלעווען ביז מען ווערט אַ גרויסער לייט. איך מוז עס ווערן!... איך מוז טאָג און נאַכט לערנען, ביז איך וועל ווערן אַ גרויסער גאון, אַ גרויסער צדיק... און זאָל זי וויסן, אַז...

אַז וואָס? האָט ער אַליין נישט געוווּסט. נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט ער זיך פון באַנק אויפגעהייבן, זיך אָנגעזעצט לערנען

מיט אַ ברען, מיט התמדה, און האָט אַזוי אָפּגעלערנט ביזן טאָג. בײם דאַווענען האָט ער פֿרום און מיט גרויס כּוונה געזאָגט די תּפֿילות. ער האָט אויך אָנגעהייבן פֿאַסטן, ווען ער האָט נאָר אַ צוטשעפּ געפֿונען אָן וואָס זיין תּענית צוצובינדן.

און ער האָט אַזוי אַ חודש באַכאַנאַנד געלערנט, געדאַוונט און געפֿאַסט, און דער עולם, וואָס האָט זיך געפֿרייט מיט זיין התמדה און האָט אים געלויבט פֿאַר זיין פֿרומקייט, האָט זיך נישט צוגעקוקט, ווי ער ווערט בלאַסער און שלאַפֿער פֿון וואָך צו וואָך, ווי די באַקן ווערן איינגעפֿאַלן, די אויגן — אויסגעלאָשן און עס זעט זיך אויף זיין פּנים קיין איינציקע פֿרייע מינע נישט.

נאָר דער ראש־ישיבה, וואָס האָט אים, ווי אַן אייגן קינד, ליב געהאַט, האָט זיך באַאומרויקט פֿון דעם; אָבער ער האָט אויך געוווּסט, אַז תּורה איז מתּשת כּוחו של אדם, דאָס איז טייטש: די תּורה נעמט דאָס געזונט אַרויס בײם מענטשן... ער האָט אויך אָן דער גמרא נישט פֿאַרגעסן, וואָס זי דרשנט דעם פּסוק: אָדם כּי ימות באוהל—מען קאָן די תּורה נישט קענען, ווען מען זאָל זיך נישט פּשוט ממיתן אין בית־המדרש, זי לערנענדיק... און ער האָט געהאָפֿט, אַז פֿון הערשעלען וועט אַרויסוואַקסן אַ גדול בישׂראל, און ער האָט אים געלאָזט לערנען, וויפֿל זיין האַרץ גלוסט.

פֿון דעם פֿייער, וואָס דערהיצט אים אַזוי צו דער תּורה, וואָס טריקנט אויס זיינע יונגע כּוחות און פֿאַרדעקט אים די וועלט מיט אַזאַ ביטערן רויך, האָט קיינער נישט געוווּסט, אפֿשר הערשעלע אַליין אויך נישט.

זינגען האָט ער אינגאַנצן אויפֿגעהערט. אַז זיינע חברים פֿלעגן אים בעטן:

— הערשעלע, זינג אונדז עפּעס אַ שטייגערל, עס איז אומעטיק אין בית־המדרש, ווען דו זינגסט נישט!

פֿלעגט ער ענטפֿערן:

— זינגען איז אַ יצר־הרע... הלוואי וואָלט איך נישט געקאָנט זינגען!... זינגען ברענגט נאָר אַ ווייטיק אין האַרצן!...

פֿונדעסטוועגן האָט ער מירעלען נאָך נישט פֿאַרגעסן, נאָר וואָס מער ער האָט פֿון איר געטראַכט, אַלץ שטאַרקער איז זיין התמדה געוואָרן און אַלץ ערנסטער זיין פֿרומקייט. האָט ער געקאָנט געפֿינען אַ גוטן תּירוץ, עס זאָל נאָר קיין זינהיקער ליגן נישט זיין, ד־האָט

ער אויך דעם מיטוואָך געפּאַסט און נישט געגאַנגען עסן צו ברייג־
דעלען.

איינמאָל האָט ער ברײַנדעלען ווידער אינדערהיים נישט געפונען. ער האָט שוין בדעה געהאַט אַוועקצוגיין, כאָטש נישט געגעסן. „אַ שאָד די צייט!” און טאָמער קומט ווידער מירעלע אָן, אַזוי ווי דענסטמאָל, וואָס וועט ער איצט טון? ווידער אַ טשאָד?...

נאָר איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו באַדענקען אַ ביסל, האָט ער פון מירעלעס צימער אַ זיס קול דערהערט. עמעץ האָט עפּעס אַ רירנדיקע מעלאָדיע מיט געפיל געזונגען און אים האָט פאַרן האַרצן אָנגעכאַפּט. ער איז געבליבן שטיין אַזוי, ווי די שטימע וואָלט אים צוגעשמידט צום אָרט, ווו ער איז געשטאַנען... און כאָטש ער ד־האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס זינגט מירעלע, אַז זי איז אַן אשה, און ער האָט אויך די גמרא נישט פאַרגעסן, אַז „קול באשה ערוה,” און ער זיגדיקט, וואָס ער הערט זיך צו, פונדעסטוועגן האָט ער אין זיך קיין כוח נישט געפונען אַוועקצוגיין און נישט אויסצוהערן ביזן סוף. זי האָט אַלץ ווייטער געזונגען און ער האָט זיך פאַרגעסן אַפילו, ווו ער איז, ביז ער האָט נישט געוווסט, אַז נישט בלויז ער הערט, נאָר ער זינגט אויך נאָך די מעלאָדיע שטילערהייט.

ער האָט זיך נישט געקאָנט פון אָרט אָפּרייסן, אַפילו ווען די שטימע האָט שוין אויפגעהערט: אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט נאָך... פּלוצלונג האָט זיך די טיר געעפנט, און מירעלע איז אים פאַר די אויגן געשטאַנען.

—אָ, הערשל!—האָט זי פריינטלעך געזאָגט.—איר האָט אוודאי גע־הערט, ווי איך האָב געזונגען? האָב איך גוט געזונגען?

—זייער גוט... האָט נישט קיין פאַריבל, וואָס איך האָב מיך צו־געהערט...

— איך האָב געהערט, אַז איר קאָנט זייער גוט זינגען! — האָט מירעלע פריינטלעך געזאָגט. — איז דאָס אמת? איר האָט זיך געלערנט זינגען?

—ווייס איך! ווען האָב איך צייט זיך צו לערנען זינגען?

—וואָס האָט איר אַזוי קיין צייט נישט?

—איך דאַרף לערנען, דאָס איז דער עיקר... זינגען איז נאָר גלאַט אַזוי!

מירעלע האָט זיך עטוואָס פאַרלאָרן פון דער תשובה און אים

שעמעוודיק אָנגעקוקט. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן.

—זעצט זיך,—האָט זי געזאָגט,—וואָס שטייט איר?

— צייט צו גיין אין בית־המדרש צוריק...

— וואָס איילט איר? איר האָט דאָך נאָך נישט געגעסן?

— איך וויל שוין נישט עסן... אַ גוטן טאָג!

— פאַרוואָס ווילט איר מיט מיר נישט רעדן?

ער ד־האָט זיך צוועקגעזעצט און געוואַרט, זי זאָל אָנהייבן רעדן.

— זאָגט דעם אמת, — האָט זי אָנגעהייבן, — איר האָט טאַקע קיין צייט נישט, אָדער אייך איז נישט ליב מיט מיר דאָ אַליין צו זיין?

— איך האָב טאַקע באמת קיין צייט נישט! — האָט ער ציטריק און פאַרשעמט געענטפערט.

— וואָס האָט איר דען צו טון?

— איך דאַרף לערנען!..

— זאָגט מיר, צו וואָס לערנט איר?

— איך זאָל קענען לערנען!..

— אָבער צו וואָס לערנט איר אַזויפיל? איך האָב געהערט, אַז גאַנצע טעג און נעכט לערנט איר... איר עסט נישט, איר שלאָפט נישט, נאָר איר לערנט... איז דאָס גוט אַזוי?

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון, אַזוי ווי ער וואָלט מיט די אויגן געוואָלט פרעגן: צי מיינט זי נישט אים אָפּצורעדן פון דער הייליקער תורה?

זי האָט דעם קוק פאַרשטאַנען און זיך באַלד פאַרענטפערט:

— מיינט נישט, אַז איך הייס אייך נישט לערנען... לערנט, נאָר היט אָפּ אייער געזונט! אַ מענטש מוז אויך געזונט זיין, און איר זענט קראַנק... לערנען דען אַלע אַזויפיל, ווי איר?

— אַז איך וועל נישט לערנען מער פאַר אנדערע, וועל איך נישט קענען מער פאַר אַנדערע... איך וויל אָבער מער קענען, איך מוז מער קענען און מיר איז כדאי צו האָרעווען!..

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל ווערן אַ גרויסער לייט... אַ גאון וויל איך ווערן...

— וואָס וועט דען זיין, אַז איר וועט שוין זיין אַ גאון?..

— וועל איך קאָנען גוטס טון די, וואָס טוען איצט מיר גוטס!

— ווער טוט אייך גוטס?—האָט זי זיך אָפּגערופן.- וואָס פאַר אַ גוטס טוט מען אייך? ווער זאָרגט פאַר אייך? עס אַרט דאָך אפילו קיינעם נישט, וואָס איר ווערט פון טאָג צו טאָג שוואַכער! לייט פרייען זיך מיט אייער תורה און עס קימערט קיינעם נישט, וואָס די תורה נעמט אייך דאָס געזונט אַרויס... לייט לויבן אייך פאַר אייער זינגען, און קיינעם אַרט אייער עלנט נישט!--נישט כדאי, זאָג איך אייך, אַזוי-פיל געזונט אַוועקצולייגן צוליב דעם עלנטן ביסן ברויט, וואָס לייט גיבן אייך... זיי מיינען אויך מער די מצווה, ווי אייער דאַנק...

— דעריבער זאָל איך נישט דאַנקען מיינע פריינט פאַר זייער חסד, וואָס איז ביי מיר טייערער, ווי מיין געזונט?

— ווער זשע, זאָגט מיר, זענען דען אייערע פריינט? — האָט זי געפרעגט, גערירט פון זיין טיפן אמת, וועלכער האָט זיך אין זיינע ווערטער געהערט.

— האָב איך דען באמת קיינעם נישט, וואָס ווינטשט מיר גוטס, וואָס טוט מיר גוטס און איז מיר אַ פריינט? — האָט ער געפרעגט און נישט ווילנדיק אַ קוק געטון אויף איר, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט זאָגן: „זייט איר דען נישט דער פריינט, פון וועמענס וועגן איך ווינטש מיר אַ גרויסער לייט צו ווערן?“ זי האָט דעם קוק געפילט און די אויגן אַראָפּגעלאָזן.

— איר האָט אַ פריינט!—האָט זי נאָך עטלעכע מינוט טראַכטן געענטפערט.—אָבער נישט אייער דאַנק, נישט אייערע טובות וויל ער!.. דער פריינט וויל נאָר, איר זאָלט זיין געזונט, איר זאָלט זיין גליקלעך, איר זאָלט אויך אַ מענטש ווערן און נישט זיין ביי זיך אַזוי אַראָפּגעפאַלן און שעמען זיך גלייך אין די אויגן אַריינצוקוקן!..

ער האָט זי פאַרוווּנדערט און שעמעדיק אָנגעקוקט, אים האָט זיך נישט געגלויבט, צי ער הערט עס אויפן וואָר, צי אין חלום.

— וואָס זאָגט איר?—האָט זי געפרעגט, כאָטש איין וואָרט פון אים צו הערן.

— איך בין אייער חסד נישט ווערט!

—זאָגט מיר צו אייער געזונט אָפּצוהיטן, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך צו זיין, וועט איר נישט נאָר מיין חסד, אָבער אויך מיין פריינטשאַפט ווערט זיין!

— זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טון? איך וועל אייך אַלץ פאָלגן..

איך ווייס: איר מיינט נאָר מיין טובה...

— נו, אייער געזונט, מער גאָרנישט! איר מעגט מיר גלויבן!

און זי האָט טאַקע אַנדערש נישט געמיינט: זיין בלאַסקייט האָט איר האַרץ צעריסן אויף שטיקער און זי האָט געמיינט, אַז נאָר זיין עלנט מאַכט אים אַזוי ליב און זי קאָן אים נישט פאַרגעסן.

זי איז אַריין אין קיך און האָט אַליין אים עסן דערלאַנגט. ער האָט געגעסן, כאָטש ער איז שוין פון אירע גוטע ווערטער אַליין זאַט געוואָרן, און נישט געוואָלט עסן. נאָר זי האָט אים געהייסן, און ווי זאָל ער נישט עסן?..

פאַרן אַוועקגיין האָט זי אים דערלאַנגט עטלעכע רובל, ער זאָל האָבן אויף הוצאות זיין געזונט צו פאַרהיטן.

— איך דאַרף נישט קיין געלט, מיר פעלט קיין טאָג נישט! — האָט ער געטענהט און נישט געוואָלט זיך צורירן צום געלט.

— איר וועט מיר אַוועקגעבן אַמאָל, אַז איר וועט רייך ווערן, ווי איך ווינטש אייך!—האָט זי אים צוגערעדט.-איך ליי עס אייך נאָר! טאָמער דאַרפט איר אויף אַ בגד, וועל איך שוין זאָרגן... טוט מיר צו־ליב און נעמט צו דאָס געלט, אַז נישט וועט עס ביי מיר זיין אַ סימן, אַז איר גלויבט מיר נישט און אַז מיין פריינטשאַפט איז ביי אייך גאָרנישט ווערט...

ער האָט שוין קיין ברירה נישט געהאַט און די עטלעכע רובל צ גענומען.

ה.

אויף מאָרגן, נאָך דעם גליקלעכן מיטאָך, איז ראש-חודש אדר געווען, און אין בית-המדרש האָט זיך געהערט: „משנכנס אדר מרבין בשמחה!“ שמחה האָט זיך אויך אין הערשעלעס האַרצן געפילט. אומבאַקאַנטע גליקן, זיסע האָפענונגען האָבן זיך פאַר אים געשפּילט, אין דער לופטן אומגעטראָגן און ווי פאַר די אויגן אומגעפלויגן. ער האָט געדאַווענט און שטיל געזונגען, מיט ליבע געזונגען און געקוקט אויף דער זון, ווי זי שיינט, ווי דער שניי און אייז ווערן צעשמאָלצן, און ער האָט געפילט, אַז אין אים שיינט אויך אַ זון, עס צעשמעלצט דער שטיין, וואָס דריקט אים שטענדיק אין האַרצן, עס ווערט אים וואַרעם און ער פילט, ווי ער איז גליקלעך.

די ישיבה-בחורים האָבן צוביסלעך די גמרות פאַרמאַכט: צום סיום פון דער מסכתא איז שוין נישט ווייט געווען. דער ראש-ישיבה אַליין האָט הערשעלען דערמאַנט, אַז איצט איז שוין נישט קיין עוולה אַ ביסל ווייניקער צו לערנען.

—נישקשה,—האָט ער געזאָגט, — דו האָסט גענוג אָפּגעהאָרעוועט דעם זמן... גענוג פאַר דיר איצט צו לערנען אַ גאַנצן טאָג און אַ פּאָר שעה ביינאַכט. איצט מעגסטו זיך פאַרגינען צו שלאָפן גלייך מיט אַלעמען! אַ מענטש דאַרף קוקן אויף זיין געזונט אויך!... שוואַכע דורות היינט, מיין זון, נישטאָ די כוחות פון דוד המלך. ער פלעגט נאָר אַ דרעמל טון און ווידער זיך מתגבר זיין כארי לעבודת הבורא. בפרט

אַז דו האָסט נאָך קיין גרויס ווילטיק אויך נישט!...

הערשעלע האָט אים געפאָלגט און האָט ווידער אָנגעהייבן צו זינגען.

איינער פון די ישיבה-בחורים, וואָס האָט אויך אַ קול-נגינה גע-האַט, האָט פאָרגעלייגט אַ פּלאַן: אַזוי ווי דער סיום וועט אויסקומען פורים-צייט, וואָלט אַ יושר זיין, מען זאָל צום סיום מאַכן אַ פאָרשטע-לונג פון „מלוכת שאול" אָדער פון „מכירת יוסף."

— זאָל מען וויסן, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר קענען עפּעס אויך, חוץ לערנען, וואָס באַלעבאַטישע המורים קענען עס נישט!

עס האָבן זיך אַלע ישיבה-בחורים אָן דעם אָנגעכאַפּט בשמחה רבה. די מעלאָדיע דערצו האָבן כמעט אַלע געקאָנט. דער ראש-ישיבה האָט באַלד מסכים געווען, און נאָך פיל מי און טענות האָט עס אויך דער רב פון שטעטל דערלויבט, נאָר בתנאי, מען זאָל בילעטן מאַכן און דאָס געלט פאַר די בילעטן זאָל גיין אויף אַ דבר צדקה, און מען זאָל קיין נשים אין בית־המדרש נישט אַריינלאָזן.

קעגן דעם ערשטן פונקט האָט קיינער נישט געקאָנט שטרייטן, נאָר קעגן דעם צווייטן—האָבן די ישיבה-בחורים מתרעם געווען, און עס איז געבליבן, אַז מען וועט אים נישט שטאַרק האָרכן, לאָז עס נאָר קומען דערצו.

הערשעלע האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט זיך באַטייליקן אין דעם שפּיל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מירעלע וועט פאַריבל האָבן, וואָס ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פורים-שפּילער. און עס האָט זיינע חברים גענוג רייד געקאָסט, אים צו געבן צו פאַרשטיין, אַז אויף אים איז זייער גאַנצע האָפענונג, און אָן אים איז איינגאַנצן דברים בטלים.

—דו דאַרפסט שפּילן יוסף,—האָבן זיי געטענהט,—קיין אַנדערער נעמט זיך נישט אָן די שווערע ראָלע אויסצושפּילן, און ווי איז מען דאָס אַזוי שלעכט, זיך אָפּצוטיילן פון חברים? סיידן דו ביזט אַ בעל-גאווה, אַ דל-גאה...

נאָך פיל רייד און טענות האָט ער איינגעוויליקט און איבערגע-נומען אויף זיך, נישט נאָר זיין אייגענע ראָלע אויסצופירן אָבער אויך די איבריקע חברים צו לערנען

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען צעטיילט די ראָלן און דער בית־המדרש איז פול געוואָרן מיט געזאַנג.

הערשעלע האָט דיריגירט און אַלע האָבן אויף זיין ווונק גע־קוקט און געפאָלגט.

יאָסל דער טענטלער האָט פאַר דריי רובל ניצגעלט געליען אַלטע אָפּיצירסקע און גענעראַלסקע אוניפאָרעמס, שאַבלעס מיט קאַס־קעס. די חברה זענען אַרויף אין דער ווייבערשול, פאַרשלאָסן די טיר, און מען האָט זיך גענומען אָנמעסטן די קליידער. הערשעלען איז אויס־געקומען אַן אַלטער גענעראַלסקער אוניפאָרם, וועלכער איז אים צו־ברייט און צו לאַנג געווען. ער האָט זיך אין אים פאַרלאָרן. די איבע־ריקע ישיבה בחורים זענען אָבער שטאָלץ געווען אויף זייערע מילי־טערישע קליידער. אין אַנדערע האָט זיך אויך אַ רוח גבורה באַוויזן, און זיי האָבן זיך אַ שטעל געטון, ווי די העלדן מיט אַן אויסגעשטרעק־טער ברוסט, מיט בלויזע דעגנס אין האַנט, גרייט זיך צו שלאָגן אויף טויט און אויף לעבן.

— ווייסט איר, וואָס מיר איז איינגעפאַלן ? — האָט הערשעלע פלוצלונג ביי דער פראָבע געמעלדעט.—מיר דאַכט זיך, אַז די קליידער פּאַסן אינגאַנצן נישט צו אונדזער שפּיל.

—האַ ? וואָס ?—האָבן זיך קולות אָפּגערופן פון אַלע זייטן.

— דערמאָנט אייך נאָר, ווער זענען געווען יוספס ברידער ? — האָט ער זיין נייס דערקלערט. — פּאַסטוכער זענען זיי געווען ! ווי קומט צו אַ פּאַסטוך שליפעס מיט אַ קאַסקע ? ווילט איר מיך פאָלגן, דאַרף מען זען צו באַקומען פּראָסטע פּאַסטוך - קליידער, מיט לאַנגע שטעקנס, מיט טאָרבעס, אין די ישמאלים זאָלן גיין מיט אַ פאַרבונדע־נעם קאָפּ, אַזוי ווי די טערקן. ערשט אין מצרים, ווען די ברידער וועלן קומען צו יוספן, זאָל די וואַך ביי זיין כסא המלוכה שטיין אָנגעטון מיט אָפּיצירסקע קליידער, ווייל אַזוי פּאַסט פאַר אַ משנה־למלך.

עס האָבן זיך אָנגעהייבן גרויסע מחלוקות, קיינער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין צו הערשעלעס משוגענעם פּלאַן. „פון ששת ימי בראשית אָן,‟ האָבן זיי געטענהט, „שפּילט מען „מכירת יוסף‟ מיט אָפּיצירישע קליידער ! וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן, זיך צו פאַרשטעלן, ווי פּאַסטוכער, ווי גאָר פּראָסטע פּאַסטוכער, מעשה־חוזק !‟

עס האָט אויך הערשעלען געזונט געקאָסט, ביז ער האָט זיי אי-בערגעדעדט, און ער האָט געמוזט פון זיין געלט אויסגעבן אַ רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס אויף נייע קליידער, בפרט פאַר זיך אַליין אַ כתונת מיט אַ זיידן גאַרטעלע אַרומגעבונדן אַרום די לענדן — אַזוי איז אים עפּעס געפעלן. עס האָבן אים נאָר געפעלט אַ פּאָר לאַנגע לייב-קאָלירטע זאָקן, כדי נישט צו גיין גאָר באָרפוס. מען האָט בנציון דעם קרעמערס יינגל אַריינגעלאָזן צו די פּראָבן, מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל ברענגען אַזעלכע זאָקן און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס פעלן צום רומל. דאָס יינגל איז גליקלעך געווען, וואָס פון אַלע יינגלעך, וועל-כע זענען אונטערן טיר געשטאַנען, האָט מען נאָר אים איינעם אַריינ-געלאָזן, און האָט נאָכמער געברענגט, וויפל מען האָט געבעטן. אַביסל האָט אים זיין מאַמע געגעבן, אַ ביסל האָט ער פון קראָם צוגעגנבעט. אַנדערע יינגלעך האָבן אויך דעם קונץ געמאַכט, און עס האָט אַפילו קיין פייגלמילך נישט געפעלט.

אַ פּאָר שניידער-פּועלים, וועלכע האָבן ליב געהאַט געזאַנג, האָבן מנדר געווען זייער טרחה צוצוריכטן די קליידער, ווי עס דאַרף צו זיין.

פאַר הערשעלען, האָט מען די שענסטע בגדים אויסגעקליבן און אַלץ, ווי אים האָט זיך געוואָלט. די שניידער-פּועלים האָבן ערגעץ פון אַ בלויזיידן אונטערשלאַק אַ כתונת פסים געמאַכט גאָר אַ „הפלא". אַנ-דערע יינגלעך האָבן צוגעגרייט פיילנבויגנס מיט לאַנגע פאַרבויגענע שטעקנס, אויך פאַסטוך-טאָרבעס, קריגלעך אַריבערגעדעקט מיט בעראַ-זאָווער קאָרע, און עס האָט אַלעמען אַ הנאה געטון, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. דער רוח גבורה, וואָס האָט זיי באַהערשט אין דער מינוט, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל די מיליטערישע קליידער אָנגעמאָסטן, איז נישט פאַרלאָרן געוואָרן. זיי האָבן נאָך אַ האָפנונג געהאַט זייער העלדנמוט אַרויסצווייזן שפּעטער, בעת יוסף וועט זיי שוין דער-קענען און זיי מאַכן אַלעמען פאַר גרויסע שרים אין דעם לאַנד מצרים בפרט יהודה, וואָס אים האָט מען פון אָנהייב אָן געלאָזן די קאַסקע מיט שליפעס, ווייל ער איז דאָך געווען דער מלכות פון אַלע ברידער.

אָן עגמת-נפש קאָן קיין זאַך נישט געטון ווערן. אַז הערשעלע האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן פּלאַץ, וווּ עס דאַרף ערפילט ווערן די גאַנצע קאָמעדיע, איז ער זייער טרויעריק געוואָרן. אין בית-המדרש האָט

די בימה פאַרנומען דעם רעכטן מיטן און עס איז קיין אָרט נישט גע־וועזן, ווו צו מאַכן די סצענע, די שפּילער זאָלן נישט דאַרפן זיך מישן צווישן פּובליקום. מען האָט געפּרוווט אַרויסטראָגן די בענק פון ווייבער־שול, געמאָסטן, געפּלאַנירט, אָבער עס האָט זיך אַלץ אַרויסגעוויזן, אַז דער אָרט איז צו קליין. מען האָט זיך געגוג דעם קאָפּ צעבראָכן צו געפינען אַ פּאַסנדיקן אָרט, ביז גאָט האָט זיך מרחם געווען, און עס האָט זיך געפונען אַ גואל.

לעבן בית־המדרש האָט געוווינט אַברהמל דער בעקער, האָט ער געהאַט אַ גרויסע שטוב, ווו ער פלעגט אַלע יאָר באַקן מצות פאַר דעם גאַנצן שטעטל און נאָך שיקן מצה קיין מאָסקווע און פּעטערבורג. פּורים-צייט פלעגט ער שוין אָפּליידיקן די שטוב און צוגרייטן די טישן מיט די אַלע מכשירים, וואָס מען דאַרף צו אַזאַ בעקעריי. איצט איז שוין די שטוב געווען ליידיק, און הערשעלען איז איינגעפאַלן פאַרצו־לייגן אַברהמלען, ער זאָל פאַר אַ „קליין געצאָלט לאָזן דעם סיום מיט דער „קאָמעדיע" מאַכן אין דער שטוב. מען האָט זיך מיט אברהמלען אַ גאַנצע נאַכט געדונגען. הערשעלע האָט די לעצטע עטלעכע גראָשן אַוועקגעגעבן און אַ פּאָר ישיבה-בחורים, וועלכער זענען גוטע מצה-רעד־לער געווען, האָבן זיך פאַר אַ העלפט שכירות פאַרדונגען צו רעדלען און אברהמל האָט אָפּגעגעבן זיין שטוב.

עס האָבן קיין ברעטער נישט געפעלט, און מען האָט אָפּגעהאָרע־וועט מיט ביטערן שווייס עטלעכע טעג און נעכט, ביז מען האָט אויפ־געשלאָגן אַ בינע פאַר די שפּילער, בענק—פאַר די געסט, און עס איז צוריק געוואָרן שמחה וששון.

פּורים האָט מען די בילעטן צעטיילט. אויף די בילעטן איז גע־שטאַנען דער זיגעל פון חברה „בקור־חולים", און עס האָט זיך צוזאַמענ־געקליבן ביז זעכציק רובל. דערפון האָט דער גבאי פון „בקור־חולים" געגעבן 25 רובל אויף דער סיום-סעודה, און דאָס איבריקע האָט מען צוגענומען אין חברה אַריין.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געריכט אויף גרויסע חידושים. קונצן־מאַכער, וועלכע ברעכן זיך דורך רייפן מיט אַ גלאָז וואַסער אויפן שטערן, וואָס פאַרגיסט זיך נישט, האָט מען דאָ אַמאָל אין אַ יאָר גע־קאָנט זען, נאָר פאָרשטעלונגען מיט געזאַנג זענען נאָך אין שטעטל נישט געווען מיום הוסדו. דעריבער האָבן מיידלעך און ווייבלעך שטאַרק מתרעם געווען אויפן רבס גזירה נישט אַריינצולאָזן קיין נשים.

—אונדזער נשמה איז אויך קיין ראָזיק נישט! — האָבן זיי געסענהט. — פאַרוואָס זאָלן מיר אַזוי זינדיק זיין און נישט זען, ווי די ברידער וואַרפן יוספן אַריין אין שלאַנגען-גרוב?

ענדלעך האָט דעם רבס שנור ביים שווער געפּועלט, אַז מען זאָל אָפּטיילן די בענק אין צוויי באַזונדערע זייטן, — מאַנסלייט אין דרום-זייט, ווייבער אין צפון-זייט, און מען זאָל אַריינגיין און אַרויסגיין דורך צוויי באַזונדערע טירן, כדי איינע מיט די אַנדערע זאָלן זיך נישט מישן.

אַ גאַנצן טאָג, שושן-פּורים, האָט הערשעלע מיט די איבעריקע געהאָרעוועט איבערצושטעלן די בענק און צו מאַכן אַ מחיצה צווישן מאַנסלייט און ווייבער.

צום סיום איז ער אַזוי מיד און שלעפעריק געווען און דאָס האַרץ האָט אים עפּעס אַזוי ווי געטון, אַז ער האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבערעדן. ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט היינט זייער שלעכט זינגען, און טאָמער וועט מירעלע דאָ אויך זיין און ער וועט זי פון דער בינע אַראָפּ דערזען, וועט ער געוויס צעמישט ווערן, אָדער דער קול וועט זיך אָפּרייסן, און וועט מיט בזיון בלייבן שטיין אינמיטן. און וואָס וועט זי זאָגן?...

און ווי ער האָט זיך פריער געווונטשן, אַז מירעלע זאָל הערן זיין זינגען, אַזוי האָט ער זיך איצט געווונטשן, זי זאָל דאָ היינט נישט זיין, ער זאָל צו קיין בזיונות נישט קומען און נישט אַראָפּגעפאַלן ווערן אין אירע אויגן.

די ישיבה-בחורים האָבן זיך דערשראָקן, אַז זיי האָבן דערזען, ווי ער איז אומעטיק און גענעצט עפּטער.

—וואָס איז דיר, יוסף?—זיי האָבן אָפּגעמאַכט זיך צו רופן מיט די נעמען פון דער ראָליע, כדי יעדער זאָל געדענקען זיין נאָמען, וואָס ער וועט שפּילן.

—אַז איך וואָלט קאָנען,—האָט ער געענטפערט,—וואָלט איך דעם סיום בעטן אָפּלייגן אויף מאָרגן.

—עס קאָן נישט זיין, דער עולם קלויבט זיך שוין צו מנחה!

—און וואָס וועט ווערן פון די געבראָטענע גענדז?—האָט זיך איינער אָפּגערופן.—דעם ראש-ישיבהס ווייב און די רביצין האָרעווען שוין פון נעכטן אָן... הערשעלע, גענדז, פּופּקעס און לעבערקעס!

—אַ עבירה די רייד, עס מוז שוין זיין אַזוי!—האָבן אַלע אויס-

געשריען און דערוויזן, אַז כאָטש ער פילט זיך נישט געזונט, וועט אים דאָס שפּילן נישט שאַטן.

— דערמאָן זיך נאָר,—האָבן זיי דערקלערט, — אַ סיום המסכתא, אַזאַ מטמון געלט אויף „בקור-חולים!" האָב נישט קיין מורא, „שלוחי מצוה אינן נזקין!"

צו מעריב איז דער בית-המדרש געווען פול געפּאַקט, די שענסטע באַלעבאַטים האָבן זיך צונויפגעקליבן, יום-טובדיק געקליידט, און אַלע הענגלייכטער האָבן געברענט ליכט, און דער ווייבערשער שול האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די חשובע ווייבער מיט דער רביצין בראש. אויך מיידלעך זענען געווען און די עלטערע ווייבער האָבן זיי צו די פענסטערלעך צוגעלאָזן:

—זאָלן זיי זען דעם כבוד פון דער הייליקער תורה!— האָבן זיי געזאָגט.—ביי זיי איז דאָך דאָס אַ בייס!...

דער ראש-ישיבה האָט זיך געזעצט אויבנאָן ביים גרויסן טיש, וועלכער איז היינט צום ערשטן מאָל, זינט ער איז אַ טיש, מיט אַ ווייסן טישטוך איבערגעדעקט געווען. פון איין זייט האָט ער צעזעצט די ישיבה-בחורים ביי אָפענע גמרות, פון דער אַנדערער זייט איז געזעסן דער רב מיט די באַלעבאַטים חשובים. הערשעלע איז דער ערשטער פון אַלע ישיבה-בחורים געזעסן לעבן ראש-ישיבה, ווייל אים האָט ער שטענדיק אויסגעצייכנט פון זיינע אַנדערע תלמידים.

מירעלע, וועלכע איז מיט איר מוטער אין ווייבערשול געווען, האָט אים געזען: בלאָס איז געווען זיין געזיכט, נאָר זיינע אויגן האָבן געלויכטן. אין זיי האָט איצט געשוקט אַ פייערל. זי האָט אויף אים נישט געוואָלט קוקן און האָט אים פּאָרט געזען.

דער ראש-ישיבה האָט זיינע תלמידים אַרויסגערופן איינציקווייז, געהייסן יעדן זאָגן דעם שיעור. מאַנכע האָבן גוט געזאָגט און מאַנכע האָבן זיך פאַרטשעפּעט. דער לעצטער האָט הערשעלע זיין שיעור געזאָגט, און זי האָט צום ערשטן מאָל דערהערט, ווי שאַרף און דייטלעך יעדעס וואָרט גייט פון זיין מויל אַרויס.

דער רב האָט אים אַ פרעג געטון אַ קשיא, הערשעלעס אויגן האָבן אַ בליץ געטון און ער האָט באַלד דעם תירוץ געטראָפן. דאָס האָט אים אויפגעמונטערט און ער האָט די איבעריקע גמרא נאָך שאַרפער און דרייסטער געזאָגט ביז ער איז געקומען צום „הדרן".

דער ראש-ישיבה האָט אַ האַלבע שעה געפירט אַ פלפול אַלס

„הדרן”, פון וועלכן דער עולם איז נתפעל געוואָרן, און די ווייבער האָבן געגענעצט און געשלונגען די אומפּאַרשטענדלעכע ווערטער, ווי פון אַ סגולה וועגן.

נאָכן לעקעך און בראָנפן האָט דער שמש אויסגערופן:

— מען איז מכריז און מודיע, אַז די, וואָס האָבן קיין בילעטן נישט געקויפט, זאָלן זיך נישט דרענגען אַריינצוגיין צו „מכירת יוסף,” ווארום דאָס איז אַ גזל צדקה! און מען בעט די נשים, זיי זאָלן זיך נישט מישן אין דעם מאַנסבילשן טייל!

עס האָט געקאָסט געגוג מי, ביז דער עולם איז פון בית-המדרש אַריין אין טעאַטער אַריין, און מען האָט די ווענט געגוג צופּאַטשט ביז מען האָט מיט „שטילער” איינגעשטילט די טומלער.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהייבן און דער עולם האָט דער-זען אַ „יעקב אבינו” מיט אַ גרויסער פלאַקסענער באָרד, איינגעהילט אין אַ טערקישער טוך.

לעבן אים ליגט אויסגעצויגן יוסף און האַלט דעם קאָפּ איינגע-טוליעט אין פאָטערס שויס.

יעקב האָט אָנגעהייבן זינגען

„שטיי אויף פון דיין שלאָף, מיין טייער קינד!
גיי צו דיינע ברידער, וווהין איך שיק דיך געשווינד.
ברענג מיר אַ ידיעה ביז מאָרגן פרי
פון זייער געזונט, פון זייערע פי!”

דער קול איז געווען אַ כריפּעדיקער און האָט געריסן די אויערן פון די צוהערער.

יוסף האָט זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעצוכעט, ווי אַ נאָכגעגעבן קינד, זיך אַוועקגעזעצט ביי יעקבס רעכטער האַנט און שפּילנדיק מיטן פאָטערס לאַנגע פלאַקסענע האָר, האָט ער מיט אַ ווייכער קינדערשער שטימע אויסגעזונגען זיין חלום: ווי די זון און די לבנה מיט די עלף שטערן בוקן זיך צו אים.

די שטימע מיט די אַלע באַוועגונגען זיינע האָבן אַלעמען איבערראַשט, און נאָך איידער ער האָט געענדיקט, האָבן שוין הונדער-טער הענט געפּאַטשט בראַוואָ, סיי פון דער מאַנסבילשער, סיי פון דער ווייבערשער זייט. און עס איז נישט שטיל געוואָרן אפילו, ווען יעקב האָט זיך אויף זיין ליב קינד מיט אַ הייזעריקער צעריסענער שטימע צעבייזערט. יעדער האָט געוואָלט וויסן, ווער איז דער יוסף, און איי-

נער האָט דעם אַנדערן געפרעגט וועגן דעמדאָזיקן שפּילער.

ענדלעך איז שטיל געוואָרן און עס האָבן זיך נאָר געהערט יעקבס לעצטע ווערטער, ווי ער פרעגט אים:

„צי וועל איך מיט דיין מוטער און דיינע ברידער זיך קומען בוקן צו דיר? דיין מוטער איז געשטאָרבן!"

יוסף האָט ווידער אָנגעהייבן זינגען אַ ליד. אַ טרויעריק רירנ-דיק-ליד:

„געשטאָרבן איז מיין ליבע יונגע מוטער!"

די ווייבער האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און די מאַנסלייט האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס ערנסט.

נאָך טרויעריקער איז די סצענע געוועזן, ווי יעקב האָט מיט זיין ליבן יוספן די פרשה פון „עגלה-ערופה" געלערנט, און זיך מיט אים געזעגנט.

ביסלעכווייז איז הערשעלע אַלץ ווייטער אין זיין ראָלע אַריין, ביז ער האָט שוין פון דער בינע אַראָפּ די וועלט נישט געזען, נישט געוווסט ווער דאָ איז דאָ און ווער דאָ פעלט.

און נישט נאָר הערשעלע, עס האָבן אויך די צושויער געמיינט, אַז דאָ קומט פאָר אַלץ אויף אַן אמת און דעריבער, ווען די ברידער האָבן אַ געשריי געטון: „הנה בעל החלומות הלזה באו!" און האָבן מיט געוואַלט אַ ריס געטון פון אים זיין זיידן העמדל, האָט דער ריס ביי אַ גרויסן טייל פון עולם אויך דאָס האַרץ צעריסן.

אייניקע מינוט איז דהערשעלע צעמישט און איבעראַשט גע-שטאַנען, אָנגעקוקט די ברידער מיט פאַרוווּנדערונג, ווי ער וואָלט זיי נישט דערקענט, אָדער נישט געוווסט, וואָס זענען זיי אַזוי אין כעס אויף אים. אָבער אַז זיי האָבן אָנגעהייבן אים צו שטויסן איינער צום אַנדערן, האָט ער פּלוצלונג דעם ערנסט פאַרשטאַנען און האָט מיט אַ רירנדיקער מעלאָדיע אָנגעהייבן צו בעטן רחמנות: רחמנות אויף זיינע יונגע יאָרן, רחמנות אויף דעם אַלטן פאָטער, וואָס וועט דעם טרויער נישט איבערלעבן...

נאָר זייער כעס איז אַלץ ווילדער און העפטיקער געוואָרן.

—טויטן אים !—האָבן זיי געשריען.—טויטן, אויף שטיקער אים צערייסן, אין אַ גרוב אים אַריינוואַרפן!

און הערשעלע האָט זיך געזעגנט מיט די ברידער פאַרן טויט, זיך געזעגנט מיט דער ליכטיקער זון אין הימל, מיט דער פרייער שיי-

נער וועלט, געבעטן גאָט, ער זאָל דעם פאָטער טרייסטן און מוחל זיין זיינע זינדיקע ברידער זיין אומזיסט פאַרגאָסן בלוט!..

דערווייל איז ראובן אָנגעקומען. כדי נישט צו דערלאָזן מען זאָל פאַרגיסן בלוט, האָט ער געהייסן, מ'זאָל אים אַריינוואַרפן אין שלאַנגען־גרוב.

זיי האָבן הערשעלען צוגעפירט צום גרוב. און שרעקלעך איז די סצענע געווען, ווי ער האָט די שלאַנגען און עקדעשן באַשווירן, צו זיין לייב מיט זייער גיפט זיך נישט צוצורירן.

כאָטש דער עולם האָט זיכער געוווסט, אַז דער „בור" דאָ אויף דער בינע איז נאָר אַ קאַסטן אָן אַ דעק, און אַז דער „רק", איז נישט נאָר אָן וואַסער, נאָר אפילו אָן עקדעשן און שלאַנגען אויך, פונדעסטוועגן, ווען די ברידער האָבן דעם עלנטן הערשעלען אין דעם קאַסטן אַריינגעשטויסן, האָבן פיל אויסגעשריען פול מיט פחד:

— אוי!..

איך מירעלע האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן האַרצן, און שיער נישט אַ געשריי געטון פון ווייטיק... אויף אַלעמען איז געלעגן אַ פּרעסנדיקע אַנגסט.

די ברידער האָבן זיך געזעצט עסן און טרינקען און פון דער אַנדערער זייט בינע זענען אָנגעקומען אַ באַנדע ישמעאלים, פאַרבונדן די קעפּ מיט רויטע פאַטשיילעס, און האָבן גערעדט תרגום־טערקיש גאָר אָן אַנטיק. עס איז באַלד אַ געשעפט געוואָרן: די ישמעאלים האָבן זייערע גאַרטלען אָפּגעבונדן, אָפּגעצאָלט נאָכן אַל"ף־בי"ת: אַני, באַני גאַני, ביז כאַני, דאָס הייסט ביז צוואַנציק. אַרויסגעצויגן פון שלאַנגען גרוב דעם בלאַסן צעשראָקענעם הערשעלען מיט אַ שטריק אונטער די פּעכן, אים אַ שמיץ געטון, אַ טרייב געטון, אַוועקגעשלעפּט אים אין דער טיפעניש פון דער בינע, און דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן.

אינם דריטן אַקט האָבן די צושויער געזען: אַ וועג אינמיטן פעלד, אויפן גראָז איז געלעגן אַ באַנדע מדינים און האָבן שטאַרק געכראָפּעט פון טיפן שלאָף.

מיט קייטן אויף די הענט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַ שטיין איז הערשעלע געלעגן און נישט געשלאָפן. פאַוואָליע האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהייבן, זיך צוגעקוקט צו אַ בערגל, וואָס האָט זיך פון דער אַנדערער זייט וועג געזען.

— האָ? וואָס זעען מיינע אויגן? — האָט ער שטיל געפרעגט. — אַ מצבה, אַ מצבה! מיט יידישע אותיות!..

אויף אַלע פיר איז ער צום קבר צוגעקראָכן, און האָט געלייענט: „פה נטמנה האשה הצנועה מנשים באהל מרת רחל בת לבן, אשת יעקב, בן יצחק, בן אברהם, מתלמידי שם ועבר!"

— מיין מוטערס קבר זע איך! — האָט ער ווי איבעראַשט אַ געשריי געטון, און איז אַ מינוט שטיל געבליבן, ווי דער אָטעם וואָלט אים פון באַקלעמונג פאַרפעלט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נישט דאָ אויפן בינע איז ער, נאָר דאָרט, אויף יענעם קליינשטעטלדיקן פאַרוואָרלאָזטן בית-עולם, וווּ זיין אָרעמע ליבע מוטער רוט. און ווי האָט געבענקט זיין האַרץ צו זען איר קבר און מיט זיינע טרערן די ליבע ערד צו באַנעצן, וואָס דעקט זי צו!.. פאַר איר קבר, דאַכט אים, שטייט ער, איר דערציילט ער זיין פיין, זיינע סודות, וועלכע זי נאָר איינע וועט זיי פאַרשטיין... זי איינע קאָן איצט צו גאָט גיין בעטן פאַר אים, פאַר איר... פאַר מירעלען, וועלכע זיצט דאָ אַזוי נאָענט און איז אַזוי ווייט פון אים!..

ער האָט זיינע, אין קייטן געשמידטע, הענט אויסגעשפּרייט, אַרומגעכאַפּט די מצבה, זיך צוגעטוליעט, ווי אַן אומגליקלעך קינד צו דער טרייער מוטער זיינער, און האָט מיט אַ וויינענדיקער רירנדיקער שטימע אָנגעהייבן זינגען:

צו דיין קבר, מוטער, ווער פאַלט צו אַצינד,
דערקענסטו דיין יוסף, דיין ציטריק קינד!
דיין קינד, וואָס דו האָסט מיט פיין געבוירן,
דיין זון, וואָס האָט דיך אַזוי יונג פאַרלוירן!

מיר איז ביטער, מאַמע, מיר איז שלעכט!
פאַרקויפט מיך האָט מען פאַר אַ קנעכט..
די קענסטו, מאַמע, עס זען און הערן,
דיין ליבער יוסף זאָל אַ קנעכט ווערן?!

פון דיין קבר, מוטער, שטיי אויף געשווינד,
צו גאָט גיי בעטן פאַר דיין קינד!
מיין עלנט זאָל ער זען, מיין פיין צוהערן,
צום ליבן פאָטער מיך צוריק אומקערן!

אָדער נעם מיך צו צו זיך אין גרוב...
ווּ איז מיין היים, ווּ איז מיין שטוב?
ביטער איז מיר, נישט אויסצורײדן,
פון דיין קבר זיך איצט צו שיידן!..

ביי דיר, מאַמע, בלייבט מיין האַרץ
דו ווייסט זיין עלנט, דו קענסט זיין שמאַרץ!
ענטפער, מוטער, ענטפער מיר,
אָדער נעם מיך אַריבער צו דיר!.. א. אז. וו.

און וואָס ווייטער ער האָט געזונגען, אַלץ מער האָט זיך זיין אָנגעקלעמט האַרץ געפּעפּט, און טיפער און ריירנדיקער איז זיין שטימע געוואָרן. ער האָט גראָד אין דער מינוט דערזען מירעלען — זי איז לעבען איר מוטער אויף דער ערשטער באַנק געזעסן, — אַלע זיינע ליידן און פּיין האָבן זיך אויפגעוואַכט און האָבן זיך אין די ווערטער פונם ליד און אין זיין זיסער שטימע אויסגעגאָסן. אויך טרערן, אמתע, נישט טעאַטער-טרערן, האָבן זיך איבער זיינע ברענענדיקע באַקן געגאָסן. עס האָבן כמעט אַלע צושויער מיט אים מיטגעוויינט; נאָר קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט דעם אמתן קוואַל, פון וואַנען זיינע טרערן פליסן היינט אַזוי...

די מדינים האָבן זיך פון זייער שלאָף אויפגעוואַכט, זיך אויף דער בינע געהעריק אויסגעצוכעט, און אָנגעהייבן אָפּלאַכן און חוזק מאַכן פון יוספן, וואָס ער קלאָגט און רעדט צו אַ שטיין.

הערשעלע האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר אַז זיי זענען צו צו אים, מיט געוואַלד אים אַ ריס געטון פונם קבר, האָט ער מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע אַ געשריי געטון:

— מוטער, מוטער!

דאָס געשריי איז אָבער אַזוי נאַטירלעך געוועזן, אַז עס האָט די צושויער פאַרן האַרצן אָנגעכאַפּט. מאַנכע געזונטע רחמנים בני רחמנים האָבן זיך פון די ערטער אַ הייב געטון מיט צוזאַמענגעקלייגטע פויסטן, גרייט צו לויפן ראַטעווען הערשעלען פון די ווילדע מדינים. איינע ווייבערשן טייל האָט זיך אויפגעהייבן אַ געוויין און אַ כליפּעריי, ווי אין שול צו „ונתנה תוקף".

פּלוצלונג האָט מען דערהערט אַ שטימע פונם קבר אַרויס:

„דיין געוויין, מיין קינד, האָב איך דערהער
פון גאָט דעם ליבן איז דיר אזוי באַשערט...
דיינע חלומות זאָלן נאָך מקוים ווערן,
מוזטו גיין צוריק צו דיינע הערן.
באַצאָלן וועט דיר גאָט פאַר דיין פיין,
און די גליקלעכסטע פון פרויען וועט דיינע זיין!

דער עולם האָט די שטימע פון דער געשטאָרבענער מוטער רחל בחוש געהערט און געפילט אַ טרייסט. די רחמנים בני רחמנים האָבן זייערע צוזאַמענגעלייגטע פויסטן געעפנט, זיך אויף די ערטער צוריק צעזעצט. די ווייבער האָבן אָנגעהייבן די אָנגעוויינטע אויגן אויסצוטרי־קענען, און די מדינים האָבן הערשעלען מיט געוואַלד אַריינגעשלעפט אין דער טיפעניש פון דער בינע. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן.

ערשט איצט איז געוואָרן אַ שטורם פון בראַוואָ.

—בראַוואָ, יוסף" בראַוואָ, הערשעלע! — האָבן יונג און אַלט גע־קלאַפּט און געשריען.

—קום שוין אַרויס, יוסף ליבער!—האָבן אַלטע ווייבער געבעטן.— „קום ווייז אונדז דיין ליכטיק פנים, לעבן זאָלסטו! זאָלן מיר שוין זען דעם נחת דיינעם פאַר אונדזער צער, ליבער יוסף!

הערשעלע איז אַרויס, זיך שעמעוודיק, אָבער אַנשטענדיק זיך געבייגט צום עולם רעכטס און לינקס, ווי צו „עושה שלום". אויך צו מירעלען האָט ער זיך אַ בייג געטון. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און האָבן אין איין מינוט טויזנט דאַנקען, טויזנט ברכות און סודות זיך צוגעשיקט.

אין איין האַלבע שעה צייט איז רחלס קבר פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין פרעה מלך מצרימס פרעכטיקן פּאַלאַץ פון טעקטור און אָפּ־געקאַלכטע ברעטער.

אין דער גאַנצער צייט איז מירעלע, ווי אַ פאַרחלומטע געזעסן, אומעטיק, פאַרטראַכט און האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס זי טראַכט. זי האָט זיך פון איר חלום ערשט דאַן אויפגעכאַפּט, אַז זי האָט דער־הערט, ווי אַ מיידל, וואָס איז הינטער איר געזעסן, האָט דער אַנדע־רער אַ סוד אין אויער איינגערוימט:

—אוי מינעלע, איך חלש! מיר ווילט זיך אים אַלע גלידער אויס־

קושן ! זע, ווי שיין ער איז !...

און מירעלע האָט אירע אויגן אויפגעהייבן און האָט אויף דער בינע דערזען אַ יונגן מענטשן, אין גוט צוגעפּאַסטע גענעראַלסקע קליי־דער, שטייט מיט שטאָלץ און ווירדע אָנגעשפּאַרט אויף זיין בלאַנקען דעגן. און זי האָט זיך געמוזט גוט צוקוקן, צי איז דאָס דערזעלבער הערשעלע: אַזוי מאַיעסטעטיש שיין האָט זי אים אַפילו אין חלום נישט געזען.

זיין מעכטיקער באַפעלנדיקער טאָן צו זיינע באַדינטע, זיינע קלוגע רייד מיט די ברידער און זיינע אַלע באַוועגונגען דאָ אין דער ראָלע זענען געווען אַזוי נאַטירלעך, ווי ער וואָלט ווירקלעך געווען דער מעכטיקער גענעראַל, אין וועמענס קליידער ער האָט איצט אַזוי געשיינט.

אירע אויגן זענען ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו דעם פּונקט, ווו הערשעלע איז, ווי אַ קעניג געשטאַנען צווישן זיינע באַדינטע, און זי האָט פאַרגעסן, אַז דאָס איז דערזעלבער הערשעלע, וואָס זיין אָרעמקייט און עלנט האָבן ביז איצט איר האַרץ צעריסן. איר האָט זיך אין דער מינוט געוואָלט זיין רייכער און שענער, ווי זי איז: אַזוי האָט זיך איר געדאַכט, איז זי צו אָרעם, נישט ווערט גאָר צו טראַכטן אַמאָל זיינע צו זיין. „גוט, וואָס איך האָב נישט פּאַרשפּעטיקט אים ביז איצט פריינט־שאַפט צעווייזן,״—האָט זי זיך געטראַכט,—„ער וועט מיר מיין פריינט־שאַפט נישט פאַרגעסן !...״

ברײַנדעלען איז קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס איר ליב קינד איז אַזוי פאַרטראַכט און אומעטיק. אַנדערע האָבן זיך פון דער פריער־דיקער סצענע רויטע אויגן אָנגעווײנט. זי אַליין האָט אויך דאָס טיכל עטלעכע מאָל צו די אויגן צוגעטראָגן, און וואָס איז דער חידוש, אַז איר תמיד מיטליידיקע, גוטע מירעלע איז פון דער סצענע אומע־טיק !

— איצט, מיין טאָכטער, — האָט זי מירעלען געטרייסט, —איצט דאַרפסטו שוין פריילעך זיין! זע נאָר, ווי גאָט פאַרלאָזט נישט !... זע יוספס גדולה, זיין פּאַלאַץ, זיין גאָלדענע שטול!... זע זיין שיין פנים, ווי די ליכטיקע זון אין הימל שיינט ער דאָך!... אַ חידוש, אַז די ברי־דער דערקענען אים נישט...

מירעלע האָט אַלץ געזען און האָט היינט ערשט הערשעלען רעכט דערקענט.

גאָר קיין חידוש נישט,—האָט אַ יונג ווייבל אַ זאָג געטון, וואָס זליכה, פּוטיפרס ווייב, האָט זיך אין אים איינגעליבט, און וואָס די ווייבער האָבן, שניידנדיק די מאַראַנצן, זיך די פינגער אָפּגעשניטן, קוקנדיק אויף זיין שיינקייט!... עס איז ממש אין זיין ליכטיק פּנים זיך נישט איינצוקוקן... אַזאַ בילד, אַזאַ פּאַרשוין!...

דערווייל האָט זיך דער לעצטער אַקט געענדיקט. מאַנסלייט זענען אויפן בינע אַרויף, געדאַנקט הערשעלען, געדריקט די הענט און געקושט, און מירעלע האָט נאָך געהערט, ווי איין מיידל זאָגט צו איר חברטע:

—ווי איך בין מקנא יענעס מיידל, וואָס וועט ווערן זיין אַזאַ שייִנעם חתן צו האָבן!...

—דער שווער, זאָל געזונט זיין, איז טאַקע גערעכט געווען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן, אַז ווייבער זאָלן אויך קומען זען!— האָט געזאָגט דעם רבס שנור, דערציילנדיק ברײַנדעלען און מירעלען די חצופּישע רייד, וואָס זי האָט זיך דאָ איצט אָנגעהערט, אַליין אָבער האָט זי נישט געקאָנט זיך זאַט אָנקוקן אויף יוספן. וועלכער איז שוין פון בינע אַראָפּ און זיך געלאָזט קושן פון דעם ראש-ישיבה און פון די בעלעבאַטים פאַר זיין גוט שפּילן און נאָכמער פאַר זיין שיין זינגען.

—קום שוין אַהיים, קום שוין! — האָט אַ מאַמע, שלעפּנדיק איר טאָכטער פאַרן האַנט, געופן.—וואָס ווערסטו שוין דאָ נאָך זען? גענוג זיך אָנגעזען, גענוג אָנגעהערט...

אינמיטן האָט דער שמש נאָכאַמאָל אויסגערופן:

— ווייבער, מיידלעך און נישט געבעטענע, בעט מען אַהיימגיין!

— אַז אָך און ווי צו אונדזער מזל!—האָט זיך עפּעס אַ יידענע אָפּגערופן.—מיר גייען אין מאַרק אַריין, מיר ווערן פאַרשוואַרצט און קאָכן, און אַז עס קומט צו דער סעודה, הייסט מען אונדז גיין אַהיים!...

— וואָס דען מיינט איר?—האָט די רביצין געענטפערט.—אומזיסט מאַכן די מאַנסלייט די ברכה: „שלא עשני אשה? איידער אַן אשה,

איז שוין בעסער נישט געבוירן צו ווערן !... קומט שוין, קומט שוין ווײבערלעך.

מען האָט די רביצין געפּאָלגט און מען איז אַרויסגעגאַנגען, נאָר איין האַרץ איז דאָ געבליבן... דאָ, ווו הערשעלע וועט נאָך זינגען צום טיש, און קיין מיידל וועט אים נישט זען און נישט הערן מער...

ו׳

און דער רב איז טאַקע געערכט געווען.

ווי די שעכטער פון מצרים זענען אַמאָל אויף די מויערן גע-קראָכן, צו זען זייער בייעס, שיינעם משנה למלך, אַזוי האָבן איצט פיל מיידלעך אָנגעוואָנדט אַלע מיטלען און המצאות, אַבי צו זען דעם נייעם יוספן און די געלעגנהייט צו האָבן מיט אים זיך צו באַקע-נען.

מירעלעס באַקאַנטע האָבן ביי איר גאַנצע שעות פאַרבראַכט, כלומרשט גלאַט אַזוי פון פריינטשאַפט צו איר, און האָבן געהאָפט דעם מאָרגנדיקן מיטוואָך „אים״ ביי איר צו זען, נאָר הערשעלע איז דעם מיטוואָך גראָד נישט געקומען.

דעם ראש-ישיבהס ווייב האָט פון דעם געבליבענעם דראָב פון נעכטיקער סעודה ביי זיך אינדערהיים אַ באַזונדערן מאָלצייט גע-מאַכט פאַר די ישיבה-בחורים, און הערשעלע האָט היינט נישט געקאָנט גיין עסן.

נישט דערוואַרטנדיק זיך אים ביי איר, האָבן אַנדערע אַ פרעג געטון, צי קען זי אים? צי איז ער טאַקע אַזוי שיין, ווי ער האָט זיי געלויבט אויסגעוויזן?

מירעלע האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס זיי האָבן זי היינט באַ-זוכט און צו אירע נעכטיקע איינדרוקן איז נאָך צוגעקומען אַ ניי גע-פיל פון אייפערזוכט. זי איז גערן געווען, וואָס הערשעלע איז היינט נישט געקומען עסן.

אויף מאָרגן האָט אים ברוך דעם קצבס טאָכטער, אַוועקגעלייגט אונטערן טעלער אַ צעטעלע און אים געבעטן איבערלייענען. ער האָט געלייענט:

„הערשעלע, איך האָב אייך ליב, ווי מיין לעבן און נשמה! האָט מיך אויך ליב, וועט אייך גוט זיין!...

פון מיר אייער געליבטע שרה־פייגע טאָבוכאָוו.“

„איך בעט דאָס בריוועלע צוצורייסן, דערווייל דאַרף עס נאָך קיינער נישט וויסן!...“

ער האָט כמעט נישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל זי פון אים. „צי מיינט זי עס נישט חוזק צו מאַכן?“

ער האָט דאָס בריוועלע אין קליינע שטיקלעך צעריסן און איז אין כעס געוועזן אויף „אַזאַ חציפות.“

אַרויסגייענדיק, האָט ער זיך מיט איר אין פאָרהויז באַגעגנט. דאָ דאָט זי אים אָפּגעוואַרט אויסצוהערן זיין תשובה אויף איר בריוועלע.

—וואָס זאָגט איר, הערשעלע? — האָט זי געפרעגט אָן אַן אָטעם, ווי אַן איבערגעשראָקענע.

—עס פּאַסט גאָר פּאַר אייך נישט! — האָט ער געענטפערט און האָט זיך געוואָלט אַ קער טון צום טיר.

אָבער זי האָט אים פאַרן האַנט אָנגענומען און געשוואָרן, אַז זי מיינט עס אין אמת... און אַז דער טאַטע אירער וועט אויך מסכים זיין, ווייל ער האָט אים אויך ליב!

ער איז אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט, וואָס זי האָט אין דער שטיל מיט אַן איבערגעכאַפּטן אָטעם גערעדט און ער איז, ווי אַ גנב אַרויסגעלאָפן.

— אַ נייער יצר־הרע, אַ ניי אָנשיקעניש אויף מיר! —האָט ער צו זיך גערעדט. — עפּעס קומט מיר אָן די געשיכטע פון יוספן מיט אַלע פּיצעלעך אויסצושפּילן. נאַ דיר גאָר אַ זליכה אין ברוך דעם קצבס שרה־פייגען!...“

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטראַכט, וואָס זאָל ער טון? ווי אַזוי זאָל ער פטור ווערן פון דער משלחת? זאָל ער אויפהערן צו גיין עסן ביי ברוכן? קאָן זי נאָך פון כעס אפשר אויסטראַכטן אויף אים אַ בלבול, אַ שקר־בלבול, און ברוך וועט מסתמא איר מער גלויבן ווי אים און וועט זיך אָן אים נוקם זיין... ווי פוטיפר מיט יוספן...“

נישט ברוכס נקמה האָט אים געשראָקן, נאָר טאָמער דערהיסט זיך מירעלע, זיין „מלאָך,‟ זיין „עדינה,‟ זיין „משאת נפשו...‟ און ווי וועט ער איר דערקלערן, אַז עס איז נאָר אַ בלבול, אַ שקר מוחלט, ווייל זיין הארץ קאָן גאָר צו אַזאַ בייזער מחשבה נישט קו-מען !...

די דאגה האָט אים פאַרפינסטערט זיינע אַלע ליכטיקע האָפע-נונגען, וואָס האָבן זיך פריער אין זיין מוח געמישט פון זיין אויסצייכענען זיך מיט זיין זינגען פאַר אַלע באַלעבאַטים און נאָכמער פאַר איר...

אויף מאָרגן, ווען ער האָט נאָך געדאַוונט, האָט אים עפּעס אַ נישט באַקאַנט יינגל דערלאַנגט אַ בריוועלע און איז באַלד אַנטלאָפן געוואָרן. אַז ער האָט צוזאַמענגעלייגט די תפילין, האָט ער דאָס בריוועלע גענומען לייענען:

„צום האָכעדעל פיל געשעצטען אַקטיאָרען, (אויף טייטש הייסט עס : שוישפּילער) דער, וואָס האָט יוסף געשפּיעלט!!!

„איך האָב די עהרע אייך צו מעלדען, האָכעדעלער הערע, אַז אייער שפּיעלען אויף דער ביהנע איז מיר העכסט געפעהלען !... איך בין זעהר ענטציקט פון אייער זינגען. מיט אַזאַ שטימע מעג זיך באַריהמען דער גרעסטער אַקטיאָר אויף די גרעסטע קאָנצערטען!.. איך שיק אייך מיין דאַנק פאַר פיל פערגעניגען, וואָס איהר האָט מיר פעראורזאַכט, דאָס הייסט, וואָס איך האָב געהאַט, בעת איך האָב אייך געהערט און אויך ג ע ז ע ה ע ן...

איך האָפּע אויף אייער עדעלע הערצענס געפיהלע, אַז איר וועט מיר פערצייהען, וואָס איך, אַלס פריילין, נעהם מיר מוטהיגקייט צו אייך צו שרייבן... כאָטש איהר האָט נאָך מיט מיר קיין בעקאַנטשאַפטליכקייט נישט. אין די גרויסע שטעדט, אין וועלכע איך האָב בערייזט, איז שוין די מאָדע אַזוי, אַז אַפילו אַ פריילין מעג אויך שעטצען און אַכטען גרויסע טאַלענטען, ווי אייערע... בפרט דאָ, אין אונזער פינסטערן פּראָווינץ-שטעדטעל, וואָס די דוממע פאַנאַטישע לייטע, (דאָס הייסט : די חסידים) פערשטעהען נישט, ווי אייך צו שעטצען און צו אַכטען, און האָבען נישט אַזאַ געפיהל פאַללעס הערץ פאַר אייערע האָכעדעלע געפיללע ! ! אַלזאָ מיין עדעלער הערר, וועט איהר פערשטעהען, אַז דאָס שרייבט נישט אַבי ווער!.. ווילט איהר וויסן, ווער עס ווינשט אייך גליקזעליגקייט און גרויס עהרע, מיט פיעל גוטס, פון גאַנצען טיעפען געפילפאָלען הערצען, זאָללט

איהר אַזוי גוט זיין געהן שפּאַציערען קינפטיגען זונאָבענד (שבת) פאַר נאַכט צו דער בריקע, וועט איהר זעהן אַ פריילין מיט אַ ווייסען שאַל און מיט אַ ווייסען פעדער אויפן הוט מיט האַנדשוהען... און אַז זי וועט זיך אָפּשטעלן, ווי זי וועט אייך דערזען, וועל איך עס זיין!!!...

אין טעאַטער, וואָס איהר האָט געשפּיעלט, בין איך די צווייטע געזעסען, פון מיין פריינדין מאַרי, ברײנדעלעס טאָכטער, מיט אַ פּאַ־כער אין האַנד. צום ווידערזעהן, אַדיע !!!״

קיין אונטערשריפט איז נישט געוועזן.

דאָס בריוועלע האָט נאָך אַ טיפערן איינדרוק געמאַכט אויף הער־שעלען, אין אים האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט טעאַטער געשפּילט... עס האָט זיך אים געדאַכט, ער איז שוין זינדיק פאַר גאָט, וואָס ער לייענט גאָר אַזעלכע זינדיקע בריוועלעך...

ער האָט דערמאַנט די גמרא, וואָס זי דערציילט, אַז טאַקע נאָר דעריבער איז יוסף געשטראָפט געוואָרן מיט דעם נסיון פון זליכהן, ווייל ער האָט זיך איבערגענומען מיט זיין שיינקייט, און אבשלום בן דוד איז געשטריכלט געוואָרן דורך זיינע לאַנגע האָר נאָר דערפאַר, וואָס ער פלעגט זיך מיט זיינע האָר פוצן און קרייזלען, חן צו געפינען, און כאָטש ער, הערשעלע, האָט זיך קיינמאָל נישט באַרימט מיט זיין שיינקייט, אָבער פאַרן שפּילן האָט ער אויך זיינע האָר געקרייזלט, און האָט אויך אַ הנאה געהאַט, קוקנדיק אין שפּיגל, ווי שיין ער איז אין די גענעראַלסקע קליידער.

— ווער ווייס,—האָט ער מיט אַנגסט צו זיך גערעדט,—„עבירה גוררת עבירה״... איך קאָן נאָך, חלילה, צו אַ מכשול עון קומען... און וואָס וועט ז י זאָגן ?

— ניין, מירעלע! דו ביזט מיין מלאך, מיין יצר טוב ! טראַכט איך פון דיר, קאָן איך דעם יצר הרע אַ פייג אויסשטעלן !..

אַ גאַנצן שבת איז ער פון בית-המדרש נישט אַרויס און האָט געלערנט מיט התמדה, כאָטש עס איז שוין בין הזמנים געווען, ווען אַ ישיבה-בחור מעג אפילו גיין שפּאַצירן. און אַלע חברים זיינע זענען טאַקע געגאַנגען צו דער בריק פונם שטעטל, זען ווי דער אייז ווערט צעבראָכן און די טייך טראָגט אַוועק געהילך און פאַרפלייצט אַרומיקע הייזלעך. ער אָבער האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיט דעם אומבאַ־קאַנטן פריילן, וואָס האָט אים דאָס בריוועלע געשריבן און איז אַליין אין בית המדרש געבליבן.

פאַרנאַכט האָט ער „אשרי תמימי דרך״ געזאָגט מיט אַזאַ אומעטיקן ניגון, פונקט ווי די ווערטער פון די פסוקים וואָלטן נאָר זיין וווּנד, זיין האַרץ אויסגערעדט.

נאָך טרויעריקער איז ער געוואָרן דעם קומענדיקן מיטוואָך: ער האָט געהאָפט מירעלען הייַנט צו זען. איצט האָט ער געהאַט מוט מיט איר צו רעדן, אפילו צו זינגען פאַר איר, אויב זי וועט נאָר בעטן. נאָר מירעלע איז נישט אַרויס פון איר צימער. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אין כעס אויף אים. דורכגייענדיק דורכן קיך, האָט דבורקע, בריינדעלעס דינסטמיידל, אַ קוק געטון אַזוי ווי זי וואָלט אים אין אויער אַרייַנגעשריען: „איך ווייס, דו מיינסט נישט אַזוי דאָס עסן, ווי דאָס פריילן!..״

אַרויסגייענדיק, האָט ער בריינדעלען באַגעגנט. זי איז מיט שלמה דעם שדכן נעגאַנגען. אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אים געפרעגט, צי מען האָט אים געגעבן עסן? און ער האָט געפילט, אַז דאָס באַרימט זי זיך פאַר שלמהן, אַז זי גיט אַ ישיבה-בחור אַ טאָג, ער זאָל עס וויסן אַ מחותן צו דערציילן.

פינסטער זענען אים די גאַסן געוואָרן, כאָטש די זון האָט אַזוי ליכטיק געשייַנט.

— זייַן זון איז מירעלע, אָבער זי וועט באַלד אַ כלה ווערן! — האָט זייַן האַרץ געשריען. — און איך וועל מער מיין ליכט נישט זען!...

קומענדיק אין בית-המדרש, איז ער אומגעגאַנגען הין און צוריק. אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזען, איז קאַלט און אומעטיק געווען... אים האָט זיך געוואָלט זיך זעצן לערנען, תהילים זאָגן, צוריק פרום ווערן, ווי אַמאָל, נאָר ער האָט די ווערטער פון דער גמרא נישט געקאָנט אָנכאַפּן: זיי זענען עפּעס אומגעשוועמען, ווי אין אַ ים טרערן. זיי האָבן זיך אין לופטן אומגעטראָגן פאַר זייַנע אויגן, און דאָס האַרץ נאָגט און טאָטשעט אַזוי ווי אַ וואָרעם וואָלט דאָרט געזעסן...

זייַנע חברים האָבן שוין געהאַט אַ ידיעה, וואָס פאַר אַ רושם הערשעלעס יוסף-ראָלע האָט געלאָזן אין די הערצער פון די שטאָטיקע מיידלעך.

נישט אַלע אָבער זענען אַזעלכע תמימים און אומשולדיקע געווען, ווי ער: עס האָבן זיך אויך אין דער ישיבה, ווי אין יעדער אַנדערער ישיבה אַזעלכע בחורים געפונען, וואָס האָבן שוין זייער ראָמאַן אין האַרצן

געטראָגן, אפשר גאָר אָן אייגענער שולד, אָן אייגענעם ווילן, נאָר חייז זיי זענען אין די יאָרן געוועזן, ווען דער ראָמאַן קומט נישט געראָפן און געפינט זיך נישט געזוכט...

דאָס ישיבה־בחורשע האַרץ האָט אויך יונג בלוט און זיין לעבן האָט אויך אַ פרילינג!.. שיינט די זון אַרויס און שיקט אַ וואַרעמען פרילינגסשטראַל אויף דער וועלט, שפּראָצן און אַנטוויקלען זיך בלומען שיינע אונטער אַ העק, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרלאָזטן ווינקל, פּונקט ווי אין דעם פּרעכטיקן שיין באַפּוצטן גאָרטן!.. די נאַטור איז גוט צו אַלע אירע באַשעפעניש און פאַרגעסט נישט אויך דעם פאַרשטויסענעם ישיבה־בחור אין בית־המדרש אויף דער טרוקענער האַרטער באַנק! נאָר ווי יעדע פאַרוואָרלאָזטע צעטרעטענע בלום פאַרלירט איר ריח און שיינקייט פאַר דער צייט, אַזוי ווערט אויך דער ישיבה־בחורשער ראָמאַן זייער אָפט מיט די פיס צוטרעטן, און אַנשטאָט אים אויסצובילדן, ער זאָל ווערן אַ מענטש, ווערט אָפט פאַרדאָרבן זיין אונשולד מיט זיין געזונט צוזאַמען...

צווישן הערשעלעס חברים זענען אַזעלכע אויך געוועזן, און פון די האָט ער פיל געליטן און געמוזט שווייגן.

יעדן טאָג האָבן זיי אים ידיעות געבראַכט, וועלכעס מיידל איז שוין אין אים פאַרליבט און וועלכעס האָט בדעה ערשט זיך אין אים צו פאַרליבן און זוכט אַ געלעגנהייט מיט אים זיך צו באַקענען.

זיי האָבן אים אויך עצות און געניטקייט געלערנט, ווי אַזוי זיך צו פירן, עס זאָל אים געראָטן, די קעפּ זיי צו פאַרדרייען.

ער פלעגט רויט ווערן פון בזיון, און זיי פלעגן פון אים לאַכן, אים אָנרופן „בעל גאווה!" „צבוע!" וואָס ער פאַרשטעלט זיך פאַר זיי פאַר אַזאַ תמים.

ער האָט נאר איין טרייסט געהאַט אין דעם מאמר פון דער גמרא: „יהא חלקי ממי שחושדין ואין בו!"

אין זיין בענקען און טראַכטן וועגן מירעלען האָט ער קיין זינד און זינדיקע מחשבה נישט געפונען.

איינמאָל איז אויך צו רייד געקומען וועגן מירעלען.

— כאמה כן בתה! — האָט איינער אַ זאָג געטון. — ווי די מאַמע אַן ארורה, ימח שמה! אַזוי איז די טאָכטער אַ בעל־גאווהטע! ווי די מאַמע איז די רייכסטע, אַזוי איז די טאָכטער די שענסטע און געבילדעטסטע! ווי די מאַמע פאַרגינט אַ ישיבה־בחור דעם ביסן ברויט נישט,

אַזוי פאַרגינט די טאָכטער אפילו נישט אַ קוק צו טון אויף אַ ישיבה-בחור... אַ רוח אין איר און אין איר מאַמען אַריין!..

— הערסטו, הערשעלע,—האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופן,—וואָלט איך געווען אויף דיין אָרט, כלומר, אַזוי מיינט דער פסוק: אַז איך וואָלט עסן אַ יאָר צייט ביי ברײַנדעלען, האָבן דיין שטימע, דיין חן, און וואָלט מיך אַזוי אויסגעצייכנט ווי דו און „יוסף"—ווי איך בין אַ ייד, אַז זי וואָלט זיך אין מיר פאַרליבט. באַדאַי זי מיט איר מאַמען וואָלטן אַ כפרה ווערן! זיי אַ מענטש און זע קונה עולמך בחייך צו זיין!.. נישט פאַרגעס, אַז זי איז די ערשטע יפת תואר און די רײַכסטע... געדענק נאַר, זאָלסט קיין בעל-גאווה נישט ווערן און פאַרגעסן מיר מכיר טובה צו זיין פאַר מיין עצה!

— דברים בטלים ומבוטלים!—האָט זיך אָפּגערופן נאָך איינער.— צו הויך סאָר מען זיך נישט אָנמעסטן: מען קען אַראָפּפאַלן און צע-ברעכן האַלז און נאַקן!

— גאָר קיין ראיה נישט, אַז נישט! — האָט אַ פּערטער אַ געשריי געטון. — רוצה אשה בקב ותפלות מעשרה קבין ופרישות!

— נשים דעתן קלה! אַז מען האָט שכל, קאָן מען גובר זיין זייער גאווה!—האָט נאָך איינער זיין מיינונג געזאָגט.

— מנלן? פון וואַנען איז געדרונגען, אַז זי איז שוין נישט פאַר-ליבט?—האָט אַ צוגעקומענער געפרעגט מיט אַ גמרא-ניגון — איך קאָן שווערן, אַז זי איז שוין איינגעקאָכט אין דיר, הערשעלע! און דו, שוטה, ווייסט דיין גליק נישט ווי צו געפינען!

— ומנלן, פון וואַנען איז דאָס געדרונגען, אַז יאָ?—האָבן אַלע אַ פרעג געטון מיט דעמזעלבן גמרא-ניגון.

—איך לערן דאָס אָפּ פון אַ קל וחומר און פון אַ גזרה שוה!—האָט דער ערשט צוגעקומענער געענטפערט.—מה דאָך, גאָר פרעמדע מיידלעך, וואָס האָבן דיך צום ערשטן מאָל געזען און ווייסן נישט דיינע מעלות, זענען אָן אַ קאָפּ און אָן אַ האַרץ אַוועק, אַז זיי האָבן דיך אַלס-משנה למלך מצרים געזען, היינט ברײַנדעלעס טאָכטער, וואָס זי זעט דיך אַלע מיטוואָך פון נאָענטן, וואָס אפילו איר מאַמע, די ארורה, ימח שמה, קאָן דיך נישט אָפּלויבן פאַר דעם חן, וואָס דו האָסט אין אירע אויגן, מכל שכן, אַז זי מוז דיך ליב האָבן!.. האָסטו אַ קל וחומר, פון דער גזרה שוה איז נאָך מער ראיה: נאָמר „זינגען" ביי אַ מיידל, וואָס איך

ווייל נישט פרוש בשמה זיין, ונאמר „אינגעף" ביי בריינדעלעס מיידל, לערנען מיר דערפון אָפּ: אַזוי ווי יענס מיידל איז אין דיר איינגעקאַפּט און שטאַרבט, ווען זי דערמאנט דיין נאָמען, פאַרוואָס? ווייל זי האָט אַ געפיל אין זינגען, אַזוי האָט בריינדעלעס בת־יחידה נאָכמער געפיל אין דיין קול נגינה, און איז על פי סברא מחויב דיך צו ליבן, לכל הפחות, אַזוי ווי יענס, וואָס איך וועל דיר אַמאָל מגלה זיין, ווער זי איז!

דער קל וחומר און די גזרה שוה זענען אלעמען געפעלן, און עס איז בהסכם כלם געבליבן, אַז בריינדעלעס טאָכטער איז אין הערשעלען פאַרליבט. נאָר ער איז אַ שוטה און איז עתיד ליתן את הדין, אויב ער וועט נישט ווערן בריינדעלעס איידעם בחופה וקדושין כדת משה וישראל.

— וואָס זאָגסטו?—האָבן אים אַלע אַ פרעג געטון.

הערשעלע האָט נאָך אנפאנגס כּוח געהאַט זיך צו פאַרשטעלן, אַז האָט עס געהערט גלייכגילטיק. נאָר ביסלעכווייז האָט אים דער כוח פאַרלאָזן, זיין געזיכט איז מינוטנווייז רויט און בלאַס געוואָרן, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, וואָס זיינע חברים רעדן אַזעלכע דברים רעים אויף בריינדעלען און נאָכמער, אויף זיין „עדינה", זיין ליכט און זיין זון. נאָר טאָמער דערוויסט מען זיך דורך זיין כעס דעם סוד, וואָס ביי אים אין האַרצן איז, האָט ער דעם קאָפּ איינגעבויגן און נישט גערעדט איין וואָרט.

אַז זיי זענען אבער שטאַרק צוגעשטאַנען, ער זאָל זאָגן, וואָס קלערט ער, האָט ער געענטפערט מיט אַ פסוק פון תהלים:

— ואתה דמית, און איר מיינט, היות אהיה כמוך, איך זאָל אַזוי אומפאַרשעמט זיין, ווי איר? זאָג איך אייך: ניין! נישט לומדי תורה, נאָר עוזבי תורה, פורעי מוסר זייט איר! לא די, וואָס איר טוט אפשר מעשים, וואָס איז אַ חרפה אפילו במחשבה צו טראַכטן, זייט איר נאָך מנבל פּה און באַרימט זיך דערמיט אין אַ מקום קדוש!.. חוצדעם זייט איר מוצא לעז אויף אַ יידישע טאָכטער און רעדט מיך נאָך אויף אָן צו גיין אין אייערע דרכים!

— שוטה, פתי וגם הרוח! האָבן צוויי מיטאַמאָל געענטפערט. די איבריקע האָבן בבשת פנים געשוויגן.

—מוטב שאהיה שוטה ולא אהיה רשע!—האָט ער, זיך אָפּקערנדיק פון זיי, געזאָגט. צוגייענדיק צו דער גמרא, האָט ער אויף זיך דעם פסוק

געלייענט: „אשרי האיש, ווייל איז דעם מענטשן, אשר לא הלך בעצת רשעים, וואָס איז נישט געגאַנגען אין דער ראַט פון רשעים, ובדרך חטאים לא עמד, און אינם וועג פון זינדיקע איז ער נישט געשטאַנען, ובמושב לצים לא ישב, אין אַ זיצונג פון לצים, פּוסטאָפּאַסניקעס, באַ־רעדער, לצנות־טרייבער—איז ער נישט געזעסן. וואָס דען טוט ער? כי אם בתורת ה׳ חפצו, נייערט אין גאָטס תורה איז זיין באַגער, ובתרתו יהגה יומם ולילה, און אין לערנען פאַרברענגט ער טאָג און נעכט!..״

מיט די ווערטער האָט ער צוריק אָנגעהייבן לערנען מיט דעמ־זעלבן ברען ווי אַמאָל, און האָט געהאָפּט דורך דעם געהיילט צו ווערן פון זיינע אָפענע און באַהאַלטענע ווונדן.

ז

בעצת רשעים איז הערשעלע נישט געגאַנגען, אין וועג פון די זינדיקע — נישט געשטאַנען, און אין אַ זיצונג פון זיינע לצנות־רעדנדיקע חברים איז ער אויך נישט געזעסן, אָבער לערנען ווי אַמאָל, טאָג און נאַכט לערנען האָט ער שוין נישט געקענט! דאָס פייער, וואָס האָט שטיל אין זיין האַרצן געברענט, איז הייסער געוועזן, ווי דאָס פייער פון דער תורה און אומזיסט האָט ער געזוכט *פייער* מיט *פייער* צו לעשן.

צייטנווייז האָט ער מיט זיין האַרצן שטאַרקע און לאַנגע וכוחים געהאַט: „מה תשתוחחי נפשי ומה תהמי עלי? וואָס ווילסטו, האַרץ וואָס רוטסטו נישט אין מיר? האָב איך דען קיין חן און קיין כבוד נישט געַ־נוג? זענען דען נישט מקנא אַלע מיינע חברים מייז נאָמען, מיין זינגען? און וואָס ווילסטו נאָך?״ — האָט ער געטענהט.

„*איך* וויל גאָרנישט, גאָרנישט! נישט קיין רייכקייט, נישט קיין כבוד, *מיר* איז אַזוי גוט, ווי איך בין, נאָר דו, האַרץ, ווילסט, נאָר דו, האַרץ, בענקסט... דו ביזט קראַנק, שטאַרק קראַנק אין מיר!..״

אַן אַנדערש מאָל, ווען נישט ווילנדיק פלעגן זיך אים דערמאַנען זיינע חברימשע ווערטער, פלעגט ער זיך פרעגן:

„איז אפשר דאָס האַרץ מיינס קראַנק חולת־אהבה? אפשר איז דאָס אהבה?

„ניין, ניין! אהבה איז אַ זינדיקע יצר־הרע־תאוה... נישט דאָס אָבער

וואָס מיינע חברים זאָגן, אָדער, וואָס ברוכס טאָכטער וויל פון מיר — וויל איך! איך וויל זי נאָר זען, נאָר הערן נאָכאַמאָל ווי זי זינגט!.. רעדן מיט איר, זיין נאָענט פון איר... איך וויל פאַר איר זינגען, טאָג און נאַכט זינגען, פריילעכע און אומעטיקע ניגונים... איך וויל זי טרייסטן, ווען זי וועט פון מיינע ניגונים צו וויינען אָנהייבן... ווי וואָלט זיך מיר מיט איר ערגעץ אין אַ וויטן, טיפן, געדיכטן וואַלד פאַרבלאָנדזשען, וווּ מען זעט קיין הייזער, קיין מענטשן נישט, קיין וועג און קיין שטעג, נאָר ביימער, צווייגן און בלעטער, בערג, טאָלן, טייכלעך מיט קוואַלן וואַסער. איך וואָלט זי פאַרן האַנט אָנעמען און פירן זי וויט, ווייט, איר פאַרזיכערן, זי זאָל קיין מורא נישט האָבן, אפילו מיט חיות רעות וועל איך מלחמה האַלטן פאַר איר!.. איך וואָלט זי צווישן בלומען אויפן ווייכן גראָז אַוועקזעצן און גיין אָנקלויבן טייערע פירות, זי צו דערקוויקן. אַליין וואָלט איך קיינמאָל נישט הונגעריק זיין נישט דורשטיק זיין, פאַר איר נאָר וואָלט איך זאָרגן, איר זאָל נישט פעלן... און זי זאָל מיר זאָגן: זי ווייס שוין, ווי געטריי איך בין איר! מער וויל איך נישט, מער גאָרנישט!"

„פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַ זינד קעגן גאָט? וואָלטן מיר דען נישט פרום זיין, נישט דאַוונען און נישט לויבן אים מיטן גאַנצן האַרצן פאַר זיין חסד, וואָס ער צעשיידט אונדז נישט?.. און פאַרוואָס דערפילט גאָט דעם רצון מיינעם נישט? וואָס וואָלט אים אָרן מיך אַזוי גליקלעך צו מאַכן?.."

אין אַזעלכע חלומות האָט ער די גמרא געלערנט, די פסוקים פון תהלים געזאָגט, נישט געוווּסט, וואָס ער לערנט, נישט געהערט, וואָס ער זאָגט. מירעלע איז אים פון טאָג צו טאָג טייערער און ליבער געוואָרן, כאָטש עס זענען שוין אַריבער צוויי מיטוואָכס און ער האָט זי נאָך איינמאָל נישט געזען.

איינמאָל בייטאָג, ווען ער איז געזעסן אין סאַמע גליקלעכע חלומות פאַרטראַכט, איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש שלמה דער שדכן און האָט זיך באַלד אַריינגעלאָזן מיט אים אין אַ געשפּרעך וועגן זיין פאַמיליע: פון וואַנען איז ער, ווער זענען זיינע קרובים און צי איז ער פאַרשריבן ערגעץ צום פריזיוו?

— וואָס איז אייך דאס נוגע צו וויסן? — האָט הערשעלע געפרעגט.

— דו ביזט אַ טפּוש!—האָט דער שדכן געשמייכלט—ווייסטו נישט, אַז איך בין אַ שדכן?

הערשעלע האָט זיך דערמאַנט, ווי ער האָט דעמזעלבן שלמה שדכן מיט ברײַנדעלען באַגעגנט און אים האָט אַ שטאָך געטון אין האַרצן.

—איך ווייס, אַז איר זייט אַ שדכן,—האָט ער געזאָגט,—איך ווייס אפילו, אַז איר רעדט מירעלען, בריינדעלעס טאָכטער, אַ שידוך... זאָגט מיר, ר' שלמה, מיט וועמען רעדט איר איר? איז ער אַ גוטער, קאָן ער לערנען, האָט ער געפיל צום זינגען?

— וואָס איז דאָס דיר אַזוי נוגע צו וויסן?—האָט דער שדכן, אים אָנקוקנדיק, געפרעגט.

—איך ברויך עס וויסן... איך וועל גיין צו אים, צו דעם חתן, וואָס איר רעדט איר און זאָגן אים, אַז אַזאַ כלה מיט אַלע מעלות איז אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ! איך וועל אים זאָגן, ער זאָל וויסן, ווער זי איז און וואָס זי איז!..

און ער האָט עס מיטן גאַנצן האַרצן געמיינט. נישט האָבנדיק די מינדעסטע האָפענונג אַמאָל צו דער מדרגה צו קומען, עס זאָל אַ שדכן איינפאַלן אים מיט מירעלען צו שדכנען, און נישט ווינסנדיק ריכ־טיק, וואָס מירעלע איז אים אייגנטלעך, האָט זיך אים געוואָלט זיין טרייהייט און ליבשאַפט איר מיט דעם כאָטש ווייזן, אַז ער ווייסט זי ווי אַ מלאך פאַרשטעלן פאַר דעם גליקלעכן חתן, וואָס וועט זי ווערט זיין.

—וואָס מיינסטו, איז מירעלע?—האָט דער שדכן מיט אַ שמייכל געענטפערט, — אַ פיידל, ווי אַלע מיידלעך! מוזן אַלע, מיינסטו, אַזוי שיין און געראָטן זיין, ווי זי? ווייס איך, איך גיב אַ שמעק טאַבאַק פאַר איר געראָטנקייט... די גוטע יאָרן זאָל איך האָבן, וואָס ברוך קצבס טאָכטער וועט זיין אַ געזינטער ווייב פאַר דער נאָכגעגעבענער מירעלען!

הערשעלע האָט דעם שדכן אָנגעקוקט מיט באַוווּנדערונג: עס האָט אים דאָס האַרץ ווי געטון, וואָס ער, דער שדכן, פאַרגלייכט מירעלען, דעם מלאָך, אויף דער ערד, צו ברוכס טאָכטער, דאָס פּראָס־טע מיידל, וואָס איז אַזוי גלייך צו איר, ווי נאַכט צו טאָג. און אים האָט באַנג געטון, וואָס עס געפינט זיך איבערהויפּט אויף דער וועלט אַזאַ מענטש, וואָס פאַרשטייט דעם אונטערשיד נישט צווישן טאָג און נאַכט.

—הער־זשע, הערשעלע,—האָט דער שדכן געזאָגט,—וואָס טויג אונדז צו רעדן וועגן בריינדעלעס מיידל? בישקשה, זי וועט שוין האָבן איר חתן! נישט מיין דאגה און נישט דיין דאגה—געקומען צו דיר בין איך, דיר אָנזאָגן אַ בשורה טובה, אַז ברוך דער קצב וויל דיך צונעמען פאַר זיין שרה-פייגען! דו קענסט זי דאָך, אַזאַ יאָר מיר, וואָס פאַר אַ ווײלע כלה זי איז פאַר דיר! און ווילן ווילסטו דאָך... איך ווייס פון אַלץ, הערשעלע!... אוי, האָב איך אויגן!... איין קוק און איך זע, וואָס מיר טויג... זיי זשע אַ מענטש און חייס, אַז איך וויל דיין גליק... באמונה אַ גליק פאַר דיר! און אַז איך וואָלט נישט וויסן, אַז דו ביזט אַ קבצן און האָסט אַוודאי אַ פרוטה ביי דער נשמה נישט, וואָלט איך מיר געהייסן שטעלן משקה, נאָר לכל זמן!.. מיינס וועט נישט פאַרפאַלן ווערן—אַ גוטן טאָג!

הערשעלען איז דאָס האַרץ אַזוי פאַרקלעמט געוואָרן, אַז ער האָט אים אַפילו אַ וואָרט נישט געקאָנט ענטפערן. נאָר דער שדכן האָט זיין תשובה נישט באַדאַרפט—„מען דאַרף נאָך קלערן, צי דאָס איז אַ גליק פאַר אים! האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, בפרט, אַז ער שפּילט שוין אַ ליבע מיט ברוכס מיידל, ווי מיר איז ידועה פון אירע אייגענע ריידן!...”

מיט די ווערטער איז ער צו ברוכן אַוועק, אים איבערגעגעבן אַ קלאָרע תשובה, אַז פון הערשעלעס צד איז אַוודאי קיין מניעה נישט—וואָרים חוץ וואָס ער איז אַן עלוי, קאָן מען זאָגן — האָט דער שדכן דערקלערט — חוץ זיינע אַנדערע מעלות און מידות טובות, וואָס מען דאַרף ווען אויספאָרן, צו זוכן אַזעלכע ערגעץ אין אַ היינטיקן בחור צו געפינען; חוץ דעם, וואָס ער שטאַמט פון אַ פאַמיליע אַ פיינער, אָבער טאַקע גאָר, גאָר אַ פיינער פאַמיליע, זיין טאַטע איז אַ ייד אַ מופלג געוועזן און אַ באַרימטער בעל־תפילה אין ביעדנאַרקער קהילה, זיין זיידע פון דער מוטערס צד—אַ דיין, און אַ פעטער האָט ער נאָך עד היום אַ רב אין דלותאָווסק, און נאָך און נאָך — חוץ דעם אַלעם איז ער אַ בחור אַ חריף, קלוג אין טאָג אַריין און חייס, וואָס גוט איז! ער פאַרשטייט, אַז אים וועט ביי אייך גוט זיין, ווי די וועלט, און האָט אויגן אין קאָפּ, אייער שרה-פייגע, זאָל געזונט זיין, זאָל אים געפעלן. — קיין עוולה נישט, ר' ברוך — מיר האָבן אין אַנדערע יאָרן געלעבט און נישט געקוקט אויפן פנים, אַבי אַ כלה... אַ היינטיקער אָבער קוקט דערויף אויך, און איר האָט מיט אייער טאָכטער

גאָרבישט, וואָס צו שעמען זיך — אַזאַ יאָר מיר, וואָס פאַר אַ כלה זי איז!״

ברוך האָט זיך געלאָזט דעם שדכן דערקענען און מען האָט אין אַ גליקלעכער שעה געגומען צו ביסלעך אין מויל אַריין.

בלייבנדיק אַליין נאָדעם, ווי דער שדכן איז אַרויס, האָט הערשעלע, ווי אַ צעשראָקענער זיך אַ פרעג געטון: וואָס איז דאָס? מיינט ער עס טאַקע מיך? איך וועל אַ חתן ווערן? איך וועל חתונה האָבן? און מירעלע?...

ניין, זי מעג, זי מוז, אָבער איך קאָן נישט!... אַפילו ראָטשילד זאָל מיר וועלן געבן איצט זיין טאָכטער פאַר אַ כלה, וועל איך אים אָפזאָגן! קאָן איך דען מירעלען פאַרגעסן? היה לא תהיה!...

אין דעמזעלביקן טאָג, צו מעריב, האָט ברוך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין קצבישן פאַרפליישטן בגד, אָנגעטון זיך האַלב שבתדיק, האַלב וואָכעדיק און איז געגאַנגען מעריב דאַוונען.

אים האָט זיך געוואָלט דעם ראש-ישיבה אַ פרעג טון, ווו האַלט הערשעלע אין די שוואַרצע פינטעלעך—עפּעס דאַרף מען דאָך וויסן וואָס וועגן דעם אַליין איז מען אין דעם ענין אַ קנאַפּער מבין... ווי פרעגט מען דאָס נישט ביי לייטן, גרעסערע און קליגערע? בפרט פאַר אַ שידוך פאַר אַן ערשטן קינד...״

ער האָט אויך מיט הערשעלען זייער ווייך און פריינטלעך גערעדט, כאָטש נישט אין תוך אַריין, נאָר גלאַט אַזוי וואַרעמע רייד, און עס איז פון דער וואַרעמקייט הערשעלען אַזש-קאַלט געוואָרן צוהערנדיק.

דערנאָך האָט ברוך מיטן ראש-ישיבה איינער אויף איינעם געשמועסט. דער ראש-ישיבה האָט צוגעברומט, פאַרטראַכט אויסגעהערט ברוכס רייד, און האָט ברוכן קורץ געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קיין בעסער ייִנגל פאַר הערשעלען איז אין דער גאַנצער ישיבה נישטאָ, און ער, דער ראש-ישיבה, וועט אים נישט לאָזן פאַרקויפן אַזוי בחצי חנם: „הערשעלע דאַרף אַריינקומען אין אַזאַ הויז, ווו עס וועלן זיך געפינען די אמתע מבינים אויף אים?״

—איבריקנס,—האָט דער ראש-ישיבה געזאָגט,—איז אַ זיווג משמים, בעלנים אויף זיך האָט הערשעלע איצט, אָן עין-הרע, אַ סך: עס האָבן

שוין אַ פּאָר באַלעבאַטים. איך וויל אייך פּרוש בשמם זיין, מיט מיר געוועדט מכּוח דעם.. וועט עס זיין באַשערט פון גאָט, וועט אים ביי אייך קיינער נישט אויסכאַפּן פון שמא יקדמנו אחר׳ האָט איר נישט, וואָס מורא צו האָבן, ווייל דאָס איז נאָר ביים זיווג שני, אָבער ביים זווג ראשון רופט אַ בת-קול אויס: בת פלוני לפלוני נאָך פערציק טעג קודם יצירת הולד. און וואָס איילט איר אַזוי, ר׳ ברוך?

— ווער איילט?—האָט זיך ברוך אָפּגערופן.—און פאַרוואָס נישט פריער? רבי, צייט מיין טאָכטער חתונה מאַכן!... אויף אים איז דאָך אויך אַ צער-בעל-החיים, ער וואַלגערט זיך דאָך, נעבעך!...

„ווייס איך,״ האָט זיך ברוך געטראַכט אַ צעפּרידענער אַוועקגייענדיק פון ראש-ישיבה, „ער מעג בעטן, איך מעג אַפילו צוזאָגן אויך, אַ שידוך ווערט נישט בטול איבער אַ פּאָר הונדערט רובל, וואָס פעלט צום נדן! זאָל נאָר אַ קנין זיין... און אפשר וועט מיר גאָט העלפן, וועל איך אים געבן פינפהונדערט רובל... אַ יאַלאָוועקע איז דאָס, וואָס איך דינג זיך? מיין קינד, מיין קרוין, פאַרוואָס נישט, אַז גאָט העלפט? מיינע יינגלעך זענען גראָבע יונגען, אַ רוח אין זייער לייב אַריין, לאָם איך כאָטש נחת האָבן פון מיין טאָכטער!...״

ברוך פלעגט ביי ברײנדעלען געלט לייען אויף אָקסן קויפן און איז אויך איר באַשטענדיקער קצב געווען. אַריינקומענדיק צו איר — אויף מאָרגן, נאָך דעם געשפּרעך מיטן ראש-ישיבה—וועגן אַ הלואה, האָט ער איר בטוב לבו דערציילט, אַז עס האַלט, אַז דער ישיבה-בחור, הערשעלע, וואָס עסט ביי איר אַ טאָג, זאָל טאַקע גאָר אינגיכן זיין שרה-פייגעס חתן ווערן.

—וואָס זאָגט איר, ברײנדעלע?—האָט ער געפרעגט.—עפּעס זענט איר דאָך אַ קלוגע אשה, וואָס מען מעג אויסהערן אייער עצה!

—גלייכער איז גאָר אין דער וועלט נישטאָ!—האָט ברײנדעלע גע ענטפערט—וואָס ווייסט איר פון זיין חן, וואָס ער האָט ביי לייטן אין די אויגן! וואָס דאַרפט איר מער, מיין מירעלע, זאָל געזונט זיין, איז דאָך אַוודאי אַ מבין, און זי אַפילו וואָלט פאַר אים אַ זאַק ציבעלע נישט גענומען! זינט זי האָט זיין זינגען צום מכירת יוסף געהערט, זינגט זי נאָר זיינע ניגונים, נאָר ווער רעדט דערפון? זיינע אַנדערע מעלות, זיין וויל לערנען, זיין שטילקייט, זיין איידלקייט! אַפילו אין זיין עסן דערקענט מען, אַז ער שטאַמט פון אַ פיינער גזע. אַזעלכן איז אַ פּאַר-

געניגן צו זיך אויף קעסט צו נעמען... איר וועט גאָר קיין בעל-הוצאה נישט ווערן צוליב אים. איר האַנדלט אַ מציאה, ר׳ ברוך, אויף נאמנות אַ מציאה!

אין דעמזעלבן טאָג, נאָך מעריב, האָט דער ראש-ישיבה הערשעלן גערופן גיין אַ ביסל צו אים אַהיים, גלאַט אַזוי, טיי טרינקען.

ביי דער געלעגנהייט האָט דער גוטער רבי, ווי אַן אייגענער פאָטער אים דערקלערט זיין איצטיקע לאַגע, אַלס אָרעמער ישיבה-יינגל, און זיין לאַגע שפּעטער, אַלס ברוך דעם קצבס איידעם, ווען ער וועט האָבן צו עסן און צו טרינקען, נישט דאַרפן דאַגהן פאַר פּרנסה און וועט קאָנען ווייטער לערנען בהרחבה. אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אים אין דער גמרא דערמאַנט, וואָס זי זאָגט: לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם, (עס איז כדאי די העמד צו פאַרקויפן און נעמען אַ ווייב נאָר אַ תלמיד-חכמס אַ טאָכטער).

—די גמרא הקדושה האָט עס קלוג און פּראַקטיש געזאָגט,—האָט דער ראש-ישיבה אים ווייטער דערקלערט.—וואָס פּראָסט, בלייבט פּראָסט... קינדער לערנען זיך פון עלטערן. עס טרעפט אַפילו, אַז קצבים, שוסטער און שניידער האָבן אויך קינדער ווילן לערנער, אָבער עפּעס גראָבקייט בלייבט אין זיי, און אָפט זעען מיר, אַז אייניקלעך זענען אַפילו געראָטן אין זיידן... אַ מענטש אָבער דאַרף נישט קלערן, ווען ער לעבט שוין אָפּ אַ גוטן טאָג, אַז ער האָט שוין דערמיט אַליין קונה עולמו געווען... עס זענען נאָך דאָ חשבונות, וואָס אַ ייד בפרט דאַרף באַרעכענען, איידער ער גייט חתונה האָבן.

— פאַרשטייסטו די נפקא-מינה פון אַ בת עם-הארץ לבת תלמיד חכם?

הערשעלע האָט געשוויגן.

—רבקה! — האָט דער ראש-ישיבה פּלוצלונג אַ רוף געטון זיין טאָכטער.—טראָג אונדז, טאָכטערשי, אַריין צו גלעזלעך טיי!

אין עטלעכע מינוט אַרום, איז אַריינגעקומען רבקה, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, מיט אַ פּאָר שיינע שוואַרצע אויגן, דערלאַנגט צוויי גלעזער טיי, געכאַפּט דערוויילאַ באַהאַלטענעם קוק אויף דעם געוועזענעם משנה-למלך און איז שעמעוודיק צוריק אַרויסגעגאַנגען.

—טרינק, הערשעלע,—האָט דער ראש-ישיבה ווייטער אָנגעהייבן.— ברוך, למשל, וואָלט דיך מכבד זיין מיט מעדני מלך—איך שמועס: ווען

ער וואָלט דיך פאַרבעטן צו זיך. איך בין אַן אָרעמאַן, ווי דו ווייסט—דו מיינסט אפשר, אַז איך זאָג דיר אַן אָרעמאַן, הייסט עס, אַז איך קאָן מיין קינד גאָר קיין נדן נישט געבן? אַזוי אָרעם בין איך, חלילה, נישט... נאָר לאָמיר דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדער צייט — איך רעד נאָר קעגן דעם גופא, וואָס איך בין מכבד נישט מער, ווי מיט טיי, כאָטש באמת געזאָגט, ביזטו ביי מיר מער חשוב, ווי דו קאָנסט גאָר זיין ביי ברוכן...

—נאָר נחזור לעניננו, און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז אַ מענטש דאַרף זיך גוט, גוט באַטראַכטן, נישט ענטפערן: „יאָ!" באַלד ווי אַ שדכן קומט, און נישט ענטפערן: „ניין!" ווען אים ווייזט זיך אין פלוג אויס, אַז עס וועט קיין נדן נישט זיין אים צו געבן, וויפל ער רעכנט ביי אַן אַנדערן צו נעמען...

—דער עיקר, מיין זון, איז דער קרן!.. אַ כשר קינד, אַ קינד פון פיינע עלטערן, און זאָל טאַקע זיין נישט קיין מיאוס מיידל אויך, וואָס שאַדט עס? אונדזערע חכמים האָבן אויך געזאָגט: כלה שעיניה יפות אין כל גופא צריך בדיקה...

— רבקה, וואָס ביזטו אַנטלאָפן? קום נאָר אַריין!

רבקה איז נאָכאַמאָל אַריינגעקומען און געוואַרט, דער פאָטער זאָל עפּעס הייסן. נאָר דער ראש-ישיבה האָט זיך כלומרשט פאַרגעסן, וואָס צו הייסן און האָט הערשעלען צייט געלאָזן זיך איינצוקוקן אין זיין קרן: זאָל ער זען, אַז זיין טאָכטער איז טאַקע די כלה שעיניה יפות—„וואָס שאַדט עס?"

נאָר הערשעלע האָט נישט געקוקט. ער האָט רבקהן נאָך פון פריער געקענט און גוט געוווּסט, אַז זי איז שענער, פרימער און קליגער פאַר ברוכס טאָכטער. אָבער ווי קומט זי צו מירעלען? ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, צו וואָס דער ראש-ישיבה צילט. ער האָט בעת-מעשה געטראַכט: „ווי גוט און ווויל וואָלט מיר געווען, ווען מירעלע זאָל אַזאַ גוטן פאָטער האָבן, וואָס זאָל מיט מיר אַזוי פריינטלעך שמועסן!" דאָס האַרץ האָט אים וויי געטון, פאַרוואָס איז ער אַ יתום, פאַרוואָס איז זי אַ יתומה! פון איר מאַמען וועט ער קיינמאָל נישט הערן אַזעלכע טייערע רייד. ברײנדעלע איז אַ יידענע, קאָן דען אַ יידענע אַזוי [illegible] אים רעדן?

ער האָט אַ שווערן זיפץ געטון.

— נישט זאָרג, מיין זון,—האָט דער ראש-ישיבה געטרייסט,—גאָט,

ברוך הוא, וועט דיר אַ וועג ווייזן! דו ביזט מחויב אַלץ צו הערן, אַלץ איבערקלערן און דיין אייגענע דעה אויף דיין „איך" צו האָבן! קיינער גויט דיך, חלילה, נישט... וואָס איך ווינטש דיר, ווינטש איך מיר, טייער קינד, נישט מער!

—דערלאַנג אונדז, טאָכטער, אַ ביסל משקה!—האָט ער זיך ענדלעך דערמאָנט צו הייסן רבקהן, וועלכע איז נאָך דאָ געשטאַנען און געהערט דעם פאָטערס רייד.

—זאָג מיר, הערשעלע,—האָט ער זיך ווידער צו אים געווענדט, ווען רבקה איז ווידער אַרויס, — אפשר האָסטו אָן אויג געוואָרפן אויף ברוכס טאָכטער? איך מיין: אויב זי געפעלט דיר אפשר מער, ווי אַן אַנדערע, וויל איך דיך נישט אָפּרעדן... פאַרשטייסטו: צווישן מיר און ברוכן איז טאַקע די נפקא-מינה גרויס! וואָס טויג מיר די איבעריקע עניוות, נאָר קעגן דעם איז אפשר ברוכס טאָכטער מער לייט פאַר מיין קינד, און דאָס איז פון די דברים שבלב, וואָס דו שעמסט דיך אפשר מיר צו זאָגן... זאָג איך דיר אויף מיין ערלעך וואָרט, אַז כאָטש איך ווינטש מיין קינד גוטס, ביזטו מיין ליבער תלמיד... איך וויל דיין רצון נישט צווינגען, איך וויל אַפילו קיין צוליב נישט!

— רבי,—האָט הערשעלע ענדלעך מוט באַקומען צו ענטפערן,— ווער גלייכט אייך, חלילה, צו ברוכן? איר זיינט מיר טויזנט מאָל ליבער, פאַר ברוכס, פאַר אַלע נגידים! איך וויל נישט זיין נדן, איך וויל נישט זיין טאָכטער! ווער קלערט פון חתונה האָבן? איך מיין עס גאָרנישט... איך וויל גאָרנישט חתונה האָבן... גיט מיר טאָקע אַן עצה, ווי אַזוי זאָל איך אים ענטפערן, ער זאָל מיר קיין שונא נישט ווערן?...

—וואָס האָסטו פאַר אים מורא?

—ער איז דאָך מיין באַלעבאָס, איך עס דאָך ביי אים אַ טאָג אַזאַ צייט!..

—זע נאָר, וואָס פאַר אַ קינד דו ביזט, — האָט דער ראש-ישיבה איינגעוויזן.—ברוך האָט דיר נאָר איין טאָג אין וואָך געגעבן עסן, דאָס הייסט: אַ חיי שעה דיר צוגעלאָזן, האָסטו שוין קיין האַרץ נישט אים כפוי טובה צו זיין, כאָטש ער פאַרלאַנגט פון דיר אַזאַ ענין נכבד, וואָס איז דיר נישט לרצון—און מיר, וואָס איך האָב מיט דיר תורה געלערנט,

צו חיי עולם] דיר אַ חעג געוויזן, שעמסטו זיך נישט אָפּן צו זאָגן, אַז דו בראַקירסט מיט מיר און מיט מיין קינד?...

—נאָר איך האָב נישט קיין תּרעומות אויף דיר, איך וויל דיר נאָר אויפווייזן, ווי דיינע רייד האָבן קיין יסוד און קיין טעם נישט: דו זאָגסט, דו ווילסט נישט חתונה האָבן... ווי הייסט דו ווילסט נישט חתונה האָבן? בן עזאי ביזטו? „לא לתוהו בראה לשבת יצרה...” וויפל איז אַ שיעור צו זיצן אַ בחור? צו עסן אַ טאָג ביי דעם, אַ טאָג ביי יענעם און זיך וואַלגערן אין בית־המדרש אויף דער טרוקענער באַנק? חוצדעם, איז מען דאָך אַ ייד, בן שמונה עשר לחופה, דו דאַרפסט שוין, דאַכט מיר, זיין קרוב צו אַכצן יאָר... און שוין, מיינסטו, וויל איך דיך צו דער חופה פירן? חלילה, איך מיין אויך, דו זאָלסט נאָך לערנען אַ יאָר, פאָרן טאַקע קיין וואָלאָזשין— איך וועל שוין זען דיר מיטצוגעבן גוטע בריוו, ווען זאָל דיר דיין מעמד געבן, און וויפל איך וועל נאָר ביכולת האָבן, וועל איך דיר פון דערהיים צושיקן, זאָלסט קאָנען לערנען בהרחבה און טאַקע קומען צו אַ תּכלית. אַ, איז דאָך די קשיה, וואָס רעד איך מיט דיר וועגן דעם איצט? וואָס האָב איך קיין צייט נישט? איז דער תּירוץ, ווי די מעשה איז: עס זענען איצט אויף דיר בעלנים דאָ, ברוך איז דוחק את השעה, ער מיינט מוצאי־יום־טוב תּנאים צו שרייבן. עלנט ביזטו, מיט וועמען זיך מיישב צו זיין, האָסטו נישט. אָרעמקייט און נויט קאָן אַ מענטשן מעביר על דעתו זיין — האָב איך מורא, דו זאָלסט נישט אָפּטון אַ מעשה און אַרויסזאָגן אַזאַ וואָרט, וואָס דו וועסט שפּעטער אפשר דאַרפן חרטה ד'האָבן... און רעד איך שוין מיט דיר אָפּן, וועל איך דיר שוין איינגאַנצן זאָגן, וואָס ביי מיר קומט אויס — אָבער מיין נישט, אַז איך זאָג: קבל דעתי — הערסטו, ווען ברוך וואָלט זיין דער גרויסער באַלעבאָס, דיר געבן טויזנט רובל, אָדער כאָטש—דער גרויסער מיוחס, און אָנשטאָט נדן, דיך קאָנען דערנאָך גליקלעך מאַכן דורך קרובים, אָדער געשעפטן — וואָלט עס מיר זייער אַ הנאה געטון און איך וואָלט באַלד מסכים זיין. איצט אָבער איז ברוך בסך־הכל אַ קצב — לאָז זיין אַ גרויסער קצב, אָבער וואָס קאָנסטו ביי אים ווערן? אין בעסטן אופן וועט ער קאָנען פועלן, צו מאַכן דיך דאָ פאַר אַ שוחט, אָדער פאַר אַ נאמן אין חבירה... אויף אַזויפיל וועל איך מיט גאָטס הילף בכוח זיין דיך צו מאַכן פאַר אַ חזן דאָ, אָדער אין אַ גרעסערער שטאָט און אפשר טאַקע פאַר אַ רב, אָדער אַ דין... וואָס איז, דו האָסט ז

שלעכטן קאָפּ, אָדער דו ביזט קיין מתמיד נישט ? וואָלסטו נאָר דעם חסרון, אַזוי פאַרטראַכט און פאַרחלומט צו זיין, נישט האָבן, בין איך בטוח, אַז דו ביזט עתיד להורות הוראה בישראל !..

הערשעלע האָט ערשט פאַרשטאַנען ריכטיק, וואָס דער רבי זיי־נער מיינט און האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן. זיין רבינס ווערטער, האָט ער געפילט, זענען אמתע טרייע ווערטער. ער איז אים אַלעמאָל טריי, ווי אַ פאָטער געווען, נאָר איצט האָט אים געדאַכט, האָט זיין געטריי־קייט גאָר קיין גבול נישט. „און דעם טרייען רבין דאַרף איך אַזוי מבייש זיין, אַזוי אין פנים אַריינוואַרפן זיין גוטע מחשבה !.. און דער רבקהן, וואָס האָט מיר אַזויפיל מאָל אַ בגד פאַרזאָרגט און פאַריכט, וואָס האָט שטענדיק אויף מיר מיט ליבשאַפט און פריינטשאַפט געקוקט און פונדעסטוועגן, חלילה, קיינמאָל אַזוי פאַרשייט נישט געווען, ווי ברוכס טאָכטער, מיר עפּעס אַ נישט פּאַסיק וואָרט אויסצורעדן, איר דאַרף איך איצט זאָגן : איך וויל דיין חתן נישט זיין, איך קאָן דיין חתן נישט זיין ?!.. אָבער איך קאָן פאָרט נישט!.. איך קאָן נישט!.. איך קאָן נישט... דו, גאָט, ווייסט, פאַרוואָס איך קאָן עס נישט !..״

אין דעם איז רבקה אַריינגעקומען און אַוועקגעשטעלט אַ קאַראַ־פינטשיק בראָנפן מיט עטלעכע שטיקלעך לעקעך. הערשעלע וואָלט זיך בעסער געוווּנטשן, דעם ערגסטן שונא אין די אויגן אַנצוקוקן, איידער איצט מיט אירע שיינע שוואַרצע אויגן זיך צו טרעפן. ער האָט זיך פאַר איר געשעמט, ווי אַ שרעקלעכער כפוי־טובהניק, און ער האָט דעם קאָפּ טיפער איינגעגראָבן.

— צי אַזוי, צי אַנדערש,— האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט,—דאָס איז אַ גאָט־זאַך !... מיר זענען יידן, מיר מוזן זיך פאַרלאָזן אויף זיין השגחה. אָן זיין ווילן איז גאָרנישט ! לאָם מיר נעמען צו קאַפּעטשקעס. לחיים !

—לחיים טובים ולשלום !— האָט הערשעלע געענטפערט די איינ־ציקע תשובה, וואָס ער האָט געקאָנט געבן אויף די אַלע שאלות, וואָס זענען אים איצט געשטאַנען צו פאַרענטפערן.

—נו, נעם אַ ביסל, נישט זיי אומעטיק !...

—איך טרינק קיינמאָל נישט !

— דו האָסט אַוודאי מורא, עס זאָל צו דיין כלי נישט שאַדן ? נישקשה, אַ ביסל שאַדט נישט, אַ ביסל וועקט אויף דעם מוח, אַ ביסל

מעג מען טרינקען ? נישקשה, יידן טרינקען נישט שיכּוּר צו ווערן... — האָט דער רבּי אים צוגערעדט.

—אָבער איך האָב גלאַט נישט ליב קיין בראָנפן...

—צוליב מיר האָב ליב! און וואָס איז שייך ליב ? עס דאַכט זיך אַזוי... ווייס איך, מען געוווינט זיך צו... וואָס „אייגן” איז, האָט מען ליב! איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט, און פונדעסטוועגן האָב איך היינט ליב מיין הויז,—ביתו זו אשתו, — מיין קינד, ווי מיין לעבן ליב!... דו וועסט דיך געוויינען, וועסטו אויך ליב האָבן...

הערשעלען האָט געדאַכט: דער רבּי קוקט אים אין האַרצן אַריין און ער ווייסט שוין, פאַרוואָס ער קאָן נישט איינוויליקן זיין רבקהס חתן צו ווערן, און דערפאַר טאַקע גיט ער אים אָנצעהערן, אַז מען קאָן זיך איינגעוויינען ליב צו האָבן. „צי האָב איך דען מירעלען ליב?” האָט ער זיך געפרעגט. „ווער ווייסט פון ליבע, פון אהבה? איך קאָן גלאַט נישט לעבן אָן איר... איין קוק אירער איז מיר שוין גענוג גליקלעך צו זיין, און ווי זאָל איך מיר די וועלט פינסטער מאַכן און חתונה האָבן ? ניין, איך קאָן נישט !”

—טרינק !

—איך קאָן נישט !

—צוליב מיר קאָן !—האָט דער ראש־ישיבה ווידער געבעטן.

ער האָט גענומען אַ ביסל, עס איז שטאַרקער שפּירט געווען און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

—איצט זע איך, אַז דו קאָנסט טאַקע נישט! דו קאָנסט קיין בראָנפן נישט טרינקען, דו קאָנסט מיר נישט ענטפערן, וואָס איך פרעג דיך... און נאָך אַ זאַך קאָנסטו נישט : דו קאָנסט מיך קיין „ורמינהו” נישט פרעגן פון מיינע אייגענע רייד!—האָט דער אַלטער, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף הערשעלעס אַקסל, געזאָגט.—סטייטש, פריער האָב איך דיר אַליין געזאָגט, אַז אַ מענטש טאָר נישט ענטפערן באַלד אויפן משקל ראשון יאָ, אָדער ניין, בפרט אין אַזאַ ענין נכבד, און איצט וויל איך אַליין, זאָלסט מיר באַלד ענטפערן... זאָג איך דיר, אַז איך מיין גאָר־נישט, דו זאָלסט מיר באַלד ענטפערן. עס האָט צייט!... זיי זיך מיישב, וויפל דו ווילסט ! וועט בלייבן ביי דיר אויף יאָ, ברויכסטו מיר נאָר זאָגן, אַז דו ווילסט פאָרן קיין וואָלאָזשין, וועל איך האָבן אַ סימן, אַז איך דאַרף נאָך מיט מיין רבקהן קיין שידוך נישט טון... נישקשה, זי

חעט וועלן ווארטן אויף דיר—טאָמער, חלילה, פאַרקערט, זאָל גאָט דער עדות זיין צווישן אונדז ביידן, אַז איך וועל מיין אויג און האַרץ פון דיר נישט אָפּטון, אַפילו אויף אַ האָר, אויך נישט, און ווי איך האָב דיך ביז איצט ליב געהאַט מיט אַ פניה, וועל איך דיך שפּעטער אויך ליב האָבן אָן אַלע פניות! דו ווייסט דאָך די גמרא: כלום אָדם מתקנא בבנו ובתלמידו !..

די לעצטע ווערטער האָט דער ראש־ישיבה אויסגערעדט מיט טרערן אין די אויגן, און אויפהייבנדיק זיך פון זיין בענקל, איז ער צוגעגאַנ־גען צו הערשעלען, אים צוגעדריקט צום האַרצן און אים פאַטערלעך אַ קוש געטון אין קאָפּ.

הערשעלען זענען אויך די טרערן געשטאַנען אין די אויגן, דאָס האַרץ איז אים פון זיין רבינס צערטלעכקייט אַזוי ווייך געוואָרן, אַז אים האָט זיך געוואָלט דעם אַלטן מאַן צו די פיס פאַלן, פאַר אים מודה זיין—זיין סוד, זיין פיין, זיין ווונד... און ביי אים אַן עצה, אַ רפואה בעטן, אויב עס איז דאָ אַזאַ עצה, אַזאַ רפואה, וואָס קאָן אים אויסהיילן פון זיין קראַנקהייט און ליידן... „נאָר ווי אַזוי זאָגט מען עס? ווי אַזוי לאָזט מען אַזעלכע ווערטער פון מויל אַרויס?..

דער ראש־ישיבה האָט געפילט, ווי גערירט זיין דאַנקבאַרער תלמיד איז און האָט געזאָגט:

— זיי רויק, מיין זון! גיי דיר איצט אַהיים... חכמת אדם תאיר פניו, דורך דיינע טרערן לייכט מיר דיין פרום האַרץ אַרויס! לב טהור ברא לך אלקים, אַ ריין האַרץ האָט גאָט אין דיר באַשאַפן... דאָס איז טייערער ווי אַלץ!... מכל משמור נצור לבך, מער פון אַלץ היט אָפּ דיין האַרץ, כי ממנו תוצאות חיים, פון אים, פונם האַרצן, איז דער אויסגאַנג צו חיי עולם הבא.

—האַלט-זשע, מיין תלמיד, דיין האַרץ אין זיין ריינקייט און טהרה, ווי דער בורא, ברוך הוא, האָט עס אין דיר באַשאַפן—גיי אַהיים, גע-דענק מיינע רייד, און טאָמער פרעגט דיך ברוך עפּעס, זאָג אים, ער זאָל זיך מיט מיר זען. איך וועל אים שוין אַ קלאָרע תשובה געבן און דו דאַרפסט פאַר אים גאָר קיין מורא נישט האָבן...

אַרויסגייענדיק, האָבן זיך זיינע אויגן נאָכאַמאָל מיט רבקהס גרויסע ליכטיקע אויגן באַגעגנט. אין זיי איז אַזויפיל ליבע און

תחנונים געװעזן, אַז זיי האָבן אים זיין צעריסן האַרץ נאָכמער צע־ריסן.

„לב טהור ברא לי אלהים!"—האָט ער צו גאָט געשריִען,—„אַ ריין האַרץ גיב מיר, גאָט, איך זאָל אָט דעם גוטן רבין מײַנעם נישט דאַרפן אַזוי פאַלש זיין, אָדער טויט מיך בעסער, און לאָם איך קיין כפוי טובה נישט זיין אָט די גוטע מענטשן, װאָס זענען מיר אַזוי געטריי, אַזוי ליב!..."

ח

ברוך האָט זיך דאָס זייניקע געטון: געפרעגט ביי גרעסערע און קלייגערע, און אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער כאַפּט אַ כּשרע מציאה. נאָר צו פרעגן ביי הערשעלען אַליין האָט ער געהאַלטן פאַר איבעריק: ער האָט געגלויבט דעם שדכן—„און פאַרוואָס זאָל אים נישט געפעלן? איז דען מיין טאָכטער אַ קאַליקע, אַ בלינדע, אָדער נישט אַ געזונטע, חלילה? קען זי נישט לייענען און שרייבן, ווי אַלע מיידלעך? אַזאַ יאָר מיר, וואָס פאַר אַ כּלה זי איז! אַ גליק פאַר אַ מאַן, זי ווייס שוין אין יאַטקע מער פאַר איר מאַמען! אָדער וועט ער ביי מיר שלעכט קעסט האָבן? עס, אַבי געזונט! פלייש, מאָגנס און קישקע פעלט, ברוך השם, נישט, הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט!"

ער איז שוין אין הערשעלעס רצון אַזוי זיכער געווען, אַז זיין ליבשאַפט צו זיין טאָכטער איז צוליב אים געוואַקסן פון טאָג. ער האָט איר מתנות געקויפט און געקושט זי און געהאַלדזט.

—פון איר וועל איך נחת האָבן,—האָט ער מוסר געזאָגט זיינע בנים,—זי וועט מיר באַשיינען מיין שטוב, מיין וועלט!.. „דאָס איז ברוכס איידעם", וועט מען זאָגן, אַז ער וועט דאַווענען פאַרן עמוד, די מגילה לייענען אום פורים, אָדער זיצן אין בית-המדרש מיט דער שיינער עטרה און לערנען... און וואָס וועט פון איך זיין, פויערים? גלייך איבּ דערפרי אין בויניע, זיך אויסרייסן די גאַל מיט די ווייבער, אַ גאַנצן טאָג אין יאַטקע, ווי דער טאַטע אייערער... קראַנק זענט איר צו קענען

לערנען און זינגען ווי ער? ווייניק בלוטיקע רובלס האָב איך אייערע רביים באַצאָלט? אַ מפּלה אויף אייך, פּויערים!...״

און ווי ער איז געשטאַנען און ווי ער איז געגאַנגען, האָט ער פון זיין גדולה דערציילט, לייט געבעטן אויף זיין טאָכטערס תּנאים וואָס וועט אים ירצה־השם מוצאי־יום־טוב זיין.

פיל מיידלעך האָבן דעם קצבס טאָכטער מקנא געווען און גע־רעדט, אַז „זי קומט צו אים אַזוי ווי אַ בן־מלך צו אַ דאָרף־שיקסע. עס האָבן אויך באַלעבאַטים גערעדט, אַז „הערשעלע איז צו איידל פאַר ברוכס טאָכטער, און עס וואָלט אַ יושר געווען אים אָפּצורעדן, נאָר ווער ווייסט באַקומט דאגה איז דאָס? ווער איז מחויב זיך אַריינצומישן אין אַ שידוך און קויפן זיך ברוך טבח פאַר אַ שונא?

— אַז אים איז ליב, דאַרף אונדז אויך זיין ניחא! —האָט מען בעזאָגט און ברוכן פונדעסטוועגן זיין גדולה נישט פאַרגונען.

עס האָט די געשיכטע אויך די ישיבה - בחורים פאַרדראָסן, און זיי האָבן אים געקאָנט אַריינלאָזן אַ שפּילקע מיט דעם מאמר: „טוב שבטחים שותפו של עמלק״, האָבן זיי אים נישט געזשאַלעוועט. מאַנכע פון זיי האָבן זיך דערלויבט אים אָפן צו זאָגן, אַז ווען ער פאַרקויפט זיך שוין יאָ פאַר אַ קצבישן מאָגן, זאָל ער כאָטש אָנגרייטן אַ פאָר געזונטע באַקן, ברוכס טאָכטער זאָל האָבן אין וואָס צו פּאַטשן, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה!

די אַלע זלזולים וואָלטן הערשעלען נישט געאַרט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַ גרעסערע דאגה: מירעלע זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן, איידער ער וועט דאָס גליק האָבן איר צו זאָגן, אַז דאָס איז אינגאַנצן אַ טעות, אַ שקר מוחלט מהחל ועד כלה.

אָבער מירעלע האָט שוין געוווּסט: איר אייגענע מוטער האָט איר די בשורה אָנגעזאָגט.

פון יענעם אָוונט, וואָס זי האָט הערשעלען אויף דער בינע גע־זען, איז עפּעס אַ ניי געפיל אין איר געבוירן געוואָרן: פריער האָט זי געמיינט, אַז נאָר צוליב זיין אָרעמקייט און עלנט קאָן זי אים איין מינוט נישט פאַרגעסן, און האָט נאָר געוואָלט אים העלפן, געזאָרגט פאַר זיין געזונט. איצט אָבער האָט זי געפילט, אַז זי בענקט נאָך אים, איר ווילט זיך אים זען, רעדן און זינגען מיט אים, און נאָכמער: זי פילט אַ מין ווייטיק אין האַרצן, ווען זי הערט ערגעץ אַ מיידל דער־ציילט, ווי אַנדערע גייען אָן אַ קאָפּ אַרום, ווייל זיי זענען פאַרליבט

אין דעם, וואָס האָט „יוספן” געשפּילט, און כאָטש זי האָט אים איין מינוט נישט געקאָנט פאַרגעסן, האָט זי זיך אַלץ נישט מודה געווען אַז זי ליבט אים אַזוי ווי אַנדערע און אפשר נאָכמער... און זי איז אין כעס געווען אויף זיך און אויף אים, וואָס זי קאָן אים נישט פאַרגעסן.

מיטוואָך, ווען הערשעלע האָט באַדאַרפט קומען עסן, פלעגט זי פון שטוב אַוועקגיין, זיצן ערגעץ ביי אַ באַקאַנטע, זיך אַ כוח אָנטון נישט צו לאָזן מערקן אויף זיך, אַז זי איז אומרויק, נאָר זי פלעגט פילן בעת מעשה, אַז דאָס האַרץ דריקט איר, עס בענקט זיך, איר ווילט זיך צוריק אַהיים... דאָרט וועט זי אים זען, אַ קוק כאָטש טון אויף אים, און געַנוג. זי גייט אָבער דאָס האַרץ נישט נאָך און זיצט אָפּט שפּעט, פאַרגעסט, אַז זי האָט היינט נישט געגעסן אפילו, גייט נישט, גלייך ווי זי האָט מורא אַהיימצוגיין. אַז עס ווערט שוין נאַכט, גייט זי צוריק, אָבער ווי טרויעריק איז זי! זי קריגט קוים אַן אָרט, ווו זיך אויסצוויינען, און אַז די מוטער פרעגט זי אַמאָל: „וואָס איז דיר, מיין ליב קינד?” ווייס זי נישט וואָס צו ענטפערן, און פרעגט זיך איבערליך אַליין: „וואָס איז מיר? וואָס איז פון מיר געוואָרן?..”

נאָר וואָס מער זי גיט זיך מי אים אויסאַוווייכן, פון אים נישט צו טראַכטן, אַלץ מער ווערט ער איר ליב, אַלץ מער טראַכט זי פון אים, ביינאַכט, ווען דער פּראָטעסטירנדיקער שכל שלאָפט, זעט זי אים אין חלום און די, פון שכל באַפרייטע, פאַנטאַזיע גיסט אויס אויף אים אַזא ליבן פאַנטאַסטישן חן, און זי זעט אים ווי איינעם פון די העלדן אין די ביכלעך, וואָס זי האָט געלייענט. זי זינגט מיט אים צוזאַמען, הערט אים רעדנדיק, און יעדעס וואָרט, דאַכט זיך איר, איז אַזוי קלוג, אַזוי ליב!.. אָפּט זעט זי אים אויך אַלס אָרעמען ישיבה־בחור, זיינע אויגן קוקן אויף איר און בעטן רחמנות אויף זיין עלנט—נישט צו לאַכן פון זיין אָרעמקייט... איר צוגייט דאָס האַרץ, איר ווילט זיך מיטן גאַנצן לעבן אים גליקלעך מאַכן—און זי וואַכט זיך אויף מיט אַ שווערן געמיט. „אַך, וואָלט ער ווען נאָר אַוועקפאָרן,” רעדט זי צו זיך, „וואָלט איך אים די לעצטע קאָפּיקע אַוועקגעגעבן, ער זאָל פאָרן, טאַקע ווערן אַ גרויסער לייט, ווי ער וויל... איך וואָלט אים געלט שיקן, בריוועלעך שרייבן, טרייע ליבע בריוועלעך וואָלט איך אים שרייבן!.. פון וויטן וואָלט איך אים אפשר אַלץ אויסזאָגן, וואָס מיין האַרץ פילט... זיינע בריוועלעך וואָלט איך אויף מיין האַרץ טראָגן און לייענען זיי צען מאָל אַ טאָג!”

ברײַנדעלע האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן, וואָס איר תּמיד פרײי־לעכע גוטע מירעלע איז עפּעס איצט אומעטיק, עסט אָן אַפּעטיט, רעדט ווייניק און זוכט שטענדיק אַליין צו זײַן.

אויף אַלע אירע אומרויקע פראַגן האָט מירעלע נאָר געענ־טפערט:

—גאָרנישט, מאַמעשי, גלאַט אַזוי, לאָז מיך, איך בין געזונט"...

איינמאָל, אין אָוונט, איז ברײַנדעלע מיט איר קינד אַליין געבליבן, געקוקט אויף מירעלעס אומעטיק אויסזען, און כּדי זי צו דערפרייען, האָט זי דערציילט דאָס גליק, וואָס הערשעלען טרעפט.

— איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן, — האָט זי מיט אַ פריילעכער מינע אָנגעהייבן, — דיר וועט עס אויך אַ הנאה טון: ברוך דער קצב האָט מיר נאָך יענע וואָך געזאָגט, אַז ער נעמט צו אונדזער ישיבה־בחור, הערשעלען, פאַר זײַן שרה־פייגען, אַזוי ווי ער שטייט און גייט...

— וואָס זאָגסטו?—האָט מירעלע, בלאַס ווערנדיק, געפרעגט.

— אָט, וואָס דו הערסט! מוצאי־יום־טוב, זאָגט ברוך, וועט ער תּנאים שרייבן.

מירעלע האָט געשוויגן, נאָר די ליפּן האָבן זיך איר ווי פון אַן אינערלעכן ווייטיק פאַרצויגן, און זי האָט געפילט אַ ציטער אין אַלע גלידער.

— וואָס ביזטו, מײַן טאָכטער, אַזוי בלאַס געוואָרן? – האָט די מוטער מיט אַננסט געפרעגט.

— מאַמע, עס קאָן נישט זײַן... ער וועט עס נישט טון!

— ווער? ברוך וועט עס נישט טון? וואָס איז אין אים דער יחוס אַזוי גרויס? אפשר נאָך ווייניק גדולה אַזאַ זיידן קינד פאַר זײַן יאַטקע־מויד?

— נישט ברוך, נאָר ע ר צי וועט עס וועלן?—האָט מירעלע קוים אַרויסגערעדט.

— הערשעלע?

— יאָ, הערשעלע!

— וואָס איז? אַ נאַר איז ער? אַזוי איז אים בעסער? אַ טאָג ביי דעם, אַ טאָג ביי יענעם... נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד!

— אָבער, ער קאָן דאָך גוט לערנען, ער זינגט דאָך אַזוי שיין, קאָן ער דען אַ בעסערן שדוך נישט טון?

— אמת, מיין טאָכטער. מיט זיין תורה און גוטע מעלות מעג גאָט אַלע טאַטע-מאַמעס, בענטשן—האָט ברײנדעלע דערקלערט.—פאַרגעס נישט אָבער, אַז ער איז פּאָרט אָרעם און עלנט, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערן. וועלכן פיינעם באַלעבאָס שטייט אָן אַן איידעם צו נעמען אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט קיין קרוב, קיין גואל נישט? אַ כבוד אַ גרויסער איז דאָס פאַר אַ שוויגער, אַז שמואל דער שומר זאָל זיין אַ מחותן אויף דער חתונה... וואָס איז? ער האָט דעם חתן אַ טאָג גע-געבן עסן! און פאַר אַ ווייב אפילו איז דאָס אויך נישט אַזאַ נחת, אַז בערל דער שוסטער זאָל איר נאָך דער חתונה קאָנען אויפוואַרפן, אַז ער האָט איר מאַן מיט זיין אָרעם ברויט געהאָדעוועט... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן, ווער דען, אַז נישט ברוך דער קצב, וואָס איז אַליין אויך נישט מער ווי אַן אויפגעקומענער העקער, קאָן אויף אים אַ בעלן זיין... מסתמא האָט דאָך זיין שרה־פייגע אַזאַ מזל: דאַרף איר טאַטע אויפ-געריכט ווערן און נעמען פאַר איר דעם דימענט, וואָס וואַלגערט זיך, נעבעך, אין אָרעמקייט, אין בלאָטע, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערן!...

— אָבער פונוואַנען ווייסטו דאָס? — האָט מירעלע מיט אַ צי-טערנדיקער שטימע געפרעגט.

— אַ סוד איז דאָס? ברוך אַליין האָט מיר דאָס דערציילט און כמעט געבעטן מוצאי-יום-טוב אויף תנאים.

— און ער? ער וויל עס? ברוך האָט ביי אים שוין געפרעגט? ער האָט אים געענטפערט, אַז ער וויל עס?

— עפּעס רעדסטו, ווי אַ קינד!—האָט די מוטער מיט אַ שמייכל זיך אָפּגערופן.—ווי הייסט, צי וויל ער? ווער דען וויל? איך, צי דו? ביי מיר, אָדער ביי דיר דאַרף ברוך פרעגן? פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט ביי הערשעלען געפרעגט און ער האָט אים מסתמא געזאָגט, אַז אים איז ניחא!

— עס איז אַ ליגן, מאַמע, ברוך באַרימט זיך נאָר, הערשעלע וועט דאָס נישט טון...

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. די באַקן מירעלעס האָבן זיך אָנגעצונדן און דורך אירע שיינע אויגן האָט איר אויפגע-רעגט האַרץ אַרויסגעקוקט.

— וואָס אַרט דאָס אָבער דיך, מיין קינד? — האָט ברײנדעלע געפרעגט.

— ווייל קיינעם אַרט נישט פאַר אים, מוז מיך אַרן! ניין, מאַמע,

דו טאָרסט עס נישט צולאָזן!

— וואָס עפּעס איך? ווי געפעלט דיר אַזוינס? איך וועל מיך נעמען אַריינמישן אין פרעמדע עסקים? קאַרג, שונאים, נישט פאַרגינער האָב איך, וועל איך נאָר גיין שידוכים קאַליע מאַכן?

— וועל איך אים אַליין זאָגן, אַז ער מאַכט זיך אומגליק-לעך!

— וואָס איז דיר געוואָרן, מיין טאָכטער? דו הערסט דאָך גאָר-נישט, וואָס דו רעדסט! זיין שוועסטער, זיין מומע ביזטו? ווי געפעלט דיר אַזוינס, אַ מיידל וועט זיך גאָר אַריינמישן אין שידוכים? פּע, שע-מען דאַרפסטו זיך!

— שעמען זאָלן זיך יענע, וואָס רעדן אים צו! איך וועל איבּ-אָפּרעדן, מאַמע!

— אָבער זאָג מיר, וואָס ביזטו מער מחויב פאַר אַן אַנדערן? ביי דיין מאַמען אַליין עסט ער אַ טאָג? עס זענען, ברוך השם, דאָ געגוג באַלעבאַטים אָן מיר אויך. ער איז ביי זיי אפשר נאָך היימי-שער, ווי ביי מיר, פאַרוואָס אַרט עס זיי נישט? אַ שטאָט מיט יידן, אָן אַן עין-הרע, אַ רב, אַ ראש ישיבה, און ווער נישט? אַלע זאָגן, עס איז אַ גליק פאַר אים, האָט זי זיך געפונען אַ נישט געבעטענע גוואַלטע, נישט צוצולאָזן, וואָס אים אַליין איז ניחא... פּע, דו רעדסט פון וועג, מיין טאָכטער!

— אַ שטאָט מיט יידן, אַ רב, אַ ראש ישיבה!..— האָט מירעלע מיט אַ פאַרביטערטן מאָן איבערגערעדט.—ווי ס'ס דען ווער פון זיי, וואָס הערשעלע איז? פאַרשטייט דען דער רב אָדער דער ראש-ישיבה וואָס פון אים קאָן אַרויסוואַקסן, ווען זיין מזל זאָל זיין אין אַ פיינעם הויז אַריינצוקומען?..

— עס איז צו לאַכן, ווי איך בין אַ יידישע טאָכטער!—האָט זיך ברײנדעלע צעלאַכט.—אפשר קענסטו מער לערנען פאַר אונזער רב? אפשר ביזטו מער מבין אויף אים, ווי זיין אייגענער רבי, דער ראש ישיבה? קינד איינע, דו ווייסט דאָך גאָרנישט, וואָס לערנען איז, ווי קומסטו צו זאָגן אַ דעה? מען וועט דאָך אין די הויפנס לאַכן, אַז מען וועט הערן אַזעלכע דבורים פון דיר?

— זאָל מען לאַכן, מאַמע! איך וועל פאָרט נישט דערלאָזן, אַז הער-שעלע זאָל אומגליקלעך ווערן!

— שריי כאָטש נישט אַזוי!—האָט ברײנדעלע געבעטן.—דאָס דינ...

ויידל קאָן נאָך דערהערן און איבערן שטאָט צוטראָגן. ווײ איז מיר נישט, וו איז, מיין קינד, דיין שכל אַהינגעקומען ?!

מירעלע האָט מער נישט גערעדט און איז אין איר צימער אַריין, זיך שלאָפן געלייגט אָן וועטשערע, אַ סימן, אַז זי איז אויף דער מוטער ברוגז.

ברײנדעלען האָט גאָר אויפן זינען נישט געקאָנט אַרויפקומען חושד צו זיין איר קינד, חלילה, איז עפּעס שלעכטס, דעריבער האָט זי זיך ביים דינסטמיידל געפרעגט, צי ווייס זי אפשר, וואָס מירעלע איז היינט אַזוי אויפגערעגט—צי איז נישט עפּעס אַ שאָדן געשען, אָדער צי האָט איר ווער אפשר היינט פוגע בכבוד געווען ?

דאָס דינסטמיידל האָט געשוווירן, אַז, אַדרבה, מירעלע איז דעם גאַנצן טאָג אינדערהיים געווען, קיין שאָדן איז נישט געשען. פאַרנאַכט איז דאָ געווען שיינדל די שניט-קרעמערין און האָט מירעלען געלט געגעבן, אַוודאי אַ גמילת חסד אָפּגעבראַכט.

—זי וועט מיר בדלות שטעלן!—האָט ברײנדעלע פאַר זיך גע-רעדט.—איצט פאַרשטיי איך שוין איר כעס: שיינדל האָט איר שוין געמוזט פאַרלייקענען עטלעכע רובל... עס שטייט איר נישט אָן מיר דאָס אויס-צוזאָגן, לאָזט זי גלאַט אויס איר כעס צו מיר און צו ברוכן, גלייך ווי איך אָדער ער האָבן איר געהייסן לייען שיינדלען... אַזוי איז שוין רעכט...

פאַרן שלאָף האָט נאָך ברײנדעלע געפּרוּווט אַ פרעג טון:

—זאָג שוין כאָטש, וויפל האָט דיר שיינדל פאַרלייקנט ?

מירעלע האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק און ברײנדעלע האָט זי נישט געוואָלט וועקן.

מירעלע האָט אָבער נישט געשלאָפן און נישט געקאָנט אַנט-שלאָפן ווערן. טויזנטער געדאַנקען זענען איר דורכן קאָפּ געלאָפן. אָט איז זי אין כעס אויף זיך, אויף דער מוטער, אויף הערשעלען, זי וויל זיך שווערן, אים פיינט צו האָבן, נישט וועלן אפילו מער וויסן פון אים און אָט דערמאַנט זי זיך, ווי ער האָט געקוקט אויף איר, דאַמאָלס ווען זי האָט מיט אים כמעט צום ערשטן מאָל גערעדט און אים גע-בעטן פאַרהיטן זיין געזונט... און פון בינע אַראָפּ, ווי ליב האָבן זיינע אויגן אויף איר געקוקט!.. „ניין, עס קאָן נישט זיין!" זאָגט זי צו זיך, „ער וועט מיך נישט פאַרגעסן! אפשר באַרימט זיך דאָס נאָר שרה-פיי-

געז יאָ, זי באַרימט זיך און ברויך גלויבט און מיינט אַז ער איז שוין זיינער!"

און זי וויל זיך דערמאַנען ריכטיק ווי זעט אויס שרה־פייגע. זי האָט שרה־פייגען גוט געקענט און געדענקט גוט ווי זי זעט אויס, נאָר איצט וואָלט זי אַלץ אוועקגעגעבן, צו זען די פּאַר אירע אויגן און זיך איבערצייגן, צי איז זי אפשר מיטאַמאָל שיין געוואָרן, צי איז אפשר טאַקע מעגלעך, מען זאָל זיך קאָנען פאַרליבן אין איר?

פאַרשידענע פיגורן טראָגן זיך איר פאָר פאַר די פאַרמאַכטע אויגן. אָבער זי זעט דווקא אַזעלכע געזיכטער, וואָס זי טראַכט גאָר קיינמאָל פון זיי, נאָר שרה־פייגעס געזיכט קאָן זי זיך איצט נישט פאָרשטעלן. זי קאָן זיך אַליין נישט דערמאַנען, וואָס פאַר אַ נאָז, וועלכע ליפּן האָט שרה־פייגע? זי געדענקט נאָר, אַז זי איז דיק און גרויס... ענדליך זעט זי שוין שרה־פייגען אויך און דווקא נישט מיאוס, עפּעס אַ מין „כלה־חן" ליגט אויף איר געזיכט. און מיידלעך ווייזן מיט די פינגער: „זעט ווי שיין זי איז!"

פלוצלונג גיט זיך מירעלע אַ כאַפּ פון בעט אַראָפּ, גייט צו צום טיש אַ באָרוועסע, נעמט די לאָמפּ און גייט צו צום שפּיגל, קוקט זיך איין און זעט, ווי אירע באַקן פלאַמען, ווי די אויגן שיינען, די לאַנגע שוואַרצע לאָקן פאַלן אויף איר ווייסן האַלז, זי גיט קאָקעטיש אַ שמייכל, איבערצייגט זיך, אַז יעדנפאַלס איז זי שיין און האָט פאַר ברוכס טאָכטער געוויס נישט, וואָס אַראָפּצופאַלן.

רויקער גייט זי צוריק צום בעט און לייגט זיך מיט אַ פעסטן באַשלוס: ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך מיט הערשעלען אויסצורעדן, כאָטש אים נישט מודה זיין, אַז זי טראַכט און ליידט פון אים אַזויפיל, אָבער דערגיין פון אים, וואָס טראַכט ער פון איר.

מיט דעם באַשלוס איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן, און אין חלום האָט זיך איר געדאַכט: זי קריגט זיך מיט דעם רב און מיט דעם ראש־ישיבה. פאַרוואָס? ווייסט זי אייגנטלעך אַליין נישט, די מוטער שטייט לעבן איר, ווינקט, זי זאָל אויפהערן, ברעכט די הענט און שרייט: „אַ חרפּה אַזוינס פון אַ מיידל צו הערן, וויי איז מיר נישט"! נאָר זי, מירעלע, קריגט זיך אַלץ מער... פלוצלונג ווערט פון רב גאָר שמואל דער שומר מיט זיין גרויסן נאַכט־שטעקן און וויל זי שלאָגן. אין קיך, זעט זי, שטייט שפרה, בערל דעם שוסטערס ווייב, מיט אַ פּאָר אַלטע כאַלעוועס אונטערן אָרעם און זאָגט צום דינסטמיידל: „דו ווייסט, מירעלעס

חתן האָט דאָך ביי מיר טאָג געגעסן!"—„בעט מירעלען,—ענטפערט דאָס מיידל,—„וועט זי אייך צוועקגעבן דעם משכון"—זי וויל לויפן שרהן דעם משכון אָפּגעבן. נאָר ווי זי קומט אין עסצימער אַריין, זעט זי, ווי הערשעלע ליגט אַ פאַרטשאַדעטער אויפן קאַנאַפּע. בלאַס איז זיין געזיכט, און ער שטרעקט אַ האַנט אויס. ווינקט עפּעס... זי פאַלט צו אים צו, קושט אים און וויינט... ער נעמט זי אַרום און טרייסט זי: „באַלד וועל איך ווערן אַ גרויסער לייט. מירעלע!" זאָגט ער.—„די זון מיט דער לבנה, מיט די עלף שטערן וועלן זיך בוקן צו מיר!" און זי זעט אים אויפן בינע. זי הערט אים זינגענדיק, און הערט אויך ווי שרה-פייגע זאָגט: „זע, מירעלע, ווי שיין ער איז! איך וויל אים אַלע גלי-דער אויסקושן!" זי קוקט זיך אום און דערזעט ברוך דעם קצב הינטער זיך—„הולטייקאַ!"—גיט ער אַ געשריי—„דו ווילסט אַ פרעמדן בחור קושן? טאָר מען דאָס?.." „נישט איך זאָג עס!"—ענטפערט זי—„אייער שרה-פייגע! נאָר ברוך הערט נישט און ווינקט צו הערשעלען, ער זאָל נאָך אים גיין. זי זעט ווי ער גייט מיט ברוכן אַוועק. זי הייבט אָן שרייען: „הערשעלע? הערשעלע! מאַך זיך נישט אומגליקלעך!" נאָר ער קוקט זיך אפילו נישט אום און גייט ווייטער, ווייטער... עס דריקט איר דאָס האַרץ, דער אָטעם ווערט איר ענג, אַרום איר איז פינסטער, זי שטייט עפּעס ווי אין אַ זומפּ, קאָן אַ פוס נישט אויפהייבן... ענדלעך עפנט זיך דאָס האַרץ און טרערן הייבן זיך אָן גיסן פון די אויגן, און איר וויינט זיך אַזוי לייכט, ביז די מוטער דערהערט איר פאַרשטיקט קול און וועקט זי אויף.

—דדו האָסט, מיין קינד, די האַנט אויפן האַרצן געהאַלטן,—זאָגט ברײַנדעלע, מירעלעס האַנט האַלטנדיק און בטלט שטילערהייט אַלע ביי-זע חלומות צו די שונאימס קעפּ.

מירעלע עפנט די אויגן מיד און אָפּגעשוואַכט. זי דערזעט די מוטער לעבן זיך, פאַלט איר אויפן האַלדז און וויינט זיך פאַנאַנדער.

— וואָס האָט זיך דיר אַזוינס געחלומט?—פרעגט די מוטער—צום גוטן זאָל עס זיין, מיין טאָכטער! אַ חלום איז אַ נאַר און גאָט דער וואַכנדיקער איז אַ האַר...

— עס איז שוין שפּעט, מאַמעשי?—פרעגט מירעלע און דריקט צו דער מוטערס האַנט צום האַרצן.

—נאָך גאָר פרי.—ענטפערט בריינדעלע.—איך בין אויפגעשטאַנען היינט פריער, ווי אַלעמאָל. עס איז ערב יום-טוב: אַ מאַרק היינט, איך

וויל נאָך ביים פעטער אויך זיין. זאָג שוין, האָט שיינדל דיר עפּעס ווידער פאַרלייקנט? זאָג נאָר, וויפל האָסטו איר געליען? נישקשה, מיר וועט זי אָוועקגעבן, מסתמא איז דאָך ביי דיר פאַרשריבן...

— שיינדל האָט נישט פאַרלייקנט, מאַמעשי, אַדרבה... זי האָט מיר נאָך מיט פּראָצענט געוואָלט באַצאָלן, נאָר איך נעם נישט קיין פּראָצענט פאַר אַ גמילת חסד...

— וואָס דען האָסטו זיך נעכטן אַזוי געערגערט? עפּעס האָסטו דאָך געמוזט האָבן אַן עגמת נפש?

— גאָרנישט, גאָרנישט, מיר איז גלאַט אַזוי צום מוט נישט געווען...

ברײַנדעלע איז נאָך אַלץ צוגעשטאַנען, זי זאָל איר פאָרט זאָגן.

— פרעג נישט,—האָט מירעלע געזאָגט,—דערמאָן מיר נישט, לאָז זיך זיין אַזוי... אָי! איך בין זייער מיד!

— שלאָף נאָך, מיין קינד, די קאַווע איז נאָך זאָ ווי זאָ נישט פאַרטיק,—האָט בריינדעלע געבעטן. און באַלד, ווי זי איז פון שלאָף-צימער ארויס, איז מירעלע ווירקלעך צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן.

ט

אַז מירעלע האָט זיך צום צווייטן מאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין גרויסער טאָג געווען.

— ווּ איז די מאַמע?—האָט זי די דינסט געפרעגט, וועלכע האָט דער מוטערס בעט פאַרבעט.

— די מאַמע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען. זי האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל אַכטונג געבן אויף אייך... איר זענט נישט געזונט, זאָגט זי, וואָס מאַכט איר, מירעלע?

— געזונט און פרישו—האָט מירעלע געענטפערט מיט אַ געלעכטער.—היינט איז מיטוואָך?

— מיטוואָך, פונקט אַ וואָך צו ערב-פסח, מירעלע!

— גיב מיר וואַסער,—האָט מירעלע געבעטן ווי אין איילעניש.—ווי שפעט איז איצט?

— האַלב עלף האָט ערשט געשלאָגן!

— גיכער, גיב מיר וואַסער!

ביז עלף אַ זייגער איז זי שוין אָנגעטאָן געווען. זי האָט געוווּסט, אַז צווישן עלף און צוועלף קומט הערשעלע עסן און איר איז די צייט לאַנג געווען, ווארטנדיק אויף אים. מינוטנווייז איז זי צום שפּיגל צוגעגאַנגען, פאַריכט איילנדיק די האָר אויפן קאָפּ, דאָס שלייפל אויפן האַלדז, געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין פאַרשידענע פּאָזעס און מינע. און איז צו צום פענסטער זען, צי גייט ער שוין.

אַז זי האָט אים פון דערווייטן דערזען, האָט זיך פּלוצלונג איר דרייכער בת־יחידהשער שטאָלץ אויפגעכאַפּט: דער פאַנטאַסטישער חן, אין וועלכן זי האָט אים אין חלום געזען, איז עפּעס פּלוצלונג צעפלויגן געוואָרן, און ער האָט איר איצט אויסגעזען, ווי אַ געוויינלעך אָרע־מער ישיבה־בחור, וועלכער גייט, ווי אַ דערשלאָגענער, אָן מוט, אָן לעבן.

זי האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט, וואָס זי ליידט אי־בער אים אַזוי... און איז גיך פון פענסטער אַוועק, געכאַפּט, אָנגעטון אַ וואַרעמען בגד אויף זיך און איז ווידער פון שטוב אַנט־לאָפן — „נישט נאָכגעבן דעם נאַרישן האַרץ, כּל זמן, עס איז נאָך צייט דאָ!"

אַרויסגייענדיק פון טיר אָבער, האָט זי זיך מיט אים אויפן טרעפּל באַגעגנט. ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ביידע זענען בלאַס געוואָרן און יעדער האָט געפילט, ווי דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּט.

נישט ווילנדיק, האָט זי אויף אים אַ קוק געטון און דערזען זיין בלאַסקייט... אַ רחמנות־געפיל האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט און איר האָט אָנגעהייבן באַנק טון, וואָס זי וויל פון אים אַנטלויפן. עס איז איר אָבער נישט אָנגעשטאַנען, ער זאָל באַמערקן, אַז צוליב אים קערט זי זיך אום, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב פאַרגעסן גאָר, אַז איר וועט היינט זיין ביי אונדז... איך האָב מיט אייך עפּעס צו רעדן... איך וועל באַלד צוריקקו־מען!

מיט די ווערטער איז זי, ווי אַ בליץ פון טרעפּל אַראָפּ און זיך געלאָזט גיין אין איילעניש אַליין, נישט וויסנדיק וווהין.

אַז זי איז אין אַ פערטל שעה אַרום צוריקגעקומען, האָט זי אין קיך ביים דינסטמיידל געפרעגט: „ער האָט שוין אָפּגעגעסן?" און אַז דאָס מיידל האָט געענטפערט: „ער עסט נאָך," האָט זי אין קיך אָפּגעוואַרט. די דינסט האָט איר מיט אַ גנבישן שמייכלע געגעבן צו־פאַרשטיין, אַז זי שטויסט זיך עפּעס אָן, נאָר אַדרבה, איר טוט די זאַך אַ הנאה.

אויך הערשעלע האָט אין זיך היינט מוט געפילט: איינמאָל פאַר אַלעמאָל, איר אויסדערציילן זיין עגמת־נפש, וואָס ברוך באַרימט זיך, כאָטש ער וועט איר נישט אויסזאָגן, חלילה, וואָס זיין האַרץ פילט צו איר, אָבער זאָל זי אים נישט חושד זיין, אַז ער איז אַ מענטש גאָר

אָן אַ האַרץ... זאָל זי וויסן כאָטש, אַז ער ווייסט, פאַרוואָס זי איז אויף אים אין כּעס—ער איז נישט שולדיק, גאָט איז זיין עדות!

ענדלעך איז זי דורכגעלאָפן דעם עסצימער און האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אין שפּיגל, אַ גלעט געטון די האָר אויפן קאָפּ נאָכאַמאָל און איז צוריק אין עסצימער אַריין.

דערווייל איז הערשעלעס מוט אויסגעוועבט געוואָרן. זיך פילנדיק אַליין מיט איר, איז ער צוריק צעמישט און פאַרווירט געוואָרן, און האָט פאַרגעסן די ווערטער, וואָס ער האָט זייט עטלעכע טעג מסדר געווען ביי זיך, ווי איר זיין עגמת-נפש אויסצודערציילן.

נאָר איין פריינטלעכער קוק אירער איז היינטיקס מאָל געגנוג געווען זיין געפאַלענעם מוט צוריק אויפצוהייבן.

—וואָס מאַכט איר, הערשעלע?—האָט זי געפרעגט און אוועקגעזעצט זיך לעבן אים.

—איך דאַנק אייך, וואָס איר פרעגט זיך נאָך...—האָט ער גוטמוטיק געענטפערט.

—מיר האָבן זיך שוין אַ צייט נישט געזען,—האָט זי ווידער אָנגעהייבן רעדן און אים פריינטלעך אָנגעקוקט.

—פון דאַמאָלסט אָן, ווען איר האָט מיט מיר אַזוי פריינטלעך גערעדט... מיר געלט געגעבן, איך זאָל האָבן מיט וואָס מיין געזונט צו פאַרהיטן!—האָט ער באַמערקט.

—ניין, איך האָב אייך נאָך שפּעטער געזען... אויפן בינע, בעת איר האָט יוספן געשפּילט... האָט איר מיך דאַמאָלסט גאָרנישט געזען?—האָט זי געפרעגט, כאָטש זי געדענקט יענעם ליבן קוק, וואָס ער האָט פון בינע אַראָפּ איר צוגעשיקט.

—איך האָב אייך אויך געזען...—האָט ער שעמעוודיק געענטפערט,—איר זייט לעבן אייער מוטער אויף דער ערשטער באַנק געזעסן... האָט קיין פאַריבל נישט אויף מיר, וואָס איך האָב ביי אייך נישט געפרעגט צי איך זאָל שפּילן „מכירת-יוסף, צי נישט!

—פאַרוואָס זאָל איך עפּעס פאַריבל האָבן? זייט איר דען מחויב ביי מיר צו פרעגן, וואָס אייך אַליין געפעלט?...

—יאָ, איך בין מחויב!—האָט ער מוטיק געענטפערט,—איך ווייס: איר זיינט מיר אמת געטריי, קיינער פרעגט מיך קיינמאָל נישט, וואָס איך מאַך, קיינעם קימערט נישט, צי בין איך געזונט, צי נישט, נאָר איר איינע האָט מיך געפרעגט און געראָטן מיר: מער פון אַלץ—מיין גע-

זונט פֿאַרהיטן... איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס איך האָב אייער חסד און פֿריינטשאַפֿט פֿאַרדינט, אָבער דאָס האַרץ מיינס פֿילט, אַז איר ווינטשט מיר נאָר גוטס!

—אייער האַרץ, זאָגט איך קיין ליגן נישט! איר מעגט אייער האַרץ גלויבן.

—איך מעג מיין האַרץ גלויבן נאָכמער, ווען איך הער עס פֿון אייער מויל! — האָט ער מיט אַ גליקלעכן שמייכל זיך אָפּגערופֿן.—און טאַקע דערפֿאַר מעגט איר פֿאַריבל האָבן, וואָס איך האָב אייך נישט געפֿרעגט!

— אַז איך וואָלט נישט געוואָלט, איר זאָלט שפּילן, וואָלט איך נישט געקומען זען און הערן אייך!—האָט זי אים געטרייסט.—אָט האָט איר אַ סימן, אַז, אדרבה, איך דאַנק אייך דערפֿאַר, איך וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס איר קענט... איצט גלויב איך, אַז פֿון אייך קאָן ווירקלעך אַ גרויסער מאַן אַרויסוואַקסן — ווען איר זאָלט נאָר אַליין וויסן צו וואָס איר זיינט פֿעיק... נאָר וואָס קומט אַרויס פֿון די רייד, אייך איז עפּעס אַנדערש ניחא... און איר ווילט נישט ווערן דער גרויסער לייט, וואָס איר קאָנט ווערן און גליקלעך זיין!

—וועלכער מענטש וויל עס נישט ווערן גליקלעך?—האָט ער מיט אַ זיפֿץ געענטפֿערט.

—איר ווילט נישט זיין גליקלעך!..—האָט זי ווי מיט כּעס אויסגע-רעדט.

— זייט מיר נישט חושד, אַז עס איז אמת, וואָס איר האָט אפֿשר געהערט וועגן מיר רעדנדיק!—האָט ער מיט בעטנדיקע אויגן גע-קוקט אויף איר און גערעדט.—מאַלע וואָס איינער שמועסט זיך איין... דער אַנדערער ד־האָט אויך אַ דעה אויף זיך אַליין... איך בין טאַקע אָרעם און עלנט, איך קאָן טאַקע נישט ברוכן דאָס מויל צו מאַכן, ער זאָל נישט רעדן, וואָס אים ווילט זיך... אָבער אים אָפֿן זאָגן, אַז ער האָט איינגאַנצן אַ טעות — קאָן איך!.. נאָר ער פֿרעגט נישט, און כּל-זמן ער פֿרעגט נישט, מוז איך שווייגן. ער איז דאָך פֿאָרט מיין באַ-לעבאָס.

—איך גלויב אייך, רעדט נישט מער דערפֿון... זאָגט מיר בעסער, פֿאַרוואָס זענט איר נאָך אַלץ אַזוי בלאַס?

—איך ווייס גאָרנישט, צי בין איך בלאַס... — האָט ער געענט-

פערט.—איך בין, גאָט צו דאַנקען, געזונט...

— גלויבט איר מיר נישט? קומט־צו צום שפּיגל און קוקט זיך איין, וועט איר אַליין זען!

און איידער ער האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט זי זי איםם פריינטלעך פאַרן האַנט אָנגענומען און צוםם שפּיגל צוגעפירט.

ער איז, ווי אַ צעמישטער, פאַרשעמט געשטאַנען, אין שפּיגל געקוקט, געזען דאָרט מירעלען: אין אירע באַקן בליען אַ פּאָר שיינע רויזן, אין די אויגן ברענט אַ ליכטיקער בליק, ער זעט זי נאָר און זיך — כמעט גאָרנישט. פּלוצלונג דערזעט ער אויך זיך אַליין און ער דערשרעקט זיך באמת פון זיין בלאַסקייט.

דער קופּערנער בית־המדרש־כיור, וואָס האָט אים אין די לעצטע צייט, אַלס שפּיגל געדינט, האָט אים זיין ווייס, בלאַס פּנים נישט געקאָנט באַווייזן. איצט אָבער זעט ער זיך אַקוראַט, ווי ער איז און ער פאַרוואונדערט זיך, ווי איז דאָס אַ מענטש אַזוי בלאַס! אַ שווערער זיפץ רייסט זיך אים פון האַרץ אַרויס.

מירעלע האָט פאַרשטאַנען זיין שרעק, און נישט אָפּלאָזנדיק זיין האַנט, האָט זי געזאָגט:

— זעט כאָטש, אַז איר פאָלגט מיר נישט און איר היט נישט אָפּ אייער געזונט, ווי איך האָב אייך געבעטן, ווי איר האָט מיר צוגעזאָגט...

פון צעמישטקייט האָט ער כמעט פאַרגעסן, אַז ער שטייט דאָ האַנט אין האַנט מיט דער מירעלען, וואָס פאַר אַ גוט וואָרט פון איר צו הערן, וואָלט ער זיין נשמה אָפּגעגעבן. דערפאַר, אַז זי האָט אָנגעהייבן רעדן, האָט ער זיך, ווי פון אַ חלום אויפגעכאַפּט און ערשט דערזען זי לעבן זיך טאַקע און נישט נאָר אין שפּיגל.

— מירעלע!—האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען, און איר האַנט אַ הערצלעכן דריק געטון, אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין פאַרוואונדערט, ווי אַזוי האָט זיך ביי אים דער ליבער נאָמען אויסגעשריען, און ווי האָט ער דעם מוט גענומען איר האַנט גאָר צו דריקן? ער האָט פאַרשעמט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, און זי האָט אין שפּיגעל געזען ווי אויף זיינע ווייס בלייכע באַקן האָט זיך פּלוצלונג אַ הערלעכע רויטקייט אויסגעגאָסן.

אַוועקגייענדיק פון שפּיגל, האָט זי אים געבעטן זיצן, און האָט

זיך לעבן אים אויך געזעצט.

— זעט איר, אַז איך זאָג אייך אמת, איר זענט קראַנק!..—האָט זי געזאָגט.—איר ליידט, איר בענקט געוויס נאָך עמעצן און מיר דערציילט איר נישט... כאָטש איר ווייסט, אַז איך בין אייך אַ פריינט און אייער געזונט איז מיר זייער, זייער טייער!

—איך בין געזונט, גלויבט מיר! — האָט ער, ווי געבעטן.—אפשר איז מיין האַרץ קראַנק אין מיר... יאָ, דאָס האַרץ טוט מיר באמת זייער אָפּט וויי! אָבער עס איז קיין רפואה נישטאָ... און מען קאָן עס נישט אָפּהיטן, עס זאָל נישט וויי טון...

— וואָס טוט ווי אייער האַרץ?—האָט זי מיט אַ קאָקעטישן חן געפרעגט.—דערציילט מיר אייער האַרץ.

—קאָן מען דען אַ האַרץ אויסדערציילן? — האָט ער געענטפערט און אַ רירנדיקן קוק געטון אויף איר.

— פאַר אַ פריינט אַן אמתן, פאַר אַ טרייען פריינט, קאָן מען אפילו אַ האַרץ אויסדערציילן! — האָט זי פאַרלאַנגט.—זענט איר נאָך נישט זיכער, אַז איך בין אייך אַזאַ פריינט?

— אָבער אַז איך וועל אייך דערציילן, וועט איר אין כעס ווערן און נישט וועלן מער מיר אַזאַ פריינט זיין, כאָטש איך בין אין דעם נישט שולדיק.. גאָט אַליין איז מיין עדות!

—זייט זיכער, איך וועל אייך נישט שולדיק מאַכן אין וואָס איר זענט נישט שולדיק!..

ער האָט דעם מוט נישט געהאַט, אָדער נישט געוווסט ווי זיינע האַרץ-יסורים אַ נאָמען צו געבן און האָט געשוויגן. זי האָט אים טיף אָנגעקוקט און געפילט זיין האַרץ נאָכמער, ווי ער האָט איר געקאָנט דערציילן.

—נו, איר גלויבט מיר נישט, אַז איך וועל נישט אין כעס זיין?—האָט זי מיט אַ זיסן שמייכל געפרעגט נאָך אייניקע מינוטן שטילשווייגן.

—אַז איר פאַרלאַנגט פאַרט, מוז איך!.. כאָטש אַזוי וואָלט איך עס אייביק פון מיין מויל נישט אַרויסגערעדט... — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע געענטפערט.—נאָך אייך, גוטע מירעלע, בענקט מיין האַרץ!... איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהייבן... נאָר שוין באַלד אַ יאָר, ווי איך קאָן אייך איין מינוט נישט פאַרגעסן... וואָס

איך טראַכט, טראַכט איך נאָר פון אײַך... וואָס איך טו, מײַן איך, אַז נאָר צוליב אײַך טו איך עס! עס איז אַ זינד פאַר גאָט... איך לײקן נישט, אָבער עס איז פאָרט אַזוי, און איך וויל קײן ליגן אײַך נישט זאָגן!.. אפילו גמרא האָב איך אַ גאַנץ יאָר נאָר צוליב אײַך געלערנט... טאָג און נאַכט געלערנט, איך זאָל ווערן אַמאָל אַ גרויסער לײַט און זאָל ווערט זײַן, אַז איר זאָלט וועלן מיט מיר רעדן... איך האָב געדאַוונט, געפאַסט און גאָט געבעטן, איך זאָל רײַך ווערן... גלויבט מיר, נישט א י ך וויל אַ הנאה האָבן פון דער רײַכקײט, נאָר איך זאָל קאָנען א ײ ך, מירעלע, גוטס טון!.. א ײ ך זאָל קײן גוטע זאַך אין דער וועלט נישט פעלן און איר זאָלט וויסן, אַז איך טו עס אײַך!.. איצט זײַט איר כעס אויף מיר... נאָר געדענקט, וואָס איר אַלײן האָט מיר פריער געזאָגט, אַז מײַן האַרץ זאָגט מיר קײן ליגן נישט... דאָס רעדט צו אײַך מײַן האַרץ, און עס זאָגט אײַך אויך נאָר אמת!..

מירעלע האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן, געהערט הערשעלעס הײסע, פײַעריקע רײד אַזוי רירנדיק, אַזוי ווי אַמאָל פאַר דער מוטער רחלס קבר... דאַמאָלס האָט זי פון אים נישט געקענט אַן אויג אַראָפּנעמען... נאָר איצט האָט זי זיך געשעמט אין דער מינוט אירע אויגן אים צו ווײַזן, כאָטש די ווערטער זײַנע זענען איר איצט ליבער און זיסער ווי דאַמאָלס...

ער האָט אומזיסט אַ פאָר מינוט געוואַרט אויף איר אַנטוואָרט. זי איז שטיל געזעסן, און די אויגן פון דער פּאָדלאָגע נישט אָפּגע-ריסן.

—איר זײַט אין כעס און איר האָט רעכט!—האָט ער ווידער אָנ-געהײבן רעדן און אין זײַן שטימע האָבן זיך זײַנע אינערלעכע שמערצן קלאָר געהערט. — איך בין מיט דעם זינדיק קעגן גאָט און נאָכמער — קעגן אײַך!.. גאָט ווײס, אַז איך בין נישט שולדיק, וועט ער מיר מוחל זײַן... נאָר איר קאָנט עס נישט וויסן... און איך וויל גאָרנישט, איר זאָלט מיר מוחל זײַן... זאָגט מיר, אַז איר ווילט מיך מער נישט זען, זאָגט מיר, איך זאָל אַוועקפאָרן—איך וועל אײַך אַלץ פאָלגן... און ווו נאָר איך וועל זײַן, וועל איך נישט פאַר ז י ך, נאָר פאַר אײַך, מי-רעלע, גאָט בעטן, א ײ ך זאָל גוט זײַן, א י ר זאָלט גליקלעך זײַן!.. איך וועל ווײַטער טאָג און נאַכט לערנען, תורה און חכמה לערנען, ביז איך וועל ווערן אַ גרויסער לײַט, איר זאָלט מיר אַמאָל קאָנען מוחל זײַן!

אַז זי האָט ענדלעך אירע אויגן אויפגעהייבן, אַ ליבן קוק געטון אויף אים, האָט זי אין זיינע אויגן טרערן דערזען. אַ פּאָר טרערן האָבן זיך אויך אין אירע שיינע אויגן באַוויזן. זי האָט אים מיט ליבע, רירנדיק אָנגעקוקט.

—מיין פריינט, מיין ליבער פריינט!..—האָבן אירע ליפּן שטיל און ציטערנדיק אַרויסגעשטאַמלט.

—מירעלע!..

—הערשעלע!..

און זיי געדענקעןביידע נישט, וועלכע טרייע געהיימע האַנט האָט זיי איינער צום אַנדערן צוגעפירט, ווער האָט זיי אַ שטויס געטון אויפן האַלדז אַרויפצופאַלן און זייערע ברענענדיקע ליפּן אין דעם ערשטן ליבסטן אומשולדיקסטן קוש צוזאַמענגעבונדן...

מירעלען האָט באַלד אַן אומעט באַהערשט, זי האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן, נאָר די האַנט זיינע שטאַרקער און שטאַרקער געדריקט. זיין האַנט איז געווען הייס, ווי פייער, איר האַנט איז קאַלט ווי אייז געוועזן.

הערשעלע האָט זיך מונטערער און מוטיקער געפילט און האָט פון איר אַן אויג נישט אַראָפּגענומען. ענדלעך האָט זיך אַ שווערער זיפץ אַרויסגעריסן פון איר האַרצן, און זי האָט רירנדיק איר קאָפּ צוגעלייגט אויף זיין אַקסל.

—מירעלע, וואָס זענט איר אומעטיק געוואָרן?—האָט ער מיט מיטלייד געפרעגט.

—זאָג מיר נישט „איר", הערשעלע,—האָט זי געבעטן,—איצט ביזטו שוין מיין פריינט, מיין איינציקער ליבער פריינט!.. איצט בין איך נישט מער אומעטיק... זיי דו אויך פריילעך... גאָט וועט אונדז העלפן און מיר וועלן אייביק, אייביק טרייע פריינט זיין און בלייבן... נישט אמת, הערשעלע, דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן?

—מירעלע!..—האָט ער געענטפערט און טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטון פון זיינע אויגן.

—איך גלויב דיר... מער דאַרפסטו מיר גאָרנישט זאָגן...—האָט זי אים נישט געלאָזן ווייטער רעדן. — איך האָב אויך אַ האַרץ און עס זאָגט מיר אויך קיין ליגן נישט!..

—איצט בין איך שוין נישט עלנט, מירעלע... איצט ווילט זיך מיר נאָכמער אַ גרויסער לייט ווערן!.. — האָט ער פייערלעך אויסגע-

רעדט.—איך וועל אַמאָל אַ לייט ווערן... צוליב דיר וועל איך אַ לייט ווערן...

—ווי גליקלעך וועל איך דאַמאָלס זיין, מיין ליבער פריינט!.. — האָט זי מיטן גאַנצן הארצן געענטפערט.—איצט וויל איך אויך, דו זאָלסט אַוועקפאָרן, ווייט אוועקפאָרן, שטודירן, לערנען, וואָס דיין האַרץ וועט דיר הייסן... קיינער זאָל נישט וויסן, ווו דו ביזט, וואָס דו טוסט. נאָר מיר זאָלסטו שרייבן... איך וועל דיר געלט מיטגעבן, געלט שיקן, דיר שרייבן און דיינע בריוולעך לעזן און בענקען און וואַרטן אויף דיר, ביז דו וועסט אַזוי ווערן, ווי דו ווילסט און ווי איך ווינטש דיר, הערשעלע...

זי איז אַ ווײַלע אין קיך אַריין, אַ קוק געטון, צי האָט דאָס דינסטמיידל זיך נישט צוגעהערט, וואָס דאָ איז צווישן איר און הערשעלען גערעדט געוואָרן. נאָר דאָס מיידל איז גאָר פאַרנומען געווען ביים ברונען מיט שאָבן און וואַשן פאַרשידענע כלים אויף פסח. מירעלע איז צוריק אַריין און האָט נאָך מיט הערשעלע אָפּגערעדט אַלע אירע פּלענער, וואָס זי טראַכט, און אים געבעטן דערווייל זיך לאָזן פירן פון איר, געלערנט אים ווי מיט איר מוטער צו רעדן, זי זאָל נישט דערגיין, ביז אַ צייט, אַז זי, מירעלע, גיט אים געלט אויף קליידער און אויף אַלץ.

—פסח וועסטו ביי אונדז זיין!—האָט זי אים פאַרן אַוועקגיין אָנגעזאָגט.—די מוטער אַליין וועט דיך בעטן—דאָס איז שוין מיין זאָרג, ווי אַזוי עס אויסצופירן—זי וועט נאָך אַליין גיין אין קראָם נעמען פאַר דיר שטאָף אויף אַן אַנצוג. און מיט דער צייט וועסטו ביי איר אַזוי טייער ווערן, ווי ביי מיר... פאַרלאָז זיך נאָר, הערשעלע, אויף מיר!

ט,

אָרעם, עלנט, אָן מוט און אָן לעבן האָט מירעלע אים, הערשעלען, געזען מיט אַ פּאָר שעה פריער, צו איר מאַמעס שטוב צוקומענדיק, באַגליקט און מוטיק זעט זי אים איצט, פון איר שטוב אַוועקגייענדיק. און ווי זי האָט זיך פריער געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס דער אָרעמער ישיבה־בחור האָט מיט זיין אָרעמקייט און אפשר אויך מיט זיין זינגען אין איר האַרצן אַזאַ קאַמף און אומרו אַרויסגערופן, אַזוי איז זי איצט צעפרידן און שטאָלץ ביי זיך, וואָס זי האָט ענדלעך די מלחמה אין איר האַרצן צו אַ ליבן זיסן שלום געבראַכט. גאָרנישט ד ע ר, וואָס פריער, איז ער, דאַכט זיך איר, זיצנדיקביים פענסטער, אים באַגלייטנדיק אין זיין וועג צוריק.—„ווי אַ בלייענע שווערע לאַסט וואָלט אים פון די פּלייצעס אַראָפּגענומען געוואָרן, טראָגט ער איצט זיין קאָפּ אויף די פּלייצעס. פריי און פעסט איז זיין טריט, הויך און שטאַרק איז זיין גאַנצער קערפּער־בוי“.

„וואָלטן נאָר זיינע קליידער נישט אַזוי אָרעם זיין,“—טראַכט זי,—„וואָלט נאָר זיין היים, וווהין ער גייט איצט צוריק, נישט זיין דער אָפּגעלאָזענער בית־המדרש, ווו ער איז עלנט, צווישן אַזעלכע, וואָס זענען אים נישט גלייך, ווו קיינער פאַרשטייט אים נישט און קאָן אים נישט פאַרשטיין...“

און זי נעמט זיך פאָר טאַקע שוין זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, אויסצופירן איר פּלאַן, אַז מאָרגן, און אפשר נאָך היינט, זאָל די מוטער גיין אין קראָם געמען, אָדער לאָזן ברענגען צו זיך שטאָף אויף

אַ קאָסטיום און זי זאָל אַליין קאָנען אויסקלויבן, וואָס א י ר געפעלט. זי וויל פון פענסטער אַוועקגיין, נעמען זיך שוין שרייבן אַ בריוועלע צו הערשעלען, כּלומרשט פון אַ רייכן טרייען פעטער, וואָס שיקט אים געלט, ער זאָל זיך אויסקליידן. דאָס בריוועלע וועט הערשעלע ווייזן דער מוטער, עס זאָל איר נישט קשה זיין, פונוואַנען האָט ער פלוצלונג אַזויפיל געלט. עס ציט זי צו איר שרייבטישל, טויזנטער געדאַנקען יאָגן זיך אין איר קאָפּ, ווי און מיט וואָס פאַר אַ טאָן אַזאַ פעטער דאַרף שרייבן. „צי איז נישט גלייכער, אַז די מומע זאָל בעסער שרייבן, און נישט דער פעטער אַליין?״—פרעגט זי זיך, און קאָן נאָך פאָרט פון פענסטער נישט אַוועקגיין, כּל זמן זי זעט אים נאָך גייענדיק. אויף אים איז חידער אויסגעגאָסן יענער פאַנטאַסטישער אָנציענדיקער חן, וואָס איז אויף אים געווען, ווען זי האָט אים פאָריקע נאַכט אין חלום געזען, נאָר איצט דריקט איר נישט דאָס האַרץ, ווי נעכטן אין חלום, זי שטייט נישט אין אַ זומפּ... אַרום איר איז ליכטיק און דאָס האַרץ איז פול פאַרגעניגן, פרייד און האָפענונג...

די זון האָט דעם טאָג גראָד אַזוי העל און ליכטיק געשיינט. שניי און אייז — שוין לאַנג צעגאַנגען, די גאַסן טרוקן, די לופט אַזוי פריש און וואַרעם! גייענדיק, דאַכט זיך הערשעלען: ער זעט די זון צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַזוי ליכטיק, די וועלט — אַזוי פריי און אַזוי שיין. דער אַלטער אויסגעטרעטענער וועג, אין וועלכן ער איז אַזוי אָפט טרויעריק פון בית־המדרש, צו ברײנדעלען און פון ברײנדעלען צוריק אין בית-המדרש געגאַנגען, איז אָפּגעווישט און ווי פאַרשוווּנדן געוואָרן.

נייע גאַסן, נייע הייזער זעט ער, און אים וווּנדערט, וואָס ער באַמערקט ערשט איצט, אַז די אַפּטייק מיט די גרויסע, האַלב רונדע פענסטער איז אַזוי שיין. די גרויסע קריסטאָלענע פלעשער מיט פאַרשידנפאַרביקע וואַסערלעך, וואָס זענען אין די פענסטער אויסגעשטעלט, ציען אים צו און ער קוקט זיך איין, צי זענען די פלעשער בלויע, רויטע און גרינע, אָדער צי זענען נאָר די משקאות אין וואַסערלעך דערין געפאַרבטע? אַ ביסל ווייטער אינטערעסירט אים נאָטע דעם זייגערמאַכערס פענסטער, און ער שטעלט זיך אויך דאָ אָפּ אַ קוק צו טון אויף די פאַרשידענע זייגערס, וואָס שטייען און הענגען אויף דראָטלעך אין פענסטער. נאָר לאַנג פאַרברענגט ער נישט, די פיס טראָגן, דער גאַנצער קערפּער איז אין באַוועגונג, דאָס האַרץ איז פול גליק און ער

גייט אָן צו וויסן וווהין. פּלוצלונג דערזעט ער, אַז ער איז שוין אויסן שטאָט. אַ ברייט פעלד. ערשט נישט לאַנג פון שניי און אייז זיך באַפרייט, דעקט זיך אויף פאַר זיינע אויגן. עס גיסן זיך נאָך טייכלעך און עס ציען זיך וואַסערלעך קלאָרע פון צעשמאָלצענעם שניי, און די זון שיינט און שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי. און דאָרט, ביים ברעג הימל, דרעמלט שטיל דער פול סודותדיקער וואַלד... „אַך, ווי גוט מוז דאָרט זיין!" רעדט דאָס האַרץ אין אים. און עס טוט אים אַ טראָג גלייך איבערן פעלד אַהין צום וואַלד, דאָרט אויך זיין האַרץ אויסזינגען פריי פאַר גאָט און פאַר די שטומע ביימער, וואָס זאָגן קיין סוד נישט אויס!...

ער פילט די ערד נישט אונטער זיך און גייט גיך, ווי אין איילעניש, אַלץ ווייטער און ווייטער. ער וויל גאָרנישט אָפּרוען, ער איז נישט מיד. ער פילט נאָר נייע כּוחות און וואַרעם בלוט קומען אים צו מיט יעדן געזונטן פרישן אָטעמצוג.

אַזוי איז ער אומגעגאַנגען, געלאָפן און געשפּרונגען איבער גראָבנס, איבער טייכלעך וואַסער, די צייט נישט באַמערקט, ביז די זון האָט זיך אָנגעהייבן אַראָפּצולאָזן און אַ קאַלט ווינטל האָט אים דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט צוריק צו גיין.

אַז ער איז שוין אַריינגעקומען אין בית-המדרש, איז שוין לאַנג נאָך מעריב געווען.

קיינמאָל, דאַכט זיך אים, איז דער בית-המדרש אַזוי פינסטער און טרויעריק נישט געווען, ווי אין דער מינוט. ווינטער, אין די לאַנגע נעכט, בעת אַלע ישיבה-קינדער פלעגן אַרום די לאַנגע טישן ביי אָפּענע גמרות זיצן, יעדער האָט זיך געפלייסט דעם אַנדערן אַריבערצוזינגען, אַריבערצושרייען, און דאָס לערנען איז אין פולן לויף געגאַנגען, ליכט האָבן געברענט אומעטום, אויף אַלע טישן, אויף אַלע שטענדערס, און די אָנגעהייצטע וואַרעמקייט פון אויוון האָט זיך באַלד ביי דער טיר געלאָזט פילן, — האָט אים דער בית-המדרש אָפּט, ווי אַ ליכטיקער, וואַרעמער, גערוימער פּאַלאַץ אויסגעזען. מיט פאַרגעניגן פלעגט ער צו זיין שטענדער אונטערן אָרון קודש צו גיין, זיך זעצן לערנען מיט אַ ברען. עס האָט זיך אמת געוואָלט לערנען. ווער שמועסט, ווען אַ זיס פאַנטאַזיעלע האָט אים אַ שפּיל געטון אין האַלדז, דאַן איז דאָס לערנען אַן אמתער קאָנצערט ביי אים געווען און ער האָט דערפון כּוחות געשעפּט.

נאָר איצט איז שוין דער פרייער „בין הזמנים" געווען: אין בית־המדרש איז שטיל, ווי אין אַ וואָקזאַל, ווען דער צוג גייט אַוועק. ערגעץ אין אַ ווינקל ברענט נאָך אַ ליכטל: דאָרט לערנט נאָך אפשר איינער פון די געבליבענע ישיבה־בחורים „הלכות־פסח," צו וויסן וואָס צו ענטפערן, טאָמער פרעגט דער באַלעבאָס, ביי וועמען ער עסט פסח, אַ דין וועגן אַ חשש חמץ, אָדער אַזוי עפּעס פון דעם ים יידישקייט, וואָס איז נוגע יעדן יידן און קאָן פאָרקומען אין אַ יידיש הויז. אין אַן אַנדער ווינקל, לעבן ספרים־אַלמער, שטייט נאָך איינער, איין פוס אויפן באַנק אַרויפגעשטעלט, אויפן קני האַלט ער אַ פלפול־ספר, איז טיף פאַרטראַכט ערגעץ אין אַ פשטל אָדער שפיצל וועגן די „עשר מכות," וועגן דער שאלה פון די אַרבעה בנים, און ער באַמערקט נישט, ווי דאָס חלבנע ליכטל שמעלצט און פאַרגיסט אים די פינגער מיט דעם ספר צוזאַמען. און וואָס זוכט ער? נישט אים פעלט דאָס פשטל, נישט אים אַרט די קשיא: „מיט וואָס פרעגט דער רשע ערגער פאַרן חכם?"—פון זיינעטוועגן ווערן זיי אַלע פאַר אים אַ כפרה! ער וואָלט בעסער שלאָפן, רוען, ער האָט זיך געגוג אָנגעלערנט און אָנגעהאָרעוועט אַזאַ לאַנגן ווינטער—טאָג און נאַכט: נאָר טאָמער וועט דאָס פשטל געפעלן דעם באַלעבאָס, ביי וועלכן ער וועט דעם סדר אָפּריכטן און די באַלעבאָסטע וועט פון אים דרהגדה האָבן, כאָטש זי וועט נישט פאַרשטיין דעם שכל און חריפות, וואָס דערין שטעקט... אפשר וועט זיין תורה, רעכנט ער, ווערט זיין אין די אויגן פון דעם באַלעבאָס טאָכטער אַזויפיל, וויפל אַ נייער בגד, אַ היטל, אָדער אַ האַלדזטוך אַ נייעם לכבוד יום־טוב, וואָס אים פעלט, נעבעך?... זאָל זי זיך זיין אויסגעפוצט אין אירע טייערע קליידער און צירונג, זי געפעלט אים אַזוי אויך... אים מוז קליידן, באַין ברירה, די הייליקע תורה, דער שכלדיקער שווינדל אין דעם פשטל, מוז זיין צירונג און חן זיין, כאָטש דאָס איז אויך נישט זיינס, נאָר פרעמדס און געבאָרגטס.

און דאָרט, אין „חדר שני," זיצן עטלעכע צוזאַמען אין אַ רעדל, פאַריכטן מיט פאַרשידענע פעדים און נאָדלען זייערע אַלעמענס גלייכע אָרעמע, צעריסענע קליידער און לעכער, און דערציילן זיך בעת־מעשה געשיכטן און מעשיות געהערטע, געזעענע און אָנגעלייענטע. מען האָט נחת און עס פעלט זיי, שיינט עס, גאָרנישט.

הערשעלע האָט עס איצט אַלץ אין איין בליק באַמערקט, און אים איז פלוצלונג אַ קעלט אַריבער איבערן לייב. ער איז ביי דער בימה געבליבן שטיין, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און אַ שווער געפיל האָט

אים דאָס האַרץ פאַרקוועטשט.

— ווי קום איך איצט אַהערצו? — האָט ער זיך געפרעגט. — ווי פּאַסט איך דאָ?... איז דאָ מיין היים? דאַרף איך דאָ אייביק זיין? — ניין, זי איז גערעכט! זי הייסט מיך פאָרן, ווייט, ווייט אַוועקפאָרן, שטודירן, לערנען... פאַרוואָס נישט?

—ווען איך וואָלט שוין קאָנען פאָרן, ווען עס זאָל נישט פאַר פּסח זיין! וואָס פריער איך וועל אַוועקפאָרן, אַלץ פריער וועל איך קומען צו איר... אָ, ווי דערלעב איך שוין יענע צייט!"

און אים האָט צוריק אַ צי געטון אויפן גאַס אַרויס, ווי ער וואָלט געוואָלט שוין לויפן אַהין ווייט, וווּ מען הערט אַ גרויסער לייט. דער בית-המדרש איז פאַר זיין אָנגעפילט האַרץ צו ענג געוואָרן, ער האָט אַ ברייטערן רוים געזוכט. אויפן בית-המדרש-גאַניק איז ער שטיין געבליבן און געקוקט, ווי די לבנה שיינט אין ריינעם בלויען הימל. אים האָט זיך, זי קוקט אויך אויף אים, און פריינטלעך און ליב איז איר בליק... ער דערמאָנט זיך, וואָס ער האָט נאָך אין חדר געלערנט, אַז זי איז אַמאָל אַזוי גרויס און ליכטיק געווען, ווי די זון... און אים פאַרדריסט איצט, וואָס זי איז אַזוי נאַריש געווען זיך אַריינצומישן אין מעשי-בראשית, און באַקומען פון דעם אויבערשטן אַ פּאַטש און איז אַזוי קליין געוואָרן... עפּעס דאַכט אים, אַז זי איז נאָך איצט טרויעריק פאַר יענער זינד, און ער בעט גאָט פאַר איר, ער זאָל ממלא זיין „את פגימת הלבנה".

אַ שפּיל פריש ווינטל בלאָזט אים איבערן געזיכט, צעוואָרפט זיינע האָר איבערן שטערן און איבערן פּנים, כאַפּט זיך אויך אין בוזעם אַריין, און ער טוט אַ ציטער פון קעלט. ער לויפט צוריק אין בית-המדרש אַריין, גייט צו צו זיין שטענדער, צינדט אָן אַ ליכט, וויל זיך זעצן לערנען, נאָר אנשטאָט אַביי ורבא, קומט אים דאָס תהלים אַרויף אויפן זינען, און ער הייבט אָן זינגען: „מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון..." אָבער מיט אַזאַ פרישער העלער שטימע, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן...

די ישיבה-בחורים האָבן באַלד זייערע ספרים פאַרמאַכט, די נאָדלען מיט די לאַטעס אַוועקגעלייגט און זענען צוגעלאָפן הערן דעם אומגעריכטן קאָנצערט.

אַ האַלבע שעה האָט ער געזונגען. די געפילן האָבן זיך אַ וועג געמאַכט דורך זיין גלאַט העלדזל און זיי האָבן זיך נאָכאַנאַנד אין

טרעלן זיסע און ליבע אויסגעגאָסן, ווי אַ קלאָר וואַסערל פון אַ טיפן קוואַל...

און אַ געבעט צו גאָט, דעם אַלוויסנדיקן און אַלמעכטיקן, אַ געבעט אַ רירנדיקס, אַן רייד, אָן ווערטער האָט זיך פון בית-המדרש-רוים ביזן הימל אוועקגעטראָגן.

מיט אָפענע מיילער פון חידושים און פאַרוואונדערונג זענען זיינע חברים געשטאַנען, דעם הוסט און אָטעם איינגעהאַלטן, וואָס האָט מאַנכע פון זיי געשטיקט, אַבי נישט איבערצושלאָגן. אַזוי אים זינגען האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. אַז ער האָט צו זינגען אויפגעהערט, האָט איינער פון זיינע חברים געזאָגט:

— אַ שאָד, הערשעלע, אויף נאמנות אַ שאָד צו פאַרקויפן אַזאַ מתנה טובה, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן! און וועמען? ברוך דעם טבת פאַר זיין טאָכטער, וואָס וועט דיר נישט מרחיב דעתך זיין, ווי אַן אשה נאה, וואָס איז איינע פון די דריי זאַכן, וואָס זענען מרחיבין דעתו של אדם !...

—על האי שופרא דבלי בעפרא קא בכינא! —האָט זיך נאָך איינער מיט אַ זיפץ אָפגערופן.—אַזאַ כלי, אַזאַ כלי!... מיט צענטויזנט רובל, בין איך קיין ייד, אויב מען קאָן אַזאַ מתנת אלקים קויפן.

— אָט מעגסטו, הערשעלע, אויף מיר אין כעס ווערן, איך זאָג דיר נאָכאַמאָל,—האָט אַ דריטער זיין מיינונג געזאָגט,—ווען ברײַנדעלען, דיין מיטוואָך, זאָל גאָט אַזאַ דעה צושיקן, דיך צו נעמען פאַר איר בת-יחידה, וואָלט איך דיר גראָד ראָטן, דו זאָלסט עס טון. זעסטו, אַזאַ קאָן שוין מרחיב דעתו של אדם זיין!

—ברײַנדעלע, ווי ברײַנדעלע,—האָט אַ פערטער זיך אַרויסגעכאַפּט,— זי איז אַ יידענע. פאַרשטייט דען אַ יידענע, וואָס אַזאַ כלי איז? נאָר מירעלע, איך קען זי דאָך, זי האָט דאָך יאָ געפיל און איז באמת די ערשטע געבילדעטע אין שטאָט... מיר איז אַ חידוש, וואָס זי איז נאָך נישט פאַרליבט אין דיר!... פאַרוואָס זינגסטו פאַר איר נישט? ווען זי זאָל דיך אַזאַ „מקימי מעפר" הערן אויסזינגענדיק, זאָג איך דיר, אם אבן היא ונמחה!...

—אם לדידי צייתא, אַז דו זאָלסט מיך פאָלגן,—האָט געזאָגט דער בחור, וואָס איז נישט לאַנג ביים ספרים-אַלטער געשטאַנען, איבנם הגדה-פשטל פאַרטיפט.

דאָס איז געווען אַ ווילנער בחור, וואָס האָט געהאַט אַ ידיעה אין

אַלע שבע חכמות, און האָט אויך אַ שטיקל שטימע געהאַט צום זינגען, אין „מכירת יוסף״ האָט ער „יהודה״ געשפּילט. ער האָט אין דער ישיבה אַ נאָמען געהאַט פאַר אַ הקרן. ער פלעגט אָפט די ישיבה-בחורים דער-ציילן, אַז דער רמב״ם ז״ל האָט אַ טעות געהאַט און האָט צום סוף מודה געווען צו די חכמי אמות העולם, אַז די ערד, דאָס הייסט, פלעגט ער זאָגן, דער כּדור הארץ,—וואָרים די ערד איז קיילעכדיק, — דרייט זיך פון מערב צו מזרח, כאָטש עס שטייט אין פסוק: „והארץ לעולם עומדת... און די זון מיט דעם גאַנצן גלגל החמה — שטייען, כאָטש עס שטייט: הולך אל דרום וסובב אל צפון. אַ, איז דאָך אַ קשיא, ווי אַזוי האָט עס שלמה המלך נישט געוווסט? איז דער תירוץ: ער האָט דעם פסוק נאָר על דרך המליצה געזאָגט, אָבער נישט על פי החקירה. מען האָט אויך געוווסט, אַז ער לערנט תנ״ך מיטן „באור״ און איז מחויב צו זיין אַ גרויסער קענער, דעריבער האָבן אַלע איצט אָנגעשטעלט נאָז און אויערן, אויסצוהערן זיין חוות דעת.

—וואָס ,אַדרבה, זאָגסטו, ווילנער? — האָט איינער זיך נישט גע-קאָנט דערוואַרטן ביז דער ווילנער וועט אַליין זאָגן.

—שבעה דברים בגולם! — האָט זיך דער ווילנער אָפּגערופן אין כעס, וואָס מען האָט אים איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך מסדר צו זיין, ווי זיין דעה אַרויסצו-לייגן.

—אם לדידי צייתא,- האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהייבן, — הער זיי, הערשעלע, אַלעמען ווי אין טראָקע! קליב צוזאַמען עטלעכע רובל אויף דער הוצאה, פאָר אַוועק קיין אויסלאַנד צו „אַלטוניען,״ אָדער צו זול-צערן—דער, וואָס האָט דעם קאָר-סידור געמאַכט,—באַווייז זיי דיין כלי-זינג זיי פאָר אַזאַ „מקימי,״ זאָלן זיי זען דיין האַלדז, הערן דיין שטי-מע, וועלן זיי דיך צוכאַפּן מיט ביידע הענט. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, דיין שטימע איז אַ טענאָרשטימע און זייער אַ זעלטענע שטימע... דערצו האָסטו גרויס געפיל און אַן אויער אַ גוטן, און עס קאָן פון דיר אַרויס-וואַקסן איינער אין דער וועלט, אויף די גרעסטע קאָנצערטן פאַר מלכים און שרים, פאַרשטייסטו?

—ותורתו מה תהא עלה? — האָט אַ סלוצקער בחור אַ פרעג גע-טון.—און די גמרא זאָל ער גאָר אַוועקוואַרפן, אויפהערן לערנען פשוט און ווערן אַ מופקר?

— חמור איינער!—האָט דער ווילנער שטאָלץ געענטפערט.—ווער

הייסט אים אַװעקװאַרפֿן די תּורה אײַנגאַנצן? איך מיין אים נאָר צו זאָגן אַז ער קאָן צו אַ העכערע מדרגה קומען דורך זיין קול נגינה, אַלץ דורך זיין תּורה! זיי וויסן, הערשעלע, אַז מען דאַרף אין דער וועלט אי תּורה, אי חכמה, אי נגינה אויך! אי אפשר לעולם בלא בושם ובלא בורסקי, אשרי מי שאומנותו בושם ואוי לו למי שאומנותו בורסקי! און אַז בצלאל בן אורי און אהליהב בן אַחיסמך וואָלטן אַזויפֿיל די תּורה געלערנט, ווי משה און יהושע, וואָלט נישט געווען, ווער עס זאָל בויען דעם משכּן, מאַכן דעם אָרון מיט די כּלים... נאָר אַ שוטה, וואָס האָט קיין פּרקי אבות אַפילו נישט געלערנט, גלויבט, אַז אַלע יידן, פון גרויס ביז קליין, פון אָרעם ביז רייך, מוזן זיך זיין עוסק יומם ולילה אין תּורה! די תּורה קאָן נאָר אַ קיום האָבן, אַז זי איז אָנגעלענט אויף אַ מלאכה, וכל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה!

—אָבער זינגען איז נישט קיין מלאכה! — האָט דער סלוצקער איינגעוויזן.

—זינגען איז אָבער אַ חכמה, מען דאַרף אין דער וועלט רבנים, מלמדים, בעלי־מלאכה און חכמים אויך. זאָל איטלעכער לערנען און אויסלערנען דאָס, וואָס ער פילט זיך, אַז ער האָט דערצו מער כּשרון.

—פאַרוואָס לערנסטו נישט זינגען?—האָט הערשעלע געפרעגט דעם ווילנער.

— הע, ברודער, ווען איך וואָלט דיין כּלי געהאַט, וואָלט איך שוין דאָס געווען, וואָס פון דיר קאָן ערשט ווערן! —האָט דער ווילנער געענטפערט,—וואָס איז די פּעולה? זינגען איז אַ געבוירענע זאַך, אַ מתנת אלקים, און דו ביזט עתיד ליתן את הדין, אויב פון דיר וועט נישט אַרויס אַזאַ כּלי נפלא, ווי דאָס ווילנער באַלעבעסל, וואָס האָט מרעיש עולם געווען בשעתו מיט זיין האַלדז, מיט זיין שטימע און מיט זיין פידעלע!

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ געשפּרעך וועגן ווילנער באַלעבעסל. יעדער האָט דערציילט זיין לעגענדע, וואָס ער האָט געהערט דערציילנדיק אין זיין שטעטל. איינער האָט דערציילט, אַז דאָס באַלעבעסל האָט געדאַוונט אַמאָל אין זייער אַ גרויסער שטאָט, פּאַריז, סטאַמבול, אָדער אלכּסנדריא של מצרים, און אַ גרויסער שר, אַ מאָדנער מיליאָנער, איז פון מרחקים אים געקומען הערן און האָט אָפּגעקויפט ביים באַלעבעסל

ויין גאָרגל—אויף נאָך זיין טויט, פאַרשטייט זיך — פאַר מאה אלפים דינרי זהב.

—וואָס האָט אים געטויגט דער גאָרגל נאָכן באַלעבאָס טויט? — האָט איינער אַ פרעג געטון. —אַ טויטער גאָרגל זינגט דען?

—סתם מקשן עם הארץ! — האָט דער דערציילער דעם פרעגער אָפּגעשלאָגן די פליגלען.—ער דאַרף אַלץ קשיות פרעגן. מען דערציילט דיר אַ מעשה שהיה, פרעגסטו: וואָס טויג אים דער גאָרגל? מסתמא טויג אים דאָך!

— דו ביזט קיינמאָל נאָך קיין גרויסער שר נישט געוועזן, — האָט נאָך איינער דערקלערט.—אַ גאָרגל פון אַ באַרימטן זינגער איז גלייך, ווי אַ ברילִיאַנט. פאַרוואָס, מיינסטו, באַצאָלט מען אַזוי טייער פאַר אַ ברילִיאַנט? דאָס איז דאָך אייגנטלעך נישט מער ווי אַ שטיינדל, טאַקע אַ שיין שטיינדל, אָבער וואָס האָט מען דערפון, אַז מען האָט שוין אַזאַ שטיינדל? נישט מער, פשוט, ווייל דאָס איז אַ יקר המציאות. אַ טויטער גאָרגל פון אַ גרויסן זינגער, פאַרשטייט איר, איז אויך אַ יקר המציאות. אָט זענען גרויסע שרים בעלנים דערויף, און ביי זיי איז רעכט מיליאָנען אָפּצוצאָלן דערפאַר, כאָטש ביי אונדז, וואָס מיר האָבן דערין קיין השגה נישט, איז דאָס אַ קאָפּיקע נישט ווערט.

נאָך איינער האָט דערציילט זיין לעגענדע, אַז בעת דאָס באַלעבעסל איז נאָך אַ קינד געוועזן, נאָך אין וויגעלע געלעגן, האָט שוין געקלונגען די וועלט פון זיין זיס קולכל. חזנים זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין ווילנא מארבע כנפות הארץ, צו הערן אַזאַ זיס קול פון אַ קינד אין וויג.

בעת די מוטער זיינע פלעגט אים אָנזויגן און פון וויג אַ ווייַלע אָפּטרעטן, פלעגן די חזנים אים שטעכן מיט שפּילקעס, כדי ער זאָל אָנהייבן וויינען און זיי זאָלן דערוויל הערן די זיסע שטימע זיינע.

נאָך אַנדערע האָבן נאָך אַזעלכע לעגענדעס דערציילט, און צו די שאלות און תשובות, קשיות און תרוצים, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען, וואָלט קיין סוף נישט געוועזן, ווען דער ווילנער בחור, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט און צוגעשמייכלט, וואָלט נישט אַ קלאַפּ געטון אין שטענדער אַריין און אויסגעשריען:

—את מי תגיד מלין? וועמען דערציילט איר מעשות פונם ווילנער באַלעבעסל, בהמות! איך בין דאָך אַ געבוירענער אַ ווילנער, ביי

מיר פרעגט, וועל איך אייך דערציילן!

—איך בין זייער צופרידן צו הערן, - האָט הערשעלע געזאָגט, — דערצייל!

—אָבער בתנאי קודם למעשה,—האָט דער ווילנער געענטפערט,— מען זאָל הערן, זיך נישט אַריינמישן אין מיינע רייד!

—גוט! —האָבן אַלע מסכּים געווען.

— נאָר איידער איך הייב אייך אָן דערציילן פון באַלעבעסל, מוז איך אייך אַ קליינע הקדמה זאָגן פון דער עצם שטאָט ווילנע. וואָס ווייסט איר, וואָס מיין געבוירנשטאָט ווילנע האָט שוין פאַר אַ גרויסע לייט פון זיך אַרויסגעגעבן!—האָט דער ווילנער, זייער שטאָלץ און באַגייסטערט פון זיין געבוירנשטאָט, אָנגעהייבן צו דערציילן.—וווּ נעמט מען נאָך אַזאַ גאון עולם, ווי אונדזער ווילנער גאון ז״ל! וווּ געפינט מען נאָך אַזאַ שול, אַזעלכע בתי-מדרשים, ווי ביי אונדז אין ווילנע! אין וועלכער שטאָט האָט זיך געפונען אַזאַ מין צדקה-קלויבער, ווי ר׳ שמעון קאַפּטאָן ז״ל מיט זיין גרויסער צדקה-פּושקע! און וווּ איז דאָ אַזויפיל תורה ועבודה, צדקה און מעשים-טובים, ווי ביי אונדז אין ווילנע?

—היינט אונדזערע חברות, „חברה קדישא״, „ביקור חולים״, „גמ״ח״, „צדקה גדולה,״ „שומרים לבוקר,״ „מעמדות,״ „הכנסת כלה,״ „הכנסת אורחים,״ תלמוד תורה,״ „חברה ש״ס,״ „משניות,״ „תהלים,״ „חיי אדם״... איר מיינט, אַז איך קאָן אייך אויסרעכענען אַלע? קיין שטאָט אין דער וועלט האָט עס נישט, וואָס מיין ווילנע! נישט אומזיסט רופט מען זי „ירושלים דליטא.״ ווי ירושלים איז געווען אַן עיר הצדק, אַ קריה נאמנה, צדק ילין בה, אַזוי איז איצט אונדזער ווילנע אַן עיר ואם בישראל! אַפילו אין חכמים און הויות העולם איז ווילנע די ערשטע שטאָט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע חכמים, סופרים און משוררים, ווי ר׳ מרדכי אַהרן גינצבורג, ווי אַד״ם הכהן לעבענזאָן, זיין זון מיכה יוסף, ר׳ יודל שערעשעווסקי, ר׳ מתתיהו שטראַשון, ר׳ מרדכי פלונגיאַן, ר׳ שמואל יוסף פין און ר׳ קלמן שולמאַן. איר ווייסט אפשר נישט, ווער זיי זענען געווען, ווייל איר לייענט נישט און ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט! זייט-זשע וויסן, אַז די אַלע חכמים האָבן מחזיר עטרה ליושנה געווען: זיי האָבן צוריק געמאַכט אונדזער פאַרלאָזן, פאַרגעסן לשון-הקודש—פאַר אַ לשון, פאַר אַ „שפה יפה,״ און אַז מען לייענט זייערע ספרים, מוז מען די פינגער לעקן פון מתיקות!

אַ, הערשעלע, וואָלסטו אַמאָל לייענען זייערע לשון-הקודש-ספרימלעך, די אויגן וואָלטן זיך דיר עפענען!

—וועסטו ווערן אַ שיינער לייט!—האָט זיך דער סלוצקער אַרויסגעכאַפּט. — אָט הייסט ער דיר פאָרן קיין אויסלאַנד ווערן אַ קאָר-חזן, און אָט הייסט ער דיר שוין לערנען ספרים חצונים! הער אים נישט, אַפּיקורסים האָט ווילנע אַרויסגעגעבן און ער שניידט זיך אויך אַזאַ אַפּיקורוס צו ווערן, אַ ירבעם בן נבט, אַ חוטא און מחטיא!

—מתוך שבחה אתה בא לידי נגותה!—האָט זיך הערשעלע אָפּגערופן.

—סלוצקער גראָבער יונג!—האָט דער ווילנער אַ געשריי געטון.— אפשר דיין סלוצק איז אַ שטאָט? אַ דאָרף פול מיט פויערים, און דער גרעסטער פון זיי ביזטו טאַקע! איך בייט נישט אַפילו איין שאַיקע פּייפער אונדזערן אויף אַלע דיינע גדולי סלוצק!

אָבער דער סלוצקער האָט אויך נישט געשוויגן, און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ גרויסע מחלוקת איבער סלוצק און ווילנע, ביז הערשעלע האָט אויסגעזונגען מיט אַ גמרא-ניגון:

—פתח בכד וסים בחביות! דו האָסט אָנגעהייבן דערציילן פונם באַלעבעסל, ביזטו אַרויפגעקראָכן אויף דיינע גדולי ווילנע... ווער ווייסט נישט, אַז ווילנע האָט געהאַט גדולים, און וואָס ביזטו דאָ מחדש? דערצייל בעסער כסדר, ווער איז געווען דאָס באַלעבעסל? ווען איז ער געווען? וואָס איז מיט אים געוואָרן, און נישט מיש אַריין זייטיקע זאַכן.

—הן מקום על יושביו!—האָט דער ווילנער געענטפערט.—די טבע פון אַ מענטשן איז שוין אַזוי צו דערציילן נאָר מעלות פון זיין געבוירנשטאָט, בעת עס קומט צו רייד וועגן איינער פון אירע מעלות. ווידער, האָב איך דאָך לכתחילה געזאָגט, אַז איך זאָג נאָר אַ קליינע הקדמה מכח ווילנע.

—דיין הקדמה אָבער איז גרעסער פאַרן גוף הספר!—האָט הערשעלע געזאָגט.—דערצייל שוין אַמאָל, מיר ווילט זיך זייער הערן די געשיכטע פונם באַלעבעסל.

— גוט! ווי איך האָב אין מיין ווילנע געהערט דערציילנדיק,— האָט דער ווילנער ווידער אָנגעהייבן, — איז דאָס באַלבעסל באמת מפורסם געוואָרן, בעת ער איז נאָך אַ קינד געווען. מען האָט געזען, אַז דאָס וואַקסט אַ טייערע כלי!... פון זיין זינגען, איז נישטאָ וואָס

צו רעדן, דאָס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז שלא הניח אחריו כמותו בישראל, אַפילו אין פידל שפּילן איז לת מאַן דפליג... אַז פון דוד המלכס צייטן אָן האָט מען אַזאַ מין פידל שפּילן נישט געהערט! און מען האָט טאַקע געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט דעם „כנור דוד..." מיר האָבן אַלטע לייט, וואָס געדענקען אים נאָך, געשווירן, אַז זיי האָבן ממש ווערטער געהערט, וואָס דאָס פידעלע זיינס האָט אַרויסגערעדט, בעת ער האָט געשפּילט. נאָך עד־היום זאָגט מען, אַז דעם באַלעבעסלס פידעלע האָט נישט געשפּילט, נאָר גערעדט... צום האַרצן גערעדט און צו טרערן געבראַכט, ווער עס האָט אים נאָר שפּילנדיק געהערט... אַזאַ געפיל האָט ער געקאָנט אַריינברענגען אין די סטרונעס. חוצדעם, איז ער געוועזן אַ יפת־תואר איינער אין דער וועלט, געקאָנט גוט לערנען און איז פרום געוועזן, ווי אין יענע יאָרן. הייַנט וואָלט ער געוועזן אפשר דער גרעסטער משכיל. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך געפונען אויף אים בעלנים, און ער איז אַ חתן געוואָרן פאַר אַ גרויסן גבירס אַ בת־יחידה, בעת ער איז נאָך אַ קינד געוועזן. צו בר־מצוה איז שוין זיין חתונה געוועזן, און תיכף נאָך דער חתונה האָט מען אים אויפגענומען פאַר אַ שטאָט־חזן אין דער ווילנער גרויסער שול. איר דאַרפט וויסן, וואָס פאַר אַ כבוד דאָס איז: אין דער ווילנער גרויסער שול איז אַלעמאָל מסתמא געוועזן אַ חזן, אַ זקן ורגיל, און פונדעסטוועגן האָט מען אים בוחר געוועזן. דאָס אַליין באַווייזט שוין ווי גרויס ער איז געוועזן אין זינגען. מען האָט אים גערופן „באַלעבעסל," כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז אַ ווילנער שטאָט־חזן איז אַ יינגל, אַ בחורל — „באַלעבעסל" הייסט ביי אונדז אַ באַווייבטער. אין יאָרן און אין גדול איז ער אָבער נאָך אַ קינד געוועזן, און פלעגט פאַרן עמוד מוזן שטיין אויף אַ בענקל. ווער עס האָט אים נאָר איינמאָל געהערט דאַווענדיק, האָט אים שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן. זיינע יידישע ניגונים, זיין יידישער קרעכץ—עס האָט ממש אַ שטיינערן האַרץ ווייך געמאַכט און אין טרערן צוגאָסן. די וועלט האָט געקלונגען און מען איז געקומען אים הערן מארבע כנפות הארץ. פון די גרעסטע יידישע קהילות האָט מען נאָך אים שלוחים געשיקט, ער זאָל ביי זיי אַמאָל כאָטש פאַרן עמוד דאַווענען. נאָר ווילנע האָט נישט געלאָזן אים פאָרן: מען האָט פשוט נישט געקאָנט לעבן אָן אים. ביז ויהי היום,—ווי ויהי, איז אַ צרה — און די שדים האָבן באַדאַרפט אָנטראָגן אַ גרויסן גביר, אַן אדיר פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע, און ער

האָט ביים ווילנער קהל געפּועלט. מען האָט דאָס באַלעבעסל געלאָזט פאָרן קיין ווארשע, דאָרט אַ דאַוון טון און קומען באַלד צוריק... נו, נו, האָט ער אין ווארשע אַ דאַוון געטון!... עס האָט ווארשע געשטורעמט. שרים, גראַפן און גראַפיניעס זענען אים געקומען הערן. דאָס אָבער איז זיין אומגליק געווען! פון גרויס כבוד, וואָס זיי האָבן אים אָפּגעגעבן, האָט ער פאַרגעסן, ווער און וואָס ער איז, און ער האָט זיך נישט דער־מאַנט, אַז אים קאָן זיך אַ גרויסער נסיון מאַכן... ער האָט זיך געלאָזט איבערעדן אָפּצוגעבן קאָנצערט אין גרויסן ווארשעווער טעאַטער... מען האָט מסתמא אַזא קאָנצערט נישט געהערט.

איינע, אַ פריילנטע, אַ גרויסן גראַפס אַ טאָכטער, וואָס האָט אַליין אויך געקאָנט זינגען און איז אַ גרויסע יפת-תואר געווען, האָט זיך אין אים בעתן קאָנצערט אַזוי פאַרליבט, אַז אַלע דאָקטוירים האָבן איר אָפּ־געזאָגט דאָס לעבן, אויב זי וועט נישט חתונה האָבן מיט אים... נו, פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך געלאָזט קאָסטן געגוג געלט און כוחות, ביז מען האָט געפּועלט ביים באַלעבעסל, ער זאָל ווערן אַן איינגייער צו איר... ער האָט פון קיין מעשה נישט געוווסט, און קיין בייז, חלילה, נישט געקלערט... ער האָט גלאַט געמיינט: זי וויל נאָר זיין זינגען און שפּילן הערן, פאַרוואָס נישט?... בפרט אַ מבינטע אַ גרויסע איז זי דאָך, און אַליין זינגט זי דאָך אויך, האָט ער טאַקע געמיינט צו הערן איר געזאַנג אויך.

„קול באשה ערוה!" — זאָגט אָבער די גמרא, און דאָס איז שוין דער ערשטער מכשל זיינער געווען... איינמאָל, אַז ער האָט אָפּגעזונגען אַ טייערן קאָנצערט ביי איר, און איז זייער פאַרשוויצט און מיד געווען פון גרויס געפיל, איז ער אַרייננגעגאַנגען אין אַ חדר זיך אָפּ־רוען. דאָס פריילן האָט אָבער טאַקע אויף דער רגע געוואַרט און איז אים נאָכגעגאַנגען, אַרויסגענומען אַ זיידענע טוך, אַ טייערע, וואָס איז בכישופט געווען, —זאָגט מען, — און האָט אים אָפּגעווישט דעם שווייס פונם פנים... דערנאָך האָט זי אים געקילט מיט איר טייערן פעכער, וואָס איז אויך געווען מיט כישוף, און האָט אַרויפגעבלאָזן אויף אים אַלץ מער, ביז ער האָט די וועלט און זיך פאַרגעסן... זיין האַרץ האָט אָנגעהייבן ברענען פון אַ שרעקלעכער ליבע צו דעם פריילן... ער האָט געפילט, אַז ער שטאַרבט נאָך איר... פון יענעם טאָג,—דערציילט מען,— איז ער אַרייננגעפאַלן אין אַ טיפער מרה־שחורה... האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט אויפגעהערט צו עסן און צו רעדן אַפילו... קיינער ד־האָט

נישט געוווסט, וואָס איז. ער האָט זיין האַרץ נישט געהאַט פאַר וועמען אויסצורעדן און נישט געקאָנט גאָר דערציילן, ווי ער בענקט, ווי עס ברענט אין אים די אהבה צו איר!... נישט נאָכגעבן דעם יצר-הרע האָט ער נאָך כוח געהאַט, אָבער אוועקפאָרן פון וואַרשע ד'האָט אים דער פישוף נישט געלאָזן. און ער האָט אַלץ דוחה געווען זיין נסיעה אַהיים אויף נאָך אַ וואָך, אויף נאָך אַ טאָג, ביז זיין ווייב און ווילנער קהל האָבן זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף אים און זענען געקומען צולויפן קיין וואַרשע.

ווי גרויס איז זייער שרעק און צער געווען, אַז זיי האָבן זייער טייערן אבן-טוב אַזוי טרויעריק, אַזוי פינסטער געפונען, קאָן מען זיך פאָרשטעלן.

—וואָס איז דיר, מיין קרוין, מיין לעבן? — איז אים דאָס ווייב זיינס געפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ ביטער געוויין. וואָרים מען קאָן פאַרשטיין, ווי זי האָט אים ליב געהאַט.

—וואָס פעלט אייך, אונדזער טייערער חזן?—האָבן ווילנער גרויסע לייט געפרעגט, געבראָכן די הענט, און טרערן האָבן זיך געגאָסן, קוקנדיק אויף זיין בלאַס פּנים...

נאָר גאָרנישט, נישטאָ קיין דבורים! ער קוקט אויף זיין ווייב מיט רחמנות, דאָס האַרץ צוגייט אים פון איר וויינען און קלאָגן. ער ווייס, אַז זי איז אים טריי, אַז זי וואָלט איר לעבן אוועקגעגעבן פאַר אים, אָבער וואָס קאָן ער איר העלפן, אַז זיין האַרץ האָט זיך פלוצלונג אָפגעבונדן פון איר און איז דורך אַ שווערן כּישוף צוגעבונדן געוואָרן צו יענעם פריילן, נאָך וועלכן ער בענקט און שטאַרבט פון ליבע!...

ער קוקט אויף די טרערן פון ווילנער גרויסע לייט, וואָס האָבן אים שטענדיק אויף די הענט געטראָגן, כבוד אָפּגעגעבן, און אים האָט ביי זיי פון כּל-טוב נישט געפעלט, אָבער ער קאָן זיי זיין ווונד אין האַרצן נישט ווייזן, און זיינע שמערצן ווערן גרעסער, גרעסער!... ער ער בעט ביי גאָט אַ טויט אַ גיכן, די וועלט איז אים מיאוס. זיין לעבן איז נאָר דאָס פריילן, און זי צו האָבן אַמאָל—קאָן ער גאָרנישט האָפן...

מען האָט די גרעסטע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן צו אים געבראַכט. זיי האָבן זיין קראַנקהייט נישט געקאָנט דערגיין, זיי האָבן נאָר

זאָגט, אַז ער האָט צופיל געפּיל, און דאָס האַרץ זיינס פּלאַצט פון גע-
פּיל.

קיינער, נאָר ער אַליין האָט געוווסט, וואָס אים איז... ער האָט
זיין רפואה אַזוי נאָענט געזען פאַר זיך, אָבער אויסשטרעקן אַ האַנט
זי צו נעמען, האָט ער נישט געקאָנט... „זאָל ער זיין ווייב גטן? פאַר-
וואָס?.. וואָס האָט ער צו איר? ווי וועט זי דאָס איבערלעבן? ווי קאָן
ער זיך אַזאַ אכזריות האַרץ מאַכן?.. און זאָל ער שוין אַזאַ האַרץ האָבן
דאָס צו טון, וואָס איז די פעולה? דאָס פריילן איז דאָך נישט קיין
יידישע... זאָל ער זיין אמונה בייטן? גאָר אַ קלייניקייט דאָס אַרויס-
צורעדן, אָדער גאָר במחשבה צו האָבן.. עפּעס האָט ער דאָך געהאַט אַ
יידיש האַרץ, אַן אמת יידיש האַרץ... דאָס האָט דאָך יעדער אין אים
בחוש געזען, ווען מען האָט נאָר זיין יידישן קרעכץ געהערט אין
זיינע זיסע טרויעריקע ניגונים... ניין, אים איז קיין ברירה נישט גע-
בליבן, נאָר צו טראָגן זיין ווייטיק אין האַרצן... שטיל ליידן און בענ-
קען, ביז ער וועט ביסלעכווייז, ווי אַ ליכט, אויסגיין, און דערוואַרטן
דעם טויט, וואָס זאָל אים פון אַזאַ פיינלעכן לעבן אויסלייזן... און
אַזוי איז טאַקע געוועזן: מען האָט אים צוריק קיין ווילנע געבראַכט.
פאַרן עמוד האָט ער שוין נישט געוואָלט און נישט געקאָנט דאַווענען!..
ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט... זיין פידעלע האָט ער אויפגע-
האַנגען אויפן וואַנד, ווי אַמאָל די לויים — אויף די ערבים פון די
נהרות בבל.. „איך נשיר את שיר ה׳...” ווי זאָל ער נאָך יידיש גע-
זאַנג זינגען, אַז זיין האַרץ איז צוגעבונדן צו אַ פריילן, אַ גראַפיניע,
וואָס האָט אים אַ כישוף געטון!.. נאָר ווען נישט ווען פלעגט נאָך
אַרויף אויף אים דער רוח השיר, און אומגייענדיק אינדערהיים, אָדער
אין בית-המדרש, אַ פראָסטן מאָנטיק, צום לאַנגן „והוא רחום”, מיטן טלית
אַראָפּגעלאָזט, פאַרטראַכט, און דאָס פּנים בלאַס, ווי קאַלך, פלעגט ער
זיך פּלוצלונג שטיל אַ זאָג טון אַ „שטייגערל”, אַז אַ שטיין האָט גע-
קאָנט צוגיין... אין דעם „שטייגערל” האָט מען קלאָר געהערט, ווי זיין
ריינע נשמה בעט זיך, נעבעך, ביי גאָט, ער זאָל זי שוין אויסלייזן
פונם ליידנדיקן באַכישופטן גוף... אַך, וואָס האָט ער געקאָנט דאַן קלערן...
און ווי גרויס האָבן געמוזט זיינע עינויי-הנפש זיין...

מען האָט אים וואַנעס געמאַכט פון טייערע ווייגען און פון קאַלט
וואַסער, טאָמער וועט דאָס העלפן... נאָר אַלץ אומזיסט! זיצנדיק איינ-
מאָל אין אַן אייז-קאַלטער וואַנע, האָט ער פּלוצלונג אָנגעהייבן צו זינ-

גען די סליחה פון תהלואי ילדים: „עודדנו בצדק משוי ממים"... אלע, וואָס זענען דערביי געשטאַנען, זענען צעגאָסן געוואָרן פון געוויין: מען האָט בחוש געזען, ווי דאָס גאַנצע האַרץ זיינס צעגיסט זיך אין דעם ניגון... זיינע אויגן זענען פּלוצלונג ליכטיק געוואָרן, דאָס פּנים האָט צוריק אָנגעהייבן שיינען, ווי אַמאָל, דער כּישוף האָט אָפּגעטרעטן... אָבער דער גוף האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט צו לעבן... און תּיכּף ווי מען האָט אים פון וואַנע אַרויסגענומען, האָט ער ווידוי געזאָגט, גע-זעגנט זיך מיט אַלע באַקאַנטע און גוטע פריינט, מחילה געבעטן זיין ווייב און איז שטיל, ווי אַ קדוש, געשטאָרבן... יונג, נעבעך, איז ער געשטאָרבן... נאָך לאַנגע שווערע פּיין און צער, וואָס קיין מענטש האָט פון זיי קיין באַגריף אפילו נישט געהאַט...

הערשעלען האָט דאָס האַרץ אָנגעהייבן קלעמען פון רחמנות. וויי-נען האָט זיך אים געוואָלט, און אין זיינע אויגן האָבן זיך טרערן באַ-וויזן.

—איך בין אין כּעס אויף דיין ווילנער קהל!—האָט ער געזאָגט.— וואָס האָבן זיי אים געלאָזט פאָרן קיין וואַרשע? ער וואָלט נאָך אפשר ביז היינט געלעבט און וואָלט אַזויפיל פּיין און צער נישט געליטן!..

—הכּל על דאבדין ולא משתכּחין!.. אַזאַ אבדה איז באמת אַן אבדה שאינה חוזרת!..—האָט דער ווילנער אויסגערעדט.—הלוואי וואָלט מען צו יענער צייט געוווסט, ווער און וואָס דאָס באַלעבעסל איז... נאָר עס איז ממש אַ מעשה-שטן געוועזן, מען האָט אים געלאָזט פאָרן... דאָס טייערע זינג-פייגעלע האָט זיך פונם גאָלדענעם שטייגעלע אַרויס-געריסן... אַ קאַץ האָט עס געכאַפּט, פאַרצוקט און צעריסן... און מיר וועלן שוין אַזאַ חזן אפשר אייביק נישט האָבן!... סיידן דו, הערשע-לע, וועסט זיך אַ נעם טון אַזאַ צו ווערן... אַ שטימע האָסטו, אַ האַלדז און געפיל אויך, וואָס פעלט דיר?.. נאָר מזל. אָבער אין מזל לישראל... אַ יידיש יינגל דאַרף אַליין געפינען דעם וועג, וואָס פירט פון קליין ביז גרויס... נאָר היט זיך, הערשעלע, פון אהבה!.. געדענק אַלעמאָל, אַז דו ביזט אַ ייד און קוק נישט אויף די גראַפיניעס און פריילנטעס, וואָס וועלן קומען דיך הערן!.. איך האָב זייער מורא פאַר דיר...מען קאָן זיך אין דיר פאַרליבן, ווען דו זינגסט נישט... אפילו איצט, ווען דו ביזט אָרעם, אַ פּשיטה שוין, ווען דו וועסט קאָנצערטן אָפּגעבן און זיין רייך...

אַ גאַנצע נאַכט, נאָך דעם געשפּרעך, האָט הערשעלע נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. די געשיכטע פונעם באַלעבעסל איז אים פון זינען

נישט אַרויס... אים האָט געדאַכט, ער זעט אים... זיין געזיכט איז ווייס, ווי קאַלך... ער איז טיף פאַרטראַכט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, דער טלית פאַלט פון די אַקסלען און שלעפּט זיך אויף דער ערד... שטיל און טרויעריק גיסט זיך אַ זיסער, טיפער און רירנדיקער ניגון... דאָס בעט זיך די עלנטע נשמה זיינע, שוין אויסגעלייזט צו ווערן פון דעם געפּייניקטן גוף... אים ווילט זיך דעם באַלעבעסל אויפן האַלדז פאַלן... טרייסטן אים... זאָגן, אַז ער ווייס זיין ווונד, ער פילט זיין שמערץ... העלפן וויל ער אים מיטן גאַנצן לעבן, אָדער כאָטש טרייסט פון אים בעטן און וויינען מיט אים צוזאַמען אויף זיינע פּיין, אויף זיינע אייבערלעכע ליידן...

„און ווער נאָך, ווי איך,“—קלערט ער,—„קאָן אַזוי וויסן, ווי גרויס זענען די שמערצן געווען, וואָס ער האָט געליטן... האָב איך נישט געבעטן דעם טויט, בעת איך האָב נישט געהאָפּט, אַז מירעלע וועט וועלן מיין פריינטשאַפט?.. און מירעלע האָט מיך נישט באַכישופט... אין נחש ביעקב!.. ווי קומט זי דערצו? נאָר גלאַט אַזוי איז מיין האַרץ צוגעצויגן געוואָרן צו איר, ווי צו אַ מאַגנעט... און עס קאָן זיין, אַז דאָרט,ביים באַלעבעסל, איז אויך קיין כישוף נישט געווען, נאָר גלאַט אַזאַ געפיל, וואָס ציט... אים האָט אָבער צו נישט אַ יידיש קינד געצויגן... און, צווייטנס, האָט ער שוין אַ ווייב געהאַט. אָבער וואָס האָב איך מורא צו האָבן?.. וויל דען מירעלע מיט מיר זיך אַמאָל צעשיידן... אָדער וויל איך דען זי אויסבייטן אפילו אויף די שענסטע און רייכסטע גראַפיניע אין דער וועלט?.. קיינמאָל, קיינמאָל קאָן מיר אַזאַ נסיון נישט טרעפן, איך זאָל עס וועלן, אָדער קאָנען!.. איך מעג און מוז אַזאַ לייט ווערן, ווי דאָס באַלעבעסל איז געווען... צי אין זינגען, צי אין חכמות, אַ לייט מוז איך ווערן צוליב איר, צוליב מירעלען!..“

און ער דערמאָנט זיך, אַז זיין ווילנער חבר האָט עפּעס דערמאָנט נעמען פון ווילנער גרויסע לייט און חכמים, וואָס זייערע ספרים וואָלטן אים זיינע אויגן עפענען... און ער טראַכט, וואָס קאָן דאָרט זיין אין די ספרים? ווו באַקומט מען זיי צו זען, צו לייענען, אָדער צו לערנען כאָטש? ער באַשליסט ביי זיך: מאָרגן מיטן ווילנער אַדורכרעדן אויף קלאָר. זאָל ער אים זאָגן, ווי ווערט מען אַ קענער און אַ הקרן? ער מוז עס ווערן!.. זאָל מירעלע וויסן, אַז ער איז נישט גלאַט אַ ישיבה-בחור, וואָס קאָן נאָר לערנען און זינגען אַליין.

און פלענער און האָפענונגען בויען זיך און וועבן זיך ביי אים

אין קאָפּ, און טראָגן אים אַוועק אין דער צוקונפט... ער זעט זיך אויף קאָנצערטן... מירעלע איז לעבן אים... ער קוקט אויף קיינעם נישט, זי איז די שענסטע, די קליגסטע און רייכסטע פון אַלע... ער איז רייך און טוט טובות אַלע זיינע חברים... דעם ווילנער מאַכט ער רייך... דעם סלוצקער אפילו לאָזט ער אויך אַריין אָן אַ בילעט אויף זיינס אַ קאָנצערט אין וואַרשעווער גרויסן טעאַטער... דעם ראש-ישיבה שענקט ער אַ סך געלט, בויט אים אויס אַ הויז, קויפט אים אַ סך טייערע ספרים, און פּאַר זיין רבקהן זוכט ער אָפּ אַ חתן אַ לייט... ער גיט איר נדן, און מירעלע אפילו האָט זי אויך ליב, ווי אַ שוועסטער... אפילו אָן ברוכן פאַרגעסט ער נישט און מאַכט ברוכן אויך רייך, ווי קרח... נאָר מיט שרה-פייגען וויל ער זיך נישט זען... עפּעס דאַכט זיך אים, אַז מירעלע האָט זי פיינט און וויל זי פאַר אירע אויגן נישט האָבן... און ער דערמאָנט זיך אויך אָן זיין אָרעמער מוטער, וועלכע ליגט אַזוי יונג אין קבר אויף יענעם קליינשטעטלדיקן בית-עולם... אים ווילט זיך איר אַ גרויסע מצבה שטעלן מיט גאָלדענע אותיות... זיין פאָטער האָט ער נישט געקענט און ער געדענקט אפילו נישט ווו, אין וועלכן שטעטל איז ער מקבר געוואָרן. נאָר ער זוכט אויף זיינע צוויי אָרעמע שוועסטער און זיי זאָגן אים, ווו דער פאָטער איז געשטאָרבן... דאָס האַרץ קלעמט אים, אַז ער דערמאַנט זיך, ווי אָרעם זיינע צוויי שוועסטער זענען... און אים ווילט זיך איצט נאָכמער רייך און גרויס ווערן... זיי וועלן אים נישט דערקענען, שטעלט ער זיך פאָר, ער וועט זיי זאָגן, אַז ער האָט אַ גערוס צו זיי פון זייער ברודער הערשעלען, וועלכער איז אַ יתום אַ קינד אַוועק... זיי וועלן זיך דערפרייען, מסתמא, מיט די מתנות, וואָס ער האָט זיי כלומרשט געשיקט און וועלן פרעגן: „וואָס איז מיט אים, ווו איז ער?..” פלוצלונג וועט ער זיי זאָגן, ווי יוסף צו די ברידער: „אני יוסף! איך בין אייער ברודער הערשעלע!” זיי וועלן אים אויפן האַלדז פאַלן און אויסוויינען זייער פרייד... „נישט מיר דאַנקט, נישט מיך קושט...” — וועט ער ענטפערן. — „מירעלען דאַנקט און קושט! זי האָט מיך פאַר אַ לייט געמאַכט, זי האָט מיר דעם רצון און כוח געגעבן, צו וועלן און צו קענען ווערן אַ גרויסער לייט... ווען נישט, וואָלט איך אייביק אַזאַ אָרעמער פאַרחושכטער ישיבה-בחור געבליבן ערגעץ אין אַ בית-המדרש, און וואָלט אַזוי אָרעם געוועזן, ווי איר! — הייַנט בין איך רייך, און וויל אייך אויך רייך מאַכן!.. זיי פאַלן מירעלען אויפן

האַלדז, דאַנקען און קושן זי, און זי שעמט זיך נישט מיט זייער אָרעמ־קייט. „שיינע זעגען זיי, זינגען קענען זיי אויך, און פון דער מינוט אָן וועלן זיי שוין אויך רייך זיין. פאַרוואָס זאָל זי זיך מיט זיי שע־מען!..

מיט אַזעלכע זיסע געדאַנקען איז ער ערשט מיטן באַגינען אַנט־שלאָפן געוואָרן.

יא.

מירעלע האָט זיך געאײַלט איר פלאַן אויסצופירן, ווי הערשעלען פון אירע אייגענע מיטלען אויסצוקלײדן, די מוטער זאָל נישט באַמערקן. און תיכף ווי זי איז פון פענסטער אַוועק, ווי זי האָט אים מיט אירע אויגן אַזוי ליב און גליקלעך באַגלײט, האָט זי זיך גענומען אויפשרײַבן אַ בריוול, כלומרשט פון הערשעלעס אַ פעטער אַ רײַכן, וואָס שיקט אים געלט אויף קלײדער.

שרײַבנדיק דאָס בריוול, האָט זי אָבער זיך אַרומגעקוקט, אַז איר פעלן די געברויכלעכע לשון־הקודש־ווערטער, ווי אַזבאַלעבאָס, אַ מאַנס־ביל ברויך צו שרײַבן, און אַז איר טאָן אין שרײַבן איז גלאַט צו ווײַך פאַר אַ מאַנסביל. דעריבער האָט זי דאָס בריוועלע אײַנמיטן שרײַבן צעריסן און האָט זיך גענומען שרײַבן כלומרשט פאַר ד־הער־שעלעס אַ מומען... דאָסמאָל איז שוין דאָס בריוועלע אַרויס נאָך בע־סער, ווי געוווּנטשן. זי איז פון פרײד גליקלעך און שטאָלץ געווען אויף אירע געדאַנקען, און האָט די מוטער דערוואַרט מיט אונגעדולט, איר דאָס אויפגעשריבענע שוין פאַרצולײענען.

אַ הונגעריקע איז ברײַנדעלע פון גאַס געקומען, און אײדער זי האָט נאָך צײַט געהאַט איר וואַרעמען מאַנטל פון זיך אַראָפּצעוואַרפן, האָט זי צו דבורקהן, דעם דינסטמײדל, אַ געשריי געטון:

—גרײט מיר צום טיש, דאָס האַרץ איז מיר אַוועק. איך חלש עסן!

— גוט, מאַמעשי. וואָס דו ביזט ענדלעך געקומען! — האָט מירעלע אַ פריילעכע געזאָגט, און געהאָלפן דער מוטער זיך פאַנאַנדערבינדן און אַראָפּציען דעם דיקן פעלץ-מאַנטל. — איך האָב אויך כמעט אַ גאַנצן טאָג אין מיין מויל נישט געהאַט. גיכער, דבורקע, גיב שוין עסן!

— מען טאָר פון שטוב נישט אוועקגיין, — האָט ברײַנדעלע מיט אַ פאָרוואורפעדיקן טאָן געזאָגט. — ווי אַ קליין קינד איז זי. טראָגט איר די מאַמע צום מויל נישט צו און שטייט נישט איבער איר, זי זאָל עסן, פאַרגעסט זי גאָר, אַז אַ מענטש מוז עסן... ווײַ איז מיר... דיר האָט אַוודאי דאָס האַרץ איבערגעחלשט!

מירעלע איז אמת הונגעריק געוועזן און האָט מיט אַ געזונטן אַפעטיט געגעסן. די מוטער האָט נחת געקליבן. אַזאַ אַפעטיט האָט זי אין איר איידל נאָכגעגעבן קינד קיינמאָל נישט געזען. עפּעס האָט זיך איר געדאַכט, אַז מירעלע איז גאָר איצט גרעסער, שענער און צײַטיקער געוואָרן, וואָס זי האָט עס פריער גאָרנישט באַמערקט... די באַקן האָבן פון אַ געזונטן פאַרב געשיינט, די אויגן פולער און גלענצנדער און דאָס פּיערל, וואָס ברענט אין זיי, לייכט העלער און ליבטיקער... אַפילו די שיינע זיסע ליפּעלעך זענען היינט רויטער... און אַז מירעלע האָט זיך פון איר שטול אויפגעהייבן, האָט זיך ברײַנדעלען געדאַכט, אַז זי איז אויך העכער און דיקער געוואָרן. אַ נישט באַקאַנט זיס געפיל האָט די מוטער באַהערשט, קוקנדיק אויף איר ליב קינד. זי האָט זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן און איז צו מירעלען צו, זי צוגעדריקט צו איר האַרץ, געקושט און שטילערהייט אויך אַן עין הרע אָפּגעשפּראָכן.

מירעלע האָט זיך צערטלעך צו דער מוטער צוגעטוליעט און מיט הייסע קושן געענטפערט:

— הערסטו, מאַמעשי, — האָט מירעלע מיט אַלוסטיקן טאָן צו דער מוטער זיך געווענדט, — הערשעלע איז דאָ געוועזן. ער האָט געוואַרט אויף דיר. עפּעס איז אים אַ בריוועלע אָנגעקומען פון אַ פעטער און פון אַ מומען, וואָס שיקן אים געלט, זיך אויסצוקליידן. ער האָט דיך געוואָלט בעטן, דו זאָלסט די מצווה פאַרדינען, גיין אין קראָם, נעמען פאַר אים עפּעס אַ שיינע סחורה אויף בגדים. האָב איך נישט גלייך געטון, מאַמעשי, וואָס איך האָב ביי אים דאָס געלט מיטן בריוועלע

צוגענומען? אין בית-המדרש קאָן מען עס נאָך ביי אים אוועק-גנבענען.

— וויפל געלט? — האָט ברײנדעלע געפרעגט.

— איך ווייס אַליין נישט וויפל... דאַכט זיך, דרײַסיק אָדער צוויי-אונדרײַסיק רובל. אָט האָב איך עס אין בריוועלע! איך האָב עס צו-גענומען און נישט איבערגעציילט אַפילו. ער האָט מיך געבעטן איבער-לייענען, איך האָב אָבער קיין צייט נישט געהאַט, האָב איך אים צו-געזאָגט צו לייענען עס פאַר דיר.

— געלט מוז מען ציילן, מיין טאָכטער! — האָט ברײנדעלע איר קינד געלערנט. — הערשעלע וועט טאַקע דיר קיין בלבול נישט מאַכן, נאָר וואָס טויג עס דיר נישט צו וויסן גאָר וויפל ער האָט דיר גע-געבן? ווייז דאָס בריוועלע!

מירעלע האָט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט, אַ ביסל אָן אײַנגע-שמוצטן, און האָט דער מוטער דערלאַנגט.

ברײנדעלע האָט תיכף דאָס געלט אַרויסגענומען און איבערגע-ציילט.

— פינפאונדרײַסיק רובל... ער איז דאָך גאָר באַגליקט גע-וואָרן! — האָט זי זיך נישט געקענט אָנוווּנדערן. — ער מוז דאָך גאָר פון הויט אַרויסקריכן פון שמחה... איצט וועט ער שוין ברוכן אַוודאי נישט וועלן הערן און זען!..

— ניין מאַמע, דו האָסט אַ טעות, ער איז דער אייגענער, ווי געוועזן... איך מיין: אַזוי ווי ער איז שטענדיק געוועזן און דאָס געלט האָט אים גאָרנישט איבערראַשט... ער זאָגט, אַז ער האָט געוווּסט, אַז דער פעטער און זיינע רייכע קרובים וועלן אים נישט פאַרלאָזן... און אַז ער זאָל נאָר וועלן, זיי זאָלן אים שיקן, וואָלטן זיי אים שטענדיק נאָכ-מער געשיקט.

— אַזוי, — האָט זיך ברײנדעלע געוווּנדערט, — מען קען אַ מענטשן הונדערט יאָר קענען און נישט וויסן, ווער ער איז און ווי אים איז! איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז ער האָט רייכע פעטערס מיט מומעס, און קיינמאָל נישט געקלערט, אַז אים איז קיין נויט נישט... נאָר גלאַט אַזוי איז ער מיר געפעלן געוואָרן פאַר אַ ייִדן אײַדל קינד... און מען זעט טאַקע אָן אים, אַז ער מוז שטאַמען פון אַ שיינער גזע. לייען, מיין טאָכטער, מיר דאָס בריוועלע פאַר!

„צו מיין ליבן טייערן פלימעניק, מו״ה הערשעלע-לעבן!“ — האָט

מירעלע אָנגעהייבן לייענען דאָס בריוועלע, כלומרשט שהערלעך אַ ביסל, ווי אַ נישט-באַקאַנטע שווערע האַנטשריפט.

„ערשטנס מעלד איך דיר, מיין ליבער טייערער פלימעניק, אַז איך און דיין פעטער און אונדזערע ליבע קינדער זענען אַלע, השם יתברך, געזונט... גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן און איינגיכן אין נחת דיך צו זען ביי אונדז אינדערהיים, אָמן!

„צווייטנס, מעלד איך דיר, אַז תיכף ווי ,מיין מאַן, דיין ליבער פעטער, האָט דערהאַלטן דיין בריוועלע, אַז דו ביזט דאָרט, ווו דו לערנסט, נעבעך, עלנט, און דיר פעלט אַ רובל אין קעשענע אויף דער הוצאה און אויף אַ שוך, אַ קלייד — האָט ער, דער פעטער דיינער, געוואָלט אַריבערפאָרן דיך שוין גאָר צונעמען צו אונדז אַהיים... גענוג שוין דיר זיך וואַלגערן אינדערפרעמד, האָבן מיר אַלע געזאָגט, זאָל ער קומען, ער קען שוין, ברוך השם, גענוג לערנען... וויפל איז אַ שיעור דאָס לעבן אַוועקצולייגן!

„עס איז אונדז אומעטיק אָן דיר! אַז דו ביזט ביי אונדז געווען, איז אונדזער שטוב פול געווען מיט געזאַנג און פרייד... אַצינד דו ביזט אַוועקגעפאָרן, ווייסן מיר נאָר, אַז מיר בענקען נאָך דיר, און מיר פרעגן אַלץ: „וואָס טוט איצט אונדזער ליבער, גוטער הערשעלע? זינגט ער נאָך אַזוי זיס און ליב? ווער הערט אים איצט? גאָט ווייס, צי פאַרשטייען זיינע צוהערער די טייערע מתנה, וואָס דער רבונו של עולם האָט אים געגעבן אין זיין זיסער שטימע!.. נישטאָ דער טאָג און די שעה, וואָס איינער פון אונדז זאָל דיך נישט דערמאַנען מיט טרייקייט און ליבשאַפט!.. דעריבער האָט דער פעטער דיינער תיכף געוואָלט פאָרן צו דיר און נעמען דיך אַהיים. עס איז שוין אָבער נאָענט צו פסח, און דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ פאַרנומענער מענטש מיין מאַן איז. על כן שיקט ער דיר דערווייל פינפאונדרייסיק רובל, צו מאַכן זיך עטלעכע קליידער. אָבער, למען השם, זאָלסט זען, עס זאָל ווערן אָרנטלעך אויפגענייט! נישט צו לאַנג, נישט ווי אַ ישיבה-בחור, כדי זאָלסט קאָנען זיי טראָגן געזונטערהייט אפילו, אַז דו וועסט, אם ירצה השם, איינגיכן צו אונדז אַהיימקומען... ווייטער, וואָס נאָך זאָל איך דיר שרייבן? ביי אונדז איז, ברוך השם, אַלץ, ווי געווען. אַ דאַנק דעם, וואָס לעבט אייביק, פאַר געזונט

און פרנסה! דער פעטער וועט מסתמא דיר באַזונדער שרייבן: ער איז איצט אין גאַס, אין געשעפט. איך אייל אָבער דאָס בריוועלע וועקצושיקן, דו זאָלסט נאָך צייט האָבן אין קראָם צו גיין, אַ רעכטן שניידער אָנזעקצוגעבן און געזונטערהייט אויף פסח אים, אַנטון! הערסטו, למען השם, נאָר גוט און מאָדיש געניִיט... דו ביזט אין ישיבה-בחורשע קליידער, חלילה, נישט געבוירן... און ברויכסט לאַנג קיין ישיבה-בחור מער צו זיין...

„גריס גאָר פריינטלעך פון דעם פעטערס נאָמען און פון מיין נאָמען די גוטע טייערע באַלעבאַטים דיינע, וועלכע טוען מיט דיר חסד, און דו עסט זייער ברויט!.. באַזונדערס בעטן מיר גאָט, ברוך-הוא, פאַר דער אלמנה הגבירה מרת ברײַנדעלע, זאָל לעבן און געזונט זיין. זינט דו האָסט אונדז געשריבן, אַז דו האָסט חן געפונען אין אירע אויגן און זי איז דיך מקרב, קאָנען מיר קיינער איר ליבן טייערן נאָמען נישט פאַרגעסען! מיר בעטן גאָט, ברוך הוא, פאַר איר און פאַר איר טייער הויזגעזינד, ער זאָל זיי אַלעמען באַגליקן, מיט וואָס זיי ווינטשן זיך אַליין... און זייער חסד און מצווה זאָל זיי פאַרעכנט זיין אין הימל, אין גאָטס בוך, ווו אַלע גוטע מעשים ווערן פאַרשריבן!.. ווייז איר, מיין זון, דאָס בריוועלע, זאָל זי זען, אַז איר חסד איז אָנגעלייגט, און אַז דוא ביזט, חלילה, נישט פון אַ שטיין געבוירן... גאָט צו דאַנקען, דו דאַרפסט מיט דיין יחוס נישט זיין אָראָבגעפאַלן, און דו האָסט מיט דיינע פעטערס און מומעס זיך נישט צו שעמען!.. זאָל דיר גאָרנישט אַרן, וואָס דו ביזט אויף אַ צייט אינדערפרעמד אַ ישיבה-בחור געוועזן, דערפאַר האָסטו דיר די הייליקע תורה געקויפט... און זי וועט דעם חסרון פון „פרעמדע טישן" פאַרדעקן... נישקשה, זאָרג נאָר נישט, מיר וועלן נאָך גרויס נחת האָבן פון דיר און דו וועסט אָט די טעג אין אַ סך לאַנגע נחתדיקע יאָרן דערמאָנען!..

„עס גריסן דיך הערצלעך אַלע קינדער... די ייִנגלעך זענען איצט אין חדר, און די מיידלעך קלויבן זיך צו גיין טאַנצן ביי דיין געוועזענעם רבינס טאָכטער אויף איר חתונה מיט מזל. איך וויל נאָך אויף דער חתונה זיין, נאָר עס איז ערב יום-טוב, און איך וויל נאָר צו באַדעקנס אַרײַנגיין...

דרשה-געשאַנק האָב איך גאָר אַ פיינס געקויפט, און וועל לאָזן אויסרופן: „דאָס שענקט אַ תלמיד פון דער כלהס פאָטער, החתן המופלג

מ"ה הערשעלע! אַז גאָט וואָלט מיך שוין מזכּה זיין צו טאַנצן אין אַ מזלדיקער שעה אויף דיין חתונה, מיין ליבער פּלימעניק, נישט אַזאַ דרשה-געשאַנק וואָלט איך דיר געגעבן! ווי וויל איך ווערט זיין צו זען שוין אַמאָל די ליבע שיינע כּלה, וואָס דיר איז פון גאָט דעם לעבעדיקן באַשערט! נור דער, וואָס לאָזט אונדז לעבן, וועט אונדז מסתּמא די גליקלעכע כּלה אויך ווייזן... זאָל זי זיך האָדעווען אין נחת און אין גליק... קיין זאַך קומט נישט פאַר דער צייט...

„זיי מיר געזונט, טו אַלץ, ווי איך שרייב דיר, און האָב אַ פריילעכן גליקלעכן יום-טוב, ווי דיר ווינטשט פון גאַנצן האַרצן דיין טרייע מומע.

גיטע-רייזל גאָלדשטיין."

—אַ לייטישע יידענע... אַ מחיה צו הערן אַזעלכע רייד! — האָט ברײַנדעלע געזאָגט, ווען מירעלע האָט געענדיקט לייענען. — אַן אמת ווילגעלערנטע, ווי איך בין אַ יידישע טאָכטער! האָסטו געזען אַ ביסל אַ מגילה אָנגעשריבן, און פונקט ווי מען רעדט! בעת די האָסט געלייענט, האָב איך געמיינט, אַז זי, די מומע הערשעלעס, שטייט דאָ אָדער איך זיץ דאָרט ביי איר אין שטוב, און הער מיך צו, ווי זי רעדט צו אים. אָט דאָס הייסט אַ קלוגע אשה.

—זעסטו, דו זאָגסט דאָך, אַז עס איז גענוג נאָר אַ ביסל קענען שרייבן!—האָט מירעלע דער מוטער כּלומרשט פאָרוואָרף געמאַכט. — זעסטו שוין, ווי גוט און ווי שיין עס איז, אַז מען קען טאַקע אַזאַ בריוועלע אויפשרייבן!

—זעסטו דאָך, מיין טאָכטער, אַז דו לערנסט און לערנסט און אַזאַ בריוועלע וועסטו נאָך אַלץ נישט אויפשרייבן! מען מוז מיט אַזאַ קאָפּ און שׂכל געבוירן ווערן...

—געפעלט דיר נישט, מאַמע, מיין קאָפּ און שׂכל?—האָט מירעלע מיט אַ ברוגזן טאָן געפרעגט.—פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געהאַט מיט אַ בעסערן קאָפּ און שׂכל?

—מיר געפעלסטו, מיין קינד, געוויס! איך רעד גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווי שיין עס איז פאַר לייטן, און וואָס פאַר אַ נחת עס מוז זיין פאַר זיך אַליין אפילו, אַז מען קען אַזאַ שיין בריוועלע אויפשרייבן! עס איז דאָך צו קושן איטלעכס וואָרט!

—מאַמעשי, אַז איך זאָל האָבן אַזאַ ליבן פּלימעניק, ווי הערשעלע, וואָלט איך אים אפשר נאָך אַ שענערן בריוו שרייבן!..—האָט זיך

מירעלע ארויסגעכאפט, און איז באלד אליין פארווירט און פארשעמט געווארן פון אירע אייגענע ווערטער, וואס זי האט ערשט ארויסגערעדט.— איך מיין,—האט זי באלד א דריי געטון צוריק,—אז ווען איך וועל אמאל זיין ווייט פון דיר, ליבע מאמישי, וועל איך דיר קענען נאך שענערע און גרעסערע בריוולעך שרייבן! פון אלץ דיר אויסשרייבן... א-יא, מאמעשי, דו וועסט זיך פרייען, אז דיר וועט פון מיר אזא בריוול אנקומען?

—ניין, מיין קינד, איך וועל מיך מיט דיר קיינמאל נישט צע-שיידן!—האט ברײנדעלע מיט א שווערן זיפץ געענטפערט. — טונען באלד מען זאל מיר אנשיטן, איך זאל דיך אויסגעבן אינדערפרעמד, וועל איך נישט וועלן! אימשטיינס-געזאגט, וואט איז מיין לעבן, מיין וועלט, אז נישט דו?.. ווי לאנג איך וועל לעבן, וויל איך דיך ביי זיך, אין מיין שטוב, אין מיין היים, זען און האבן!.. וועט דיר גאט, ברוך הוא, צושיקן דעם אמתן באשערטן, וואס וועט זיין חן געפינען אין מיינע אויגן, וועט ער אויך מיין קינד זיין, און אין מיין שטוב וועט צוויי מאל אזוי ליכטיק זיין, ווי איצט... דיין מזל, מיין קינד, זאל נאר וואך זיין און לייכטן דיר, ווי איך וויל דיר אלץ צוועקגעבן. זאל נאר דער אמתער באשערטער דיינער קומען...

—באלד הייבט זי אן צו רעדן פון באשערטע!—האט מירעלע קאפריזנע כלומרשט געזאגט.—זאג מיר בעסער צו, אז דו וועסט מארגן גיין אין די קראמען קויפן סחורה פאר הערשעלען, אדער הייסן ברענגען בעסער אהערצו, און איך וועל אויסקלויבן. איך האב א בעסערן געשמאק פאר דיר.

—וואס מיינסטו דען, מיין קינד,—האט ברײנדעלע דאס איריקע ווייטער גערעדט,—עס וועט נאך קומען אמאל א צייט, וואס דיין ליבער באשערטער וועט קומען! נאך א יאר, שפעטסטנס—נאך צוויי... ווי דערלעב איך שוין יענעם גליקלעכן טאג!

—גיב מיר דאס געלט צוריק!—האט מירעלע שוין אין כעס גע-ענטפערט.—איך וועל אליין גיין צווישן די קראמען... נישקשה, די קרע-מער וועלן נישט האבן מיט וואס זיך צו פרייען... איך ווייס א מקח אויף גוטע סחורה!

—אבער עס פאסט נישט פאר דיר, מיין קינד!—האט ברײנדעלע געזאגט. — לאז מיר, איך וועל גיין. וואס פארגינסטו מיר די מצווה נישט?

—איך האָב מורא, די וועסט גיין צו חיים שפרהס און די וועסט וועלן, ער זאָל דיר סחורה געבן אויפן חוב, וואָס קומט פון אים און ער וועט דערווייל רעכענען טייערער!

— קינד איינע, איך האָב גאָר קיין שכל נישט? איך וועל אים זאָגן: איך קויף פאַר מזומן אויף נאמנות פאַרדינסט... חיים שפרהס וועט נישט פאַרקויפן זיינע נאמנות פאַר אַ רובל, אפילו נישט פאַר צען. דערנאָך וועל איך אים זאָגן: זאָל עס זיין פון חוב אָפגערעכנט... וואָס פאַרגינסטו נישט דיין מאַמען אָפּצונעמען אַן אַלטן חוב?

— און אַז ער וועט נישט וועלן?

— וועל איך דאָך אַ ברירה האָבן!

מירעלע האָט מספּים געווען, וואָרים דערמיט איז זי שוין זיכער געווען, אַז די מוטער וועט נישט איבערקלערן און וועט נאָך צע־פרידן זיין, וואָס הערשעלע האָט כּלומרשט דאָס געלט צו איר גע־בראַכט און זי האָט דורך אים אַן אַלטן חוב אויפגעמאָנט.

דעם גאַנצן אָוונט איז מירעלע צערטלעך צוגעטון געווען צו דער מוטער, ווי נאָך קיינמאָל נישט. אַז ברײַנדעלע האָט זיך אַ מידע אין בעט אַרײַנגעוואָרפן אויסרוען, כּדי מאָרגן גאַנץ פרי אויפצושטיין, דעם געהאָפטן אַלטן חוב אָפּצונעמען פון חיים שפרהס, האָט זיך מירעלע לעבן איר אויפן בעט אָװעקגעזעצט און דערציילט דער מוטער אַ ליבע שיינע מעשה פון אַ פּרינץ, וואָס האָט זיך פאַרגענומען חתונה צו האָבן נאָר מיט דער, וואָס וועט וועלן אים נעמען, נישט פאַר זיין רײַכקייט, נאָר פאַר זיינע גוטע מדות... ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן און איז אומגעגאַנגען, ווי אַן אָרעמער בעטלער... ער איז אָבער שיין געווען, און אַז ער פלעגט אָנהייבן זינגען, פלעגן אפילו די ביימער אין וואַלד אויפהערן צו רוישן און פלעגן אַראָפּבויגן די צווייגן צוצוהערן זיין זיס געזאַנג... איינמאָל איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ שטאָט, וואָס דאָרט האָט געוווינט אַ גרויסער מיליאָנער, און ער האָט געהאַט אַ בת־יחידה, זייער אַ געראָטענע. אַלע חתנים, וואָס דער פאָטער האָט איר פאָרגעשטעלט, זענען איר אַלץ צום האַרצן נישט געווען... ביז עס איז געקומען אָט דער אָרעמאַן און האָט זיך גע־שטעלט אונטער איר פענסטער אויסזינגען אַ שיין לידל און כּלומרשט בעטן אַ נדבה... די בת־יחידה האָט עפּעס דערהערט אַ זיס געזאַנג, וואָס צוגייט זיך אין אַלע גלידער, איז זי צוגעלאָפן צום פענסטער אַ קוק טון, ווער זינגט עס אַזוי זיס... פאַרשטייט זיך, מאַמעשי, אַז זי האָט

זיך שיין נישט געקאָנט אָפּרייסן צוריק... און פון יענעם טאָג האָט זי אָנגעהייבן בענקען און אויסגיין פון ליבע צו דעם אָרעמאַן... אַ לאַנגע צייט האָט זי מיט זיך צו טון געהאַט... זי האָט אים געוואָלט פאַרגעסן, איר איז פאַר אַלע אירע רייכע חברטאָרינס נישט אָנגעשטאַנען, זיך צו פאַרליבן אין אַן אָרעמען בעטלער... אָבער אַלע נאַכט פלעגט ער קומען און זינגען אונטערן פענסטער, און זי האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט מער, ביז זי איז אים אַמאָל אויפן האַלדז געפאַלן און געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב... „איך בין דאָך אָרעם!"—האָט ער געענטפערט.— „דיינע רייכע עלטערן וועלן אונדז דאָך פון זייער הויז אַרויסטרייבן, אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן!.." נאָר זי האָט אַנדערש שוין נישט געקענט לעבן און איז צופרידן געוואָרן מיט אים חתונה צו האָבן, כאָטש דערנאָך מיט אים צוזאַמען אין די הייזער אומצוגיין... זי האָט טאַקע באַלד מיט אים חתונה געהאַט... און אַז דער פאָטער און פאַמיליע האָבן זיך דערוווסט, האָט מען זיי ביידע אָנגעהייבן פייניקן, זיי זאָלן זיך צעשיידן... נאָר זי האָט געשריען: מען זאָל זי בעסער טויטן, איידער מיט אים צוצושיידן, ביז דער פאָטער האָט געזען, אַז זי זאָגט אמת, און דאָקטוירים האָבן אויך געזאָגט, אַז אָן אים וועט זי טאַקע באַלד שטאַרבן, האָט ער קיין ברירה נישט געהאַט און אים פאַר אַ קינד צוגענומען. הייבט שטעל דיר פאָר דעם פאָטערס גליק און פרייד, אַז דער אָרעמער בעטלער האָט פּלוצלונג אַוועקגעוואָרפן זיינע צעריסענע קליידער און איז געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעפּוצטער פּרינץ! נו, מאַמעשי, ווי מיינסטו, איז ער עפּעס צופרידן געווען, וואָס זיין טייערע בת־יחידה האָט זיך פאַרליבט אין דעם בעטלער?

— אוודאי, מיין קינד, איז ער גליקלעך און צופרידן געווען,— האָט ברײַנדעלע געענטפערט, — וואָס איז, ער ווייס דען נישט, אַז זיין טאָכטער האָט אַ גליק געטראָפן?

— אָבער ווייסטו, מאַמעשי, פאַרוואָס האָט איר דאָס גליק געטראָפן? ווייל זי האָט זיין זינגען פאַרשטאַנען און נישט געקוקט אויף רייכקייט, אויף קליידער און צירונג, און האָט בעסער געוואָלט זיין אָרעם נאָר אָט דעם ליבן זינגער צו האָבן...

— זאָג מיר, מיין טאָכטער, דער פּרינץ איז אַ ייד געווען? — האָט ברײַנדעלע געפרעגט.

— יידישע פּרינצן, מאַמעשי, זענען נישטאָ,—האָט מירעלע געענטפערט, — אָבער עס זענען דאָ יידישע ק י נ ד ע ר, וואָס קענען פון

אָרעם—רייך הערן, פון קליין און נידעריק—גרויס און באַרימט!.. אַמאָל, מאַמעשי, דאַכט זיך אונדז, אַז יענער איז אָרעם, מיר שעמען זיך מיט אים, פלוצלונג דערהערן מיר, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע יענער שפּילט און ער שעמט זיך שוין מיט אונדז!..

— קענן וואָס מיין קינד, דערציילסטו עס מיר?—האָט ברײַנדעלע מיט אַ גענעץ געפרעגט. — איך ווייס דען נישט, אַז אָרעם און רייך זענען ביי גאָט אין האַנט?

— אָט, איך דערצייל עס גלאַט אַזוי!—האָט מירעלע געענטפערט, און אַז זי האָט באַמערקט, ווי דער מוטער קלעבן זיך צו די אויגן פון שלאָף, איז זי שטיל פון בעט אַוועק און זיך אַליין אויך שלאָפן געלייגט.

הערשעלע האָט אויף מאָרגן פרי, תיכף נאָכן דאַווענען, אַ רעד געטאַכט מיטן ווילנער וועגן יענע נעמען פון די חכמים און גרויסע לייט, וואָס ער האָט נעכטן דערמאָנט. אין געשפּרעך האָט אים הערשעלע מודה געווען, אַז ער וויל זיך נעמען צו ווערן אַ קענער, און אַז אַ לשון-הקודש-ספרל האָט ער שוין אַמאָל געלייענט. ער האָט אים דערציילט די געשיכטע פון אַמנון מיט תמרן!

דער ווילנער איז דערפרייט געוואָרן, וואָס ער האָט געפונען כאָטש איינעם פון זיינע חברים, מיט וועמען ער קאָן זיך אויסרעדן וועגן „אהבת-ציון“, וואָס האָט אויך אין זיין האַרצן אַ טיפן איינדרוק געלאָזן, און האָט הערשעלען אָנגערופן די איבריקע ספרים פונם איי-גענעם מחבר, וועלכע ער ראַט אים דורכלעזן וואָס צום גיכסטן.

— מיר דאַכט,—האָט ער געזאָגט,—אַז ביי דיין מיטוואָך מוזן זיך די ספרים געפינען. איך האָב געהערט, אַז ברײַנדעלעס מאַן איז בחייו געווען אַן אויפגעקלערטער און האָט אַ סך ספרים געלאָזן. פרווו, אדרבה, אַמאָל אַ בעט טון, מען זאָ. דיך צולאָזן צום ספרים-אַלמער. איך בין דיר ערוב, דו וועסט דאָרט אַלץ געפינען!

— איז נאָר עפּעס דאָ, וועט מיר ברײַנדעלע נישט אָפּ-זאָגן!

— הער-זשע,—האָט דער ווילנער ווייטער גערעדט,—זיי ווייסן, אַז די ספרימלעך זענען נאָר גוט אויפצוּוועקן אַ שלאָפעדיקן, אָבער זיי האָבן נאָך נישט אין זיך די סגולה, דעם אויפגעוואַכטן כוח צו געבן אַליין אויף די פיס זיך צו שטעלן! על כן, דאַרפסטו, ראשית, לייענען

די ספרים, וואָס איך זאָג דיר, דו זאָלסט פון דיין אָרעם-בחורשן שלאָף זיך אויפכאַפּן, זיך אַרומקוקן, אַז אַזוי אייביק צו בלייבן איז קיין תּכלית נישט... דערנאָך אָבער זאָלסטו זען אַנדערע ספרים צו באַקומען, וועלכע שטעלן אַ מענטשן אויף די פיס... איך בין שוין פאַרפאַלן!.. פון מיר וועט שוין קיין לייט נישט ווערן!.. דו אָבער קאָנסט נאָך צו אַלץ זיך דערשלאָגן, בפרט, אַז גאָט האָט דיר געגעבן אַזאַ כּלי, אַזאַ שטימע... ווו דו וועסט קומען, וועט מען דיך צוכאַפּן!..

— פאַרוואָס, זאָגסטו, אַז דו ביזט שוין פאַרפאַלן?—האָט הערשעלע מיט רחמנות געפרעגט.—דו קענסט דאָך שוין בעסער פאַר מיר! איידער איך וועל נאָך אין אַלץ אַזאַ ידיעה האָבן, ווי דו, וועל איך נאָך מוזן אַ סך לערנען.

— פאַרפאַלן, ברודער!—האָט דער ווילנער מיט אַ זיפץ געענטפערט.—איך האָב נישט איינע פון די מעלות טובות, וואָס דו האָסט... אַגב, בין איך מיט פינף, זעקס יאָר עלטער אויף פאַר דיר. אמת, איך האָב אַ ידיעה אין אַלץ, אָבער קענען קען איך גאָרנישט... מיין גאַנץ לעבן איז אָן אַ סדר און מיין לערנען איז אויך אָן אַ סדר... איך קוק אָפּט אויף זיך, ווי אויף איינעם, וואָס איז אין אַ זומפּ פאַרקראָכן. ער שטייט און זינקט, וואָס אַ שעה אַלץ טיפער, און האָט אין זיך קיין מוט נישט זיינע כּוחות צו פּרוּוון, זיך אַליין אַרויסצוראַטעווען... נישטאָ אין מיר די כּוחות זיך אַרויסצערייסן פון בית־המדרש. פאַרפאַלן! איך וועל שוין בלייבן אַ מלמד, אַן אָרעמאַן, אַ קאַליקע... אָבער דו, עוד חילך לאורייתא! פאַר דיר איז די וועלט אָפן... און איך זאָג דיר נביאות, אַז דו וועסט פאָרן און קומען צו אַ גרויסן תּכלית!..

— לאָמיר ביידע פאָרן! — האָט זיך הערשעלע געבעטן. — איך גיב דיר מיין תּקיעת־כּף — מיט דיר זיך אַלץ צו טיילן, ווי אַ ברודער!

— איך דאַנק דיר, פאַר אַליין!—האָט דער ווילנער געענטפערט.—נאָר איין זאַך מוז איך מיט דיר אָפּמאַכן: איך ווייס, אַז פון מיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין, און איך ווייס ווידער, אַז דו וועסט זייער אַ גרויסער לייט אַמאָל ווערן. הערשעלע, אַז מיין אָרעמקייט וועט מיך ברענגען דערצו, איך זאָל אַמאָל זיך קערן צו דיר מיט אַ בקשה, העלפן מיר אין אַ נויט, דערמאָן דענסטמאָל, ווי מיר זיצן איצט דאָ אין בית־המדרש און וואָס מיר רעדן איצט!.. פאַרגעס נישט, ברודער, בטוב לך, דיין חבר פון ווילנע, וואָס האָט דיר די עצה געגעבן פונם בית-

המדרש זיך אַרויסצוריייסן !..

דעם ווילנערס ווערטער האָבן הערשעלעס האַרץ געריירט, און ער האָט אים געוואָלט דערציילן כאָטש, וואָס ער האָט ערשט נעכטן ביינאַכט געקלערט וועגן אים, נאָר אין דער מינוט איז צו אַ ישיבה-בחור און האָט געזאָגט:

— הערשעלע, מען איז געקומען דיך רופן צו דיין מיט-וואָך!

אין דער רגע איז צו זיי צוגעקומען ברײַנדעלעס דינסט און האָט געזאָגט:

— די באַלעבאָסטע האָט געבעטן, איר זאָלט שוין קומען. פאַר צײַך איז אָנגעקומען אַ בריוו מיט געלט פון אַ פעטער!

— דו האָסט אַ פעטער, הערשעלע? — האָט דער ווילנער גע-פרעגט.

הערשעלע האָט שוין פון נעכטן געוווּסט, ווער דער גוטער פע-טער און ליבע מומע זענען און האָט געענטפערט:

— איך האָב אַ פעטער, זייער אַ ליבן און טרייען פעטער!

— אַז ער שיקט געלט, איז ער געוויס טריי און ליב! — האָט דער ווילנער באַמערקט. — וויפל געלט?

— ווערט, איך ווייס נאָך אַליין נישט, וויפל! — האָט הערשעלע געענטפערט און איז אַוועק גלייך צו ברײַנדעלען.

— פאַרוואָס, בארעלע, האָסטו מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דו האָסט אַזאַ גוטן פעטער און אַזאַ געטרייע קלוגע מומע? — האָט ברײַנדעלע געפרעגט תיכף ווי הערשעלע האָט איר „גוט-מאָרגן“ געזאָגט.

ער איז פאַרשעמט און רויט געוואָרן, אים איז שווער געווען גלייכגילטיק אַ ליגן צו ענטפערן.

— וואָס שעמסטו זיך, קינד איינער? — האָט זי אים אויפגעמונ-טערט. — זאָלן אַלע אונדזערע גוטע פריינט זיך האָבן צו שעמען מיט אַזעלכע, ווי דו ביזט און ווי דיין מומע איז!.. איך דאַרף דאָך דיך נישט צו חנפענען, נאָר גלויב מיר, איך האָב אַלעמאָל ביי מיר גע-טראַכט, אַז דו שטאַמסט פון אַ פיינער גזע... הערנדיק, ווי מיין מי-רעלע, זאָל געזונט זיין, האָט דיין מומעס בריוועלע מיר פאַרגעלייענט, האָט מיר אַ הנאה געטון, וואָס איך האָב קיין טעות נישט געהאַט!..

זי מוז גאָר אַ טייערע אשה זיין... ווי אַזוי איז זי דיר אַ מומע פֿאַמעס אַ שוועסטער?

— אַ שוועסטער!—האָט ער קוים אויסגערעדט, אַליין נישט באַרעכנענדיק זיך, וואָס ער זאָגט.

— דיין מאַמע איז שוין לאַנג טויט

— שוין אַלט יאָר!

— און דער פעטער, איבער צו לענגערע יאָר, איז טאַקע רייך?

— אַמאָל איז ער גאַנץ רייך געווען, איצט ווייס איך נישט.

— זאָל אים גאָט העלפן, ער איז אוודאי אַ פיינער ייד!—האָט ברײנדעלע צוגעוווּנטשן און נאָך געוואָלט אים ווייטער עקזאַמענירן וועגן זיין פאַמיליע... נאָר אין דער מינוט איז מירעלע אַריינגעלאָפן מיט אַ שטיק סחורה אין האַנט, און האָט אים פון דער מוטערס שווערן עקזאַמען אויסגעלייזט.

— געפעלט אייך דאָס אויף אַ ראָק?—האָט זי אויף גיך געזאָגט און אַ ווונק געגעבן, ער זאָל פאַרשטיין. — פון די פינפאונדריי-סיק רובל, וואָס די מומע האָט אייך געשיקט, האָט די מאַמע אַכצן רובל מיט זעכציק קאָפּיקעס אויסגעגעבן. דערפאַר וועט איר שוין האָבן אַלץ: אַ קאָסטיום מיט אַ זומערמאַנטל, אַזוי ווי אייער מומע שרייבט אייך... גיט ע-ר ייז ל, הייסט זי! זעט איר, אַז איך געדענק! דאַכט זיך מיר, אייער זעליקער מוטערס אַ שוועסטער?

— איר צו לענגערע יאָר,—האָט זיך ברײנדעלע אַריינגעמישט,— אַ גוטע בעטערין זאָל שוין דיין מאַמע זיין פאַר דיר און פאַר איר גוטער שוועסטער, וואָס פאַרלאָזט דיך נישט!

הערשעלע האָט אין מירעלעס רייד אַלץ געהערט, וואָס ער דאַרף געדענקען. אים איז אָבער פאָרט שווער געווען זיין ראָלע גלייכגילטיק צו שפּילן... ער האָט זיך פאַר זיך און פאַר ברײנדעלען געשעמט, און די אויגן נישט אויפגעהייבן.

— פאַרוואָס זאָגט איר מיר נישט אַ דאַנק פאַר מיין טרחה?—האָט מירעלע, אים אויפצומונטערן, געפרעגט מיט אַ היימישן שמייכל.

הערשעלע האָט די אויגן אויפגעהייבן און אַ קוק געטון אויף איר.

— נאַרעלע, זי מיינט נישט דיין דאַנק! — האָט ברײַנדעלע געזאָגט.—וואָס איז, זי ווייס נישט, אַז דאָס איז אַ מצווה, און אַז פאַר אַ מצווה קומט נישט קיין דאַנק?

— ניין, איך מיין טאַקע דעם דאַנק! — האָט מירעלע מיט חן געענטפערט.

— איז דען מיין דאַנק אַזויפיל ווערט, וויפל אייער טרחה? — האָט הערשעלע ענדלעך געפונען אַ וואָרט כאָטש צו זאָגן.

— אָ, זייער, זייער ווערט! — האָט מירעלע קאָקעטיש געענטפערט.—מיינט נישט, אַז מיר ווייסן נישט ווער איר זענט! מיר ווייסן און מיר האָפן, אַז איר וועט נאָך אַמאָל רייך און גליקלעך זיין!.. איר וועט נאָך אפשר אַמאָל זיך שעמען מיט אונדזער פריינטשאַפט!..

— אויב איר קלערט, אַז איך וועל זיך אַמאָל שעמען מיט אייער פריינטשאַפט און איך וועל אייער חסד פאַרגעסן, איז מיין דאַנק גאָר־נישט, גאָרנישט ווערט!..—האָט ער געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס האָט זיין אמת הארץ אויסגעדריקט.

— וווּ תורה, איז חכמה. ער ווייס ווי צו ענטפערן!—האָט ברײַנדעלע צעפרידן באַמערקט.

— אָבער דעם דאַנק זענט איר מיר נאָך פאָרט שולדיק!—האָט מירעלע פריילעך געטענהט.

— איך דאַנק אייך, טויזנט מאָל דאַנק איך אייך! און וועל אייך מיין דאַנק פאָרט אייביק שולדיק זיין!—האָט ער מירעלען געדאַנקט, און געוואָלט אויך ברײַנדעלען באַזונדער באַדאַנקען.

—יאיך, מיין זון, פאַרלאַנג געוויס נישט קיין דאַנק!—האָט ברײַנדעלע נישט געלאָזט באַדאַנקען זיך.—זאָלן מיינע אויגן אַזוי אויף מיין אייגן קינד זען אַלדאָס גוטס, ווי איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס!..

אַז מירעלע איז צוריק אַרויס, האָט ברײַנדעלע געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו, איז מיין מירעלע נישט אַ בריליאַנט? וואָס ווייסטו, וויפל זי האָט מיט מיר צו טון געהאַט, ביז איך האָב איר נאָכגעגעבן דווקא וואָס זי וויל, וואָס איר געפעלט! דו מעגסט זיך אויף איר מבינות פאַרלאָזן: זי ווייס, וואָס גוט איז!..

אין דעם איז דער שניידער געקומען און האָט הערשעלען אַ מאָס אַראָפּגענומען פון קאָפּ ביז די פיס.

—אַ ביסל לענגער, ברייטער אַ קאָפּ!—האָט ברײַנדעלע געהייסן.—

מען נייט נישט אַזעלכע טייערע בגדים אויף איין טאָג! טראָג און טראָג, אַבי געזונט!..

מירעלע אָבער האָט געהייסן דווקא מאָדיש נייען, און האָט דעם שניידער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען זי וואָלט געוואָלט נייען, ווי די מאַמע וויל, וואָלט זי דאָך געקאָנט אָוועקגעבן בערל לאַפּעטניק און נישט אים.

— ווי ווילט איר? — האָט דער שניידער הערשעלען אַליין געפרעגט.

— פאָלג איר נישט! — האָט ברײַנדעלע נישט געלאָזט אים ענט־פערן. — זי מיינט, אַז דאָס נייט זי זיך אַ קלייד, ענג און שמאָל, וואָס איז גוט אויף אַ פּאָר מאָל אָנצוטון און דערנאָך פאַרקויפן עס אומ־זיסט!.. פון לענגער — קירצער קאָן מען מאַכן, אָבער פון קורץ — לאַנג, נישט!

— נאַט זעט, וואָס אייער מומע שרייבט! — האָט מירעלע געזאָגט און אים דערלאַנגט דאָס בריוועלע. — זעט איר, זי וויל דווקא מאָדיש, טאָמער פאָרט איר אַהיים אינגיכן, זאָל מען דאָרט נישט לאַכן פון אייך.

— איך וויל מײַן מומען פאָלגן, — האָט הערשעלע באַשעמט זײַן דעה געזאָגט. — איר גלעט, פאַרוואָס זאָל איך איר נישט פאָלגן?

דער שניידער האָט צוגעזאָגט יוצא צו זײַן אַלע צדדים: ער וועט טאַקע מאַכן, ווי מירעלע הייסט, נאָר ער וועט לאָזן אַ גרויסן זאַפּאַס. „נישקשה, איך ניי, ברוך השם, פאַר די שענסטע באַלעבאַטים, פאַר פריצים אַפילו, איך וועל נישט צו שאַנד מאַכן אַזאַ טייערע סחורה.“

— זעט, איר זאָלט נאָר אַ גרויסן זאַפּאַס לאָזן! — האָט ברײַנדע־לע נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט. — און די שטיקער, וואָס וועלן בלייבן, זאָלט איר, למען־השם, אָפּברענגען, עס קומט צוניץ!

— הערט איר, ברײַנדעלע, — האָט דער שניידער פאַרזיכערט, — האָב איך אַ הונדערט־חלק פון די סחורות, וואָס איז שוין פון מײַן האַנט און שער צעשניטן געוואָרן! נישט געערעדט! איך וועל אויפנייען, אָפּברענגען און דערנאָך וועט איר רעדן!

— נישט פאַרגעסט, אַז דאָס איז אָרעמס בלוטיק געלט! איר וועט אַ מצווה אויך פאַרדינען! — האָט ברײַנדעלע נאָכאַמאָל געבעטן. — ברענגט אָפּ, נאָר נישט הערט אין ערב יום־טוב אַרײַן. אַ מענטש איז

דאָך קיין מלאך נישט, טאָמער ברויך מען אַ פּאַפּראָווקע, אַ קנעפּל איבערצוזעצן.

— אַ גוטן טאָג, ברײַנדעלע! — האָט דער שניידער געענטפערט, גענומען די סחורה אונטערן אָרעם און איז אַוועק.

בעת ברײַנדעלע האָט נאָך ביי דער טיר מיטן שניידער גערעדט, האָט מירעלע דערווײַל צײַט געהאַט הערשעלען אָנצוזאָגן, ער זאָל נאָר מוט האָבן, וועט שוין אַלץ רעכט זײַן. ער האָט צוגעזאָגט און געבעטן: צי קאָן זי אים נישט לײַען ערגעץ אַ ספר פון זײַערע ספרים, וואָס ער וועט אַליין אויסקלויבן.

מירעלע איז תּיכּף צוגעגאַנגען צו דער מוטער, גענומען בײַ איר די שליסעלעך.

— וואָס דאַרפסטו די שליסעלעך? — האָט ברײַנדעלע געפרעגט.

ער בעט לײַען אַ ספר!

— זעסטו, מײַן טאָכטער, די נפקא־מינה פון איבם צו אַן אַנדערן? ער איז פון די נײַע בגדים גאָרנישט נתפּעל, אים ליגט זײַנס אין זינען... גיב אים, זאָל ער טאַקע מיר געפינען אין איין גאַנג מײַן מחזור מיט דער הגדה.

מירעלע האָט אים אין אַ זײַטיק צימער אַרײַנגעפירט, געעפנט אַ גרויסן אַלמער מיט ספרים און אים געהייסן געפינען, וואָס ער זוכט.

זײַנע אויגן זענען אומגעלאָפן איבער די פּאָליצעס. מירעלע האָט דערווײַל אויף די רוקנס איבערגעלייענט מאַנכע נעמען פון ספרים און ער האָט די געלעגנהייט געהאַט צו פאַריכטן איר יעדן פעלער אין די לשון־הקודש־ווערטער, וואָס זי זאָגט, און אויך דערקלערן אַ ביסל דעם אינהאַלט פון יעדן ספר. דאָס זענען געווען אַלץ באַקאַנטע גוטע פרײַנט: אַ ווילנער ש״ס מיט גרויסע גליונות, מפרשים אַ סך, שאלות־תשובות, משניותן און דרוש־ספרים... נישט איין ספר איז אים דאָ פרעמד געווען. מירעלע האָט זיך געוואונדערט, ווי קאָן עס אַ מענטש אַזעלכע גרויסע און דיקע ספרים אַלץ אויסלערנען און געדענקען.

— וואָס איז ענדלעך דער תּכלית, אַז מען קען שוין די אַלע ספרים? — האָט זי געפרעגט.

— קאָן מען ווערן אַ רב, אַ למדן אַ גרויסער! — האָט הערשעלע בתּמימות געענטפערט.

— און מער נישט?

— מער נישט! — האָט ער מיט אַ זיפץ אויסגערעדט, ווי איםם וואָלט אַ שווער געפיל געפייניקט, וואָס ער האָט אויף די אַלע ספרים אַזויפיל כוחות, געזונט און יאָרן פאַרבראַכט, און ער מוז איצט זוכן אַנדערע ספרים, וועלכע זאָלן אים ערשט די אויגן עפענען, אַ נייע וועלט פאַר זיך צו זען.

ענדלעך האָט ער אויפן אונטערשטן פאַך דערזען אָנגעשטעלט אַ סך קליינע און גרעסערע ספרים, וואָס זייערע נעמען זעט ער ערשט איצט צום ערשטן מאָל.

— אָך,—האָט ער מיט אַ זיפץ געזאָגט, — אָט די אַלע, וועלכע שטייען דאָ אויבן, האָב איך געלערנט, טאָג און נאַכט געלערנט, און זיי האָבן מיך נאָך צו קיין תכלית נישט געפירט... אָבער די אַלע, וואָס זענען דאָ אונטן, זע איך היינט צום ערשטן מאָל. אפשר וועל איך אין זיי געפינען, וואָס איך הייב אָן איצט צו זוכן!

— און דאָרטן שטייט נאָך אַן אַלמער פול מיט ביכער, אָבער נישט יידישע,—האָט מירעלע אים באַוויזן.—פון די ספרים ווערט מען טאַקע אַ למדן, ווי דו זאָגסט, אָבער פון יענע ווערט מען אַ געביל-דעטער, אַ געלערנטער... איך גיב זיי דיר אַלע, און איך האָף, אַז דעם, וואָס האָט געקאָנט אָט די גרויסע דיקע ספרים אויסלערנען, וועלן אויך יענע נישט צו שווער זיין! וויל נאָר, דו וועסט זיי קענען!

— איך מוז זיי קענען, איך וועל זיי קענען, מירעלע!

די מוטער איז אַריין און גערופן מירעלען עסן.

— מאַמע, פאַרוואָס האָסטו אים נישט געבעטן? — האָט מירעלע געפרעגט, איידער זי האָט דעם ערשטן ביסן אין מויל גענומען.—בעט אים אויך מיט אונדז עסן, און בעט אים צו אונדז אויף פסח.

—איך זשאַלעווע אים נישט, וואָס ער וועט שוין ביי מיר אויפ-עסן!—האָט די מוטער געענטפערט.—אָבער צו די סדרים פאַסט עפעס בעסער, אַז אַן עלטערער ייד זאָל ביים טיש זיין, ווי זאָגסטו?

ער קען מער לערנען פאַר דיינע עלטערע יידן!—האָט זיך מי-רעלע מיט אַ קאַפּריז אָפּגערופן.—זאָל ער ביי אונדז זיין אַ גאַנץ פסח! זאָל ער וויסן, אַז דו ביזט אים אין אמת גוט און געטריי... דו וועסט זען, אַז דאָס וועט זיין אָנגעלייגט ביי אים און דו וועסט נאָך נחת האָבן פאַר דיין חסד!

—הלוואי! זאָל ער עסן געזונטערהייט! זאָל ער ביי אונדז פסח זיין!—האָט די מוטער געענטפערט און אים געגאַנגען בעטן צום טיש.

עהרשעלע האָט זיך געלאָזט בעטן. אים איז ברײנדעלעס גוטס־קײט שווער געווען מיט אײנמאָל אָנצונעמען, נאָר אַז מירעלע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף אים, איז זי אַלײן אויך אַרײן אים בעטן און ער האָט איר געפאָלגט.

בײם טיש האָט ברײנדעלע אים געבעטן צו זיך אויף אַ גאַנץ פּסח. מירעלע האָט געזאָגט: זי וועט פרעגן בײ אים די פיר קשיות, ער זאָל נאָר אָנגרײטן אַ גוטן תּירוץ איר צו ענטפערן... ברײנדעלע האָט נחת געקליבן פון איר ליב קינדס גוטסקײט און פון דעם הײמישן טאָן, ווי זי רעדט מיט אים. זי האָט שטענדיק געמײנט, און לײט האָבן איר אויך געזאָגט, אַז איר מירעלע איז טאַקע אַ ווױל קינד, אַ קלוגע און אַ געלערנטע, אָבער זי איז אַ ביסל צופיל נאָכגעגעבן און האַלט זיך גרויס... איצט זעט זי, אַז עס איז נישט אַזוי. אַדרבה, זי רעדט מיטן ישיבה־בחור, ווי מיט אַ הײמישן, איז אים מקרב, ווי אַ שוועס־טער, און איר האָט הנאה געטון.

—פאַרגעסט נישט צו קומען וועטשערע עסן!—האָט אים מירעלע אָנגעזאָגט פאַר זײן אַוועקגײן.—די מאַמע וועט אײך שוין ביז איבער פּסח נישט לאָזן נאָך עסן אינדערפרעמד... בעט אים, מאַמעשי, אַלײן,—האָט זי זיך צו דער מוטער געווענדט, — מיר גלויבט ער דאָך נישט!..

ברײנדעלע האָט קײן ברירה נישט געהאַט און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קומען צו וועטשערע און מאָרגן אויך, ביז איבער פּסח.

— געדענקט עס!—האָט מירעלע פון איר זײט נאָכאַמאָל אָנגע־זאָגט.—אַז נישט, וועט די מאַמעשי פאַריבל האָבן אויף אײך, און איך וועל אויך זײן אויף אײך ברוגז...

יב.

ברוכס ווייב האָט געוואַרט ביז צוועלף אַ זייגער אינדערהיים, כאָטש עס איז דאָנערשטיק געווען און זי האָט נייטיק באַדאַרפט גיין אין יאַטקע אַריין. זי האָט גערעכנט, צו געבן הערשעלען עסן און אים אָנזאָגן, אַז פון היינס אָן זאָל ער שוין נישט גיין אויף זיינע טעג... ער וועט שוין דאָ עסן. „פריער, אָדער שפעטער, ער איז דאָך שוין אַן אייגענער, גענוג אים וואַלגערן זיך, גענוג אים שוואַרצן דאָס פנים אויף פרעמדע טישן!”

דער זייגער האָט אָבער צוועלף געשלאָגן, עס איז שוין האַלב איינס, און הערשעלע איז נאָך נישטאָ.

שרה-פייגע האָט אויך אירע אויגן אויסגעקוקט דורכן פענסטער און האָט אומרויק געהאָפט אים צו דערזען גייענדיק, אָבער ער זעט זיך נישט. זי איז אומעטיק געוואָרן.

די מוטער האָט עס באַמערקט און האָט איר געטרייסט:

— ער שעמט זיך אַוודאי!—האָט זי דערקלערט.— ער איז קיין נאַר נישט, און עס פאַסט טאַקע נישט צו קומען נאָך איצט אַהערצו, אַזוי ווי אַ ישיבה-בחור אויף זיין טאָג! מען דאַרף אים דעם מיטאָג צושיקן אין בית-המדרש אַריין, זאָל ער עסן געזונטערהייט! ביינאַכט, ווען דער טאַטע וועט צייט האָבן, וועל איך אים שיקן צו אים, זאָל ער אים זאָגן, אַז מיר בעטן אים אויף פסח, און ווילן נישט, ער זאָל נאָך טעג עסן.

שרה-פייגע איז רויקער געוואָרן, און האָט באַלד צוגעגרייט אַ שיינעם מיטאָג אים צו שיקן.

די ישיבה-בחורים זענען אומגעלאָפן הערשעלען זוכן: איז אָנזאָגן, אַן מען האָט אים פון זיין מחותן עסן געבראַכט. אָבער אומזיסט. ער איז אין ערגעץ נישט געווען, ווו זיי האָבן גערעכנט אים צו געפינען. אַזוי ווי עטלעכע פון זיי זענען הונגעריק געווען, און דער גוטער ריח פונם מיטאָג מיטן פעטן צימעס האָט זייער אַפּעטיט נאָכמער אויפגעריצט, איז ביי זיי אַ פּלאַן געבליבן: אָנצופּייפן ברוכן מיט הערשעלען צוזאַמען. „זאָל ער קיין נאַר נישט זיין זיך צו פאַרקויפן פאַר אַ פעטן צימעס!..״—האָבן זיי פון נקמה געזאָגט.

—הערשעלע איז אויבן אין ווייבער-שול! — האָט איינער אַ זאָג געטון דעם דינסטמיידל.—ער שעמט זיך אַראָפּצוגיין... ער בעט, איך זאָל אים דעם מיטאָג אַרויפטראָגן און איר זאָלט דאָ וואַרטן אַ ווײלע אויף די כלים...

דאָס מיידל האָט דעם מיטאָג אָפּגעגעבן. אין צען מינוט האָבן די חברה די אויסגעליידיקטע כלים צוריק אַראָפּגעטראָגן, און געהייסן באַדאַנקען, אין הערשעלעס נאָמען, ברוכס ווייב פאַר אַזאַ טייערן מיטאָג, פון וועלכן ער האָט גרויס הנאה געהאַט.

ברוכס ווייב האָט דעם דאַנק מיט פאַרגעניגן צוגענומען, און האָט שרה-פייגען באַוויזן די ליידיקע כלים.

—זעסטו, מיין טאָכטער,—האָט זי געזאָגט,—אין בית-המדרש, ווו ער שעמט זיך נישט פאַר אונדז, עסט ער, אָן אַן עין-הרע, גאָר אַנדערש... זאָל אים ווויל באַקומען... איך פאַרגין אים פון גאַנצן האַרצן!

—אַוודאי האָט ער עס אַליין אויפגעגעסן!—האָט שרה-פייגע אים פאַרענטפערט. איר איז נישט אָנגעשטאַנען, די מוטער זאָל מיינען, אַז הערשעלע איז אַזאַ פרעסער.—זיינע חברים האָבן אים מסתמא צוגעהאָלפן.

דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט געוואָלט מער אויסנעמען ביי איר באַלעבאָסטע, האָט אַ ליגן געזאָגט, אַז זי האָט אים אַליין געזען עסנדיק. „והראיה, ער האָט איר אַליין געהייסן באַדאַנקען אייך!״

—דו זאָגסט אַ ליגן!—האָט שרה-פייגע אויף איר אַ געשריי געטון.—איך ווייס דען נישט, אַז ער קאָן נישט אַזויפיל עסן?

—אָבער וואָס אַרט דיך?—האָט די מוטער געפרעגט.—האָט ער געגעסן, זאָל אים ווויל באַקומען. האָבן זיינע חברים אים געהאָלפן, זאָל

זיי אויך ווייל באַקומען... וועסט זען, איך וועל דערפאַר אים נאָכאַמאָל שיקן צוויי מאָל אַזויפיל.

—שבת וועט ער שוין ביי אונדז זיין!—האָט שרה-פייגע געזאָגט, ווי בעטנדיק זיך.

—ביי אונדז, מיין טאָכטער!—האָט די מוטער מיט נחת געענט־פערט און איז אין יאַטקע אַוועק.

אין אַ שעה אַרום איז הערשעלע צוריק פון ברײנדעלען אין בית־המדרש געקומען, און תיכּף זיך גענומען לייענען מיטן ווילנער צוזאַמען די נייע ספרימלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. וואָס דאָ איז היינט פאָרגעקומען ביים מיטאָג, האָט ער נישט געוווסט. ביינאַכט איז ער ווידער צו ברײנדעלען אַוועק עסן וועטשערע, כאָטש ער איז נישט הונגעריק געווען, און די ישיבה-בחורים האָבן ווידער די געלעגנהייט געפונען אָן ברוכס וועטשערע זיך נוקם צו זיין, ווי אָן דעם מיטאָג.

דער סלוצקער האָט געזאָגט:

—אַ מצווה אויף אים! זאָל ער נישט גיין אין ווילנערס דרכים... דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט ווערן אַזאַ חקרן, ווי דער ווילנער. ברוך וועט זיך נאָך אַרומקוקן, אַז ער האָט אַ טעות און ער וועט זאָגן: „אוי לי שנתתי מפיתי לאפּיקורוס!"

איינער, וואָס האָט פון ברוכס וועטשערע נישט גענאָסן, ד'האָט הערשעלען אין זעלבן אָוונט דערציילט, וואָס חברה האָט אים אָנגעטון. הערשעלע איז אָבער אין אַזאַ גוטן הומאָר געווען, אַז אַנשטאָט אין כּעס צו ווערן, האָט ער מיט אַלע מיטגעלאַכט, און האָט זיינע חברים מודה געווען, אַז ברוך האָט אינגאַנצן אַ טעות, וואָרים אים איז נאָך אפילו אַ רגע אויף דער דעה נישט אַרויפגעקומען, צו וועלן ווערן ברוכס איידעם.

—איך וואָלט נישט זשאַלעווען דריי טעג נאָכאַנאַנד צו פאַסטן, אַבי ברוך זאָל זיך פון מיר אָפּטשעפּן!—האָט ער געזאָגט.

—דו ביזט אַ שוטה!—האָט אַ ישיבה-בחור אַ זאָג געטון.—איבער־געוואַלד וועט ער דיך צו דער חופּה נישט פירן. וואָס האָסטו מורא? היום כּאן ומחר ויברח?

—דאָס זאָגט אַ גנב, וואָס דאַרף אַנטלויפן פון זיינע מעשים!—האָט הערשעלע געענטפערט.—איך וויל נישט לויפן... איך בין ברוכן זייער מכּיר טובה! ער האָט מיך גענוג מקרב געווען די גאַנצע צייט. און וואָלט איך רייך געוואָרן פלוצלונג, בנאמנות, אַז איך וואָלט אים אַ

העלפט פון מיין רייכקייט אוועקגעגעבן, נאָר ער זאָ, מיר מוחל זיין און בלייבן מיר אַ גוטער פריינט, ווי געוועזן!

— אָבער וואָס ביזטו שולדיק? — האָט דער ווילנער אים גע-טרייסט. — שולדיק איז דער שדכן, ימח שמו! מאַלע, וואָס איינער רעדט זיך איין! דערווייל האָסטו אַוודאי היינט שוין געפּאַסט אויף דעם חשבון, ברוך זאָל דיר מוחל זיין!

אויסזאָגן, אַז ער האָט היינט געגעסן ביי ברײַנדעלען, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער ווערט דורך דעם נתגלה זיין סוד, און ער האָט צוגעשוויגן.

— קינדער! — האָט איינער אויסגערופן. — לאָמיר גיין בודק חמץ זיין אין אונדזערע קעסטלעך. טאָמער ד'האָט ווער להכּם, אַהער!

חברה האָט זיך אַ לאָז געטון צו די קעסטלעך, און אין איין מינוט האָט מען אָנגעבראַכט שטיקער פּאַרטריקנט ברויט, בויגל און זעמעל... ביי אַ פּאָר האָט זיך אויך צו שטיקלעך הערינג און זויערע אוגערקעס געפונען. מען האָט פאַרשפּרייט אַ פּרוכת איבער אַ טיש, און אַלע האָבן הערשעלען געצוואונגען, ער זאָל זיך גיין וואַשן און אַלע זאָלן מיטעסן... ער האָט נאָך עטלעכע קאָפּיקעס געגעבן, אויף נאָך אַ הערינג און אויף אַ פּאָר קווערטלעך ברויט-קוואַס, און די וויעטשערע איז געוועזן כּסעודת שלמה בשעתו! חברה האָבן אָנגעהויבן זינגען: מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר. דער ווילנער האָט אַ שטייגערל גע-זאָגט אויף דעם פּסוק: תּערוך לפני שלחן נגד צוררי.—„אך טוב וחסד ירדפוני כּל ימי חיי!״ — האָט הערשעלע אויסגעזונגען. דער עולם איז פריילעך און לוסטיק געוואָרן, און אַפילו דער סלוצקער ד'האָט זיך היינט איבערגעבעטן מיטן ווילנער. עס ביי אַלע בהסכּם געבליבן: צו זאָגן דעם שדכן, ער זאָל מהפך הסדר זיין: רעדן דעם סלוצקער מיט ברוכן, און אים, דעם שדכן, צוזאָגן כּל טוב, ער זאָל זיך מיען אויס-צופירן, אַז הערשעלע זאָל ווערן בריינדעלעס חתן.

פון דעם פּלאַן האָט נישט הערשעלע און נישט דער ווילנער געוווסט. דער סלוצקער האָט מיט אַ האַלב מויל זיין הסכּמה גע-געבן.

הערשעלע האָט קיין צייט און קיין לוסט נישט געהאַט צוצו-הערן די סודות, וואָס זיינע חברים רעדן צווישן זיך. ער איז אַ גאַנצן טאָג פרייטיק געזעסן אין ווייבערשול און געלייענט מיט התמדה די

נייע ספרימלעך, און האָט אפילו פאַרגעסן צו טראַכטן, וואָס פאַר אַ תירוץ צו ענטפערן ברוכן, טאָמער בעט ער אים אויף פּסח.

ברוך האָט קוים דעם פרייטיק-צונאַכט דערוואַרט, — איצט וועט ער אים שוין נעמען אַהיים, ווי זיין ווייב האָט אים נאָך נעכטן אָנגעזאָגט. אָבער קוים האָט אים הערשעלע דערזען, איז ער אינמיטן שמונה עשרה אַנטלאָפן, געוואָרט ערגעץ אין אַ ווינקל אויפן בית-המדרש-הויף ביז דער עולם האָט אָנגעהייבן אַרויסצוגיין, און איז אַוועק גלייך צו ברײַנדעלען. זיין „שבת" האָט ער נאָך ביי טאָג אַ ידיעה געגעבן, אַז ער וועט נישט קומען עסן.

ברוך האָט אים געזוכט, געפרעגט, און אַלע האָבן אים געענטפערט: זיי האָבן אים ערשט געזען. ער איז מסתמא אויף זיין „שבת" אַוועקגעגאַנגען. ברוך איז פאַרדריסלעך אַוועק אהיים אָן דעם צוקונפטיקן חתן.

— איך האָב דיר געזאָגט, וואַרט נישט אויף דער לעצטער רגע! — האָט דאָס ווייב זיינס געשריען. — ער איז גאַנץ גערעכט, וואָס ער איז אויף זיין שבת געגאַנגען עסן. אַז מען בעט אַ חתן צו זיך, דאַרף מען אים נישט רופן, ווי ערגעץ אַ פלעט צום טיש.

— דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ טאָג איך האָב געהאַט! — האָט ברוך געטענהט.—קיין גוטס זאָל דער שוחט נישט וויסן, נעמט ער און מאַכט אַ שאלה. דער רב איז געווען אויף אַ ברית און דאָ איז ערב שבת, וויבער וואַרטן אין יאַטקע און קיין פלייש איז נישטאָ—און וואָלט כאָטש געווען אַ שאלה... אַ געלעכטער, ווי דו זעסט מיך אַ יידן! נאָר דער רב דאַרף דאָך וויזן, אַז ער האָרעוועט, האָט ער געקוקט, געהייסן בלאָזן, געריבט זיך אין ספרים, געקביימט דעם שטערן, ווי אויף עפעס רעכטס, און קוים כוח געהאַט אַרויסצורעדן: „כשר!" — אין גלות איז מען ביי זיי!.. בהמה, וואָס האָסטו פאַריבעל? האָב איך געזאָלט אין מרחק נישט גיין לכבוד שבת? האָב קיין דאגה נישט, וועט משיח געבוירן ווערן מיט אַ טאָג שפעטער... עס גייט דאָך עפעס אַ פּסח, ווו דען וועט ער זיין?

דאָס ווייב איז באַלד געטרייסט געוואָרן, נאָר שרה-פייגע איז ביים טיש אומעטיק געזעסן... דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז עס איז עפעס נישט גאָר גוט... אַז די מוטער האָט זי נאָך וויפשערע גענומען טרייסטן, האָט זי געזאָגט:

— איך מיין, ער שעמט זיך צו קומען אַזוי אָרעם אָנגעטון...

דו וועסט זען, ער וועט פסח אויך נישט וועלן גיין צו אונדז.

די מוטער האָט זי געטרייסט און צוגעזאָגט, אַז דער טאַטע וועט אים תיכף נאָך שבת נעמען אויף בגדים פון די שענסטע און בעסטע. און זי האָט טאַקע תיכף מיט איר מאַן אַ רעד געטון מכוח דעם.

אויף מאָרגן האָבן זיך די ישיבה־בחורים געזען מיטן שדכן, און אים זייער פּלאַן פאָרגעשלאָגן, אים כל טוב צוגעזאָגט משני הצדדים— דהיינו: פון סלוצקערס און פון הערשעלעס צד, אַז ער זאָל מהפך הסדר זיין, ווי זיי ווילן.

— דברים בטלים! — האָט דער שדכן געענטפערט. — ברוך וויל רחלען און נישט לאהן, פאַרשטייט איר מיך! ברײַנדעלע קאָן געבן פינפטויזנט רובל נדן, און פאַרוואָס נישט צענטויזנט? זי קוקט אַרויס אויף אַ בן הגביר... איר פרינצעסין וועט אפילו נישט וועלן אַ קוק טון אויף אים—עפּעס בין איך דאָך אַ שדכן, וואָס קלערט איר, צי ווייס איך, וואָס יעדער רעכנט?!

— במה דברים אמורים,—האָט איינער אײַנגעוואָרפן,—ווען רחל וויל גענומען ווערן צו יעקבן. ווי איז אָבער דער דין, אַז רחל זאָגט: לא חפצתי, איך וויל אים נישט?

— וואָס הייסט? הערשעלע וויל נישט? פאַרוואָס זאָל ער עפּעס נישט וועלן?

— ווייל ער וויל נישט! פּשוט, ער וויל נישט, און טוט אים עפּעס.

— כופין אותו עד שיאמר רוצה אני! בויט מען אַזאַ שייגעץ, ער זאָל זאָגן, אַז ער וויל! — האָט דער שדכן געזאָגט און פאַר־טייטשט.

— אָבער גאָר לאו!—האָבן זיך אַלע ישיבה־בחורים מיטאַמאָל אָפּ־געררופן.

— אָבער וואָס איז דאָס אייער דאגה, לײדיקגייער!—האָט דער שדכן זיך אָנגעבייזערט.

— אָבער ווער האָט אייך געמאַכט פאַר זיין אפּוטרופּוס, איר זאָלט אים שידוכים רעדן מיט וועמען ער וויל פאַרט נישט?—האָבן זיי צוריקגעפרעגט.

אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד האָבן זיך ביידע צדדים מתווכח גע־ווען. דער שדכן האָט זיי אַלעמען געמאַכט צו קליינגעלט, זיי אָנגע־רופן: בטלנים, שלעפּער און געוווּנטשן זיינע שונאים, וואָס ווינטשן

אים בייז, זאָלן איידעמס נעמען פון דער ישיבה אַרויס. אָבער זיי האָבן אויך נישט געשוויגן און געשווירן: „די וועלט מעג זיך איבערקערן, הערשעלע וועט ברוכס איידעם נישט זיין!" עס איז ביי זיי אין אַ נצחון אַריין, נישט אַזוי פון הערשעלעס טובה וועגן, ווי זיך נוקם צו זיין אָן דעם שדכן, וואָס האָט זיי היינט אַזוי מבטל געווען. דעריבער האָבן זיי געהיט, אַז ברוך זאָל זיך נישט צוזאַמענטרעפן מיט הער- שעלען, טאָמער שעמט ער זיך ברוכן מעיז צו זיין און זאָגט: „רוצה אני!"

פאַרנאַכט האָט אים אָבער ברוך געכאַפּט.

— זאָג מיר, הערשעלע, — האָט ער אָנגעהייבן, — וואָס האָסטו מיך אַזוי מבייש געווען און נישט געקומען צו מיר אויף שבת?

— פאַרוואָס האָב איך עפּעס געזאָלט יאָ קומען? — האָט הערשעלע געפרעגט און איז פאַרשעמט געוואָרן.

ברוך האָט פון זיין פאַרשעמט ווערן געלערנט דעם פּשט, אַז הערשעלע מיינט אים אויסצודריקן אַ פאַריבל, פאַרוואָס מען האָט אים מיט אַ טאָג פריער נישט געבעטן.

— דו ביזט גערעכט! — האָט ער פריינטלעך געענטפערט. — דער קאָפּ זאָל דעם שוחט אַזוי פאַרדרייט ווערן, ווי ער האָט מיר ערב שבת דעם קאָפּ פאַרדרייט, און איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו קומען דיך בעטן, ווי עס דאַרף צו זיין! דערפאַר זאָג איך דיר טאַקע איצט אָן: זאָלסט מאָרגן, אים ירצה השם, אָפּדאַווענען בהסכמה און קו- מען צו מיר, וועל איך מיט דיר גיין אין קראָם אַריין נעמען דיר אויף בגדים. דערווייל כאָטש אויף יום-טוב... נאָך יום-טוב, וועלן מיר אַלץ זען, וואָס נייטיק איז!

— איך דאַנק אייך, ר' ברוך, פאַר אייער גוטן רצון! — האָט הערשעלע מיט ערנסט אים באַדאַנקט. — גלויבט מיר, איך האָב אמתע עגמת-נפש, וואָס איר האָט אַזאַ טעות אין מיר... איך בין, חלילה, נישט אַזוי אָרעם און עלנט... נאָך דאָנערשטיק האָב איך אַוועקגעגעבן ביין אַ קאָסטיום!

ברוך האָט אים תמעוואַטע אָנגעקוקט און געפרעגט: „ווי הייסטו?"

הערשעלע האָט קיין העזה נישט געהאַט אים אין פּנים צו זאָגן זיין טעות מכוח דעם שידוך, און ער האָט נישט געענטפערט.

ברוך האָט געזען, אַז ער וואַרט אומזיסט אויף אַ תשובה, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וועל איך דערפאַר דיר אַ שיינעם זייגער מיט אַ קייט קויפן!...
מיין ווייב, זאָל לעבן, איז טאַקע אַ חכמה. זי האָט געזאָגט, אַז דו מוזט פאַריבל האָבן, וואָס איך האָב דיך באַצייטנס אויף שבת נישט געבעטן! דערפאַר, הערשעלע, בעט איך דיך טאַקע איצט באַצייטנס אויף אַ גאַנץ פסח צו מיר... הערסטו, אויף אַ גאַנץ פסח! זאָג אָפּ דיינע טעג... עס פאַסט מיר נישט, דו זאָלסט ביז דער לעצטער מינוט נאָך טעג עסן... ווילסטו, מעגסטו קומען ביז פסח אויף אַלע טאָג צו מיר עסן. שעמסטו דיך, ווייל עס פירט זיך אפשר נישט אַזוי ביי לייטן, וועט מען דיר ברענגען דיין פרישטיק מיטן מיטאָג אין בית-המדרש.
— איך דאַנק אייך, ר׳ ברוך, — האָט הערשעלע מיט אַן אמת צעבראָכן הארץ געענטפערט,—איך קאָן אפילו פסח נישט זיין ביי אייך... ברייִנדעלע האָט מיך שוין פון מיטוואָך אָן געבעטן, און איך האָב איר שוין צוגעזאָגט... איך עס שוין ביי איר, אויף דעם סמך, פון מיטוואָך אָן...
—סטייטש, מיין ווייב זאָגט דאָך, אַז דו האָסט זיך דאַנערשטיק געשעמט צו קומען, האָט זי דיר אין בית-המדרש עסן געשיקט!—האָט ברוך, ווי מיט שרעק, אַ קשיא געפרעגט.
—אמת, אייער ווייב האָט טאַקע געשיקט, איך ווייס אָבער נישט ווער עס האָט דעם מיטאָג אויפגעגעסן... איך געוויס נישט, וואָרים איך האָב ביי ברייִנדעלען געגעסן...
— מיר גייט נישט אין דעם מיטאָג, נאַרעלע, — האָט ברוך געענטפערט,—אַ זאַטער האָט איבער נישט געגעסן, און אַ הונגעריקן זאָל ער ווייל באַקומען! מיר גייט, דו זאָלסט פסח ביי מיר זיין, פאַרשטייסטו?
— איך קאָן נישט, ר׳ ברוך!—האָט הערשעלע מיט אַנגסט געענטפערט. — איך האָב ביי ברייִנדעלען אַזוי לאַנג אַ טאָג געגעסן, ווי ביי אייך, זי האָט מיך שטענדיק מקרב געווען, און איז אַליין פאַר מיר אין קראָם געגאַנגען סחורה נעמען, מיטן שניידער זיך געדונגען איבער אָנגעזאָגט ווי צו נייען. ווי זאָל איך איר אַזוי אומדאַנקבאַר זיין?
— האָב איר אַ שוואַרץ יאָר, דער ארורה!—האָט ברוך אין כעס אַ געשריי געטון.—דו מוזט ביי מיר זיין פסח!
— איך מוז ביי איר זיין און וועל ביי איר זיין! — האָט הערשעלע אַנטשידן געענטפערט.

— דו ביזט אַ קינד אַן עקשן... איך בעט דיך... אָדער אפשר האָסטו גאָר חרטה?

— איך האָב נישט אויף וואָס חרטה צו האָבן!

— און איך אויך נישט! — האָט ברוך ווייכער אַ ביסל געזאָגט, נישט פאַרשטייענדיק אויף וואָס הערשעלע האָט נישט חרטה צו האָבן.

— טאָ לאָמיר בעסער בלייבן גוטע פריינט,—האָט הערשעלע, ווי דערפרייט, געבעטן, — איר ווייסט דאָך, ר' ברוך, אַז אַ מענטש ווערט נישט פון אַ שטיין געבוירן. עפעס האָב איך דאָך קרובים און זיי האָבן אויך אַ דעה... בפרט, אַז זיי פאַרלאָזן מיך נישט...

— סטייטש? עפעס נייע דבורים? ד'הער איך! — האָט ברוך אי-בעראַשט אויסגעשריען. — מיטן שדכן האָסטו, דאַכט זיך, גאָר אַנדערש גערעדט...

— פאַרוואָס גלויבט איר דעם שדכן? — האָט הערשעלע מיט אַ שמערצלעכן געפיל געפרעגט. — ער האָט אייך דעם אמת נישט גע-זאָגט.

— אויף וואָס איז דאָס אַ סימן, הערשעלע?

— אַ סימן, אַז אַ שדכן איז אַ ליגנער!

— אָט אַזוי באַדאַנקסטו מיר?

— ווער איז דען שולדיק?.. אַז איך וואָלט קאָנען, וואָלט איך אייך מיט מיין לעבן דאַנקען... עס קאָסט מיר שוין אַזוי אויך גענוג געזונט!

דער ווייכער ערנסטער טאָן הערשעלעס האָט ברוכס כעס און איבעראַשונג אַ ביסל אָפּגעקילט.

— מען האָט דיר געמוזט עפעס אָנרעדן, — האָט ער מיט אַ געמאַכטער זיכערקייט געזאָגט. — דו ביזט גאָר אַזאַ העזהניק נישט, ווי דו מאַכסט זיך... פסח וועסטו ביי מיר זיין, עס מעג זיך די וועלט איבערקערן! און דענסטמאָל וועלן מיר שוין זען... ד'האָב דיר אַ גוטן שבת, הערשעלע... איך בין נישט אין כעס... אַדרבה, עס טוט מיר הנאה, וואָס דו ביזט נישט קיין לעמעשקע!

— אַ גוטן שבת! —האָט הערשעלע געענטפערט און זיך געפילט עפעס פרייער, אַזוי ווי ער וואָלט אַ שווערע משא פון זיינע פלייצעס אַראָפּגעפּטרט.

פונדעסטוועגן האָט ברוך זיין עגמת-נפש ווייב און קינד נאָך

נישט דערצײלט. נאָר, אַז ער האָט אויף מאָרגן דעם שדכן באַגעגנט, האָט ער כּל חמתו צו אים אויסגעלאָזן.

— ר׳ ברוך, לאָזט זיך דינגען! — האָט דער שדכן געבעטן. — איר בין דאָך, חלילה, נישט אַזאַ פּושע ישראל... גלאַט אין דער וועלט אַרײַנצוקומען אָנרעדן אַ ליגן, וואָס הייבט זיך גאָרנישט אָן! איך לויף שוין צו הערשעלען געוואָר ווערן, וואָס אים איז געשען... וואָס אַרט אײַך, איר דאַרפט נאָך קלערן, צי ער וויל? זאָל איך אַזוי וועלן גוטס טון!

מיט די ווערטער איז ער גלײַך אין בית־המדרש אַוועק.

— וואָס איז דאָס מיט דיר די מעשה, שײנער מענטש? — האָט ער הערשעלען געפרעגט, באַלד ווי ער האָט אים אין בית־המדרש דערזען.

— וואָס פאַר אַ מעשה? — האָט זיך הערשעלע אָפּגערופן.

— אַזוי רעדט מען עס עפּעס מיט אַ מחותן, וואָס וויל דיך גליקלעך מאַכן?

— וואָס האָט איר אײַך צוגעטשעפּעט צו מיר מיט אײַערע מחותּנים? — האָט הערשעלע מוטיק געפרעגט. — רעדט אײַך שידוכים וועמען איר ווילט — איך וויל אײַך נישט צוהערן אפילו.

— זע נאָר זײַן גאווה! — האָט זיך דער שדכן אָנגעבײזערט. — דו מיינסט אין אמת, אַז דײַנע חברים, די בטלנים זאָגן, דיר פּאַסט צו זײַן ברײַנדעלעס איידעם, נעמט שוין ברײַנדעלע און כאַפּט דיך צו? אַזוי לאַנג טוט מיר דער קאָפּ נישט וויי, ווי לאַנג ברײַנדעלע וועט עס נישט וועלן הערן אפילו! בהמה, וואָס ביזטו? ווער ביזטו? און אַז דו קענסט שוין אַ ביסל לערנען און זינגען, וואָס איז אין דיר דער יחוס? איך האָב בחורווייז מער פאַר דיר געקאָנט... און וואָס פאַר אַ שידוך האָב איך געטון? אַ כּלה, אַ מלמדס אַ טאָכטער, הונדערט רובעליעס נדן, אַ יאָר קעסט, און שוין! און טאָמער מיינסטו, אַז מען האָט מיך גענאַרט? פאַרקערט, זיי האָבן זיך מיט מיר מער גענאַרט... פינף יאָר בין איך געלעגן דעם שווער אויפן קאַרק, אַליין קיינמאָל קיין גראָשן נישט פאַרדינט, און וואָס בין איך הײַנט? אַ קבצן ממצרים ועד הנה! מײַנע שונאים זאָלן נעמען איידעמס פון דער ישיבה אַרויס!.. דו פאַרגעסט גאָר, אַז מען האָט אַ ווײַב, ברויך מען איר געבן פּרנסה... נו, מיט וואָס וועסטו אָנהייבן? אַ מלמד ווערן? אַז אָך און ווי צו דעם מיידל, וואָס איר איז באַשערט אַ מלמדס אַ ווײַב צו זײַן!.. ווי

דו זעסט מיך אַ יידן, ווען צו מיר קומט היינט אַ שדכן און זאָגט: ר׳ שלמה, איך האָב פאַר אייער טאָכטער צוויי חתנים: איינער איז הערשעלע, דער ישיבה-בחור, און דער אַנדערער איז אַ פשוטער שניי־דער, וואָלט איך בעסער מיך אָנכאַפּן אָן דעם שניידער... פשוט: ביים שניידער וועט מיין קינד באַזאָרגט זיין מיט ברויט, לכל הפחות, און ביי דיר קען ברויט אויך, חלילה, פעלן!.. איך ווינטש דיר, חלילה, נישט, נאָר מען שמועסט דאָך, ווי די מעשה איז... און איך אַליין, מיינסטו, בין איך דען נישט מקנא דעם קלענסטן בעל-מלאכה אפילו? וואָס האָב איך, אַז מען רופט מיך שוין „ר׳ שלמה?" וואָס גיט מיר די גמרא, וואָס איך האָב אַזויפיל יאָרן אַוועקגעלייגט אויף איר? מער נישט, ווי אַ קנעלונג אויף זעכציק, זיבעציק רובל אַ זמן... פאַר וויל־טאָג, מיינסטו, לויף איך אין אַ שדכנות און שוויער זיך אָן, ביז מיר ווערט טרוקען אין האַלדז? קינד איינער, די נויט טרייבט, דאָס ווייב שעלט און די קינדער שרייען: עסן! און וואָס טענה איך מיט דיר איצט? די עטלעכע פונט פלייש אויף יום-טוב אין טאָפּ אַריין, וואָס ברוך וועט מיר נישט אָפּזאָגן, אַז דו וועסט זיך נישט איינעקשנען! זעסטו, ווען דאָס וואָלט געווען אַ קרומע זאַך פאַר דיר, האָסטו אַ טענה: ביזט נישט מחויב פון מיין פרנסה וועגן צו טון, וואָס דיר טויג נישט, אָבער איך ווייס דאָך, אַז נישט ברוך, נאָר דו, הערשעלע, כאַפּסט די מציאה—מילא, אים האָט גאָט געהאָלפן, ער וויל תורה מיט השלמה, מהיכי תיתי, איז דאָס דיין גליק, דיין מזל! טאָ זיי זשע קיין קינד נישט, כאַפּ צו מיט ביידע הענט און זאָג דעם אַנדערן נישט אויס! היינט אַזאַ כלה!.. אַ שטיק געזונט איז זי פאַר איר מאַן!.. זי וועט שוין נישט וואַרטן, ביז דו וועסט איר אַרייַנברענגען פון דיינע פרנסות, זי וועט גיכער פאַר דיר האָרעווען, איידער דו פאַר איר — ועל כלם אַזאַ קעסט! שיק מיר צו, רבונו של עולם, כאָטש אום יום־טוב די וואָך פלייש מיט מיינע קינדער אויפצועסן, וואָס ווערט ביי ברוכן אין אַ פּראָסטן וואָכעדיקן טאָג אויפגעגעסן!

— ר׳ שלמה, גלויבט מיר, אַז איך פאַרשטיי, וואָס איר רעדט,— האָט אים הערשעלע געענטפערט.—איר זענט טאַקע אין אַלץ גערעכט! אָבער איך בין נישט מחויב אייך דין-וחשבון אָפּצוגעבן אויף אַלץ, וואָס איך טראַכט... זאָגט ברוכן, אַז איך וועל אים אייביק מכיר טובה זיין, אָבער זיין איידעם צו זיין קענט איר מיך נישט בייטן!

— איך נויט דיך נישט,—האָט זיך דער שדכן אָפּגערופן,—איך

וויל נאָר זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט כאָטש זיין ביי ברוכן פּסח! וואָס גאַרט דיך, אַז דו וועסט האָבן אַ פּסח פון כל טוב! בהמה, האַי עלמא כבי הלולא דמיא, חטוף ואכול חטוף ושתה, עס און טרינק, ווי עס מאַכט זיך... ווייטער וועסטו דאָך אַ ברירה האָבן נישט צו וועלן נאָך פּסח, ווער קען דיך באמת נייטן?

— איך האָב אייך איינמאָל געזאָגט, — האָט הערשעלע גע־ענטפערט, — עס איז אומזיסט אַלע אייערע רייד. איך וועל ביי ברוכן פּסח נישט זיין!

— גזלן! דו קיילעסט מיך אָן אַ מעסער!—האָט דער שדכן, ווי אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריען. — איך האָב נאָך קיין אָנהייב נישט אויף פּסח: קיין מצה, קיין פלייש און קיין קאַרטאָפל! מיין גאַנצע האָפענונג איז אויף ברוכן, נעמסטו און מאַכסט מיר אַלץ קאַליע! וואָס איז, איך בין קיין ייד נישט? מיין ווייב און קינד דאַרפן נישט עסן אַ גאַנץ פּסח? ווי האָסטו דאָס נישט קיין רחמנות, גזלן איינער!

— בין איך דען שולדיק?—האָט הערשעלע געפרעגט.

— ווער דען? א י ך וויל נישט? אויף מיר געזאָגט אַזאַ פּסח, ווי דו וועסט ביי אים האָבן!

— לאָזט מיך צורו! — האָט הערשעלע געענטפערט, זיך אַ הייב געטון פון באַנק און זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר.

דער שדכן איז אים נאָכגעלאָפן.

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך בין מסכים!—האָט דער שדכן מיט תחנונים ווידער אָנגעהייבן.—איך אַליין וועל ברוכן אָפרעדן, הפה שאָסר הוא הפה שהתיר: דאָס אייגענע מויל, וואָס האָט געזאָגט, אַז הערשעלע איז גוט, קען זאָגן, אַז ער טויג אויף כפרות... נאָר דער־וויל, ביז איבער יום טוב, זייַ ביי אים! אָט וואָס אַרט דיך, לאָז ער מיינען... דערווייל וועל איך האָבן עטלעכע פונט פלייש, און אַ שר אַ פּאָר רובל אויף ווייַן און קאַרטאָפל... ווי דו זעסט מיך אַ יידן, איך וועל דיר אָפדינען, הערשעלע!.. איך קען מיר מיט ברייַנדעלע אויך... מיינס אַ וואָרט האָט ביי איר אַן אָרט!..

— איך קען אייך גאָרנישט העלפן,—האָט הערשעלע קאַלטבלוטיק געענטפערט און זיך זיין וועגס געגאַנגען.

— געדענק, הערשעלע, דו וועסט חרטה האָבן! — האָט אים דער שדכן נאָכגעשריגן.

כאָטש הערשעלע האָט זיך נישט אומגעקוקט, גלייך ווי נישט צו

אים וואָלט מען עס געגרעדט, אָבער דאָס האַרץ איז אים זייער באַקלעמט און צעבראָכן געוואָרן. „וואָס וויל מען פון מיר, רבונו של עולם?״—האָט ער געפרעגט.—„בין איך דען מחויב מיך צו פאַרקויפן אָדער אָפּצונאַרן ברוכן, כדי דעם שדכן זאָל אויף פסח נישט פעלן? פאַרוואָס שיקסטו אים נישט צו, רבונו של עולם, אַן אַנדער פרנסה? מוז ער דען פסח דווקא פון שדכנות מאַכן?..״

און נאָך שווערע געדאַנקען זענען אים דורכן קאָפּ דורכגעלאָפן. ער האָט דערמאַנט דעם שדכנס רייד, אַז ער איז אויך אַמאָל אַ ישיבה-בחור און וויל־לערנער געווען. און וואָס איז זיין סוף? איצט, נעבעך, אַזאַ קבצן, אַז אים איז רעכט אַזויפיל רייד און שווינדל, שבועות און ליגן צו געברויכן, טאָמער וועט ער קאָנען דורך דעם פסח אויספירן. „און וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן?״—פרעגט ער זיך.—„אפשר נאָך אַ גרע־סערער קבצן, ווי ער... ווען נישט זי, מירעלע, וואָס וויל מיך גליקלעך מאַכן, און הייסט מיך פאָרן אַ לייט ווערן!.. און ער פילט נייע כוחות אין זיך, וואָס רייסן זיך צו האָרעווען און ווילן אים טראָגן אַהין ווייט, ווייט, ווו מען ווערט אַ לייט אַ גרויסער... און אַזוי גייט ער, ביז ער קומט אַריין צו בריינדעלען.

מירעלע באַגעגנט אים מיט אַ ליבן קוק, בריינדעלע איז אים מקרב, ווי אַ טרייע מומע, ער פילט זיך גליקלעך און ער פאַרגעסט ברוכן מיטן שדכן. איין געדאַנק און ווונש בלייבט אים נאָר: וואָס גיכער אַוועקפאָרן, אַ לייט ווערן און וואָס פריער צו קומען! מיט דעם געדאַנק גייט ער צוריק אין בית-המדרש און דאָ לערנט ער מיט התמדה די נייע ספרימלעך, ווי אַמאָל די אַלטע גמרא. — ווי פריער, אַזוי איצט, איז מירעלע די סיבה צו דער התמדה געווען, נאָר ווי אַנדערש פילט זיין האַרץ איצט! ווי שטאַרקער איז איצט זיין לוסט צו לערנען!

אַזוי איז אַ וואָך אַריבער און עס איז געקומען דער ערב-פסח. דער שניידער האָט די בגדים דווקא נאָכן חמץ-פאַרברענען געבראַכט, און דאָס דינסטמיידל איז געקומען אים רופן זיי אָנמעסטן. דער שניי־דער האָט אים צוגעהאָלפן די אַלטע קליידער אויסטון און אים כמעט אַליין אָנגעטון די נייע. הערשעלען איז דאָס זייער שווער געווען אי־בערצודולדן. אין זיין לעבן האָט אים קיינער נישט צוגעהאָלפן אַ בגד אָנטון, איצט העלפט אים אי דער שניידער, אי זיין פועל אַרויפציען, צוקנעפלען זיך, גלייך ווי ער אַליין וואָלט גאָר קיין הענט נישט גע־

האַט. נאָר אים האָבן די בגדים אויסגעזעהן אַזוי רייך און טייער, אַז מען מוז זיך היטן, ווי זיי אָנצוטון. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אַז דאָס איז פּרעמדס, נישט זיינס, און ער טאָר דעם שניידער קיין דעה נישט זאָגן... אַז דער שניידער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין אַרבעט איז געראָטן, האָט ער אים פאַרן האַנט אין זאַל אַריינגעפירט, וווּ ברײַנדעלע מיט מירעלען האָבן געוואַרט. נאָך אַ צי געטון אַמאָל די רעכטע, אַמאָל די לינקע פּאָלע, אַ הייב געטון דעם קאָלנער, העכער צום נאַקן צו, אים אויסגעגלייכט די הענט אין אים אַ שטעל געטון אויף זייערע מבינות. אין הערשעלעס פּנים האָט זיך דאָס בלוט פאַנאַנדערגעשפּילט.

— וואָס זאָגט איר? — האָט דער שניידער אַ צופרידענער געפרעגט.

— גוט!—האָט זיך מירעלע אָפּגערופן און געקוקט, ווי הערשעלע שיינט.

— ווי הייסט גוט? גוט, וואָס גוט הייסט! בעסער קען גאָרנישט זיין!—האָט דער שניידער באַמערקט.

— און איך האָב עגמת־נפש,—האָט ברײַנדעלע אַן אומצופרידענע אויסגערעדט.—עפּעס דאַכט מיר, עס איז גאָר קינדיש געניי: שמאָל און קורץ, אַ ווייטיק איז מיר נישט... פון אַזויפיל סחורה האָט איר נישט געקאָנט לענגער און ברייטער מאַכן?!

— וואָס אַרט אייך, ברײַנדעלע,— האָט דער שניידער אויטאָריטעטיש אַ זאָג געטון, — עס איז שוין רעכט... בין איך קיין ייד נישט, אויב אין פּאַריז זעט מען שענערס!

— אָבער זעט נאָר, ווי עס ציט אים אין די אַרבל!— האָט ברײַנדעלע באַוויזן.—ווײַ איז מיר, ער קען, דאַכט זיך, גאָר אַ האַנט נישט אויפהייבן.

דער שניידער האָט הערשעלען אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, אַ הייב געטון אַמאָל די רעכטע, אַמאָל די לינקע, אים אַ בויג געטון אין העלפּט, ווי אַ קונצנמאַכער, אַרונטערגעשטעקט זיינע ברייטע הענט פון אונטער די פּאָלעס ביזן בוזעם און מיט נצחון געשריען:

— נו, וואָס זאָגט איר איצט? נאָך אַלץ ענג און שמאָל? אויף מיר אַזאַ יאָר, חוץ שוואַרצקייט, וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס איז!..קוקט אייך נאָר צו צום זאַפּאַס, וואָס איך האָב געלאָזן!

און אָנעמענדיק ברײַנדעלעס האַנט, האָט ער מיט איר אָנגע-

טאַפּט דעם זאַפּאַס אין אַלע נעט און געטעגהט: „וואָס אַרט אייך, נישט אומזיסט האָט אייער מירעלע מ יך געשיקט רופן! איר מעגט אייך שוין אויף איר פאַרלאָזן, זי ווייס זיך אין מאָדע מער פאַר אייך!"

הערשעלע האָט זיך אין דער גאַנצער צייט אומבאַהאָלפן און באַשעמט געפילט. עפּעס מעג דער שניידער קאָמאַנדעווען מיט אים: „שטיי גלייך!" „הייב אויף די רעכטע האַנט!" „די לינקע!" „בויג זיך איין!" און ער קערט אים און דרייט אים פון אלע זייטן, גלייך ווי ער וואָלט געווען זיין אָפּיצער און ער — הערשעלע, זיין סאָלדאַט.

— נו, געגוג שוין אַמאָל מיך מושטירן! — האָט ער מיט פאַרדרוס אויסגערעדט.—עס איז גוט... איך פּיל, אַז גוט, לאָזט מיך שוין אָפּ!

— ניין, זאָלן זיי זען, עס איז אַ קאַרטינע אָנצוקוקן ווי עס ליגט אויף דירו!—האָט דער שניידער זיינס געטענהט און אים נישט אָפּגעלאָזן.—קום צו צום שפּיגל, קוק זיך אָן, זע כאָטש, אַז דו ביזט גאָרנישט דער, וואָס פריער!..

הערשעלען האָבן די ווערטער שרעקלעך באַליידיקט, און ער האָט אין דער מינוט זיין גאַנצן עלנט געפילט.

ביים שפּיגל האָט דער שניידער אים אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ, וואָס האָט נישט האַרמאָנירט מיט די נייע בגדים.

— געזונטערהייט צו צערייסן!—האָט בריינדעלע געווונטשן.

— טראָגט געזונט!—האָט אויך מירעלע געזאָגט מיט אַ ליבן חן.

— איך דאַנק אייך, — האָט הערשעלע מיט חן געענטפערט, — כאָטש איך ווייס, אַז איר מיינט נישט מיין דאַנק.

אַז הערשעלע איז צוריק אין צימער אַריין זיך איבערטון, האָט דער שניידער אַ קנאַק געטון מיט דער צונג און געזאָגט: „נישט אַ ווארער מאָנאַרך? אַ בן מלך, חי איר זעט מיך אַ יידן!

— קליידער מאַכן לייט!—האָט בריינדעלע באַמערקט און זיך אָנגעהייבן דינגען וועגן מלאכה-געלט.

דערווייל האָט הערשעלע זיך איבערגעטון און געוואָלט נעמען די נייע זאַכן און אַוועקגיין צוריק אין בית-המדרש.

— איצט לאָזן מיר אייך שוין נישט אָפּ! — האָט מירעלע גע-

זאָגט. — ערב־יום־טוב איז אויך יום־טוב... איר מוזט שוין ביי אונדז זיין!

— טאַקע, וואָס וועסטו שוין גיין צוריק אין בית־המדרש?—האָט ברײַנדעלע פון איר זייט צוגעגעבן.—זיי שוין דאָ, וועסטו אונדז טאַקע צוהעלפן דעם סדר צוגרייטן, נייע כלים טובל זיין... וואָס האָסטו נאָך היינט אין בית־המדרש צו טון?

—עס זענען ביי אונדז דאָ חדרים גענוג,—האָט זיך מירעלע אַרויסגעכאַפּט. — קומט, זעט, אַז איך האָב פאַר אייך אַ חדר צוגעגרייט ביז איבער פסח! דאָרט האָט איר ספרים, לייענט, לערנט, וויפל דאָס האַרץ גלוסט... און אונדז וועט אויך פריילעכער זיין! נישט אמת, מאַמעשי?

— טאַקע אַזוי... גענוג דיר אַ גאַנץ יאָר דער בית־המדרש, — האָט ברײַנדעלע מסכים געווען.—די רשעים אין גיהנום רוען דאָך אויך אַ גאַנץ חודש ניסן, פאַרוואָס, מיין זון, זאָלסטו נישט אויסרוען דיינע גלידער כאָטש אַ גאַנץ פסח אויף אַ בעט מיט בעטגעוואַנט? ביזט מיר אַ גאַנץ ליבער גאַסט!

ברײַנדעלע האָט זיך קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן, וואָס אין איר האַרצן טוט זיך, אָבער פון יענעם אָוונט, וואָס זי האָט כלומרשט זיין מומעס בריוועלע געהערט פאַרלעזנדיק, איז ער איר עפּעס אייגענעבאַקן געוואָרן, ווי אַן אייגן קינד.

אין אַ שעה אַרום האָט ער מיט זיי אַן ערב־פּסחדיקן מיטאָג געגעסן. ברײַנדעלע האָט אים געהייסן נישט שעמען זיך: „דער טאָג איז שוין, ברוך השם, גענוג גרויס, און ביזן סדר קען מען זיך נאָך גענוג אויסהונגערן!"

נאָכמיטאָג איז מירעלע אין גאַס אַוועק, נאָך איינקויפן פאַר זיך און פאַר דער מוטער עפּעס נייס לכבוד יום־טוב, און אין איין גאַנג טאַקע קויפן פאַר הערשעלען, וואָס אים פעלט נאָך צו זיינע נייע בגדים. הערשעלע האָט דערוויייל ביים ספרים־אַלמער פאַרבראַכט. פאַרטיפט ערגעץ אין אַ ניי ספרל, האָט ער אַליין נישט באַמערקט ווי ברײַנדעלע איז אַרייַנגעקומען מיט אַ פולן פאַרטוך ניס, עפל און צימרינג, און מיט אַ מעשענעם שטייסל אין האַנט.

— אַלץ לערנען!—האָט זי געזאָגט.—ווייניק, מיין זון, האָסטו זיך אָנגעלערנט אַ גאַנץ יאָר? נאַ, טוט עפּעס אויך! אָט האָב איך דיר געבראַכט ניס, עפל און צימרינג. צעקנאַק זיי, שייל אָפּ די עפל, צעשטויס דעם צימרינג, און דערנאָך צעשטויס זיי אַלע אינאיינעם, וועלן מיר

האָבן חרוסת צו די סדרים, און עס וועט נאָך געווען זיין שכנים איינ-צוטיילן—דאָס איז שוין מיין מצווה—חרוסת נישט צו זשאַלעווען זינט איך בין אַ מענטש געוואָרן.

הערשעלע איז מיט דער אנגעצויגענער אַרבעט צופרידן געווען. אין עטלעכע מינוט האָט ער ברײַנדעלען די פּאַרטיקע חרוסת אָפּגע-געבן. זי האָט אים געלויבט אין די אויגן, אַז די חרוסת איז גאָר אַן אַנטיק, „מען מעג אַזאַ אין ארץ-ישראל עסן."

ער האָט פאַרלאַנגט נאָך אַרבעט, און ברײַנדעלע האָט אים מכבד געווען אָנשטעקן ליכט אין די לײַכטער צו בענטשן, געגעבן טובל זיין נייע כלים, געוויזן אים, ווי דעם סדר-טיש אין אָרדענונג צו ברענגען, און נאָך פון דעם מין אַרבעט, וואָס איז אים נישט שווער און נישט מיאוס געווען צו טון. ער האָט אַלץ אָפּגעטון גיך און גוט, און צו ברײַנדעלעס צופרידנהייט, וואָס זי האָט אים באַוויזן, איז גאָר קיין גבול נישט געווען.

— אַ מאַנסביל אין שטוב,—האָט זי געזאָגט,—איז טאַקע אַ ליכט אין שטוב! ביי אַלע מיינע גוטע פריינט זאָלן זיין מאַנסלייט אינדער-היים, און ווער עס ווינטשט מיר בייז, זאָל זיין אַליין, ווי אַ שטיין, און נישט האָבן דעם נחת פון יום-טוב, וואָס מען האָט, ווען אַ מאַנס-ביל איז דאָ צוצוהעלפן און צוצוגרייטן אַלץ, וואָס מען דאַרף!

ד'הערשעלע האָט זיך שוין אַזוי היימיש דאָ געפילט, אַז אַפילו, ווען מירעלע איז געקומען, האָט ער זיך נישט מער געשעמט אין דער מוטערס קעגנוואַרט מיט איר צו רעדן.

— דאָס האָט איר דאָ אַלץ אַזוי שיין פאַריכט? — האָט מירעלע אים געפרעגט אין דער מוטערס קעגנוואַרט.

—איך!—האָט ער מיט אַ היימישן טאָן געענטפערט.

—קענט איר טאַקע נישט! קומט אהער, וועל איך אייך ווייזן, ווי מען דאַרף דאָס אַלץ צושטעלן.

און תיכף האָט זי טאַקע איבערגעשטעלט אַלץ, וואָס איז אויפן טיש געשטאַנען.

—נו, איז נישט אַזוי בעסער און שענער?—האָט זי קאָקעטיש גע-פרעגט.

—פאַל ביי זיך נישט אַראָפּ, הערשעלע,—האָט אים ברײַנדעלע געטרייסט,—דערפאַר קענסטו טויזנט מאָל מער לערנען פאַר איר!

—מאַמעשי, דו וואָלסט וועלן, הערשלע זאָל מיט מיר כאַשט חומש

לערנען?—האָט מירעלע געפרעגט.

— ווען, מיין טאָכטער, האָט ער צייט דערצו?

— פסח, מאַמעשי! וועסט זען, איך וועל לערנען... איך וועל לערנען חומש! איר וועט לערנען מיט מיר, הערשעלע?—האָט זי זיך צו אים געווענדט.

— מיט פאַרגעניגן!

— נו, גוט, אָפּגעמאַכט. מאָרגן הייבן מיר אָן!—האָט זי פריילעך געזאָגט.—איך בין ווערט, איר זאָלט מיט מיר לערנען... איך האָב פאַר אייך איינגעקויפט אַלץ, וואָס איר דאַרפט... נאָר אַ היטל וועט איר מוזן אַליין קויפן!

מיט די ווערטער האָט זי פאַנאַנדערגעבונדן דאָס פּעקל, וואָס זי האָט געבראַכט, געוויזן דער מוטער די בלומען, וואָס זי האָט פאַר איר געקויפט צום נייעם צעפּציק, אַ נייע קרוזשעווע אויפן האַלדז און נאָך אַזעלכע קלייניקייטן, און אַלץ פאַר „שפּאָט-ביליק״.

— צו וואָס דאַרף איך דאָס? אַבי געלט אויסגעבן!—האָט ברײַנדעלע געטענהט. — זי מיינט באמת, אַז די מאַמע אירע איז נאָך אַ יונג ווייבל!

— ביי מיר, מאַמעשי, ביזטו נאָך יונג און שיין!—האָט איר מירעלע געענטפערט.—לעב מיר נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר... פאַרוואָס זאָל איך פאַר דיר זשאַלעווען, אַז דו זשאַלעוועסט פאַר מיר נישט!

— אַ דאַנק דיר, מיין טאָכטער, וואָס דו פאַרשטייסט כאָטש, ווי דיין מאַמען צו שעצן!—האָט די מוטער צעפרידן איר קינד געדאַנקט, און האָט זיך שוין נישט צוגעקוקט מער צו די איבעריקע קלייניקייטן, וואָס זי האָט דאַ נאָך אָנגעקויפט.

יך

אין בית-המדרש צו מעריב האָבן הערשעלעס חברים אים אין די נייע קליידער כמעט נישט דערקענט. ער אַליין האָט זיך אויך גאָר אַנדערש איצט געפילט. זיין הארץ איז עפּעס ווי זיכערער געוואָרן אין יין גליק. די נייע קליידער האָבן אים ווי צוגעשריען: „מיר זענען עדות, אַז דו ביזט נישט געבוירן אין דעמזעלבן מזל פון דיינע אָרעמע חברים! דו ביזט נישט גלייך צו זיי!..” דערנאָך האָט אים באַנג געטון, קוקנדיק אויף זייערע אָרעמע קליידער. ער האָט זיך אַליין גליקלעך געפילט און האָט זיי אויך געוואָלט גליקלעך זען.

זיי האָבן זיך אַרומגעקליבן, מיט קנאה געקוקט אויף אים, באַטראַכט און געשאַצט די נייע בגדים פון אויבערשלאק ביזן אונטערשלאק, און האָבן אים „תתחדש” געזאָגט. אַפילו דער סלוצקער האָט אים צוגעווונטשן: „געזונטערהייט צוצורייסן!” און האָט אים דערציילט, אַז ער וועט עסן ביי ברוכן די ערשטע טעג יום-טוב.

— צדיק מצרה נחלץ ויבא אחר תחתיו!—האָט דער ווילנער דערויף באַמערקט מיט דער נוסח פון גמרא.—איצט, הערשעלע, דאַרפסטו פאַר ברוכן זיך שוין נישט היטן, דו ביזט שוין ביי אים, ווי מיר דאַכט, לאחור יאוש!

— ברצות ה’ דרכי איש גם אויביו ישלים אתו! וויל גאָט באַגליקן אַ מענטשן, מאַכט ער פון זיינע פיינט אויך פריינט! — האָט נאָך איינער באַמערקט.—דו וועסט זען, הערשעלע, ברוך וועט דיר נאָך

איך אַ גוטער פריינט בלייבן!.. הערשעלע האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס ברוך האָט עפּעס פלוצלונג צוגענומען דעם סלוצקער אויף יום-טוב.

— פשוט, אוודאי צען מאָל איז ברוך היינט געווען פרעגן דיך, האָט אים איינער פון זיי דערציילט, איך האָב אים געזאָגט: הערשעלען בעטן אַלע, בעת דער סלוצקער בעט קיינער נישט! עס וואָלט אַ יושר זיין, ר' ברוך,—האָב איך כמשיח לפי תומי אַ זאָג געטון,— איר זאָלט דעם סלוצקער צונעמען כאָטש אויף די ערשטע טעג. און קוים האָב איך עס אויסגערעדט, האָבן אַלע מחזק געווען מיין בקשה... ברוך האָט קיין ברירה נישט געהאַט און האָט צוגערופן דעם סלוצקער און אים גע-בעטן צו זיך צו די סדרים! וואָס דאגהסטו? זאָל דער סלוצקער נאָר האָבן אַ דריסת הרגל ביי אים, נישקשה, עס וועט שוין רעכט ווערן!..

הערשעלען האָט אפילו די געשיכטע הנאה געטון, אָבער דאָס האַרץ האָט געפילט ברוגס כעס און דעם עגמת-נפש פון זיין געזינד, אַז זיי וועלן, אַנשטאָט אים, דערזען נאָר דעם סלוצקער אריינקומענ-דיק.

באמת האָט זיך ברוך נאָך נישט מייאש געווען. ער האָט צוגע-נומען דעם סלוצקער, ווייל הערשעלעס חברים האָבן אים פאַר אים גע-בעטן. „און נאָך דריי און נאָך פיר ישיבה-בחורים וועל איך צונעמען צו מיר אויף פסח, הערשעלע אָבער מוז ביי מיר זיין!"—האָט ער ביי זיך אָפּגעפּסקנט.—„אַזוי לאַנג קרענקט בריינדעלע, ווי לאַנג זי וועט פון איר היילן פאַרגעניגן וועגן מיר מיין יום-טוב נישט פאַרשטערן... אַ נייע גוואַלטע האָט זי זיך געפונען אויף אים! מיר וועלן זען!"

און ווי ער האָט נאָר צו מעריב הערשעלען דערזען, איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל מיט אים גיין אַהיים.

— וואָס האָסטו צו מיר, הערשעלע?—האָט ברוך געטענהט.—האָב איך דיר ווען שלעכטס געטון? האָט מיין ווייב אָדער ווער פון מיין געזינד דיר, חלילה, ווען פוגע בכבוד געווען? פאַרוואָס זאָלסטו מיר דעם עגמת-נפש אָנטון און נישט גיין צו מיר, ווען איך בעט דיך אַזוי?

—איך האָב צו אייך און צו אייער געזינד גאָרנישט, ר' ברוך,— האָט הערשעלע זייער גערירט געענטפערט. — אדרבה, איך וועל אייער

חסד און פריינטשאַפט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.. אָבער ברײַנדעלע האָט מיר אויך קיינמאָל פוגע בכבוד נישט געווען, זי האָט מיר טובות געטון און איז מיך מקרב... זי האָט דאָך מיך פאָרט פריער געבעטן... װי זאָל איך איר אַזוי פוגע בכבוד זיין און נישט גיין צו איר, נאָכדעם, ווי איך האָב איר צוגעזאָגט!..

— זי איז אָבער נישט גלייך צו מיר,—האָט זיך ברוך אָפּגע-רופן.—זי מיינט פשוט: אַ באַקאַנטן מענטשן צו די סדרים צו האָבן.. איך מיין דאָך אָבער עפּעס אַנדערש!.. דו ביזט דאָך קיין קינד נישט... מען דאַרף דיר נישט לייגן אַ פינגער אין מויל... זאָג אַליין, האָט עס אַ פּנים, אַז דו זאָלסט ביי מיר יום-טוב נישט זיין? נו, קום שוין!

און נישט וואַרטנדיק מער אויף זיין תשובה, האָט ער אים אַ צי געטון צו דער טיר, כאָטש מען האָט נאָך דעם לעצטן קדיש נישט אָפּגעזאָגט.

—ר' ברוך, איבער געוואַלד וועל איך מיט אייך נישט גיין!—האָט הערשעלע אַ זאָג געטון, ווי אין כעס, און זיך אַרויסרייסנדיק פון ברוכס שטאַרקער האַנט, איז ער אַנטקעגנגעגאַנגען דעם ראש-ישיבה, וואָס איז אין דער מינוט צוגעקומען צו זיי.

ברוך איז עפּעס אָפּהענטיק געוואָרן, אַז ער האָט דעם ראש-ישיבה דערזען.

— גוט יום-טוב, רבי!—האָט הערשעלע באַגריסט זיין טרייען רבין.

— גוט יום-טוב, גוט יאָר!—האָט דער ראש-ישיבה געענטפערט זייער פריינטלעך, באַטראַכט אַ ביסל די נייע בגדים און אים „תתחדש" געזאָגט.—עפּעס טייטשיש אַ ביסל,—האָט ער באַמערקט,—נאָר עס שאַדט נישט, אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו.

— דער שניידער האָט אַזוי גענייט, איך האָב אים קיין דעה נישט געזאָגט,—האָט זיך הערשעלע פאַרענטפערט.

— עס שאַדט נישט, מען וועט נאָך קענען אפשר פאַרריכטן...צו-פיל טייטש!

— מיך אַרט עס גראָד נישט,—האָט ברוך באַמערקט.—ער איז אַ יונגערמאַן, מסתמא איז היינט די מאָדע אַזוי! וואָס זאָגט איר, רבי, ער עקשנט זיך דאָך און וויל צו מיר אויף יום-טוב נישט גיין... איז דאָס רעכט אַזוי?

דער ראש-ישיבה האָט שוין פריער געוווסט, אַז הערשעלע איז געבעטן צו ברײנדעלען.

— ר׳ ברוך, — האָט ער בנעימות געענטפערט, — איר זאָגט: כלו שלי. ער האָט ביי אייך אַ גאַנץ יאָר אַ טאָג אין וואָך געגעסן, איז ער מחויב אייך כבוד אָפּצוגעבן און זיין ביי אייך פּסח, און ברײנדעלע די אַלמנה זאָגט: כלו שלי! הערשעלע האָט ביי איר אויך אַ גאַנץ יאָר אַ טאָג געגעסן, איז ער מחויב איר כבוד אָפּצוגעבן און זיין ביי איר פּסח — נו, איז אַזוי: ווען הערשעלע וואָלט געווען אַ חפץ, אַ טלית, למשל, ווי די שאלה קומט פאָר אין דער גמרא — וואָלט איך פּסקענען יחלוקו. טיילט זיך: נעמט איר איין העלפט, און איין העלפט זאָל ברײנדעלע נעמען. ווי איז אָבער דער דין, אַז הערשעלע איז נישט אַ טלית, נישט אַ חפץ, וואָס מען קען צעטיילן, ווי דען? ער איז אַ מענטש, מיט איין גוף, מיט איין נשמה און ער קען נישט זיין ביי אייך און ביי איר אין איין שעה און אין איין צייט, מוז מען טאַקע פּסקענען: כל הקודם בו זכה בו! דאָס הייסט: ווער עס האָט אים פריער געבעטן, האָט דעם זכות, ער זאָל צו אים גיין. איר, דאַכט זיך מיר, זענט דאָך אַליין מודה, אַז ברײנדעלע האָט אים טאַקע פריער געבעטן.

— דאָס איז גמרא... איך האָב קיין גמרא נישט געלערנט, — האָט זיך ברוך אָפּגערופן. — איך ווייס פּשוט, אַז ברײנדעלע מיינט עפּעס אַנדערש און איך מיין עפּעס ווידער אַנדערש... איר ווייסט דאָך... מיר האָבן דאָך גערעדט!

— וועער הייסט אייך מיינען? — האָט דער רבי געפרעגט. — מיינט נישט... מאַלע, וואָס אַ מענטש מיינט — איך מיין אויך און הערשעלע גופא מיינט אויך... הייַנטיקע וועלט, ווער קען וועמען אַ דעה זאָגן? איך האָב אים אויך געבעטן צו זיך אויף יום-טוב, און, דאַכט זיך, אַז אַ רבי האָט מער זכות... פונדעסטוועגן, אַז ער האָט מיר געזאָגט, אַז ברײנדעלע האָט אים פריער געבעטן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אים איז ביי איר מער ניחא צו זיין, פאַרגין איך אים... אַ מענטש ברויך צו טון אַלץ, וואָס ער טוט, ברצון און נישט באונס!.. נייטן דיך, הערשעלע, קען קיינער נישט!.. גיי געזונטערהייט צו ברײנדעלען, ווו דיר איז ניחא, אזן קום גלאַט אַריין צו מיר יום-טוב בייטאָג, וועסטו מיין גאַסט זיין!

— רבי! — האָט הערשעלע, גערירט פון רבינס רייד, אויסגעשריען

און נישט געקענט ווייטער אַ וואָרט אויסרעדן.

— לך אכל בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה האלקים את מעשיך!—האָט דער ראש־ישיבה געענטפערט מיט אַ פּסוק און אים זיין האַנט געגעבן.

וואָלט זיך הערשעלע נישט געשעמט, וואָלט ער די טרייע האַנט צו זיינע ליפּן צוגעטראָגן און מיט טויזנט קושן באַדעקט... ער האָט אין זיין רבינס רייד דעם פאָרוואורף גופא פאַרשטאַנען, אָבער אויך זיין מחילה און אמתע טרייהייט פאַרשטאַנען.

— נו, און צו מיר וועסטו גאָר אַ גאַנץ יום־טוב אפילו אויף ברכה נישט אַריינקומען?—האָט ברוך געפרעגט.

— פאַרוואָס נישט, ר׳ ברוך? אַז איר בעט מיך, איז דאָס ביי מיר אַ גרויסער כבוד!

— בעט איך דיך טאַקע, קום אַריין מאָרגן אויף ברכה. אַז דו וועסט זיין ביי אונדז, וועלן מיר שוין זען!

— אַ גוטן יום־טוב!

— אַ גוט יאָר!—האָט ברוך געענטפערט, צוגערופן דעם סלוצקער און אַוועק אַהיים. „עס איז נאָך נישט פאַרלוירן,״—האָט ער ביי זיך געטראַכט.—„איך בין אַליין שולדיק. איך האָב אים פאַראַכטאָגן, פאַר צוויי וואָכן שוין באַדאַרפט בעטן... ברייגדעלע האָט אים באמת פריער געבעטן... אַ רעכט, אַ מצווה אויף מיר!״

בריינדעלע האָט שוין געוואַרט אויף איר סדר-אָפּריכטער, און אַז ער איז ענדלעך אַריינגעקומען, אויסגעפּוצט און אויפגערעגט פון דעם לעצטן געשפּרעך מיט ברוכן און מיט דעם ראש־ישיבה, האָט ער אַזוי שיין געשיינט, אַז זי האָט אים כמעט נישט דערקענט.

—דו מוזט שוין רייך ווערן, הערשעלע!—האָט זי געזאָגט.—דו שיינסט.. איך האָב דיך נישט דערקענט, ווי דו זעסט מיך אַ יידישע טאָכטער...

—ער איז שוין רייך געוואָרן!—האָט מירעלע מיט חן באַמערקט.—קומט שוין צום סדר!—האָט זי זיך צו אים געווענדט.

כדי די מוטער זאָל נישט באַמערקן, ווי זי איז רויט געוואָרן פון פרייד און ליבע, אַז זי האָט אים איצט אַזוי שיין דערזען, איז זי מיט אים אין זאַל אַריין. דאָ האָבן אַלע לאָמפּן געברענט, און אַ מענגע שטראַלן פון די געבענטשטע ליכט, אין גרויסע זילבערנע לייכטער, האָבן אָפּגעשיינט אויף די טייערע קריסטאַלענע גלעזער, פלעשער און

זילבער-באַגולטע כּלים, וואָס זענען אויפן טיש אויסגעשטעלט געוואָרן צוליב דערדאָזיקער נאַכט פון פּסח.

ברײַנדעלע האָט אים די הסבה-בעט איבערגעגעבן אָנגעוויזן, און האָט זיך אַליין געזעצט אויף אַ ווייכער שטול פון זיין רעכטער זייט. מי-רעלע האָט זיך קעגן דער מוטער געזעצט, ביי אַ ברעג טיש. אַנט-קעגן הערשעלען איז געזעסן דאָס דינסטמיידל און אָנגעקוואָלן, קוקנ-דיק אויף איר גוטער פריילן, וואָס שיינט איצט פון גליק.

מירעלע האָט די כּוסות אָנגעגאָסן און הערשעלע האָט אָנגעהייבן דעם קידוש מיטן געוויינלעכן ליבן סקאַרבאָוון ניגון. ברײַנדעלען האָט זיך געדאַכט, אַז די שטימע האָט זי שוין אַמאָל געהערט, דאָס שטייגערל איז איר באַקאַנט... זי האָט אין דער מינוט יענע צייט דערמאָנט, ווען זי איז אַ כּלה געוואָרן און האָט צום ערשטן מאָל פּונקט אַזאַ קידוש גע-הערט פון איר דעמאָלט געליבטן חתן... פּונקט אַזוי, דאַכט איר, האָט ער געשיינט... פּונקט אַזוי האָט זיין שטימע געקלונגען... „אַך, ווי גליק-לעך איז זי דעמאָלט געווען... און איצט—איצט שוין אַן אַלמנה... ער איז שוין לאַנג אין דער ערד... ווי גיך עס דרייט זיך אַ וועלט אי-בער.” זי האָט אויף איר מירעלען אַ קוק געטון. זי האָט געמיינט: מירעלע פילט עס געוויס אויך אַזוי, ווי זי. נאָר מירעלע האָט גאָר פאַרגעסן צו טראַכטן איצט פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען... זי האָט נאָר שטילערהייט מיטגעזאָגט און געזונגען די ווערטער פון קידוש גלייך מיט הערשעלען. ברײַנדעלע האָט אויך אויף הערשעלען אַ קוק געטון און עפּעס אַ געדאַנק איז איר דורכן קאָפּ אַדורכגעפלויגן. נאָר זי האָט זיך כּמעט פאַר זיך אַליין פאַרשעמט, וואָס איר קאָן איינפאַלן!.. כּדי דעם געדאַנק פון זיך צו פאַרטרייבן, איידער מירעלע וועט אויף איר באַמערקן, האָט זי דעם כּוס צוגעטראָגן צום מויל, אויסגעטרונקען און געזאָגט:

—זייער גוטער ווין! עס טוט מיר אַ הנאה... מיטן ווין האָב איך היי-יאָר געטראָפן.

דערנאָך איז הערשעלע ווידער טייער געוואָרן ביי איר איבער זיין הגדה זאָגן. ברײַנדעלע האָט זיך אין דער עברי געשלעפּט צופוס געגאַנגען און פאַרשפּעטיקט זיך שטענדיק, בעת איר מאַן, עליו השלום, און אירע אַלע סדר-אָפּריכטער ביז איצט האָבן ווי אויף עקסטרע-פּאָסט אין דער הגדה זיך געיאָגט... זי פלעגט תּמיד פון הינטן בלייבן... נישט אויפצוהאַלטן די מאַנסלייט, און נאָכמער, זיי זאָלן אירע גרייזן

נישט דערהערן, האָט זי שטענדיק געמוזט איבערהיפּן גאַנצע שטיקער, און אפילו דאָס ביסל, וואָס זי האָט יאָ געזאָגט, איז אויך געווען אין איילעניש. זי האָט דעם רעכטן טעם פון דער הגדה קיינמאָל נישט גע- פּילט... דעם רבונו של עולם נישט שולדיק צו בלייבן, פּלעגט זי אויף מאָרגן בייטאָג, נאָכן שלאָף, זיך נעמען פונדאָסניי, און אָפּזאָגן די גאַנצע הגדה פון „עבדים היינו" ביז „חד גדיא"—היינט זאָגט הערשעלע מיט אַזאַ זיסן ניגון. איר דאַכט זיך, אַז דער ניגון פאַרטייטשט די ווער- טער... זי הערט און זי פאַרשטייט יעדעס וואָרט. ער יאָגט זיך נישט. דאָס ד'העלדזל איז גרינג. ווי אַ פייגעלע... ריין, ווי פּערל, קומען די ווערטער אַרויס. זי ווייסט, ווו ער האַלט, און זי האָט נאָך צייט צו דער סטאַציע אָנצוקומען, איידער די הגדה-פּאָסט גייט ווייטער אַוועק.

מירעלע האָט מיט אים וואָרט אין וואָרט געזאָגט, געצויגן דעם ניגון אין זיין טאָן, נאָר צו דער סטאַציע איז זי פריער אָנגעקומען, און איז גליקלעך געווען, אַז הערשעלע האָט דעם פינאַל אויסגעלאָזן אין דעמזעלבן טאָן, וואָס זי האָט אים פאַרגעזונגען.

אויך דאָס דינסטמיידל האָט הנאה און זאָגט נאָך אויסנווייניק די אומפאַרשטענדלעכע הגדה-ווערטער, קוקט באַלד אויף מירעלען, באַלד אויף הערשעלען און ווינטש זיי אין האַרצן: „איבעראַיאָר אויך אַזוי זיצן, ווי חתן-כלה... מירעלע דאַרף גאָר קיין שענערן חתן נישט!..”

— אַ דאַנק דיר, הערשעלע, וואָס דו ד'האָט זיך נישט געאיילט אַזוי!—האָט ברײַנדעלע נאָך דעם צווייטן כוס אים באַדאַנקט.—ווייסטו, מיר וואָלט נישט מיאוס געוואָרן נאָך צוויי שעה זיצן און זאָגן... איך האָב אמת הנאה געהאַט.

—זעסטו, מאַמעשי, אַז דו פאָלגסט מיך, האָסטו קיינמאָל קיין חרטה נישט!—האָט זיך מירעלע אָפּגערופן.—דו האָסט דאָך אַן אַלטן יידן גע- וואָלט בעטן צו די סדרים!

און מיט די ווערטער האָט זי, ווי אַ לוסטיק קינד, אָנגעהייבן נאָכמאַכן, ווי דער אַלטער ייד האָט פאַראיאָרן די הגדה געזאָגט, אָבער אַזוי גוט קאָפּירט, אַז ברײַנדעלע אַליין ד'האָט זיך פאַרקייכט פון לאַכן.

— מען טאָר נישט, מיין טאָכטער, פון אַן אַלטן מאַן לאַכן! — האָט ברײַנדעלע געזאָגט.—דו וועסט אויך אַמאָל אַלט ווערן... דיין מאַ- מע איז שוין אויך אַן אַלטע יידענע.

— ניין, מאַמעשי, דו ביזט יונג, דו ביזט שיין!—האָט זיך מי-

רעלע אַ וואָרף געטון אויף דער מוטערס האַלדז מיט קושן און מיט אומגעוויינלעכער צערטלעכקייט.

צום עסן האָט בריינדעלע איר צעפרידנקייט אים נאָכמער אַרויס־געוויזן. דעם בעסטן חלק פיש און פלייש האָט זי אים דערלאַנגט, און איז צוגעשטאַנען, ער זאָל נאָך און נאָך עסן. מיט אַ צערטלעכקייט פון אַ מוטער האָט זי אים דאָס פלייש און עוף צעשניטן, און פשוט נחת גע־קליבן, וואָס ער עסט. זי איז ווי פאַרליבט געוואָרן אין אים און האָט גישט באַמערקט, מיט וועלכע ליבע בליקן איר מירעלע קוקט אויף אים, מיט וועלכע שעמעוודיקע שמייכלען ער ענטפערט אויף איר קוק, און מיט וואָס פאַר אַ גנבישן באַוווסטזיין זעט עס דאָס דינסטמיידל צו, און קוועלט פון נחת.

צו דער אַנדערער העלפט סדר איז שוין בריינדעלע שלעפע־ריק געוועזן. דער ווייַן פון די כוסות, דאָס עסן און דערצו די זיסע שטימע פון די יונגע קינדער, וואָס איז נאָך איצט פרישער און קלע־רער געוואָרן, האָבן אַ שלאָף אויף איר אַרויפגעוואָרפן און זי האָט איינגעדרעמלט אויפן ווייכן שטול זיצנדיק. מירעלע האָט אַ ווונק געגעבן דעם דינסטמיידל, זי זאָל באַלד אויסבעטן די בעטן, און האָט גענו־מען די מוטער אַריינפירן אין שלאָפצימער. בריינדעלע האָט זיך אויפ־געכאַפּט, נאָך געמאַכט אַ פאַרשלאָפענע ברכה אויפן לעצטן כוס, אַ זופּ געטון, געזאָגט: „לשנה הבאה בירושלים!" אָנגעוווּנטשן איר גוט קינד: „איבעראַיאָר לעבן דעם אמתן באַשערטן אַזוי דעם סדר אָפּריכטן און אירע אויגן זאָלן עס נאָך זען!" און איז אין איר שלאָפצימער אַריין.

איצט האָט זיך ערשט דער רעכטער קאָנצערט אָנגעהייבן. מי־רעלע האָט „אַדיר במלוכה בחור כהלכה" געזונגען מיט דעם ניגון, וואָס זי פלעגט אַמאָל, זיצנדיק אויפן פאָטערס שויס, מיט אים זינגען. הער־שעלע האָט אויך נישט געשוויגן און האָט שטייגערלער, פאַנטאַזיעלעך און אַזוי האַלדז־אַרבעט אויסגעזונגען, נישט געפילט מער זיין פרעמד־קייט, זיין עלנט... ער זינגט פאַר מירעלען, וועלכע פאַרשטייט אים און טרעפט אים אין טאָן אַריין. און עס איז ווירקלעך אַ וווּנדערלעכער קאָנצערט געוועזן, לײדער נאָר פאַר איינאונאייציקן צוהערער, פאַרן דינסטמיידל, וואָס האָט אפילו די העזה נישט געהאַט בראַוואָ צו פּאַטשן.

ענדלעך איז שוין „הקדוש ברוך הוא געקומען און האָט געקוי־לעט דעם מלאך־המות, וואָס ער האָט געקוילעט דעם שוחט..." און צו

זאָגן איז שוין נישט געווען וואָס.

— מיר ווילט זיך גאָר פון טיש נישט אַוועקגיין, חערשעלע! — האָט מירעלע געזאָגט. — איך וואָלט היינט אַ גאַנצע נאַכט זאָגן און זינגען, ווי קאָן מען איצט שלאָפן גיין!

— לאָמיר זאָגן שיר השירים! — האָט הערשעלע אַן עצה געגעבן, און האָט באַלד אַריינגעטראָגן אַ חומש מיט תרגום אשכנז, אויפגעעפֿנט שיר השירים, און האָט אָנגעהייבן זאָגן מיטן ניגון פֿון די טראָפּ.

כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אַלע שירים זענען קודש און שיר השירים איז קודש קדשים, און כאָטש ער האָט גאָר קיינמאָל אַנדערש נישט געקלערט, אַז שולמית מיינט מען די כנסת ישראל, פֿונדעסטוועגן האָט ער געפֿילט, אַז היינט זענען די ווערטער אָנגעמאָסטן צו זיין שולמית, צו מירעלען, וועלכע זיצט ביי זיין זייט און זאָגט גלייך מיט אים... מירעלע האָט זיך אַלץ נעענטער צוגערוקט צו אים, אירע ברענענדיקע באַקן צוגעדריקט צו זיינע... ער פֿילט איר הויך, איר קלאַפּט דאָס האַרץ, אים קלאַפּט אויך דאָס האַרץ... ווער איז אַזוי שיין, אַזוי ליב, ווי זי!.. די הייליקע ווערטער פֿון שיר השירים מונטערן אים נאָכמער אויף, און צו איר זאָגט ער: הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים מבעד לצמתך... זי עפֿענט אירע שיינע אויגן, קוקט אויף אים מיט ליבע, ער קוקט אויך אויף איר און זאָגט: „כחוט השני שפֿתותיך ומדברך נאוה!” ער זאָגט ווייטער און פֿילט צום ערשטן מאָל אַ באַשעמונג פֿון די ווערטער, וואָס ער זאָגט. ער גייט זיי שטיל פֿאַרביי און זאָגט ווייטער מיט אַ באַגייסטערונג: — „אתי מלבנון כלה, אתי מלבנון תבואי!” — ער פֿאַרגעסט זיך ווער און ווו ער איז. אים דאַכט, ער איז מיט איר אין ירושלים, ער נעמט זי פֿאַר דער האַנט און פֿירט זי, דאַכט אים, אויפֿן לבנון. תשורי מראש אמנה, קוק מירעלע, אַראָפּ פֿון הויכן באַרג אמנה, מראש שניר וחרמון, פֿון די שפּיציקע בערג שניר און חרמון, ממעונות אריות, פֿון דאָרט ווו לייבן וווינען, מהררי נמרים, פֿון די בערג ווו די טיגערס זענען!.. און מירעלע לייגט איר קאָפּ אַוועק אויף זיין אַקסל, קוקט אים אין די אויגן אַזוי ליב און רירנדיק... דאָס האַרץ הייבט אים אָן צו קלאַפּן, שוואַכער ווערט די שטימע זיינע און מיט ווייטמוט זאָגט ער: — „לבבתיני אחותי כלה!” — דו האָסט מיין האַרץ גענומען, שוועסטער-כלה!... לבבתיני באחת מעיניך, מיט איין ליבן קוק דיינעם נעמסטו דאָס האַרץ מיינס...

באחד ענק מצורוניך, מיין לעבן גיב איך אוועק פאַר איין שנירל פּערל וואָס איז אויף דיין שיינעם האַלדז !..״

—„מי יתנך כאח לי !״—זינגט מירעלע.—„זיי מיר, הערשעלע, אַ ברודער... אַ ברודער פון איין מוטער זיי מיר !—דאַכט זיך אים, זאָגט זי.—„אמצאָך בחוץ״, אינמיטן גאַס איך זאָל דיך טרעפן, אשקך גם לא יבוזו לי... זאָל איך מעגן דיר אויפן האַלדז פאַלן, קושן דיך, הערשעלע, און קיינער זאָל מיך נישט באַרעדן...

—„השבעתי אתכם בנות ירושלים !״ איך באַשווער דיך, מירע־לע, דו שיינע טאָכטער פון ירושלים, „ומה תעוררו את האהבה,״ וועק נישט מער די ליבע... זי ברענט שוין אַזוי אויך אין מיר... וואַסערן קאָנען זי נישט לעשן און טייכן זענען פאַר איר נישט גענוג !...

אין דעם קומט אַריין דאָס דינסטמיידל, זאָגט זיי אָן: עס האָט שוין איינס אַ זייגער געשלאָגן. זי האָט קוים אַ קריסטין געקריגן די לאָמפּן אויסצולעשן.

—אַ גוטע נאַכט, הערשעלע !—זאָגט מירעלע און דריקט אים די האַנט.

—אַ גוטע נאַכט, מירעלע !—ענטפערט ער, קוים דאָס וואָרט אַרויס־רעדנדיק.

און אַז דאָס דינסטמיידל איז אַרויס, בלייבט נאָך מירעלע שטיין ביי דער טיר פון שלאָפצימער, זאָגט אים נאָכאַמאָל: „אַ גוטע נאַכט!״ און ווערט פאַרשווונדן.

יד.

אויף מאָרגן האָט הערשעלע הלל געזאָגט פאַרן עמוד. מאַנסלייט האָבן התפעלות געהאַט, און די ווייבער האָבן די אויגן ארויסגעקוקט דורך די פאַרהאָנגענע פענסטערלעך פון ווייבערשול, און אַלץ געפרעגט: „ווער איז דאָס? ווער דאַוונט עס?"

— דאָס איז דאָך מיין הערשעלע! — האָט זיך ברײנדעלע אָפּגערופן.

— וואָס הייסט אייער הערשעלע? — האָט אַ יידענע אַ פרעג געטון.

— מיין ישיבה־בחור, וואָס עסט ביי מיר, מיין סדר־אָפּריכטער! — האָט ברײדעלע דערקלערט. — איר האָט אים באַדאַרפט הערן נעכטן דעם סדר אָפּריכטן.

— עס האָט זיך אַ ברילִיאַנט געוואַלגערט ביי אונדז אין שטעטל, — האָט איין יידענע אַ זאָג געטון, — זענען אַלע אים פאַרבייגעגאַנגען. נאָר ברוך דעם קצב האָט גאָט די אויגן געעפנט, און ער האָט דעם ברילִיאַנט אויפגעהייבן פאַר זיין קינד! דאַרף מען ביי דעם אויבערשטן קשיות פרעגן, פאַרוואָס קומט אים אַזאַ גדולה?

— ווייס איך, וואָס איר רעדט! — האָט זיך ברײנדעלע אָפּגערופן. — אַ נעכטיקער טאָג... ער איז אַ באַלעבאַטיש קינד פון דערהיים, האָט פעטערס און מומעס רייכע. באַלד לאָזן זיי אים, ווען ער זאָל אַפילו וועלן, בפרט, אַז ער וויל גאָרנישט הערן און געדענקען פון ברוכן.

ברוכס ווייב איז אויך געווען אין שול און האָט זיך אויך באַרימט, אַז דאָס איז איר הערשעלע. זי האָט זיך נאָר באַקלאָגט אויף די שלעכטע ציינגער, וואָס האָבן נישט וואָס צו טון, מער נישט, ווי אין פרעמדע עסקים זיך אַריינצומישן, און פאַרגעניגן איר שרה-פייגען דאָס גליק נישט, וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט איר צוגעשיקט.

און ברוך אַליין האָט אויך הערשעלעס הלל געהערט און דעם רושם געזען, וואָס דער הלל האָט אויף דעם גאַנצן עולם געמאַכט. נאָר אים האָט עס נישט געפרייט, פאַרקערט, אים האָט דאָס האַרץ ווי געטון, וואָס מען לויבט הערשעלען אַזוי, גלייך ווי מען וואָלט מיט דעם געוואָלט זיך רייצן מיט אים, אים שיטן זאַלץ אויף זיינע ווונדן. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז הערשעלע איז נישט פאַר זיין קינד. וואָס אַ טאָג, דאַכט זיך אים, שטייגט ער אין מקח, וואָס אַ טאָג ווערט ער גרעסער, און וואָס מער עס הייבט אָן הערשעלעס מזל צו שיינען, אַלץ מער, דאַכט זיך אים, פאַלט דאָס מזל פון זיין קינד, און ער ציטערט פאַר דעם געדאַנק: „טאָמער איז הערשעלע באמת נישט דער באַשערטער. טאָמער האָט ברײנדעלע אַ מחשבה אים צו פאַרהאַלטן פאַר איר געראָטענער בת-יחידה?.. פאַרוואָס נישט? עפּעס וואָלגערט זיך אַזאַ הלל?.. מיט ברײנדעלען שטיין אויפן טאָרג קען איך נישט!..״—האָט ער ביי זיך געקלערט און איז היינט ווידער אַוועק אַהיים אַליין אָן הערשעלען.

—צו וואָס טויגסטו, שטיק צרה מיינער!—האָט ברוכס ווייב געשריען, אַז זי האָט איר מאַן ווידער דערזען אַריינקומענדיק אַליין.— גיי, זע, דיין טאָכטערל האָט שוין קיין אויגן נישט, וויינענדיק... תשעה באב איז ביי איר, נישט פּסח... און דעם טאַטן זאָל עס גאָר אַרן!..

—וואָס זאָל איך טון, אַז איר מזל איז אַזוי שווער?—האָט ברוך מיט פאַרדרוס און אין כעס געענטפערט.—זעסט דאָך, גראָד איצט דאַרף זיך אָפּזוכן אַ פעטער אַ רייכער, וואָס שיקט אים געלט אויסצוקליידן זיך, ווי אַ מאַגנאַרך... דאַרף גאָט געבן ברײנדעלען אַזאַ דעה, אַז זי זאָל גאָר זיין גוואַלטע ווערן... מסתמא איז נישט באַשערט פון גאָט!

די ווערטער ברוכס האָבן זיין ווייב, ווי אַ דונער געטראָפן, דאָס

וואָרט: „נישט באַשערט", איז איר נאָך קיינמאָל גאָר אויפן זינען נישט אַרויפגעקומען.

— האַ, וואָס זאָגסטו? לאָם איך הערן און וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין!

ברוך האָט איר דערציילט זיין שווער האַרץ פון אָנהייב ביזן סוף. זי האָט עס אָבער גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן. „סטייטש, ער וויל נישט? סטייטש, ברײַנדעלע האָלט אים צו?" איר איז די גאַנצע געשיכטע פאָרגעקומען, ווי גזלנים זענען אָנגעפאַלן אויף איר און רויבן צו איר ליב קינד אינמיטן טאָג!.. זי קען עס נישט צולאָזן!.. און זי האָט זיך מיטן מאַן אָנגעהייבן קריגן, וואָס ער איז אַזאַ קאַלטער לונג און לעבער, און ביי אים איז דאָס אַלץ רעכט...

ברוך האָט די אומפאַרדינטע זלזולים פון זיין ווייב און די טרערן פון זיין טאָכטער נישט געקאָנט מער איבערטראָגן, און האָט פון כעס אַ וואָרף געטון אַ טעלער און צעבראָכן אויף שטיקלעך. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ טומעל. דאָס ווייב האָט געשריען: „ער איז שיכּור!" שרה־פייגע האָט זיך אויך אַרייַנגעמישט, און האָט געלייזט אַ פּאָר פּעטש פון ברוכס פולער האַנט... אין שטוב איז חושך געוואָרן. קיינער איז מער צום טיש נישט געגאַנגען. דער סלוצקער האָט אין שרעק און איילעניש אָפּגעגעסן, ווי עס איז אַליין, אַוועק צוריק אין בית־המדרש און דערציילט די סומאַטאָכע און דעם נחתדיקן יום־טוב, וואָס ער האָט היינט ביי ברוכן געהאַט.

הערשעלע האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך ביי ברוכן. דער ערשטער טאָג יום־טוב איז אים אַוועק אין פאַרגעניגן. ער האָט מיט מירעלען חומש געלערנט, און אים אַליין האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרשטייט איצט דעם חומש גאָר בעסער, קליגער און אויפגעקלערטער ווי ביזאַהער. ברײַנדעלע איז אויך ביי דער לעקציע געוועזן, און איר האָט הנאה געטון הערנדיק זיינע דערקלערונגען און זיין באַגייסטערונג, בעת ער רעדט פון דער הייליקער תורה, און וואָס אַ מינוט איז ער איר אַלץ ליבער און טייערער געוואָרן.

— לערן מיט איר, מיין זון,—האָט זי געבעטן,—דערצייל איר די חכמות פון אונדזער הייליקער תורה... זאָל זי וויסן, ווי אַ יידישע טאָכטער צו זיין, אַ פרומע, אַ געלערנטע יידישע טאָכטער, ווי איר גוטער טאַטע, עליו השלום, דיר צו לענגערע יאָר, האָט זיך אין זיי

גאַנץ לעבן געוווּנטשן! דערפאַר וועט ער פאַר דיר, מיין זון, גאָט בעטן און מיינע אויגן זאָלן נאָך דיין גדולה זען!

נאָר נישט מיט לערנען אַליין זענען זיי אָפּגעקומען. זיי האָבן אויך געזונגען צוזאַמען, און פאַרנאַכט מיט דער מוטער שפּאַצירן גע-גאַנגען. לייט האָבן געקוקט, זיך געוווּנדערט, גערעדט און אָנגעהייבן דערציילן בסוד סודות מעשיות נישט געזעענע, נישט געהערטע, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל די סברה איז מחייב...

ברײַנדעלע האָט אין איר מירעלעס פּריינטשאַפט צו איםם מער ווי גוטסקייט נישט געזען, און פון לייטישע צינגער נישט גע-ווּסט.

איז אַמאָל צו רייד געקומען וועגן הערשעלען צווישן אירע געסט, וואָס האָבן איר וויזיטן געמאַכט יום-טוב, האָט זי איםם אַליין נישט געקאָנט געגנוג אָנלויבן, און האָט אַלץ בתמימות דערציילט: „מיין מי-רעלע וואָלט פאַר אים אַ זאַק ציבעלע נישט געגומען... זי חלשט נאָך זיינע טריט און פרעגט מיך אַלץ: „פאַרוואָס, מאַמעשי, האָט מיר גאָט אַזאַ ליבן ברודער נישט געגעבן?"—„מיין עלנט קינד!"—פלעגט ברײַנדע-לע מיט אַ זיפץ אויסלאָזן,—„אַלץ, נעבעך, אַליין, אַזאַ ברודער וועמען גאָט בענטשט, איז טאַקע אַ נחת און אַ ליכט אין די אויגן!"

נאָר די שוועגערין אירע האָט ברײַנדעלען אַמאָל אָפּגערופן אין אַ זייט און געזאָגט:

— הערסטו, ברײַנדעלע, דיין מירעלע ווייס גאָרנישט, ווי זיך צו באַנעמען מיט אים... איך וואָלט גאָר אויף איר קיינמאָל נישט געגלויבט, ווען מיינע אויגן וואָלטן עס נישט געזען!

— וואָס האָסטו געזען, רבקה?—האָט ברײַנדעלע דערשראָקן גע-פרעגט.

—שאַ, שרעק דיך נישט,—האָט די שוועגערין באַרויקט,—חלילה, קיין הולטייסטווע נישט געזען... נאָר זי איז דאָך פאָרט אַ מיידל...מיט וועלכע אויגן קוקט זי אויף אים!.. הערסטו, אַ האַרץ פון אַ מיידל איז אַ שוועבעלע, עס דאַרף נישט פיל, עס זאָל זיך, חלילה, אָנצינדן אין אַ העלישן פייער... ווייניק שיין איז ער? קאַרג מעלות האָט ער? וואָס איז, זי האָט קיין אויגן נישט?..

— ווייס איך וואָס דו רעדסט! — האָט זיך ברײַנדעלע אויסגע-לאַכט.—ווי מיינסטו, איך קען גאָר מיין מירעלען נישט? צי איך האָב אין איר אַ טעות? וואָס ווייס ער? גאַנצע טעג לערנט ער דאָך, איך

זע דען נישט ? ווי אויף אַ ברודער קוקט זי אויף אים... זי ווייס, נעבעך, מיין גאָלד, וואָס איר פעלט... און טענהט אַלץ מיט מיר: מאַ-מעשי, פאַרוואָס איז ער מיר נישט אַ ברודער ?

— פונדעסטוועגן, שוועגערין, זאָג איך דיר, דו זאָלסט זיך צו-קוקן... ער מעג טאַקע זיין אַ פרום קינד, אַ כשר קינד... צו וואָס אָבער דאַרפסטו, אַז דיין מירעלע זאָל, חלילה, איינמאָל דאַרפן אַ זיפץ טון נאָך אים ? צו וואָס טויג דאָס דיר, מען זאָל זאָגן, דו ביזט שול-דיק, וואָס ער וויל שוין ברוכס חתן נישט ווערן? הערסטו — לייטישע צינגער, זאָלן זיי אָפּדאַרן—מען רעדט שוין, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...

און ווייניק, וואָס זי האָט מיט ברײַנדעלען גערעדט, האָט זי אויך מירעלען פאַרגעהאַלטן, וואָס זי פירט זיך ווי אַ קינד... איר דער-ציילט, וואָס מען רעדט אין שטאָט אויף איר, און איר דערמאנט, אַז זי איז אַ מיידל—ביז הונדערט און צוואַנציק—שוין באַלד פולע אכצן יאָר... „ער איז אַ בחור—טאַקע אַ שייגער מיט מעלות אַ סך, אָבער ווי קומט ער צו דיר ?"—האָט זי געזאָגט.—„איז ער צופּיל פאַר ברוכס יאַטקע-מויד, וועט זיך געפינען אַן אַנדערע, וואָס איז צו אים גלייך... אָבער צו דיר, מירעלע, ווי קומט ער? פע, אַ חרפה, כלעבן, צו רעדן גאָר אַזוינס !"

אין דעמזעלבן טאָג, צו מנחה-צייט, האָט אויך דער פעטער מי-רעלעס, וואָס איז גבאי און גביר געווען אין דעם בית-המדרש, ווי הערשעלע האָט געלערנט, הערשעלען צוגערופן צו זיך, און אים שטאַרק, שטאַרק אין די אויגן אָנגעקוקט. הערשעלע האָט דאָס פיינלעכע אָנ-קוקן נישט געקאָנט איבערטראָגן און ער האָט געוואָלט אַוועקגיין.

— הערשעלע,—האָט דער גבאי געזאָגט,—דו מיינסט, אַז מען טוט אָן אַ נייעם בגד, מעג מען שוין פאַרגעסן, ווער מען איז ?

—פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב פאַרגעסן, ווער איך בין?—האָט הערשעלע מוט געפונען צו פרעגן.

—פונוואַנען איך ווייס, פרעגסטו?—האָט זיך דער גבאי אָפּגערופן.—לייט זאָגן אַזוי... באָר איך גלויב זיי נישט... געדענק-זשע, הערשעלע, ווער דו ביזט !.. איך בין מחויב דיר עס צו דערמאַנען... אין עונשין אלאָ מזהירין... פאַרשטייסטו ?

און נישט רעדנדיק מער אַ וואָרט, האָט ער צוריק די אויגן אין גמרא אַראָפּגעלאָזן, גלייך ווי גאָרנישט געוועזן.

אין דעמזעלבן טאָג האָבן הערשעלען אויך זיינע חברים מזהיר געווען, ער זאָל זיך היטן פאַר ברוכן.

—ברוך קערט וועלטן! — האָט איינער דערציילט. — היינט נאָכן דאַווגען איז ער געקומען צום גבאי, מירעלעס פעטער, וואָס איך בין ביי אים פסח, און האָט זיך אַ ביסל צעדרשנט אויף טבח-לשון. „אַזאַ שייגאַץ, אַזאַ שטיל לעמעלע, דאַכט זיך,—האָט ער געשריען,—האָט גע-נומען מיין ברילאַנטן קינד און דעם קאָפּ אַראָפּגענומען!.. ליובקעס מיט איר געשפילט!.. וואָס ווייס זי, ער האָט איר צוגעזאָגט איר חתן צו ווערן, אַז איך וועל עס נאָר צולאָזן... היינט, אַז מיר געפעלט דאָס, און עס קאָסט מיר שוין די געשיכטע געזונט און בלוט, נעמט אַזאַ ביקל, וואַרפט מיר גאָר מיין גוטס אין פנים... און יעצט פאַרדרייט ער שוין אייער פלימעניצע, ברייינדעלעס בת-יחידה, דעם קאָפּ!.. אוודאי איז אייער ברייינדעלעס טאָכטער אַ קוראַנטערע סחורה... אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויך אויף הולטייסטווע, נישט אויף אַן אמת... טוט מיר טאַ-קע דאָס האַרץ וויי, פאַרוואָס זאָל עס אים געשוויגן ווערן?!

— נו, און וואָס האָט אים דער גבאי געענטפערט? — האָט אַן אַנדער ישיבה-בחור אַ פרעג געטון, בשעת הערשעלע איז אַ באַ-קלעמטער געזעסן און געשוויגן.

—דער גבאי האָט זיך אויסגעלאַכט און האָט געזאָגט: ברוך, דו ביזט שיכור! גיי אַהיים, שלאָף זיך אויס, שטיי אויף און פאַטש דיין מויד אויס אירע ביידע באַקן — זאָל זי וויטער קיין נאַר נישט זיין!.. און ווּעסטו פרווון אַ וואָרט אויסרעדן אויף מיין שוועסטערס מירעלען, זאָג איך דיר, וועט דאָס דיר באָקאָם אַרויס... און גיי דיר, פונוואַנען דו ביזט געקומען!

— אָבער ברוך איז נאָכמער אין כעס געוואָרן, און האָט גע-שווירן, אַז פריער פאַר אַלץ וועט ער דיר דעם קאָפּ אַראָפּדרייען. שלאָגן, הערסטו, הערשעלע, דערהרגענען מוז ער דיך! האָט ער גע-שריען. היט זיך פאַר אים, אַ קשיא אויף אַ טבח!

הערשעלען איז איצט רעכט געוואָרן דעם גבאיס ווערטער, וואָס ער האָט אים געזאָגט, און צו די שטיינער, וואָס האָבן שוין זיין האַרץ געדריקט, איז נאָך אַ שווערער שטיין צוגעקומען.

קומענדיק צו ברייינדעלען אין דעמזעלבן אָוונט, האָט ער אויך מירעלען געפונען אומעטיק און בלאַס, און כאָטש ער האָט קיין טרערן אויף איר געזיכט נישט געזען, האָט זיין האַרץ פאָרט געפילט, אַז זי

האָט היינט געוויינט... ער האָט געוואָלט פרעגן, רעדן, דערציילן, אָבער ברײנדעלע איז אַלץ דערביי געווען און מירעלע האָט צו רעדן נישט אָנגעהייבן.

כאָטש בריינדעלע האָט אַלע בייזע חלומות אויסגעבעלט צו דער שוועגערינס קאָפּ, „צו איר צונג, צו איר לייב און לעבן!" פאַר די כּלומרשט געטרייע רייד, וואָס זי האָט מיט איר אײנדערפרי גערעדט, און האָט אַלץ איבערגערעדט: „ביי מיר איז, ברוך השם, קיין שענק נישטאָ... יונקערס גייען נישט צו מיין מירעלען און ברענגען איר קיין מתּנות נישט—זי מיינט, איך האָב עס גאָר פאַרגעסן..." פונדעסטוועגן זעבן דער שוועגערינס ווערטער איר פאָרט אין קאָפּ אריין. „זאָל איך אַזוי דאַרפן מורא האָבן פאַר מיינע זינד צייט מיין לעבן,"—האָט זי גערעדט,—„ווי איך ברויך מורא צו האָבן פאַר מיין מירעלען!.. וואָס מיינט דען מיין מירעלע מיט איר צוגעלאָזטקייט צו אים? זיין זינגען האָט זי ליב! איך וועל שווערן, אַז מער קומט איר גאָר אין קאָפּ נישט אַריין — טאָ וואָס איז די עוולה? איך אַליין וואָלט אים אויך פאַרן זינגען אַ שטיק נשמה אַוועקגעגעבן. פאַר אים, ווידער, וועל איך אַוודאי שווערן, אַז ער מיינט גאָרנישט... מען זעט דאָך אין וואָס אַ מענטש ליגט: באָך אַ ספר און נאָך אַ ספר. ער האָט מיר פאַר אַ גאַנץ פּסח דעם גאַנצן סדרים־אַלמער איבערגעקערט. וואָלט מען אים נישט דערמאָנען צו עסן און טרינקען, וואָלט ביי אים רעכט זיין אייביק פון אַלמער נישט אַוועקצוגיין! גאָר גלייך צו די אַנדערע בחורים, וואָס טרייבן זיך אום אַ גאַנצן יום־טוב שליגג און שלאַנג!.. צוליב אים איז זי דאָך אַפילו כּמעט אַ גאַנצן יום־טוב פון שטוב נישט אַרויס... לערנט און זינגט, און וויל פון די הולטייסקע שפּאַצירענישן גאָרנישט וויסן — ווייס איך, אַבי גערעדט!.. מילא, זי זאָגט: אַ מיידל... אַ בחור... אַ פרעמדער בחור... לייט רעדן—זאָלן זיי שטום ווערן—וואָס אַרט מיך, אַז איך וועל אַכטונג געבן—אָט לאָם איך יוצא זיין פאַר זיך אַליין!" און זי האָט אַכטונג געגעבן, איין מינוט זיי מער אַליין נישט געלאָזן און די מעגלעכקייט זיי נישט געגעבן זיך אויסצורעדן, וואָס זיי איז איצט בייטיקער געווען, ווי אַלעמאָל.

הערשעלע האָט געפילט, אַז דער קלאָרער הימל איבער זיין קאָפּ איז שוין מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן און עס בלאָזן קאַלטע ווינטן און טראָגן נאָך נייע כמאַרעס אָן פון אַלע זייטן צו פאַרשטעלן פון אים

די ליבע זון, וואָס האָט קוים אַ שיין געטון און די שיינע וועלט אים ליכטיק געמאַכט...

מירעלע, פון איר זייט, האָט אָנפאַנגס זיך צום האַרצן גענומען, וואָס די מומע האָט זי אַזוי באַליידיקט מיט אירע ווערטער, און האָט זיך אויסגעוויינט. באַלד אָבער האָט זי באַרעכנט, אַז דערווייל איז גליי־כער, זי זאָל זיך מאַכן נישט ווייסנדיק, אַז די מוטער היט זיי... נישט פאַר דער מוטער האָט זי מורא—„ביי איר וועל איך אַלץ פועלן, אָבער מורא האָב איך פאַר מיין פעטער, פאַר מיין מומען!.. נישט מ י ר וועלן זיי וואָס טון, נאָר א י ם! ער איז עלנט... ווער וועט זיי אַ וואָרט זאָגן, אַז זיי וועלן זייער כעס צו אים אויסלאָזן!.. אָך, ווען עס זאָל נאָר איצט נישט זיין יום־טוב, וואָלט איך אים שוין אין אַ בריוועלע אַלץ דערקלערן, אים פאַרזיכערן, מיין גאַנצע לעבנסצייט אויף אים טריי צו וואַרטן... זאָל ער נאָר אַוועקפאָרן—פאַר שפּעטער דאגה איך נישט... גאָט וועט שוין אונדז אַ וועג ווייזן!..“

מיט דעם באַשלוס האָט זי אים נאָר אָפט ליבע טרייסטנדיקע קוקן צוגעשיקט, ער זאָל נישט מיינען, אַז ז י איז אויף אים אין כעס. איינמאָל האָט זי אויך די מעגלעכקייט געהאַט אויף גיך אים אַ פּאָר ווערטער צו זאָגן:

—פאַרליר נישט, הערשעלע, מוט און האָפענונג! גאָט איז דער עדות, אַז וואָס מער מען וויל מיך פון דיר אָפּרייסן, אַלץ שטאַרקער ווער איך צוגעוואַקסן צו דיר... זאָרג נישט, מיר וועלן נאָך אונדזערע ליידן דערציילן אין פריידן! מאָרגן וועל איך דיר אין אַ בריוועלע אַלץ דערקלערן... געדענקט, גאָט איז אונדזער עדות!..

נאָר איידער זי האָט נאָך די ווערטער אַרויסגערעדט, איז די מו־טער צוריק אַריינגעקומען. און מירעלען האָט געדאַכט, אַז די מוטער איז זיי שוין עפּעס חושד, כאָטש ב"יינדעלע האָט עס גאָרנישט גע־קלערט אפילו. אַרויסצונעמען דעם חשד ביי דער מוטער, האָט מירע־לע איר באַלד פאָרגעלייגט צו גיין מיט איר צום פעטער, וואָס ביז איצט האָט זי אַלץ אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערש מאָל, און אַזוי—ביז אחרון של פּסח.

הערשעלע האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער איז פאַר אַ גאַנץ יום־טוב איינמאָל ביי זיין גוטן רבין נישט געווען, כאָטש יענער האָט אים אַזוי פריינטלעך געבעטן. און האָט אים פון גאַנצן האַרצן צוגע־זאָגט ביי אים צו זיין.

— איך וועל אויך איצט אַוועקגיין. איך בין אַ גאַנץ יום-טוב ביים ראָש-ישיבה נישט געווען! — האָט ער געזאָגט און געוואָלט אַוועקגיין.

נאָך אין די ערשטע טעג יום-טוב האָט ער מירעלען דערציילט וועגן דעם רבינס טרייקייט צו אים. און כאָטש ער האָט פון דעם עיקר רייד פאַרשוויגן, פונדעסטוועגן האָט מירעלע געפילט, וואָס אַן ערך דער ראָש-ישיבה מיינט. דעריבער האָט זי זיך איצט באַלד אַ כאַפּ געטון און געזאָגט:

— ניין, איר מוזט דאָ בלייבן, ביז מיר וועלן צוריק קומען!

— בלייב טאַקע דאָ! — האָט אויך ברײַנדעלע צוגעגעבן. — דיר איז דאָך נישט אומעטיק, אַז דו האָסט דאָ דערווייל אַ ספר צו לערנען! וועסט טאַקע, אַגב, אַכטונג געבן אויף דער שטוב — איינגעזונקען זאָל זי ווערן, די דינסט, ווי זי קומט גאָרנישט צוריק! גוט כאָטש, וואָס איך האָב אויף וועמען די שטוב צו לאָזן... בלייב שוין דאָ, איך בעט דיך!

ער איז געבליבן. אַליין געבליבן איבער אַלע שיין באַפּוצטע צימערן. אַך, ווי ליב און טייער איז אים געוואָרן אַלץ, וואָס זיין אויג זעט דאָ!.. אָט דאָרט, ביים טיש, האָט ער מירעלען צום ערשטן מאָל געזען... דאָ האָט זי מיט אים צום ערשטן מאָל אַ פריינטלעך וואָרט אַרויסגערעדט. און דאָרט ביים שפּיגל, — דערמאָנט ער, — איז ער מיט איר, האַנט אין האַנט געשטאַנען... „מירעלע!" האָט ער דעמאָלט אויסגעשריען און האָט באַלד אין שפּיגל דערזען, ווי זיין בלאַס פּנים איז רויט געוואָרן... און ער פילט איצט ווידער יענס אַנגענעם ציטערן אין זיין גאַנצן קערפּער, וואָס ער האָט דעמאָלט געפילט... ער גייט צו צום שפּיגל, קוקט זיך איצט ווידער איין און דערזעט זיך אַזוי בלאַס, ווי ער איז דעמאָלט געווען, און נאָך אפשר בלאַסער — נאָר אַליין, אליין איז ער... זי איז דאָרט ביים פעטער, און ווייס גאָט, וואָס ער רעדט איצט מיט איר... ער קערט זיך אָפּ. זיינע אויגן לויפן איבערן צימער אַרום, ווי ער וואָלט אַן עצה זוכן פון דעם פעטערס רייד זי צו פאַרהיטן.

ער גייט צו צום פענסטער און זעט: ביים ברעג הימל לאָזט זיך די זון אַראָפּ אונטער אַ באַרג שוואַרצע וואָלקנס... אים דאַכט זיך, די זון בויגט זיך און נויגט זיך צו אים, גלייך ווי זי ווינקט אים צו אַ געזעגן-גרוס פון ווייטן... עס ווערט אים אומעטיק און שווער אויפן

האַרצן... ער גייט אום איבערן חדר הין און צוריק—„איך ווייס נישט, צי איז אין דער גאַנצער וועלט אַפילו אַזאַ פּלאַץ דאָ, וואָס זאָל מיר אַזוי ליב און טייער זיין אַמאָל, ווי דאָס הויז, ווי דאָס צימער!”—רעדט ער צו זיך.—„און גאָרנישט... די זון טוט זיך דאָס איריקע. זי פאַרגייט און עס איז נישט איר דאגה, וואָס מיט איר פאַרגייט אויך אין מיר אַ זון... אַ ליכטיקע זון, אַ ליבע זון!.. און פון דאָרט, וו די זון האָט אינדערפרי אַזוי ליכטיק אויפגעשיינט, רוקט זיך איצט די פינסטערע נאַכט אַרויס און דעקט צו דאָס גאַנצע שטעטל אַזוי טרויעריק, אַזוי קאַלט!.. אַך, דו פינסטערע קאַלטע וואָכעדיקע נאַכט! ווּעמען נאָך שרעקט זי איצט אַזוי ווי מיך!.. „שובו רשעים לשאולה!”—שרייט אפשר איצט דער מלאך דומה צו די זינדיקע נשמות. איך האָב נישט געזינדיקט, פאַרוואָס הער איך די שטימע, וואָס שרייט: „צוריק, צוריק!?.. אויס יום-טוב, אויס גן-עדן, צוריק!”—וווהין זאָל איך צוריקגיין? פון דעם ליכטיק ליבן הויז אין יענעם אָרעמען בית-המדרש...”

„ניין, איך קאָן מער אַהין נישט גיין!.. וועמען שאַדט עס דען, אַז איך בין דאָ? וואָס ווילט איר, פעטערס, מומעס? לאָזט אונדז, שטערט אונדז נישט... זייט נישט די שלאַנג אין אונדזער גן-עדן! אַך, שלעכט זענען די מענטשן!.. און גאָט?—מיר איז קיינמאָל זיינע וועגן אַזוי שווער גישט געוועזן צו פאַרשטיין, ווי איצט!.. ווילסטו נישט, רבונו של עולם, מיר געבן אי גן-עדן אי די אשה, וואָס האָט מיר פון עץ-הדעת דערלאַנגט? גוט. איך גיי אַרויס... איך גיי אַוועק פונדאַנען, נאָר גיב מיר מירעלען! גיב מיר דעת, וויסנשאַפט, חכמה, איך זאָל אַליין פאַר מיר און פאַר איר אַ גן-עדן געפינען! כוחות גיב מיר... מיין בענקען און צער צו קאָנען אַריבערטראָגן. מער בעט איך נישט, מער וויל איך נישט!..”

און ווען ער האָט דאָ זיין שווער האַרץ פאַר די פיר ווענט אויסגערעדט, האָט דאָרט, ביים פעטער, די מומע איר פלימעניצע געפאָרשט... און אַ סך משלים דערציילט, וואָס פון אַ צו פריינטלעכן וואָרט, פון אַן איבעריקן קוק קאָן, חלילה, ווערן... מירעלע האָט אַלץ געהערט און געשוויגן, כאָטש זי האָט געפילט, אַז איר בלוט גיסט זיך פון אַלע אָדערן... דער פעטער האָט היינט, קעגן זיין געוויינהייט, זיך אַריינגעמישט אינם ווייבערשן געשפּרעך, און האָט הערשעלען געזידלט, וויפל ער האָט געקאָנט—„אַ שלעפּער, אַ גאָרנישט!”—האָט ער געזאָגט.—„ברוך דער קצב איז אים נאָך צו ווייניק... אַ לייט אַ גרויסער, אַ

שפּאָס! נו, ברוך וועט אים שוין ווייזן ווער עלטער איז, זאָל ער זיך טאַקע מיט אים אָפּרעכענען, אַ מצווה אויף אַזאַ שייגאַץ!

מירעלע האָט שוין דעם גאַנצן כּוח פאַרלאָרן צו שווייגן, און האָט נאָר געלאָזן אויסגערעדט:

—אָבער אייך, פעטער, האָט ער גאָרנישט געטון, וואָס זייט איר אין כּעס?

דער פעטער האָט נישט געענטפערט, נאָר אַ שפּיץ באָרד אין מויל אַריינגענומען, געביסן די האַרטע האָר אָן רחמנות, און אויף מי-רעלען אַ קוק געטון, גלייך ווי ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן: דיין גליק, וואָס דו ביזט ביי מיר אַ גאַסט, אַז נישט וואָלט איך דיר אויך ביידע באַקן אויספּאַטשן, זאָלסט קיין הולטייקע נישט זיין.

מירעלע האָט דעם קוק געפילט און זיך פאַרט געשטאַרקט נישט אַרויסצווייזן איר כּעס, נאָר דאָס האַרץ איז אין איר מיט יעדער מי-נוט אַלץ שווערער און פאַרקלעמטער געוואָרן.

—הערסטו, — האָט ער צו ברײַנדעלען געזאָגט, ווען מירעלע איז מיטן פעטערס קינדער אין אַנדער צימער אַריין, — דו ביזט ווערט אַ פּסק, נישט זי! זי איז אַ קינד מיט קינדערשן שכל, אָבער דו האָסט באַדאַרפט קליגער זיין!... דאָס שווייגן אירס זאָגט מער, ווי דאָס רעדן... איך האָב מורא, זי איז מיט אים צו ווייט פאַרפאָרן!...

ברײַנדעלע האָט געפּרוווט זיך שווערן, פאַרענטפערן זיך און איר קינד, אויך הערשעלען, אָבער דער פעטער האָט זי גאָרנישט גע-לאָזט רעדן. „איך וועל אים די באַקן צופּאַטשן!" — האָט ער גע-שריען. — „סיידן איך וועל אים נישט געפינען! איך גיי באַלד צו דיר הבדלה מאַכן, און ער וועט שוין וויסן דעם הבדל צווישן מיר און ברוכן!..."

ברײַנדעלען האָבן הענט און פיס געציטערט דאָס הערנדיק, זי האָט איר ברודערס כּעס געקענט.—„אַ קשיא אויף אים, ער קאָן אים דערהרגענען!—און אַזאַ שקר בלבול... זי ווייסט דאָך יאָ, אַז ער איז אַ האָר נישט שולדיק. מאַלע, וואָס ברוך פּיאַניצע רעדט אָן! און וואָס וויל מען, נעבעך, פון מירעלען?—ניין, איך טאָר נישט דערלאָזן, עס זאָל אַפילו אים אַ האָר געקרימט ווערן! טאַקע ווילדע חיות זענען די מאַנס-לייט, אַז דער טירוף כאַפּט זיי אָן!"

צו קיין סקאַנדאַל נישט צו דערלאָזן, האָט זיך ברײַנדעלע שטיל פון שטוב אַרויסגעכאַפּט און איז אַהיימגעלאָפן.

—גיי, מיין זון, גיכער אַרויס פונדאַנען!—האָט זי, ווי אַן איבער-געשראָקענע, הערשעלען געבעטן תּיכּף, ווי זי איז אין שטוב אַריין.—פאַרוואָס קומט עס מיר, רבונו של עולם? פאַר מיין גוטס אַזויפיל צער! האָב איך געזינדיקט, וואָס איך האָב דיך מקרב געווען, ווי לאַנג איך קען דיך? און וואָס איז, נעבעך, מיין גוט קינד שולדיק, אַז יעדער מעג אין איר בלוט זיך באָדן!?

הערשעלע האָט זי דערשראָקן אָנגעקוקט.

— וווּנדער זיך נישט. ברוך האָט מיין ברודער אויף דיר אויפ-געבראַכט מיט ליגן, מיט רכילות מסתמא—גיי בעסער אַוועק פונדאַנען, ער קען אָנקומען און זיך וואַרפן שלאָגן. אַ מאַנסביל איז דאָך אַ חיה אַ ווילדע.

—שלאָגן!—האָט הערשעלע אויסגעשריען, און אַ שטראָם בלוט האָט זיך אים אַ גאָס געטון אין זיין בלאַס פּנים אַריין.

— זאָל מיר דאָס שלעכטס באַגעגענען, וואָס ער וועט דיר טון, מיין זון!—האָט ברײַנדעלע אים געטרייסט.—אָט, בעת ער איז אין כּעס, זיי נאָר אים אין די אויגן נישט... ער וועט זיך אָפּקילן, זיך לאָזן רעדן, וועסטו זען, אַז דו וועסט באַלד ביי אים באַלמער תּקיף ווערן, ווי ביז איצט! אַזעלכע מליצים טובים זאָל איך האָבן אויף יענער וועלט, וואָס פאַר גוטע מליצים דו האָסט דאָ, אין מיר און אין מיין גוטער מירעלען! וואָס איז, מיר קענען דיך אַוודאי נישט? מיר גלויבן אפשר אויך ברוך דעם שיכּור, וואָס ער רעדט?

—איך דאַנק אייך, ברײַנדעלע, פאַר אייער חסד! — האָט הער-שעלע מיט אַ צעבראָכענער שטימע ענדלעך אַרויסגערעדט.—איך גלויב אייך און גיי אַוועק, כאָטש איך פיל גוט דעם בזיון אַזוי אַוועקצוגיין... איך בעט אייך, האָט נישט קיין שלעכטע מחשבה אויף מיר, איך האָף נאָך, אַז אייער ברודער וועט מיך נאָך אַמאָל ליב האָבן!

— אַזאַ שלעכטע מחשבה זאָל גאָט פון מיר האָבן, וואָס פאַר אַ שלעכטע מחשבה איך האָב פון דיר!—האָט ברײַנדעלע געזאָגט.—מאָרגן, מיין זון, וועל איך שיקן נאָך דיר, פאַל ביי זיך נישט אַראָפּ, ביזט, חלילה, קיין עלנטער נישט, און וואָס איך ווינטש דיר, מעג אונדז ביידען אָנקומען!... גיי-זשע גיכער, איך ציטער, ער זאָל נישט אָנ-קומען.

הערשעלע האָט נאָך, ווי צום לעצטן מאָל, אויפן שטוב אַ קוק געטון, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט געזעגענען מיט אַלץ, וואָס איז

אים דאָ אַזוי ליב און טייער געוואָרן.

— גריסט אייער גוטער מירעלען! — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע. — זאָגט איר, אַז נישט איך און נישט זי זענען שלעכט און זינדיק, נאָר די מענטשן זענען עס, וואָס קאָנען דעם אַנדערן זיין גליק נישט פאַרגינען!...

ברײַנדעלע האָט נאָך אין זיינע אויגן טרערן דערזען. נאָר ער האָט מיט כּוח די טיר געעפנט, זיך ווי מיט געוואַלד אַ ריס געטון און איז אויפן גאַס אַרויס.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז מירעלע און די מומע מיט אירע קינדער געקומען.

—ווו איז דער פעטער? — האָט ברײַנדעלע געפרעגט אומרויק, טאָמער האָט ער זיך מיט הערשעלען באַגעגנט.

— מיין אַלטער האָט זיך באַגעגנט מיט דעם נייעם איספּראַווניק, האָט ער זיך מיט אים אָפּגעשטעלט רעדן, — האָט די מומע געענטפערט.

—ער וועט אים אַוודאי אַריינבעטן אַהערצו, — האָט ברײַנדעלע געזאָגט. — קלויב צו, מיין טאָכטער, — האָט זי מירעלען געבעטן, — אַ חרפּה פאַר אַן אָדון: ביי מיר איז אַפילו אַ ביסל שפּירט נישטאָ מיט וואָס אים מכבד צו זיין. ער האָט מיר נאָך לאַנג אָנגעשלאָגן, אַז ער וויל קומען ביי מיר פיש עסן, איך ברויך אים אַפילו נישט, נאָר גלייכער, אַז מען איז מיט די לייט גוט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פעטער אַריינגעקומען אַליין, אָן דעם איספּראַווניק. ער האָט באַלד מעריב אָפּגעדאַוונט, הבדלה געמאַכט, און איז נאָך הבדלה אַזוי גוט, אַזוי צערטלעך געווען צו זיין שוועסטער און צו אַלע, און ער האָט אַפילו מירעלען מחילה געבעטן, און זיך פאַרענטפערט פאַר זיינע פריערדיקע רייד.

—וואָס אמת, איז אמת, מעלות האָט ער, קיין שייגאַץ אויך נישט... נאָר גלאַט איך בין אין כּעס אויף הייַנטיקע קינדער, — האָט ער געזאָגט. — ווען איז אונדז אין יענע יאָרן געלעגן אין זינען זיך אויסצופּוצן, עסקים האָבן מיט מיידלעך? מיינסט, איך בין אים חושד, אַז ער האָט טאַקע ברוכס מיידל דעם קאָפּ פאַרדרייט, ווי ברוך שרייט? חלילה, אַזוי וויט נישט, נאָר מחזקות האָט ער יאָ געהאַט, און דאָס טויג שוין נישט. איבעריקנס, איז דאָס גאָרנישט מיין דאגה. יאָ שידוך, נישט שידוך, איך

בין כחויב צו זאָגן מיין דעה. ווילסטו נישט—האָסטו אַ ברירה נישט צו ווען !

מירעלען האָבן זיך פון פעטערס ווייכע טרייסטנדיקע רייד, נישט ווילנדיק, גרויסע טראָפּנס טרערן אָנגעהייבן צו קייקלען איבער אירע ברענענדיקע באַקן.

— וואָס איז דיר, מיין קינד, מיין טאָכטער ? — האָט ברייג־דעלע צוזאַמען מיטן פעטער געפרעגט, און זיך באַמיט זי צו באַ־רויקן.

נאָר איר איז אַלץ ערגער געוואָרן. מען האָט זי געשפּריצט, גע־וואַשן מיטן שטאַרקן עסיק, זי האָט שטיל געוויינט, אַפילו ענטפערן נישט געקאָנט. שפּעט ביינאַכט ערשט איז זי איינגעשלאָפן און דער פּע־טער מיט דער מומען זענען אַוועק אַהיים.

הערשעלע איז אויפן גאַס אומגעגאַנגען, ווי אַ צעמישטער. — עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען. „איך האָב באַדאַרפט בלייבן,״ — האָט ער צו זיך גערעדט. — „און אפשר איז אַזוי גליי־כער...״ און געדאַנקען בייזע זענען אים אויפן זינען אַרויף — „טאָמער וועט מירעלע די פּיל בזיונות נישט אַריבערטראָגן און וועט אפשר נאָכ־געבן !...״

„ניין, ניין! זי האָט געשוואָרן, גאָט איז דער עדות !...״ און ער בעט גאָט, ער זאָל אים כוח געבן אַלע נסיונות ביי׳צושטיין, אַלע בזיונות — אַריבער׳צוטראָגן... ער באַרויקט זיך אַ ביסל און גייט אַלץ ווייטער, אָט איז ער ביים בריק... דאָס וואַסער איז נאָך גרויס און דער טייך שטראָמט און טראָגט מיט אַן אומגעהייערן כוח... געמישטע געדאַנקען לויפן אים דורכן קאָפּ. — „וווהין פליסט דאָס וואַסער ? ווער טרייבט עס ? וואָס איז דער צוועק פון דעם לויפן ? וואָס קאָכט דאָ און טראָגט דאָ אַזוי?... וואָס איז דער מענטש? וואָס איז ער קעגן דעם כוח, וואָס באַוועגט און טרייבט דאָס אַלץ אַזוי ?״— און אים קומט אַ שרעקלעכער געדאַנק אַריין אין קאָפּ: זיך אין דעם אומגעהייערן כוח אַריינצוואַרפן, אַוועקשווימען, אַוועקגעטראָגן ווערן אַהין ווייט, אויסגע־מישט ווערן מיט דעם געוואַלטיקן עלעמענט, וואָס רוט נישט און גייט זיך זיין וועג גלייך און פרעגט ביי קיינעם נישט... „אַך, ווי גוט עס איז, ווען עס איז קיין ברירה נישט!...״—רעדט ער צו זיך—„איך בין אָבער אַ מענטש, אַ בעל-בחירה... איך מוז אַליין גיין, אַליין זיך טראָגן !.. אָבער ווו איז מיין ברירה, ווען אַנדערע שטייען מיר אין וועג?״ און ער קוקט

װידער אויפֿן שטראָז, ביז עס הייבט אים אָן דער קאָפּ צו שווינדלען: עס דאַכט אים אַלץ, ער הערט אַ שטימע פֿון טייך אַרויס, וואָס זאָגט: „זעסט, ווי מיר איילן, ווי מיר ווערן געטריבן! אַהער, מיט אונדז, אַהין ווייט, ווייט—שטיי נישט, אַ שפּרונג און שוין!..” און אַן אומבאַגרייפלעכע קראַפט ציט אים צום וואַסער... „וואָס וועט זיין?”—פרעגט ער ביי זיך.— „איז נישט גלייכער גאָר אַ סוף צו מאַכן?” ער הייבט די אויגן אויף און אים דאַכט זיך, ער זעט עפּעס אַ פיגור פון אַ פרויענצימער, מירעלע דאַכט זיך, אין ווייסן אָנגעטון, טרויעריק דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן... דער ווינט צעוואַרפט פון אַלע זייטן די שיינע לאָקן אירע, די הענט פאַרבראָכן גייט זי טרויעריק אין דער לענג טייך מיטן ברעג צוגלייך און זוכט עפּעס. — וואָס זוכט זי, וועמען זוכט זי?... „זוך נישט, מירעלע, איך בין דאָ, איך לעב!”—שרייט ער אויס, לויפט פון בריק אַראָפּ און איבערצייגט זיך, אַז דאָס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט אַזוי... ער גייט אַוועק פון דעם שרעקלעכן אָרט, גייט און ווייסט נישט וווהין, ביז ער קומט צו, נישט ווילנדיק, צו בריינדעלעס שטוב. די לאָדן צוגעמאַכט, קיין ליכט-שיין זעט זיך נישט, עס איז שטיל... און אים דאַכט זיך פּאָרט, ער הערט אַ געוויין. ער שטרעקט שוין אַ האַנט אויס, אין טיר אָנצוקלאַפּן, —כאָטש ביים דינסטמיידל אַ פרעג טון: וואָס איז דאָ געשען? וואָס טוט מירעלע? עס פעלט אים אָבער מוט און ער לאָזט די אויסגעשטרעקטע האַנט צוריק אַראָפּ. —„נעכטן האָב איך נאָך אויך גערוט אונטער דעם ליבן דאַך,”—רעדט דאָס האַרץ צו אים... און היינט, היינט?.. טרערן הייבן אים אָן שטיקן, דאָס האַרץ קלעמט, און ער מוז זיך אויפן גאַניק אַראָפּלאָזן, אין חלשות נישט צו פאַלן. עס הייבט אַ רעגן אָן צו קאַפּען. ער פילט די טראָפּנס, וואָס פאַלן אויף אים, נאָר עס קימערט אים נישט און ער לאָזט רעגענען אויף זיך. פון מינוט צו מינוט ווערט אָבער דער רעגן שטאַרקער, און נישט ווילנדיק הייבט ער זיך אויף און גייט גלייך צום בית-המדרש. די טיר איז אָפן, ווי אַלעמאָל. ער קומט אַריין אויסגעווייקט פון רעגן, קיינער זעט אים נישט. עס שלאָפן שוין לאַנג אַלע. ער פילט זיך מיד און שוואַך, עס ציטערן אים הענט און פיס. פרוווט ער זיך צוזעצן אָפרוען. אָבער דער קאָפּ רוט נישט, און דאָס האַרץ הערט נישט אויף צו קלעמען... עס קומען אים טויזנטער געדאַנקען אַרויף אויפן זינען... ער דערמאָנט זיך די טרויעריקע געשיכטע פונם ווילנער „באַלעבעסל...” אים דאַכט זיך, ער זעט אים איצט אין בית-המדרש אומגייענדיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען, פאַרטראַכט

און טרויעריק איז זיין שיין פנים—„ווייסט ווער, וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך? פילט ווער, וויפל איך לייד?...—דאַכט זיך אים,—ער הערט דעם באַלעבעסלס רייד: „איך ווייס, איך פיל!...״ „מיר איז אפשר נאָך ערגער!״—שטאַמלען הערשעלעס ליפּן ציטערנדיק אַרויס, און ער הייבט אָן פלוצלונג שטיל צו זינגען דעם באַלעבעסלס ניגון פון דער סליחה „עודדגו בצדק משוי ממים!״ וואָס אַ מינוט ווערט זיין שטימע אַלץ טי־פער, שטאַרקער און רירנדיקער, ביז עס האָבן זיך אַלע ישובה־בחורים פון שלאָף אויפגעכאַפּט, און באַרוועסע און נאַקעטע צוגעלאָפן צו אים, און אים ווילד אָנגעקוקט.

—וואָס איז דיר, הערשעלע?—פרעגט דער ווילנער דערשראָקן,—זע, ווי אויסגעווייקט נאָס דו ביזט?

הערשעלע ענטפערט נישט און זינגט ווייטער. פלוצלונג רייסט זיך די שטימע אָפּ, ער פאַלט דעם ווילנער אויפן האַלדז, דריקט צו זיין געזיכט אויף זיין חברס אַקסל און צעוויינט זיך מיט אַ קראַמפּהאַפטן כליפּ. דער ווילנער ווערט צעמישט, וויל זיין ליבן חבר באַרויקן, גלעט אים, דריקט אים די קאַלטע ציטערנדיקע האַנט און שרייט צו די איבע־ריקע:

—וואַסער, אַ ביסל קאַלט וואַסער! חמורים, וואָס שטייט איר?

אַלע לויפן צום כיור: ער איז טרוקן. אין גאַנצן בית־המדרש אַ קאַפּ וואַסער נישטאָ. אַלע ווילן העלפן און ווייסן נישט, וואָס צו טון.

—ברוך טבח, ימח שמו! — זאָגט איינער שטילערהייט.—ער האָט אים אַוודאי אָנגעכאַפּט און געשלאָגן... אַ דונער זאָל אים איינשלאָגן!

ענדלעך געלינגט דעם ווילנער זיך כאָטש צוצווזעצן מיט הער־שעלען, און בעט אים גלעטנדיק: „רעד אויס דיין האַרץ פאַר מיר! דאגה בלב איש ישחנה!״—ברענגט ער אים אַ ראיה פון אַ פּסוק. — „מיר מעגסטו זאָגן!״

—גאָרנישט. גאָרנישט!—ענטפערט הערשעלע כליפּענדיק.—אָ, ווי ווילט זיך מיר איצט שטאַרבן!

פלוצלונג דערהערט מען עפּעס שווערע טריט אין בית־המדרש, און איידער זיי קוקן זיך אַרום, שטייט שוין פאַר זיי אַן אָדון מיט אַ קו־קאַרדע, מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן.

— ווער זייט איר? וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער געפרעגט אויף זיין לשון מיט אַ דיקער שטימע, ווי אין גרימצאָרן.

מאַנכע ייִנגלעך האָבן זיך אַרויסגערוקט, די איבעריקע האָבן אים מיט ציטער אָנגעקוקט: „ווי הייסט, ווער זענען מיר, וואָס טוען מיר דאָ?...״

— פּאַספּאָרטן האָט איר?

עס איז שטי, מען הערט נאָר, ווי עס קלאַפּט ביי אַ עמעצן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— נעמט זיי!—האָט דער אָדון אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די פּאָליציאַנטן.

אַ פּאָר בחורים זענען דורך די פענסטער אַרויס און אַנטרונען געוואָרן, דאָס רוב האָבן זיך געלאָזט טרייבן, ווי די געפאַנגענע.

— עמך אָנכי בצרה! — האָט דער ווילנער הערשעלען געזאָגט, זיין האַנט נישט אַרויסלאָזנדיק. — ברוך האָט עס אונדז צוליב דיר צוגעדינט.

הערשעלע האָט זיך צוגעדריקט צו זיין חבר נענטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל אים מיט אים נישט צעשיידן. אין פּאָליציי אָבער האָט מען הערשעלען אַוועקגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, און דעם ווילנער האָט מען אַריינגעזעצט אין אַרעסטאַנטסקע מיט אַלעמען צוזאַמען.

צום דאַווענען האָט דער בית-המדרש געקאָכט. מען האָט פון חזן אַ וואָרט נישט געקאָנט הערן. אומזיסט האָט דער גבאי, מירעלעס פעטער, צו חזרת הש״ץ, געקלאַפּט אויף זיין שטענדער. דער עולם האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן, און אויסער דעם גבאי אַליין האָט קיינער אפילו קיין אָמן נישט געענטפערט.

— אַזאַ נבלה! אַזאַ אַקט! דאָס איז ברוכס אַרבעט, ימח שמו! אים אַרט עפּעס דער חילול השם?..

דער ראש-ישיבה האָט געבראָכן די הענט און טענות געהאַט צום גבאי: וואָס שווייגט מען? וואָס טוט מען נישט? פּדיון שבויים!— אַ חרפּה פאַר דער גאַנצער שטאָט... אויף דעם אופן קען, חלילה, פון דער גאַנצער ישיבה אַ תל ווערן!

— באמת,—האָבן זיך אַרויסגערופן אַ פּאָר עלטערע באַלעבאַטים, צוטרעטנדיק צום גבאי.—עפּעס זייט איר דאָך אונדזער גביר, אונדזער

מנהיג, ווי לאָזט איר אַזאַ נבלה געשען? און גאָרנישט!—

דער גבאי האָט זיך קאַלט און רויק „אשרי ובא לציון" געזאָגט וואָרט ביי וואָרט און נישט געענטפערט ביז נאָך „עלינו".

— שרייט נישט,—מאַכט ער צו זיי און לייגט זיך צונויף זיין טלית גאַנץ רויק. — מען עסט זיי נאָך דאָרטן נישט אויף... יש דין ומשפט בארץ, מען פאַרשיקט נישט גלאַט איבער אַ טרונק קאַלט וואַסער. איך גיי שוין געוואָר ווערן. דער אָדון אַליין וועט מיר זאָגן, וואָס ער וויל, ווער האָט עס געמסרט... וואָס קלערט איר, צי איך וועל זיי אַרויסנעמען!..

דער עולם האָט זיך באַרויקט. מען האָט געוווסט, אַז ער איז אַ תקיף ביי דעם אָדון, און אַ האַלב שטעטל יידן האָבן דעם גבאי באַגלייט אין פּאָליציי אַריין. אַריינגעלאָזן האָט מען נאָר אים אַליין, און דער גאַנצער עולם איז געבליבן שטיין אויפן גאַס, דערוואַרטן די ישועה. מען האָט דערוויל השערות געזאָגט, געשאָלטן ברוכן און דערקלערט, אַז דאָס איז נאָר זיין נקמה אָן הערשעלען, פאַרוואָס ער האָט חרטה אויפן שידוך. אינמיטן רעדן איז ברוך אָנגעקומען, אַ צושראָקענער און אַן איבערראַשטער. ער האָט ערשט אין גאַס דערהערט די גאַנצע געשיכטע און לויפט ערשט ראַטעווען, ראשית כל דבר, הערשעלען.

אַן אַלטער ייד איז אָנגעפאַלן אויף אים מיט כעס: „דו פּושע ישראל! דו גראָבער יונג! דו ביזט ווערט, מען זאָל דיך קורע כדג זיין ביום כפורים שחל להיות בשבת!"

ברוך האָט דעם פשט פון די ווערטער נישט פאַרשטאַנען און תמעוואַטע געפרעגט: „וואָס ווילט איר? וואָס בין איך שולדיק?"

— אַז עס וואָלט געווען יד ישראל תקיפה, ביזטו ווערט, דו חמור איינער, מען זאָל דיך קבורת חמור פאַרשרייבן פאַר אַזאַ מסירה!

אומזיסט האָט ברוך געשוווירן, אַז ער ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן. אַדרבה, עס מעג אים מי יודע וויפל קאָסטן, וועט ער וויניקסטן הערשעלען באַפרייען. מען האָט אים נישט געגלויבט און מיט ראיות אויפגעוויזן, אַז דאָס איז נאָר זיין אַרבעט. ברוך האָט פון כעס זיי אַלעמען געזאָגט: „אין טאַטן אַריין!" און האָט זיך אָנגעהייבן דינגען מיטן פּאָליציייסקן פאַרן טיר, ער זאָל אים אין פּאָליציי אַריינלאָזן. אַ פּאָר פּאָליציייסקע האָבן גענומען טרייבן דעם עולם, עס האָט אָבער

נישט געהאָלפֿן — זענען צוויי וואָך אין אַ זייט, זענען באַלד צען אַנדערע צוגעקומען פֿון אַן אַנדערער זייט, און דאָס רעדל איז אַלץ גרעסער געוואָרן. ענדלעך איז דער גבאי אַרויס און געזאָגט דעם עולם: „עס איז מיר אפֿילו שווער אָנגעקומען, אָבער איך האָב געפּועלט, אינגאַנצן געפּועלט!..״

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען טאַקע אַלע ישיבה-בחורים אַרויסגעלאָזן. מען איז זיי באַפֿאַלן מיט טויזנטער שאלות און קשיות. אַז הערשעלע איז דאָ נישטאָ צווישן זיי, האָט נאָר דער ראש-ישיבה אַליין באַמערקט.

— און ווו איז הערשעלע?—האָט ער דעם גבאי געפֿרעגט מיט אַ שווער געמיט.

— השומר הערשעלע אָנכי?—האָט דער גבאי געענטפֿערט.

— סטײַטש, איר זאָגט דאָך, מען האָט אַלעמען באַפֿרײַט!

—דאגהט נישט פֿאַר אים,—האָט זיך דער גבאי אָפּגערופֿן,—ער איז קיין נעבעכל נישט. ער האָט באַלד שכל געהאַט „נותן בּיד״ צו זײַן... מען האָט אים לכתּחילה אַרעסטירט נישט גלײַך מיט אַלעמען, כּדי אים צו קאָנען תּיכּף אַרויסלאָזן.

— און טאָמער נישט?

— אַז איך זאָג יאָ, איז יאָ!.. הערט איר, קינדער, — האָט זיך דער גבאי געווענדעט צו די אַרויסגעלאָזענע שבויים, — זייט, ראשית, קיין שקצים נישט... פֿאַרשטייט איר, וואָס איך מיין?.. שנית, זאָלט איר זען ביז אַ חודש צײַט פֿעסער צו באַקומען פֿון דערהיים! שלישית, ווער עס קאָן קיין פּאַס נישט באַקומען, זאָל שוין אַוועקפֿאָרן. היינט גראָד האָב איך געפּועלט, אָבער נאָכאַמאָל—זאָג איך אײַך נישט צו—געדענקט! פּטור בּלי כּלום אי אפשר...

וואָס ער ד׳האָט געמיינט מיט די לעצטע ווערטער, ד׳האָט דער עולם נישט איבערגעקלערט. איינער דעם אַנדערן האָט נאָר געפֿרעגט: „וואָס וואָלט געווען, ווען אונדזער גביר וואָלט געווען גלײַך צו אַנדערע און וואָלט נישט געזאָרגט פֿאַרן כּלל?..״

ברוך האָט זיך דערוווּסט, אַז הערשעלע זיצט נאָך, אַז פֿאַר אים האָט דער גבאי נישט געבעטן און אַזוי ווי ער האָט קיין פּאַס נישט, וועט מען אים מיטן עטאַפּ מסתּמא אָפּשיקן אַהיים. ער האָט געפּרוּווט בעטן און צוזאָגן וואָס מען וויל, אַבי מען זאָל אים אויך אַרויסלאָזן, עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן—דערווײַל האָט

שוין דער זייגער דריי געשלאָגן און ברוך האָט זיך דערמאַנט, אַז דער תּפוס, נעבעך, האָט נאָך אַוודאי אין זיין מויל נישט געהאַט. ווי אַ פייל פון בויגן איז ער אַהיים אַוועק, געכאַפּט דאָרט באַ׳ד אַ טעפּל עסן און לויפנדיק צוריק, האָט ער אין גאַס געקויפט זעמל, טיי מיט צוקער, אַ פּאָר פּאַמעראַנצן פאַר אַ גילדן, און פאַר אַ זייטל קאַלבנפלייש, וואָס ער האָט צוגעזאָגט נאָך היינט צו ברענגען דעם סעקרעטאַר, האָט מען אים צום געפאַנגענעם צוגעלאָזן. טרערן האָבן זיך ברוכן אין די אויגן געשטעלט, אַז ער האָט אין דעם שמוציק פינסטערן קליינעם צימערל דעם טויט־בלאַסן הערשעלען דערזען.

— הערשעלע! — האָט ער אַ געשריי געטון, און דאָס טעפּל עסן איז אים שיער פון האַנט נישט אַרויסגעפאַלן. — זאָרג נישט, הערשעלע, עס מעג מיר אַ האַלב לעבן קאָסטן, איך מוז דיך באַלד באַפרייען פונ־דאַנען!

הערשעלע האָט אים שטאַר און טרויעריק אָנגעקוקט.

— איך האָב שוין אַזאַ פינסטער מזל, — האָט ברוך כּמעט מיט אַ וויינענדיקער שטימע ווייטער גערעדט. — פאַר מיין גוטס ווער איך שטענ־דיק אַזוי אָפּגעדאַנקט!.. דו מיינסט אויך אַוודאי, אַז דאָס האָב איך דיר צוגעדינט... הערסטו, זאָל מיין געביין אין אַסטראָג צעפוילט ווערן, זאָל איך גאָרנישט דערלעבן מער אַרויסצוגיין פונדאַנען, אויב איך האָב ביז איצט געוווּסט אַפילו, וואָס דאָ איז געשען! — נאָר וואָס קלער־סטו, דער אמת מוז, ווי בוימל אויפן וואַסער אַרויפשווימען! זאָל איך דיך נאָר אַרויסנעמען, וועסטו שוין אַליין זען... דערוויייל ביזטו, נע־בעך, פאַרשמאַכט און צעשראָקן... עס איז אַ פּחד אויף דיר אַ קוק צו טון. נעם עס עפּעס!

הערשעלע האָט זיך צום עסן נישט צוגערירט.

— נישט ברײנדעלע, דיין גואלטע, האָט זיך דערמאַנט דיר עסן צו ברענגען, נאָר איך, ברוך, דיין שונא, ווי דו מיינסט, האָב דיר עסן געבראַכט! טו מיר צוליב, הערשעלע, עס עפּעס, דערקוויק זיך. באַלד וועט מען דיר אַריינטראָגן אַ טשייניק הייס וואַסער. טיי און צוקער האָב איך דיר דאָ געבראַכט.

הערשעלע האָט ווידער ברוכן אָנגעקוקט, נאָר אין זיינע אויגן האָבן זיך גרויסע טראָפּנס טרערן באַוויזן. עס שיינט, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער די ליפּן האָבן זיך אים קראַמפּהאַפט פאַרצויגן און ער האָט דאָס פּנים אין ביידע הענט באַהאַלטן... ברוך האָט זיין געלט־

בייטל אַרויסגענומען, אַוועקגעלייגט לעבן הערשעלען אַ הויפֿן קליינ-געלט.

— נעם!—מאַכט ער.—ביז וואַנען, וואָס, ווען, זיי לאָטש נישט אָן אַ קאָפּיקע! איך בעט דיך, עס עפּעס! ווי דו זעסט מיך לעבן, איך האָב אַליין נאָך אין מויל קיין טראָפּן קאַלט וואַסער היינט נישט געהאַט, און איך גיי פֿונדעסטוועגן נישט אַהיים, איך מוז דיך פֿריער באַפֿרייען. דער-נאָך וועל איך עסן! זיי זשע אַ מענטש און רייב אַריין די סעודה! הער-סטו, עסן איז קודם כל, אַז מען עסט, האָט מען כּוח אַלע צרות אַריבער-צוטראָגן!.. עס אָפּ, קינד איינער, וואָס האָסטו מורא? נישט פֿאַר אַגיבה האָט מען דאָך דיך אַריינגעזעצט! זיי מיר געזונט, איך לויף צום אָדון אַהיים!

מיט די רייד איז ברוך אַרויס פֿון צימערל און איז געלאָפֿן צום אָדון אַהיים, טאָמער וועט ער דאָ זיך לאָזן בעסער רעדן.

דער ראש-ישיבה האָט ערנסט געגלויבט דעם גבאי, אַז הערשעלע איז נאָך פֿריער פֿאַר אַלעמען באַפֿרייט געוואָרן, נאָר ער איז אומרויק געווען, טאָמער ליגט ער ערגעץ אַ פֿאַרשמאַכטער באַהאַלטן און האָט מורא אַרויסצוגיין. דעריבער האָט ער צוזאַמען מיט דעם ווילנער אים געזוכט אין אַלע בתי-מדרשים, אויפֿן שול-ביידעם, און אומעטום, וווּ אַ ישיבה-בחור קען נאָר איינפֿאַלן זיך צו באַהאַלטן. ער האָט אים אָבער אין ערגעץ נישט געפֿונען.

— הערט איר, רבי,—דאָט דער ווילנער אַ זאָג געטון,—מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז הערשעלע זיצט נאָך! אַי, וועט איר פֿרעגן: ווער האָט דעם גבאי געצוויט צו זאָגן אַ ליגן? איז דאָס אויך קיין קשיא נישט... טעמו ונמוקו עמו... ער האָט אַ טעם הערשעלען אָנצולערנען... און איך האָב מורא צו זאָגן, אַז די גאַנצע געשיכטע שטאַמט טאַקע פֿון אונדזער פּודה ומציל אַליין!..

— וואָס רעדסטו?—האָט זיך דער רבי אַ כאַפּ געטון, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון.—אַ ייד אַ מופלג, אַזאַ איש נכבד... חס ושלום, החושד בכשרים לוקה בגופו — איך גלויב עס אַפֿילו אויף ברוכן נישט!

— איר וועט האָבן אַ סימן, רבי, אַז מיין השערה האָט אַ יסוד!—האָט דער ווילנער זיינס באַשטאַנען.—לאָמיר פּרוון אַריינגיין צו ברייני-

דעלען, כּלומרשט אַ פרעג טון, צי ער איז בײַ איר דאָרט, וועט איר עפּעס הערן!...

דעם ראש-ישיבה האָט זיך נישט געגלויבט... און ער איז פאָרט געגאַנגען.

ברײַנדעלע איז נאָך אויפן גאַס היינט נישט אַרויס, און האָט נאָך פון גאָרנישט געוווּסט.

—גוואַלד! וואָס איז דאָס פאַר אַ גזירה!—האָט זי אַ געשריי געטון, נישט אויסהערנדיק דעם סוף, וואָס דער ראש-ישיבה האָט איר דערציילט.—דאָס מוז זײַן ברוכס אַרבעט! וואָס זאָגט דער גבאי, מײַן ברודער, וואָס זאָגט דערצו?

—פריער גאָט ברוך הוא, דערנאָך—אונדזער גבאי!—האָט דער ראש-ישיבה געענטפערט.—ער האָט אַלעמען שוין באַפרײַט!

— געלויבט איז ער!—ווייסט איר, אַ שטיק נשמה האָט איר בײַ מיר צוגענומען!—האָט ברײַנדעלע אויסגערעדט און דעם אָטעם פרײַער אָפּגעצויגן.—צום שלים-מזל קאָן איך היינט פון שטוב נישט אַרויסגיין: מײַן מירעלע, זאָל מיר געזונט זײַן, ברענט פון האַלבער נאַכט אָן ווי אַ פײַער, צי אַן עין-הרע, צי, חלילה, אַ פאַרקילונג... זי איז מיר גאָר אַ חרובה, נעבעך. אַ ווייטיק איז מיר נישט, עס האָט איר מער נישט געפעלט, זי זאָל זיך דערוויסן, אַז מען האָט הערשעלען אַרײַנגעזעצט! וואָס ווייסט איר, רבי, דעם חן, וואָס ער האָט בײַ אונדז!—קעגן וואָס זאָג איך דאָס? יאָ, איך וואָלט אַליין געלאָפן אין פּאָליצײַ אַרײַן אים אַרויסנעמען, אַז איך וואָלט געקאָנט פון מײַן קראַנק קינד אַוועקגיין—נאָר אַ דאַנק גאָט, וואָס ער איז לייז! ווו-זשע איז ער אַצינד?

—ער ליגט אַוודאי באַהאַלטן ערגעץ, אַ נישט-געגעסענער מסתמא... מיר זוכן אים שוין פון צוועלף אַ זייגער אָן, —האָט דער רבי געענטפערט.

—נאַרעלע, וואָס האָט ער מורא?—האָט ברײַנדעלע געלאַכט.—טאָמער זעט איר אים, בעט איך אײַך, רבי, שיקט אים אַהערצו—זאָל ער נאָר קיין מורא נישט האָבן. מיר האָט זיך נעכטן נאָר אויסגעדאַכט, אַז דער ברודער מײַנער איז אין כּעס אויף אים. שפּעטער האָט ער, דער ברודער מײַנער, אַדרבה, כּל טוב גערעדט אויף אים. נאָר איך, נאַרישע יידענע, האָב געמיינט, אַז אָט לויפט ער און שלאָגט אים שוין... זאָגט אים, רבי, זאָל ער קומען... קראַנקערהייט האָט, נעבעך, מײַן מירעלע שוין עטלעכע מאָל געפרעגט, צי איז ער געקומען עסן היינט? זאָל

אַזוי איר רפואה אָנגעגרייט זיין, ווי עס שטייט אין קיך זיין עסן אָב־געגרייט פון אינדערפרי אָן! איך זשאַלעווע אים נישט... ער איז מיר ליב, ווי מיין אייגן קינד, געוואָרן.

— נישט צו פאַרשטיין!..—האָט דער ראש־ישיבה דעם ווילנער געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון ברייַנדעלען.—ווי זאָלן מיר דאָ לערנען דעם פשט, ממה נפשך: זאָל איך זאָגן, אַז דאָ איז עפּעס געווען אַ מין מעשה, וואָס דער גבאי דאַרף אויף אים אין כעס זיין, איז דאָך אַ קשיא: וואָס דערציילט עפּעס ברייַנדעלע אַזוי בתמימות פון דעם חן, וואָס ער האָט ביי איר. ווי דען זאָל איך זאָגן, אַז וואָס? נאָכאַמאָל, אַז וואָס? אַז עס איז קיין מעשה נישט געווען — איז דאָך ווידער אַ קשיא: טאָ וואָס זענען דאָס פאַר דבורים:—„זי האָט געמיינט איך ברוג־דער איז אין כעס,״ „אָט שלאָגט ער אים שוין?״ הא, איז דאָך די משמעות, אַז ער האָט, אפנים, געהאַט פאַרוואָס אין כעס צו זיין!.. דערסטו, דאָ איז אַ גרויסער, אַ צריך עיון... און ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, לאָמיך אַ גיי טון אין פּאָליציע אַריין, טאָמער זיצט ער טאַקע.

דער ראש־ישיבה האָט אַפילו נישט פאַרגעסן, אַז ער קאָן אַ וואָרט רוסיש נישט, נאָר—„ווי שייך, וועט זיך דאָרט נישט געפינען אַ ייד, וואָס זאָל פאַרטייטשן די אדונים, וואָס איך וויל?״—האָט ער באַ־רעכנט, און אויסטועענדיק די כובע אין קאָרידאָר, איז ער אויף קידוש־השם אין פּאָליציי אַרייַנגעגאַנגען. דער ווילנער האָט מורא געהאַט אין אַ מקום סכנה זיך צו שטעלן, האָט ער בעסער אָפּגעוואַרט ערגעץ אין אַ טויער...

דער ראש־ישיבה האָט טאַקע ברוכן געטראָפן.

—וואָס הערט זיך?—האָט ער ברוכן געפרעגט.

—וואָס זאָל זיך הערן? כאָטש רעדט צו דער וואַנט, זיי ווילן נישט הערן און נישט וויסן פון אַרויסלאָזן!—האָט ברוך געענטפערט און פון עגמת־נפש האָבן אים די ליפּן געציטערט.

—פון אַרויסלאָזן?—האָט דער ראש־ישיבה איבערגעפרעגט.—איז דאָך די משמעות, אַז ער זיצט טאַקע!

— וואָס דען האָט איר געמיינט? מען האָט אים גוט באַגראָבן... אַ ברייטע טיר אַריין, אַ שמאָלע אַרויס!—האָט ברוך אויסגעזיפצט.

—היינו דאמרי אנשי,—האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט.—„אַז איי

נאָר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קענען צען קלוגע נישט אַרויס-נעמען !..."

—רבי, איר מיינט אפשר, אַז איך בין דער נאַר ? — האָט זיך ברוך אַ כאַפּ-געטון. — קומט אַהער, הערט, אדרבה, וואָס דער קטנער אָדון דערציילט, וועט איר וויסן, ווער עס האָט די קאַשע פאַר-קאָכט !...

—וואָס וועל איך הערן, עס איז אַ חלול השם, געגוג חרפה און בזיון!.. — האָט דער ראש-ישיבה אויסגעקרעכצט. — פירט מיך בעסער אַריין צו אים, זאָל ער כאָטש זען, אַז מען גיט זיך מי, אים צו באַפרייען.

—איך וואַרט דאָ אויפן אָדון-הגדול אַליין,—האָט ברוך געענט-פערט,—גייט צו צו יענער טיר, זייט „נותן-ביד" ה' קטנים, וועט אייך דער „אנשי-חיל" צולאָזן.

דער ראש-ישיבה האָט אָבער מורא געהאַט אַליין צוצוגיין צום „אנשי-חיל," און ברוך האָט געמוזט אים צופירן און איז באַלד צוריק אין פּאָליציי געלאָפן. ער האָט מורא געהאַט דעם אָדון-הגדול נישט צו פאַרשפעטיקן.

דער זעלנער, וואָס שטייט ביי דער טיר, האָט דעם ראש-ישיבה נאָר צו דער מיט קראַטעס באַשלאָגענער לאָך פון טיר צוגעפירט, אָבער אין צימער נישט אַריינגעלאָזן.

—הערשעלע ! — האָט דער גוטער רבי אַ געשריי געטון, אַז ער האָט דורך די קראַטעס זיין געפאַנגענעם, ליבן תלמיד דערזען.

—רבי ! — האָט הערשעלע געענטפערט.—אַז ער האָט זיין רבינס שטימע דערהערט און איז צום פענסטערל צוגעלאָפן.

טרערן האָבן זיך איןביידנס אויגן באַוויזן, און פון איבעראַשונג האָבן זיי ביידע אַ וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן.

—אוי לי שראיתיך בכך!—האָט דער רבי אויסגעזיפצט.

הערשעלע האָט אין אָנהייב געשוויגן, נאָר פלוצלונג האָבן זיינע אויגן אַ בליץ געטון מיט יענעם פייערל, וואָס דער רבי פלעגט אין זיי זען ביי יעדער האַרבע קשיא צום שעור אין דער גמרא.

—אשרי שראיתני בכך!—האָט הערשעלע אַ זאָג געטון, און האָט זיין קערפּער אויסגעגלייכט.

דעם ראש-ישיבה האָט זיך געדאַכט, אַז זיין תלמיד איז אין דער מינוט מיט צוויי קאָפּ העכער געוואָרן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט דער רבי פאַרוווּנדערט גע-פרעגט. — ביזטו דען רבי עקיבא, וואָס איז אויף קידוש השם גע-זעסן?

—בין איך נישט רבי עקיבא, בין איך יוסף!...—האָט הערשעלע מיט מוט געענטפערט.—געדענקט איר, רבי, יענעם „מכירת יוסף", וואָס איך האָב צום סיום געשפּילט? פון דעמאָלט אָן, רבי, שפּילט מיין מזל מיט מיר דאָס אייגענע שפּיל אויף אַן אמת!.. ווי יוסף, האָב איך חן געפונען אין פאַרשידענע אויגן, אָן מיין אייגענער שולד, און ווי יוסף, זיץ איך איצט, ווי אַ געפאַנגענער, אפשר גאָר פאַר אַ שקר-בלבול... איר וועט זען, רבי, איך וועל נאָך, ווי יוסף אַמאָל אַ גרויסער לייט ווערן און מיט גוטס באַצאָלן פאַר אַלע רעות, וואָס מען טוט מיר איצט!..

—הלוואי, איך ווינטש דיר בוודאי!—האָט דער רבי, דערמונטערט פון הערשעלעס פעסטן מוט, געענטפערט. — טאַקע אזוי, דו דאַרפסט נאָר אויסגעלייזט ווערן פונדאַנען, וועט דיר דאָס זיין רבי-געלט... ווערסטו טאַקע אָוועקפאָרן קיין וואָלאָזשין, אָדער דאָ גופא זיך פעסט אַ נעם טון צום לערנען בהתמדה, וועט באמת פון דיר אַ לייט אַרויס-וואַקסן!...

—האָט נישט קיין טעות, רבי, און זאָגט ברוכן אויך, ער זאָל קיין טעות נישט האָבן,—האָט הערשעלע ווייטער צו רעדן אָנגעהייבן.—נישט אין וואָלאָזשין וועל איך פאָרן, נאָר אין אויסלאַנד, רבי! שטודירן וועל איך פאָרן... חכמה און דעת וועל איך לערנען, נישט נאָר גמרא אַליין, וואָס מאַכט אַ מענטשן נאָר שטענדיק צו זיין אַ תלוי בדעת אחרים!... בין איך דען ביז איצט אַליין אַ מענטש געוועזן? האָב איך דען אויף מיין „איך" אַ דעה געהאַט? יענער האָט מיר עסן געגעבן, יענער האָט אויף מיר אַ דעה געהאַט!.. האָט יענער געוואָלט, האָט ער מיך, ווי אַ גנב, אין דעם פינסטערן חדר אַריינגעזעצט! ווו איז די בחירה מיינע, וואָס די חקירה-ספרים זאָגן, אַז יעדער מענטש איז זי מחויב צו האָבן? וואָס פאַר אַ מענטש בין איך, אַז אַפילו דאָס, וואָס איז מיר ליבער, ווי מיין לעבן, קאָן איך נישט באַשיצן, נישט נעמען און נישט טון?...—ניין. אויס פון היינטיקן טאָג אַזאַ אומגליקלעכע באַשעפעניש צו זיין. אַ מענטש מוז איך ווערן!.. — נאָר חכמה און דעת מאַכן דעם מענטשן פאַר אַ מענטש. חכמה און דעת מוז איך זוכן!... איצט, רבי, פאַרשעלט מיך, זייט מצדיק אויף מיר את הדין—ה' לי ולא אירא!

עס האָט געדויערט עטלעכע מינוטן, איידער דער ראש-ישיבה איז צו זיך געקומען פון אַזעלכע אומפּאַרהאָפטע דבורים. ער האָט אין אָנהייב געמיינט, אַז דער מוח איז הערשעלען געריררט געוואָרן און ער ווייס אַליין נישט, וואָס ער רעדט, נאָר ביסלעכווייז האָט ער דערקענט, אַז ער רעדט עס ערנסט, און ער האָט זיך געווונטשן: הלוואי הערט ער עס בעסער פון אַ משוגענעם!..

— אוי לאָזנים שכך שומעות! — האָט ער אויסגעזיפצט.—הבטלה מביאה לידי שעמום?.. אַ חידוש, אַז דיר האָט זיך דער מוח נישט געררדט: אַ גאַנץ יום-טוב, זאָגט מען, האָסטו אַ ספר אין האַנט נישט אַריינגענומען... און דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז די טייטשישע בגדים, וואָס דו האָסט אָנגעטון, וועלן דיך צו קיין גוטס נישט פירן... אַ יצר הרע איז אויף דיר אָנגעשטאַנען, און זע ווי שוואַך דו ביזט, אַז אָט דעם קליינעם נסיון קענסטו שוין נישט בייַשטיין, און ווילסט, חלילה, ווערן אַ כופר באלקי ישראל!.. חזור בך תלמידי! לאָז זיך פון יצר הרע נישט פאַרפירן!—האָט ער געטענהט און געוואָלט אים מיט חקירה און מיט ראיות אויפווייזן, אַז זיינע רייד האָבן קיין טעם און קיין ריח נישט.

אָבער אין דער רגע איז דער זעלבער צוגעגאַנגען און האָט דעם אַלטן יידן פון טירלאָך אַוועקגעטריבן.—„גענוג זיך אָנגעבאַלאַקעט פאַר פינף קאָפּיקעס!"—האָט ער געזאָגט.—„פּאַשאָל וואָן!"

צי איז דער זעלנער גופא אַ שליח געווען, צי טאַקע דער יצר הרע בכבודו ובעצמו אַליין, וויל דער ראש-ישיבה נישט שווערן. נאָר אַז דאָס איז אַ מעשה שטן געווען, הערשעלע זאָל זיין תוכחה נישט אויסהערן און נישט טון קיין תשובה, איז אים ברור כשמש... אַרויסגיי-ענדיק, האָט ער ברוכן געזאָגט:

—ווער דאָס האָט געטון, ווייס איך נישט. נאָר אַז דער, וואָס האָט אים אַריינגעזעצט, האָט מקריב געווען אַ נפש אַ טייערן אויפן מזבח פון דער טומאה, פון דער קליפּה, רחמנא לצלן—ווער איך שווערן!..

ברוך האָט עס נישט פאַרשטאַנען און האָט אָנגעזאָגט דעם ראש-ישיבה, אַז ער האָט, לכל הפחות, געפועלט, מען זאָל אים דאָ נאָך האַלטן עטלעכע טעג. אפשר וועט מען קענען באַקומען פאַר אים אַ פּאַס. ביידע זענען אַהיים געגאַנגען, איינער געטרייסט אַ ביסל, דער אַנדערער—אָן טרייסט, אָן האָפענונג, גלייך ווי מען גייט פון אַ לוויה צוריק.

* * *

עטלעכע מיידלעך, קרעמערקעס, וועלכע געדענקען נאָך יענעם ביום-טעאַטער, ווו די ווילדע מדינים האָבן אויסגעשלעפּט דעם שיינעם געבונדענעם יוספן אין מצרים פאַר אַ קנעכט צו פאַרקויפן — האָבן אויף מאָרגן גאַנץ פרי, בעת זיי זענען געגאַנגען זייערע קראָמען עפענען — געזען, ווי מען האָט פון פאָליציי עטלעכע צוזאַמענגעשמידטע אַרעסטאַנטן אַרויסגעפירט, זיי פאַרביי די קראָמען פאַרבייגעטריבן, און איינער פון זיי, אַ יונגער, אין נייע שיינע קליידער אָנגעטון, איז אַזוי ענלעך געווען צו יענעם יוספן, אַז מאַנכע, וואָס זענען נאָכגעלאָפן אַ קוק טון, האָבן דערנאָך מיט טרערן אין די אויגן געשוווירן, אַז דאָס איז טאַקע ער אַליין...

— בלאַס און טויט איז זיין געזיכט געווען, — האָבן זיי דערציילט, — דעם קאָפּ האָט ער אַלץ געקערט אַהינצו, ווו ברײַנדעלעס הויז איז.

צי האָט ער געהאָפט, אַז ברײַנדעלע וועט אים קומען ראַטעווען, צי האָט ער זיך געזעגנט מיט דער, וואָס איז אים אין דעם הויז ליב געווען — ווייסן זיי נישט — נאָר קוקנדיק אויף די גרויסע טראָפּנס טרערן אין זיינע שיינע אויגן, האָט דאָס האַרץ געקאָנט צוגיין פון רחמנות... און איין גאָט האָט געמעגט זיין עלנט צוזען!"

פאַרלאַג „אחיספר״, וואַרשע.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסניי אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינלייטונגען.

שוין דערשינען:

I באַנד — **הנאהבים והנעימים** אדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל, 356 זייטן.

II באַנד — **אבן נגף** אדער אַ שטיין אין וועג
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

III באַנד — **הערשעלע**
יאָסעלע

IV באַנד — **פאַליק און זיין הויז**
קריזיס

V באַנד — **וועלטגעשיכטע**
פיר טייל. 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

VI ב. אַרטיקלען און זכרונות וועגן יעקב דינעזאָן

VII ב. אַלטער (ראָמאַן). **VIII** ב. קינדערשע נשמות

IX באַנד יאָסל אַלגעברניק

X באַנד אם הבנים אדער די שיינע רחעלע (ראָמאַן)

XI באַנד מעשיות בכל יום (ראָמאַן)

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער״ וואַרשע, נאַלעווקי 2a

יעקב דינעזאָן

יאָסעלע

דערציילונג

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

יאסעלע

א.

רב בערל נאמן איז אַ מלמד, אַ מוצלח אין שטאָט.

ביי אים אין חדר לערנען, זינט ער איז פון אַ נאמן אין דער טאַקסע אַ מלמד געוואָרן, לויטער באַלעבאַטישע קינדער.

— ר׳ בערל, — רעדן מיט קנאה אַלע אנדערע מלמדים, — איז אַ מוצלח, נישט מער ווי אַ מוצלח; כאָטש ער לערנט זיך נישט איבער מיט זיינע תלמידים, הייסט ער אַ בעל-פּועל, און כאָטש ער שלאָגט, ווי אַלע, און שמייסט אויך, ווי דער שטייגער איז, הייסט ער אַ גוטער, אַ דעתן, ווי מיט ציטעריקע קינדער אומצוגיין. און די הצלחה שפּילט אים: עס איז אַ כבוד אַ קינד צו ר׳ בערלען אין חדר אַוועקצוגעבן.

און ר׳ בערל פאַרשטייט טאַקע, ווי זיינע תלמידים צו שלאָגן, און ווייס נאָכמער, ווי מיט זייערע טאַטע-מאַמעס צו קנעלן...

לייבעלע, ר׳ שלמה בעל טאַקסעס בן-יחיד, מעג דעם גאַנצן חדר קאַפּויר איבערקערן, מאַכט זיך ר׳ בערל נישט זעענדיק און בייזערט זיך אפילו צו הויך נישט אָן אויף אים.

ער ווייס, ווי ציטעריק, ווי טייער לייבעלע איז ביי זיין מאַמען שיינדעלע, און ווי גרויס איר נחת איז, אז ער, ר׳ בערל, קומט מיט איר מאַן אַמאָל שבת פון שול אויף ברכה צו איר, און ער דערציילט איר, וואס פאר אַ קלוג, שטיל קינד איר לייבעלע איז, אָן עין-הרע, ביי אים אין חדר... און ער חידושט זיך נאָר, וואס האט מען אים לכתחילה אַזוי גרויס די אימה געמאַכט, אז לייבעלע איז אַ שטיפער, אַ קאַפּריזנער און עס וועט אים שווער זיין אויסצוקומען מיט אים אָן אַ קלאַפּ.

— איך ווייס נישט, — זאָגט ר׳ בערל, זיך וואונדערנדיק, — ביי מיר איז ער שטיל ווי אַ טייבעלע, פאָלגט, לערנט און וויל לערנען,

אַן עין־הרע. און זאָל לייבעלע זאָגן, צי שלאָג איך אים, צי בייזער איך זיך אפילו אויף אים? און באמת פאַרשטיי איך גאָרנישט, צו וואס שלאָגט מען אַ קליין קינד אין חדר? שלאָגן איז קיין שכל נישט! נאָר שכל דאַרף מען האָבן, און אין מלמדות, זאָג איך אייך, ליגט אַ שכל גדול...

מיט דעמזעלבן שכל טענהט זיך ר׳ בערל אויס שטענדיק מיט מנשה מילנער, וואס האט טענות צו אים פאר זיינע ביידע בנים, וואס לערנען שוין דעם דריטן זמן ביי אים און קענען נאָך אלץ נישט רעכט עברי זאָגן.

— אדרבה, — מאכט בערל און דערקלערט מנשהן זיין טעות, — אדרבה, וואס שווערער עס גייט צו מיט עברי, אלץ גרינגער, וועט איר זען, וועט צוגיין אין חומש מיט רש״י. דאס איז דאָך דבר ידוע, אז דווקא די גרויסע לומדים, די שארפע קעפ קענען אַ וואָרט עברי נישט. און וואס דארפט איר מער ראיה: אונדזער רב, זאָל געזונט זיין, איז דאָך געוויס אַ גאון און אַ חריף, און פונדעסטוועגן זאָגט ער נישט ולחידך באהבה אַנשטאָט ולי׳חדך באהבה? און וואס איז די מעשה, מיינט איר? פשוט, ווייל אַ גוטער קאָפּ טראַגט נישט אויף אַ קלייניקייט, וואס ליגט אין דעם קיין שכל נישט... אָט זעט איר, אין חומש, אין טרעפן אַ רש״י־קשיא, בין איך אייך מבטיח, וועלן אייערע קינדער ערשט אַרויסווייזן די פעולה, וואס איך טו מיט זיי. קעפלאך האָבן זיי פייער!..

אפילו איצי שניטקרעמערס מזיק, וואס האט דעם נאָמען משה׳לע מזיק נאָך אינדערהיים באַקומען, און וואס אפילו אין חדר איז אים קיין מעשה נישט צו קליין, און אָט־אָט, דאכט זיך, האט ער שוין דעם רבין פון געדולד ארויסגעבראכט, און ר׳ בערל הייבט אויף דעם קאַנטשיק צו באַווייזן אזא שייגאץ, ווי פאר אַ רבין דרך־ארץ צו האָבן, פאַלט דער קאַנטשיק זעלטן אויף משהלען, און טרעפט שטענדיק אומגערן יאָסעלען, כיענע דער שמשטעס יינגל, וואס האט די זכיה אין חדר ביי אַ ברעג טיש צו זיצן, ר׳ בערלען רבי אָנצורופן, כאָטש לערנען מיט אים פארגעסט זיך ר׳ בערל זייער אָפט.

יאָסעלע, אַ שטיל אויסגעמאָגערט קינד, כאַפּט דעם קלאַפּ אַמאָל גאר גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט צו דעם שוין געווינט געווען, און אַמאָל גיט ער אויך אַ געשריי און פארצאפּלט זיך.

— נאַרעלע, — מאכט דער רבי צו אים אין אזא פאַל, — וואס

ווייכסטו? נישט דיך האָב איך דאָך געמיינט; אָט דעם שייגאָץ האָב איך געוואָלט טרעפן, צו אים האָב איך אַ טענה! און דו מזיק, — ווענדט ער זיך צו משהלען, — מיינסט, אַז איך האָב דיך היינטיקס מאָל נישט געטראָפן, ביזטו שוין פּטור? זאָג אים, יאָסעלע, אַז דער עיקר איז נישט דער שמיץ, נאָר די כּוונה, פאַרשטייסט?..

כאָטש יאָסעלע פאַרשטייט עס נישט, נאָר גענוג כאָטש אַ גוט וואָרט פונם רבין — און ער באַרויקט זיך.

אַמאָל, כאָטש זעלטן, טרעפט אויך, אַז ר׳ בערל ווערט אָנגעצונדן אויף אַלע יינגלעך אין חדר. שטיפנדיק דאָס ווער פון זיי אַ שויב אויסגעבראָכן. ר׳ בערל ווייס, דאָס איז זיין היזק... צוואַנציק קאָפּיקעס, נישט געגעסן נישט געטרונקען, — שרייט די רביצן, — אַ ריס אין הארצן! זי ווייס אויך, אַז די מאמע פונם שולדיקן יינגעל וועט נאָך אין כּעס ווערן, אַז מען וועט קומען מאָנען פאַר אַ שויב אָן אויסגעבראָכענער אין חדר. אָדער עס טרעפט נאָך ערגער: משהלע מזיק האָט אין טאָפּ דאָס גאַנצע זאַלץ אַריינגעשאָטן, בעת די רביצן האָט זיך אויף אַ רגע פון טאָפּ אָפּגעקערט. זי פאַרזוכט, שפּייט אויס און שרייט:

— אָזעלכע משומדים! ווו איז געהערט געוואָרן — אָנשיטן אין טאָפּ זאַלץ, כּדי דער רבי זאָל נישט האָבן וואָס צו עסן?! נאַ, פאַר־זיך, — דערלאַנגט זי דעם רבין דעם לעפל, — וועסטו נחת האָבן פון דיינע ליבהאַרציקע תּלמידים!

דער רבי נעמט דעם לעפל צום מויל, שפּייט באַלד אויס און גיט אַ געשריי: „ביז איינעם! אַלעמען שמייסן, ווער דאָס זאָל נישט זיין, אַז בלוט וועט שפּריצן!"

— יאָסעלע! — גיט ער אַ רוף דאָס אָרימע קינד, וואָס זיצט אין אַנדערן חדר און וויגט צו דעם רבינס קינד. — גיי נאָר אויפן הויף, לעבן מיסט בערגל וואַלגערן זיך, דאַכט מיר, אַ פּאָר אַלטע בעזימס. קלייב אויס עטלעכע גוטע ריטלעך, טראָג אַריין, וועסטו זען, ווי זיי וועלן שפּרינגען אויסן הויט.

יאָסעלען זאָגט דאָס הערצל, אַז נאָך פריער פאַר אַלעמען וועט ער די ריטער פאַרזוכן; נאָר נישט גיין, נישט פאָלגן האָט ער מורא. ער ווייס פון פּראַקטיקע, אַז פאַר זיך לאָזן בעטן כאַפּט ער אַ פּאָר שמיץ מיטן קאַנטשיק ביז די שמיץ פון די ריטער; און ער גייט און טראָגט אַריין.

עס טרעפט אָבער, ווען יאָסעלע זיצט אַ הונגעריגער, די מאמע

האט היינט נישט געהאט, אויסער א שטיקל טרוקן ברויט, וואס אין חדר אים מיטצוגעבן, דער רבי איז גראָד איצט אויפגעבראכט אויף דער רביצן, וועלכע האט טענות צו אים, וואס איר דערגייט נישט דאָס און יענץ, און אין אזא רגע, אז ווער פון די נגידישע ציטריקע קינדער ברענגט אים פון געדולד אַרויס, פאַלט דער קאַנטשיק אויף יאָסעלעס רוקן מיט אזא כּוח. אונגערן, דאַכט זיך, אז דאס קינד גיט נאָר איין האַרצרייסנדיקן געשריי, ווערט שוואַרץ און בלוי, און עס גערדווירט עטלעכע סעקונדעס איידער עס דערהערט זיך זיין ווייבען און כליפּען שטילערהייט.

דער רבי לאָזט אים אין אזא פאַל אויסוויינען זיך, נאָר אז עס געדויערט אַמאָל צו פיל, גיט ער אַ געשריי:

— שטיל! קיין אוק נישט מער! אַ יחסן וועסטו זיין ביי דיין מאַמען! ביי מיר אין חדר האב איך פיינט יחוס, נישטאָ קיין יחסנים! געקוילעט האָב איך איהם? אַ פליג אפשר, אי דאס אומגערן, האב איך מיטן קאַנטשיק אים פון רוקן אַראָפּגעטריבן, קען ער זיך גאָר־נישט איינשטילן!..

אַמאָל, כאָטש זעלטן, טרעפט אויך, אז ר׳ בערל ווערט אָנגעצונדן אויף אלע יונגלעך אין חדר, שטיפנדיק האט ווער פון זיי אַ שויב אויסגעבראָכן, ר׳ בערל וויס, — אז דאס איז זיין היזק...

— צוואַנציק קאָפּעקעס, נישט געגעסן נישט געטרונקען, — שרייט די רביצן, — אַ ריס אין האַרצן!

— זי וויס אויך, אז די מאַמע פונם שולדיקן ייִנגל וועט נאָך אין כּעס ווערן, אז מען וועט קומען מאָנען פאַר אַ שויב, אן אויסגע־בראָכענע, אין חדר. אָדער עס טרעפט נאָך ערגער: משהלע מזיק האט אין טאָפּ דאס גאַנצע זאַלץ אַריינגעשאָטן, בעת די רביצן האט זיך אויף אַ רגע פון טאָפּ אָפּגעקערט. זי פארזוכט, שפּייט אויס און שרייט:

— אַזעלכע משומדים, ווו איז געהערט געוואָרן אָנשיטן אין טאָפּ זאַלץ, כּדי דער רבי זאָל נישט האָבן וואס צו עסן?! נאַ, פארזוך, דערלאַנגט זי דעם רבין דעם לעפל, וועסט נחת האָבן פון דיינע ליבהאַרציקע תּלמידים!

דער רבי נעמט דעם לעפל צום מויל, שפּייט באַלד אויס און גיט אַ געשריי:

— ביז איינעם! אַלעמען שמייסן, יהיה מי שיהיה, אַז בלוט וועט שפּריצן!

— יאָסעלע! — גיט ער אַרויף דאָס אָרעם קינד, וואָס זיצט אין אַנדערן חדר און וויגט צו דעם רבינס קינד, — גיי נאַר, אויפן הויף לעבן מיסט-בערגל וואַלגערן זיך, דאַכט מיר, אַ פּאָר אַלטע בעזעמס, קלויב אויס עטלעכע גוטע ריטלעך, טראָג אַריין, וועסטו זען, ווי זיי וועלן באַלד שפּרינגען אויפן הויט.

יאָסעלען זאָגט דאָס הערצל, אַז נאָך פריער פאַר אַלעמען וועט ער די ריטער פאַרזוכן, נאָר נישט גיין, נישט פאָלגן האָט ער מורא. ער ווייס פון פּראַקטיקע, אַז פאַר זיך לאָזן בעטן כאַפּט ער אַ פּאָר שמיץ מיטן קאַנטשיק עד לחשבון די שמיץ פון די ריטער, און ער גייט און טראָגט אַריין.

דער רבי נעמט צו די ריטער, פּאַכעט מיט זיי אין לופטן, איין אימה צו ווארפן אויף זיינע תּלמידים.

— נו, וואָס וואַרטסטו? — פרעגט ער יאָסעלען, וועלכער האָט מורא אַוועקצוגיין וויגן דאָס קינד, ווי ביז אַהער, — גיכער, שפּילע אָפּ די הייזלעך, וועל איך טאַקע דיך דעם ערשטן אָפּשמייסן און דערנאָך זיי אַלעמען, ביז איינעם!

— רבי, נישט איך האָב עס געטון, איך האָב גאָר חיהלען געוויגט, — פּרוּווט זיך יאָסעלע אָפּבעטן. — פרעגט די רביצן, איך בין אפילו פון חדר נישט אַרויס!

— אַלצאיינס! — ענטפערט דער רבי און מאַכט זיך קוראַזש — איך פרעג נישט, ווער האָט עס יאָ געטון, ווער נישט... אַז איך שמייס אַלע יונגלעך אין חדר, ביזטו אויך נישט בעסער פאַר אַן אַנדערן. גיכער, לאָז זיך נישט בעטן, וועסטו בעסער מאַכן!

יאָסעלע ווייס, עס וועט שוין קיין וויינען נישט העלפן. ער פאַרלייגט די הענטלעך פון הינטן און הייבט אָן לויז צו מאַכן די הייזלעך.

די הייזלעך פאַרלאַטעטע, פאַרטשאָפּעטע, אָן קנעפּלעך, נאָר צוגעבונדן דאָ און דאָרטן, זיי זאָלן אים פון לייבעלע נישט אַראָפּפאַלן, לאָזן זיך אַזוי גיך נישט לויז מאַכן, און דער רבי רופט אויס:

— ווער עס וועט העלפן די הייזלעך אום אַראָפּלאָזן, וועט בעקומען מיט פינף שמיץ ווייניקער!

אַ פּאָר ייִנגלעך וואַרפן זיך העלפן אפּבינדן פאַרשידענע קניפּלעך. יאָסעלע בלייבט שטיין האַלב נאַקעט.

— לייג זיך! — קאָמאַנדעוועט דער רבי.

יאָסעלע לייגט זיך און טרערן גיסן זיך אויפן בענקל. דער רבי פאַרייסט דאָס העמדל העכער. דאָס גאַנצע לייבעלע זעט זיך אַרויס, צעפּינטעלט און צעביסן... אויפן רוקן ליגן נאָך די סימנים פון נעכטיקן קאַנטשיק אין בלויע אָנגעלאָפענע פּאַסן.

— האט דיך די מאמע אדער דער טאַטע געשמיסן הייַנט, צי נעכטן? — פרעגט פלוצלינג דער רבי.

— די מאמע האט מיך נישט געשמיסן, רבי, דער טאַטע אויך נישט, — ענטפערט יאָסעלע.

— ליגנער! אָט זענען נאָך די סימנים, מיט אַ שטריק צופּאַסעוועט דיין לייב! — ווייזט ר׳ בערל מיטן האנט אויף די אָנגעלאָפענע פּאַסן.

— אוי, רבי, דאָ טוט מיר ווי נאָך פון נעכטן, פון אייער קאַנטשיק! — וויינט יאָסעלע.

— אַ ליגן, אַ בלבול! — שרייט ר׳ בערל, ווען שלאָג איך? סיידן על-פּי טעות, אומגערן!

— אומגערן, ווי איך בין אַ ייד, אומגערן? — פאַרענטפערט זיך דאס אָרעם קינד, נאר עס העלפט נישט.

— פון אומגערן ווערן קיין סימנים נישט, — דערקלערט דער רבי, — דו ווילסט נאָר אַ בלבול מאַכן! פאר בלבולים אָבער וועל איך שמייסן. געדענקט קינדער, ווער עס מאכט אַ בלבול אויף מיר, אז איך שלאָג, ווערט געשמיסן!

— ווער עס וועט דעם „בלבול-מאכער" צוהאַלטן פאר די פיס, וועט הייַנט פּטור זיין פון שמייסן! — רופט דער רבי ווידער אויס — אַלע ייִנגלעך כאַפּן זיך פאר דער מצווה.

— איינס, צוויי, דריי! — ציילט דער רבי די שמיץ — אזוי שמייסט מען ייִנגלעך, וואס ברעכן אויס אַ שויב, שטיפנדיק! פיער, פינף, זעקס — וואס שיטן זאלץ אריין אין רבינס וואַרעמס!.. זיבן, אכט, ניין! און נאָך שטאַרקער שמייס איך פאר בלבולים, פאר ליגנס, אז איך שלאָג, אז איך מאך סימנים אויפ׳ן לייב. געדענקט עס, קינדער, פאר אַ בלבול נעם איך די הויט אראָפּ!

יאָסעלע שרייט, צאַפּלט זיך, בייסט דאָס בענקל פאר ווייטיק, ביז דער רבי לאָזט אים אָפּ, און טראָגט אים צו די רוט אַ קוש טון.

די ליפּעלעך פאַרברענט, אין די ווינקלען זעט זיך פאַרבאַקן בלוט, דאָס גאַנצע פּנימל נאָך אויסגעשמירט פון טרערן, ער ציט גיך די הייזלעך אַרויף, וויינט שוין נישט, נאָר דאָס הערצל הייבט זיך און כליפּעט.

— וויש אָפּ דאָס פּנים און קום לערנען! — הייסט דער רבי.

יאָסעלעווישט דאָס פּנים מיטן אַרבל, דעם רבין געפעלט עס נישט און שיקט אים אין קיך, זיך גוט אָפּוואַשן, נאָר איידער יאָסעלע וואַשט זיך, כאַפּט ער דאָס קווערטל מיט וואַסער און טרינקט מיט דורשט, דאָס הערצל ברענט און די צונג איז פאַרטריקנט פון שרייען.

— זאָג! — הייסט דער רבי, און יאָסעלע זאָגט דעם חומש מיט אַלע טייטשווערטער, געדענקט אַלע אויסרעדן, ווען־נישט־ווען רייסט זיך נאָך אַרויס אַ כליפּ, אַ שלוקערץ. ר׳ בערל הערט זיך איין און באַרויקט דאָס קינד אײַנגאַנצן.

— אָט אַזוי, גאָר אַנדערע דבורים! — מאַכט ר׳ בערל, גלייך ווי פריער וואָלט נישט אַזוי געווען. — זעט איר, איצט זאָגט ער דעם חומש אַ מחיה צו הערן, נאָר שמייסן מוז מען אויך אַמאָל! פאַרשטייט איר, שקצים? — שרייט ער צו די איבעריקע קינדער. — מען מוז שמייסן, ערשטנס: מען זאָל נישט ווילד ווערן, גאָר שויבן ברעכן, גאָר זאַלץ אָנשיטן און איבערפירן אַ מיטיק, דער רבי זאָל נישט האָבן וואָס צו עסן! מיינט נישט, עס וועט אייך נאָכאַמאָל געשענקט ווערן! די הויט וועל איך אַראָפּשינדן! און איצט גייט עסן וואַרעמעס.

— וואָס גייסטו נישט? — פרעגט דער רבי יאָסעלען שוין גאָר גוט.

— היינט קאָכט די מאַמע קיין וואַרעמעס נישט, — ענטפערט יאָסעלע און פון הערצל רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער ווידערקלאַנג פון די פריערדיקע געשרייען זיינע.

— גאַנץ גוט! — וועסט צוהאַלטן דאָס קינד, ביז איך וועל קומען! — זאָגט די רביצן, דערלאַנגט יאָסעלען דאָס קינד און אַליין לויפט זי אַרויס עפּעס כאַפּן אין קרעמל פאַר איר מאַן וואָס צו עסן.

ב.

יאָסעלע איז ביי זיין מאַמען, כיענע די שמשטע, אַן ערשט ייִנגל געווען, נאָכדעם ווי זי האָט שוין פריער פינף מיידלעך געבוירן. דריי פון זיי, וועלכע זענען, אַפּנים, די קליגערע געווען, האָבן באַלד איינגעזען, אַז נישט טאַטע און מאַמע און נישט די גאַנצע וועלט פרייען זיך מיט זייער דאָ זיין, האָבן זיי שכל געהאַט זיך אָפּצוטראָגן קליינערהייט, איטלעכע מיט אַן אַנדער אויסרייד: איינע פון קרופּ, די אַנדערע פון שווערע מאָזלען און דאָס דריטע איז אויף אַ שכל געפאַלן און גאָר אַרויפגעקערט אויף זיך אַ טאָפּ קאָכעדיק וואַסער, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט גוט אָנגעשריגן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, האָט זי אויך אָפּגעזאָגט איר חלק ירושה די נאָך צוויי לעבן־געבליבענע שוועסטער און האָט אויפגעהערט צו שרייען.

כיענע, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געפרייט מיט זייער לעבן, האָט פונדעסטוועגן שטאַרק געוויינט און געקלאָגט אויף זייער טויט, קיין טרייסט צו זיך נישט צו געלאָזן, ביז גאָט האָט איר צער צוגעזען און איר צוגעשיקט אַ זעקסט קינד, אַ ייִנגל, און דאָס איז יאָסעלע.

— איך האָב צו דיר, רבונו של עולם, קיין טענות מער!—האָט כיענע געזאָגט, אויף יאָסעלעס ברית. — מיט איין האַנט שטראָפסטו דעם זינדיקן בשר ודם, מיט דער אַנדערער — טרייסטו אים. מסתמא ווייסטו דאָך, לעבעדיקער גאָט, אַז איין יונגעל איז ביי אַ מאַמען אַזוי טייער ווי דריי מיידלעך... איך האָב ביי דיר אַ ייִנגל געבעטן, האָסטו ביי מיר צוגענומען דריי האַלב אויסגעוואַקסענע מיידלעך, ליכטיקע קינדער, ווי די זון, און האָסט מיר אַ ייִנגל געגעבן. איך דאַנק דיר, האַרציקער פאָטער, דו ביזט גערעכט, דיין משפט איז גערעכט! גיב־זשע דעם קינד יאָרן און זיי מזכה די מאַמע זיינע אים אויסצוהאָדעווען צו לאַנגע יאָר, צו תורה, צו חופה און צו מעשים טובים!

און ווי גרויס איז כיענעס שמחה געווען, אַז יאָסעלע האָט צום יאָר אָנגעהייבן גיין! קוים האָט ער צו רעדן אָנגעהייבן האָט זי אים, צוגלייך מיט די ערשטע ווערטער „טאַטע”, „מאַמע”, אויך אַ ברכה אויסגעלערנט מאַכן „שהכל נהיה בדברו”, און יאָסעלע האָט פון יענעם טאָג אָן אפילו איר ברוסט אָן אַ ברכה נישט געזויגן.

צו צוויי יאָר האָט יאָסעלע שוין געקענט „מודה אני” זאָגן, צו

דריי יאָר האט ער דעם גאַנצן אלף־בית מיט אַלע נקודות געוווסט, און ביז פינף יאָר האט שוין כיענע, פון איר גאַנצן תורה־רעזערוו נישט געהאַט וואָס נאָך איר ליב קינד איבערצוגעבן, וואָס עס האָט שוין פון איר ביז איצט לאַנג נישט אויסגעלערנט, און כיענע האט אָנגעהייבן טראַכטן יאָסעלען צו אַ גוטן רבין אוועקצוגעבן אין חדר אריין. נאר עס קומט אויס ווי מען זאָגט: אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

גראָד צו דער צייט האט איר דאס גרויסע אומגליק געטראָפן. לויפנדיק אין אַ ווינטעראָוונט צוזאַמענקלויבן דעם עולם צו אן אסיפה אין בית־המדרש, ווו איר מאַן איז שמש געווען, האָט ער זיך צוגע־קילט און באַקומען אַ לונגען־אנצינדונג. גאָט האט אפילו רחמנות גע־האַט, נישט געלאָזט אָירע קינדער אָן אַ טאטן, ער איז לעבן געבליבן, אָבער די שמשות האט ער פארלוירן, וואָרעם ער איז שוין געבליבן אַ קראנקער צעבראָכענער ייד, וואס הוסט גאנצע טעג די נשמה ארויס.

יידן זענען נישט אָן רחמנות און אַ גאנצע שטאָט — נישט אָן יושר, און מען האט אים זיינע פינף גילדן אַ וואָך שכירות ווייטער געצאָלט; אבער דעם עיקר הכנסה: אַ חתונה, אַ ברית, אַ יאָרצייט, האט שוין צוגענומען דער נייער שמש. דערצו דערמאנט זיך נאָך דער רבונו של עולם כיענען אן אלטן חוב אָפּצוצאָלן, און צו אזא ביטערער צייט שיקט ער איהר צו אַ קינפּעט מיט צוויי יינגלעך א צווילינג — איר צו באווייזן, מסתמא, אז זי האט א טעות געהאט, ווען זי איז אים חושד געווען, אז ער האט ביי איר דריי מיידלעך פאר איין יינגל צוגענומען. אָט האט זי דריי פאר דריי און זאל זי צו אים קיין טענות נישט האבן! כאטש באמת האט כיענע, זינט יאסעלע איז געבוירן געווארן, קיינמאל איר הוב ביי אים נישט געמאנט און קיין טענות צו אים נישט געהאט, נאר מיט גאָטס גאב ווארפט מען זיך נישט. זי האט ווי עס איז געמאַכט צוויי בריתן אין איין טאג און די קינדער געמוזט האדעווען.

אין אזא ביטערע לאגע האט זי שוין פון צאלן א מלמד שכר־לימוד פאר יאסעלען נישט געקענט מער טראכטן אפילו, און קוים איז ברוך, דער מאן אירער, ווי עס איז פון בעט אראב, האט זי אים מכבד געווען לערנען מיט יאסעלען.

— שוין צייט, דאס זעקסטע יאר, ביז הונדערט מיט צוואנציק, א יינגל!

ברוך איז אויך געזונטערהייט געווען אַ בייזער טרוקענער ייד און אַ קפדן אַ גרויסער, וואס דערפאר האט ער קיינמאָל נישט גע־קענט מאַכן זיך אַ קנעלונג ווי אנדערע שמשים, בפרט איצט, אז ער איז אַ חולה, האלב הונגעריג און אים שטיקט דער הוסט אן רחמנות, האט ער זיין אייגן קינד נישט געשאָנעוועט און פאר יעדע קלייניקייט פלעגט ער אויסלאָזן זיין ביטער הארץ צו אים.

כיענע פלעגט נישט פארשוויינן. פאר יעדן קלאַפּ, וואס ער פלעגט יאָסעלען געבן, פלעגט זי אים באלד שיקן אַ קללה:

—„אָפּגעדארט זאָלן ביי אזא טאטן ווערן די הענט, וואָס גיט איין אייגן קינד אזא זעץ! אייגעשלאָגן זאָלסטו ווערן פון גאָט, פאַרוואס די שלאָגסט דאס עלנטע קינד, גלייך ווי עס וואָלט, חלילה, אַ ממזר געווען".

נאר וואס מער כיענע האט געשאָלטן, אלץ מער האט דער קראנקער טאטע דאס קינד געפייניקט און געשלאָגן, און קיין חזן, אַ בעל־בכיה, האט ביים עמוד ימים נוראים קיינמאָל אזוי פיל טרערן נישט פאַרגאָסן, וויפל ביטערע טרערן דאס אָרעם קינד פלעגט יעדן טאָג פארגיסן ביי יעדן מאָל דאַווענען פאַרן טאטן.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, — האט אַמאָל כיענע גאָר מיט גוטן געפרעגט איר מאַן, — פארוואס שלאָגסטו אים אזוי?

—פארוואס ער איז אַ פויער, אַ גראָבער קאָפּ, אן עשו! — האט ער אויך מיט גוטן געענטפערט.

— מיט אַ זעלכע קינדער פויערים און גראָבע קעפּ מעג גאָט בענטשן אלע יידישע מאמעס! — ווינטשט כיענע.

— און דאס איז ביי דיר נישט אַ גראבער קאָפּ אפשר? — פרעגט דער טאטע — אַ וודאי צען מאָל האב איך אים געזאָגט, אז מען דארף גוט מתיז זיין דעם זין פון „למען תזכרו", איז ער אזוי מתיז, אז עס קומט ביי אים ארויס דווקא למען תשכרו און נישט תזזכרו!

— טישקערע־מישקערע! — קרימט כיענע איבער, — איך האב גע־מיינט מי יודע וואס ער פאַרשטייט דארט נישט... גאר בדלות בין איך, אז ער וועט דיין טישקערע־מישקערע איבער אַ יאָר קענען!

— קרים איבער, כיענע, ווי אַ גוי קרימט איבער אַ יידיש וואָרט, שעמען דארפסטו זיך! פּע, אַ חרפה, ווי איך בין אַ ייד! יידענע, דער דין איז דאָך אזוי, זע אין שלחן־ערוך!

— אָבער צו וואס לערנט מען גאָר מיט אַ קינד אזעלכע דינים, וואס זיין יונג מוחל קען עס נאך נישט באנעמען? — פרעגט כיענע,

— דערפאר זאג איך דאָך, אז ער איז אַ פויער! — ענטפערט ער.

— און ווייסן דען דעם דין אלע יינגלעך אין זיינע יאָרן? — פרעגט זי, ווי זיך פערענטפערנדיק, וואס זי האט איבער געקרימט.

— וואס גלייכסטו אונדזער יאָסעלען צו אַנדערע קינדער? — דער־קלערט דער שמש. — ער מעג שוין זייער רבי זיין, פאַרשטייסטו? פאר אים טאָר קיין זאך נישט צו שווער זיין, ווייל ער איז אַ ווילד יינגל, און דו אליין ווילסט דאָך, ער זאָל זיין אַ למדן, אַ מופלג טאקע אַ למדן, אָט מוז מען אים שלאָגן... די תורה הקדושה פליט אליין אין קאָפּ נישט אַריין, מען מוז זי אין קאָפּ אַריינשלאָגן... מיך האט מען אויך געשלאָגן און אפשר נאָכמער, ווי איך שלאָג אים. און הלוואי לאָזטו נאר, ווי איך בין זיכער, אז יאָסעלע וועט אַמאָל נאָך זאָגן: געזונט זאלן זיין דעם טאטנס הענט, וואס האָבן מיך געשלאָגן, דע־ריבער קען איך טאקע!

די האָפענונג, אז יאָסעלע וועט נאך זיין אַ מופלג אַ למדן, ווי ברוך אליין זאגט, גיט איר כוח צוצוקוקן, כאָטש מיט אַ ווייטיק אין הארצן און טרערן אין די אויגן, ווי איר מאַן פייניקט איר טייער קינד, ווי ער הייסט אים איבערזאָגן איין ענין צען מאָל, קניפּט אים און בוקעט אים, ביז ער טרעפט, וואס דער טאטע מיינט.

אזוי האט כיענע, צוגלייך מיט איר קינד, געליטן ביז די מאָס צער און ווייטיק איז ענדלעך פול געווארן. און איינמאל, אז זי האט יאסעלען קוים אַ לעבעדיקן פון איר מאנס הענט ארויסגעריסן, האט זי געשווירן אז ווילאנג זי לעבט, ווילאנג אירע אויגן זענען נאך אָפן, וועט זי מער נישט צולאזן, אז דער משוגענער טאטע זאל נאכאמאָל פרווון לערנען מיטן קינד.

— איך וועל ערגער זיין פאר דיר, — האט זי מיט אַ פאר־קלעמט הארץ געשריגן, — אז איך וועל נאך ווייטער דיך לאזן קילן דיין קראנק הארץ אויף דאס אומשולדיק נפשל! און דערזעענדיק די אנגעלאָפענע צייכנס אויף יאסעלעס לייבעלע, האט זי געשריגן: — אַ גזלן, אַ רוצח פון וואלד בין איך! קיין יידישע טאכטער וועט אזא הארץ נישט האבן אזוי צו פייניקן אן אייגן קינד! גוואלט, רבונו של עולם, פארוואס האסטו אין דיין הייליקער תורה געשריבן: כרחם אב על בנים? אָט איז אַ טאטע און אט זע זיין רחמנות!..

ג

עס איז אַריבער אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, און יאָסעלע האָט נישט געלערנט. עס איז בלויז בין-הזמנים געווען, פסח-צייט, און כיענע האט זיך געטרייסט:

— אַלע יינגלעך זענען איצט פריי, פאַרוואָס זאָל מיין יאָסעלע ערגער זיין פאַר אַלעמען? לאָז ער זיך אָפּרוען אַ ביסל, זאָלן אים כאָטש אָפּגיין די בלויע צייכנס פון זיין טאַטנס פליקן און זעצן, וועט דערווייל אפשר דער רבונו של עולם מיר ווייזן אַ וועג, ווי מיין קינד זיין הייליקע תורה צו לערנען.

קוים איז אָבער דער פסח אַריבער, אַלע יינגלעך האָבן אָנגעהייבן אין חדר צו גיין, איז כיענעס דאגה און צער געוואָרן שטאַרקער און גרעסער, און זי האָט צוליב דעם נעכט נישט געשלאָפן.

— דער מוח הייבט זיך מיר! — האט זי איינמאָל מיט אַ שווערן זיפץ אויסגערעדט און זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— וואס איז? — האט דער מאן געפרעגט. — די שיפן דיינע אויפן ים זענען דיר אונטערגעגאַנגען?

— ווער עס האט שיפן אויפן ים, דאגהט וועגן זיינע שיפן, וואס גייען אים אונטער, — האט כיענע געענטפערט, — און ווער עס האט אַ יינגל, דאגהט, ווי אים פאַר אַ יידן צו מאַכן און גאָטס הייליקע תורה אים צו לערנען. און ביי מיר איז אפשר מיין דאגה: וואס טו איך מיט אונדזער יאָסעלען, וווּ נעם איך פאַר אים שכר-לימוד, נאָך גרעסער, ווי יענעמס דאגה וועגן זיינע שיפן אויפן ים.

— גיב אים אוועק אין תלמוד-תורה, וווּ אַלע אָרעמע קינדער לערנען. — גיט ברוך זיין עצה.

— אין תלמוד-תורה?! און דאס זאָגט אַ טאַטע אַן אייגענער? — האָט כיענע מיט אַ שמערצלעכן טאָן איבערגעפרעגט. — ער זאָל דאָרט צעלאָזן ווערן, קרעציק ווערן און פאַרגעסן, וואס ער האט אַמאָל געקענט? איך ווייס דעם תכלית, צו וואָס די תלמוד-תורה-קינדער קומען... נישט איין אָרעמע מאַמע וויינט און קלאָגט דערויף, וואס זי האט איר קינד, איר יתום אין תלמוד-תורה אַוועקגעגעבן! ניין, ווי לאַנג איך לעב און האב נאָך כוח מיט דער נאָז די ערד כאָטש צו אַקערן, וועט מיין יאָסעלע אין תלמוד-תורה נישט לערנען!

— גיב אים אַוועק צו אַ שוסטער! — האט ברוך ווייטער גע-

ראַטן, נישט ווייל ער האט טאַקע דאס געמיינט, נאָר זיין ווייב אָפּצועסן דאס האַרץ.

— זאָלסט עס בעסער נישט דערלעבן! — האט כיענע אַן אָנגעצונדענע געשאָלטן.

— אומזיסטע קללות! — מאכט ר׳ ברוך אויף צו להכעיס. — וואס איז, אַ שוסטער איז קיין ייד נישט?

— פאַרוואָס ביזטו נישט קיין שוסטער? — פרעגט כיענע.

— הלוואי וואָלט איך טאַקע געווען אַ שוסטער, — רופט ער זיך אָפּ, — וואָלט איך אפשר נאָך עד-היום געזונט געווען און קיין ברויט וואָלט מיר נישט געפעלט ווי היינט!

— הלוואי, רבונו של עולם! — ווינטשט זיך כיענע מיט שפּאָט. — אז דו וואָלסט אַ שוסטער געווען, וואָלט איך דאָך דיין ווייב נישט געוואָרן!... וואָלט איך אפשר היינט אַ מאן געהאט מיט לייטן גלייך, און מיינע קינדער וואָלטן געהאט אַ טאַטן, וואָס זאל פאַר זיי זאָרגן און נישט לאָזן, אז דער מאַמעס קאָפּ זאל דאַרן און טריקענען אפילו פאר שכר-לימוד פאר, אַ קינד!..

— נאַרישער ייד איינער! — האט זי ווידער אָנגעהייבן, נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אַ ביסל אויסגעוויינט. — דו מיינסט אַ וודאי, אז דאס געלע פּנים דיינס האט ביי מיין טאַטן, אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין, אזא חן געפונען, דיך פאר אן איידים צו נעמען? דעם גאַנצער אנטיק אין דיר איז געווען, וואס דו קענסט לערנען; און טאַקע די תורה דיינע האט מיך גערייצט, און איך האב מיך געלאזט איינרעדן: איידער צו זיין אַ ווייב ביי אַ בור, אַ גראָבן יונג, כאָטש אַ רייכן, איז גלייכער צו האָבן אַ מאן אַ קבצן, אָבער פאָרט אַ פיינעם יידן, אַ למדן. און זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאר מיינע רייד, נאָך עד-היום האב איך פיינט אַ פּראָסטן מענטשן, אן עם-הארץ... איך בין גאָרנישט מקנא זיין ווייבס פערל און איר גוט לעבן ביי אים. אַנומלט בין איך אויפן ריינעם פעלד געווען, אויף כאַצקל אייזנקרעמערס לוויה, און איך האב געמיינט, איך וועל זיך אַ לעבעדיקע באַגראָבן, אז איך האב געזען, ווי כאַצקלס זון, אַ בחור פון זעכצן, זיבעצן יאָר, קען אפילו פון סידור קיין קדיש נישט זאָגן. שרהלע, די מאַמע זיינע, איז געשטאַנען און טייכן טרערן פאַרגאָסן, ווי איר איז צום האַרצן געווען. און איך האָב זיך געפרעגט: אויף וואס

ווײנט שׂרהלע פֿריער: צי אויף איר מאַן, אויף איר ברויטגעבער, וואָס מען האָט אים דאָ ערשט אין דער ערד אַרײַנגעלייגט, צי אויף איר לעבעדיקער חרפּה, וואָס איר אייניציק קינד קען אפֿילו פֿון סידור קיין קדיש נישט זאָגן? בעת־מעשׂה האָט מײַן האָרץ געזאָגט: רבונו של עולם, אײדער מײנס אַ קינד זאָל אויסוואַקסן אזא בור, ווי דער און נישט קענען נאָך טאַטע־מאַמען קדיש זאָגן, זאָל איך עס בעסער אַ קלײנס באַגראָבן!

— זעסטו, וואָס, וואָס, קדיש זאָגן נאָך דיר, בין איך דיר מבטיח, וועט יאָסעלע קענען. — שפּאָט ר׳ ברוך פֿון זײַן ווײַב.

— פֿאַרוואָס נישט נאָך דיר?

— לאָז זײַן נאָך מיר אויך! — גיט ר׳ ברוך צו.

— דיר אויף צו להכעיס, זעסטו, וועט יאָסעלע דווקא קענען אַ פּרק משניות און אַ בלאַט גמרא אויך! — האָט כיענע ווי מיט אמתן ביטחון זיך געריצט מיט איר מאַן!

— אַ שמעק טאַבאַק גיב איך פֿאַר זײַן פּרק משניות, פֿאַר זײַן בלאַט גמרא! — האָט ברוך, אין כּעס אַרײַנקומענדיק, אַ שפּײ געטון און געענטפֿערט. — זי מיינט, דער פּרק משניות, די גמרא איז שוין גאָר. די גוטע יאָרן זאָל איך האָבן, וואָס יונה דער וואַסערטרעגער פֿאַרדינט מער מצווה, כאָטש ער ווייס אפֿילו נישט, ווי דער משניות עפֿנט זיך, וואָס ער טראָגט מיר אַרײַן אַמאָל — אַז דו ביסט אַ גאַנצן טאָג אין דער היים נישטאָ — אַן עמער וואַסער, איך מיט די קינדער זאָלן פֿאַר דאָרשט נישט אויסגײן, ווי ר׳ אריה דעם רבס, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג דאָרט אין וואַרימען ליכטיקן בית־המדרש און לערנט משניות און גמרא!

— דו נאַרישער ייִד אײנער! — האָט זיך כיענע אָפּגערופֿן. — ווי פֿאַרשטייסטו עס נישט, צוליב וואָס טראָגט דיר יונה וואַסערטרעגער אַרײַן אַמאָל אַן עמער וואַסער אומזיסט? צוליב דײַן אָרעמקייט? צוליב דײַן קראַנקהייט, מײנסטו? ווייניק אָרעמע און קראַנקע ייִדן זענען דאָ אין שטאָט חוץ דיר, וועט יונה אַלעמען וואַסער אַרײַנטראָגן אומזיסט? פֿון וואַנען וועט ער דערנערן זײַן ווײַב און קינדער? נישט מער, יונה ווייס: ר׳ ברוך שמש איז אַ למדן, אָרעם און קראַנק, נעבעך, אָט וויל ער די מצווה פֿון באַדינען אַ למדן; וואָלסטו אָבער אַ שוסטער זײַן, אָדער אַ שנײַדער אפֿילו, מעגסטו פֿאַר דאָרשט

אויסגיין, וועט זיך נישט געפינען, ווער עס זאָל דיר אַ לעפל וואַסער צוטראָגן. זעסטו שוין, ווי טייער עס איז אַ למדן צו זיין!?

— אַ שמעק טאַבאַק גיב איך דערפאַר! — שרייט ר' ברוך, נישט ווייל ער גלויבט עס טאַקע אזוי, נאָר ווייל ער האט אַ באַזונדערן כעס אויף ר' אריה דעם רבס, וואס איז אים אַלעמאָל אַ געגנער געווען. — אַ שמעק טאַבאַק, ווי איך בין אַ ייד, פאר ר' אריהס למדות און תורה! — האט ער קוים נאך אָטעם געהאט איבערצוזאָגן נאָכאַמאָל און האט זיך פאַרקייכט פון הוסט.

כיענע האט אים אַ ביסל וואַסער צוגעטראָגן, צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, ער זאָל הוסטנדיק פון באַנק נישט אַראָפּפאַלן.

— זעסטו, — האט זי מיט רחמנות געזאָגט, — גאָט האט דיר שוין באַצאָלט פאַר דיינע זינדיקע רייד. זעסטו, מיך ארט גאָרנישט, אז מיין יאָסעלע וועט זיין אזא ייד, ווי ר' אריה דעם רבס. עס פעלט אים אַ וודאי כבוד און גדולה! נישקשה, איך פאַל ביי זיך גאָרנישט אַראָפּ! — האט זי פלוצלונג מיט מוט אַ זאָג געטון. — איך בין אַ נאַר געווען, וואס איך האב מיר ביז איצט דעם קאָפּ געבראָכן: ווי אַ מענטש נעמט זיך פאָר, אזוי העלפט אים גאָט! איך גיב אם־ירצה־השם מאָרגן יאָסעלען אָפּ צו אַ מלמד, אויף שכר־לימוד וועט שוין דער רבונו של עולם מוזן צושיקן!

ד

פון די נגידישע ווייבער, ביי וועלכע כיענע איז אַן איינגייערקע געווען, האט זי פיל מאָל געהערט, וואס פאר אַ קלוגער טייערער מלמד בערל נאמן איז, ווי ער ווייס זיך מיט קינדער צו באַגיין, און ביי אים טון זיי טאקע אַ פעולה. אָט איז ביי איר געבליבן יאָסעלען טאַקע אוועקגעבן צו אים אין חדר. זי האט אפילו געוווסט, אז בערל איז נישט קיין וואָלוועלער מלמד; נאר „ווי מען נעמט זיך פאָר, אזוי העלפט גאָט!“, וועט ער מסתמא העלפן מיט אַ פאר רובל אַ זמן מער. און זי האט יאָסעלען אַוועקגעפירט צו ר' בערלען.

בערל האט זי אנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, אז זי האט אים געמעלדעט, אז זי וויל איר ייִנגל צו אים אין חדר אַריינגעבן, און

ער האט איר געענטפערט, אז ער האט שוין די צאל פון זיינע תּלמידים פאַרפולט און קען שוין מער קיין יינגלעך נישט צונעמען.

— וואס הייסט, איר האָט שוין אייער חדר פאַרפולט? — האט כיענע געטענהט. — ווּ שטייט עס געשריבן, אז ניין תּלמידים מוז אַ רבי האָבן און אַ צענטן טאָר ער שוין נישט?

— איך קען נישט, ווי איך בין אַ ייד, איך קען נישט! — האט ר׳ בערל געשוואוירן.

— פאַרוואס?

— היינט גיי דערצייל אַ יידענע, פאַרוואָס! — האט זיך ר׳ בערל אָפּגערופן.

— ר׳ בערל! פריער גאָט, דערנאָך איר: דאס קינד איז מיין גאַנץ לעבן, — האט כיענע אָנגעהויבן מיט היץ, — אַ האלב לעבן קאסט ער מיך שוין און נאָך אַ האַלב לעבן בין איך גרייט אלע מינוט פאר אים אַוועקצוגעבן; איך מיין נישט, חלילה, אומזיסט מיט מיין קינד צו לערנען; וואס זייט איר מיינער? נישט קיין קרוב, נישט קיין גואל, און איר דארפט דאָך טאקע לעבן, ר׳ בערל! זאג איך אייך, אז אייער שכר-לימוד וועט אייך אין חדר אַריינגעטראָגן ווערן יעדן ראש-חודש מיט דאנק. איר האט אפשר מורא, איך בין אן אָרעם-מענטש, און וועט פרעגן, ווּ וועל איך נעמען? זאג איך אייך, אז דער גאָט, וואס שפּייזט מיך און גיט מיר כּוח צו האָרעווען פאר מיין קראַנקן מאן און פאר מיינע עלנטע קינדער, וועט מיר כּוח געבן אויסצוהאָרעווען די עטלעכע רובל שכר-לימוד פאר מיין קינד... און וואס בעט איך דען? שכר-לימוד דעם רבין, וואס לערנט מיין קינד זיין הייליקע תּורה! רבונו של עולם, קענסטו גאָר אַ הארץ האבן מיר נישט צו ענטפערן אויף מיין פרומען באַגער? איך וועל אייך צאָלן, צאָלן, ר׳ בערל, מיט אלע אייערע באַלעבאַטים צוגלייך צאָלן!

— קען שוין אייער יינגל עפּעס? — האט ר׳ בערל געפרעגט, טאָמער וועט ער זיך קענען אָפּטשעפּען פון איר מיט דעם תּירוץ, אז דאס קינד קען נאָך גאָרנישט און פאר אים איז דערווייל גענוג אַ קלענערער מלמד.

— פארהערט אים און זעט אליין, וואס פאר אַ ווויל יינגל דאס איז. מיט אים וועט אייך אַ תּענוג זיין צו לערנען!

בערל האט צוגערופן יאָסעלען, אים פארהערט און האט זיך באמת געוואונדערט, ווי דאס קינד ווייס און געדענקט אלץ, וואס

ער האָט ביז איצט געלערנט און קען שוין מער פאַר זיינע אַלע חדר-יינגלעך. ער האָט יאָסעלען אַ גלעט געטון איבערן קעפּל און געזאָגט:

— אַ וואויל יינגל, גאָר אַ וואויל יינגל. אַ שאָד, בנאמנות, אַ שאָד!

כיענען זענען אזש טרערן אַרויס פון די אויגן, הערנדיק, ווי ר׳ בערל לויבט איר קינד.

— וואָס ענטפערט איר מיר איצט, ר׳ בערל?

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט ר׳ בערל נאָך עטלעכע מינוט ישוב-הדעת געזאָגט. — איך האָב רחמנות טאַקע אויף אייך אויך. איך וואָלט אַוודאי נישט קוקן אויף אייערע עטלעכע רובל שכר-לימוד, וואָס זועט אָבער מיין ווייב זאָגן? און איר איז אויך נישט צו פאַרדענקען: זי ווייס, אז אָן געלט גיט דער גוי די קאַרטאָפל נישט, קיין וועגל האָלץ-נישט, און דער קרעמער — קיין ברויט און קיין גרויפּן נישט. דירה-געלט מוז מען צאָלן, פאַרשטייט איר? אַוודאי ברויכט איר גוט, גוט איך זינען האָבן, אז מיינע צען רובל אַ זמן זאָלן מיר באַצאָלט ווערן. מיט אייער יינגל, פאַרשטייט איר מיך, מוז מען טאַקע גאָר אַנדערש לערנען; נגידישע קינדער ברויכן נישט פיל, פאַר זיי איז נאָך די והותר, וואָס איך לערן מיט זיי. מיט אייערן מוז מען גאָר אַ סך לערנען, ווי איך פאַרשטיי לערנען! אָבער איין זאַך שטייט מיר נאָך אין וועג: צי וועט עס די טאַטע-מאַמעס פון מיינע תּלמידים אָנשטיין, אז אייער יינגל זאָל לערנען אין איין חדר מיט זייערע קינדער?..

— פאַרוואָס זאָל זיי נישט אָנשטיין? — האָט כיענע אָן אָנגע-צונדענע געפרעגט. — איז אפשר מיין יאָסעלע נישט אזא ערלעך קינד ווי זייערע קינדער? איז מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל ער האָבן, ר׳ יאָסעלע מגיד, נישט אזא פרומער ייד און מופלג געווען, וואָס אפילו דער רב אונדזערער פלעגט פאַר אים דרך-ארץ האָבן? איך האָף צו גאָט, אז וואָס מיין קינד האָט שוין אין איין פוס, האָבן עס זייערע קינדער נאָך נישט אין קאָפּ!

בערל האָט פאַרשטאַנען, ער וועט זיך נישט אויסטענהען מיט איר, דעריבער האָט ער איר קורץ און שאַרף געזאָגט:

— ווילט איר, איך זאָל אייער יינגל אין חדר אַריינגעמען, מוזט איר גיין צו מיינע באַלעבאַטים, און טאַקע דער עיקר צו די

באַלעבאָסטעס און פֿועלן ביי זיי, אז זיי זאָלן קיין טענות נישט האָבן דערנאָך !..

געגוג רייד, תּחנונים און ברכות האָט כיענען געקאָסט, ביז שיינדעלע די בעל־טאַקסיכע האָט איינגעוויליקט, אז פֿון איר איז קיין מניעה נישט, נאָר אז כיענע זאָל איר צוזאָגן, איר יאָסעלען צו פֿירן ריין און ציכטיק, און בערל זאָל איר מבטיח זיין, אז ער וועט אכטונג געבן, יאָסעלע זאָל זיך צופֿיל נישט חברן מיט איר לייבעלען, און זען, ער זאָל ביי אים אין חדר קיינמאָל נישט אויסנאַרן נישט פֿון דעם עסן, נישט אַ קאָפּעקע מזומן, וואָס זי גיט איר לייבעלען מיט אין חדר אריין.

אז שיינדעלע האָט אזא תּנאַי אויסגענומען און מסכּים געווען, האָבן שוין די איבעריקע מאַמעס פֿון בערלס תּלמידים אויך דאסזעלבע געזאָגט, און אין איין שיינעם פֿרימאָרגן, האָט כיענע איר קינד אָרומ־געוואַשן, עס אנגעטון אין אַ ניי רעקל, וואָס זי האָט אים נאָך נעכטן פֿאַר גאַנצע צען גילדן געקויפֿט, און אים אָנגעזאָגט, אז פֿון היינט אָן וועט ער מוזן אַלע טאָג פֿריער אויפֿשטיין און גיין צו ר׳ בערלען אין חדר אריין.

— זע־זשע, מיין קינד, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אים אָנגעזאָגט, — איך האָב דיך אויסגעלייזט פֿון דיין טאַטנס הענט, וואָס וואָלט דיך גאָר דערהרגעט אָדער פֿאַר אַ קאַליקע געמאַכט, ווען איך דערלאָז, ער זאָל מיט דיר ווייטער לערנען. איך טו איצט פֿאַר דיר מער אַ סך, ווי מיינע כּוחות זענען... צען רובל אַ זמן האָב איך זיך מתחייב געווען, און מיין קאָפּ וועט מיר געגוג טריקענען און דאַרן, ווו די צען רובל צו פֿאַרדינען ! איך וועל נישט דערעסן, נישט דער־שלאָפֿן, מיין קינד, איך זאָל פֿאַר דיין לערנען דעם רבין נישט שול־דיק בלייבן ; זע־זשע, מיין קינד, מיין קרוין, צו ווערן לערנען ! דאס איז די איינציקע טרייסט מיינע אויף דער וועלט און מיין גאַנצע נחמה אויף יענער וועלט. נישט אויף דיין טאַטן דעם קראַנקען, נעבעך, קאָנסטו בויען, נישט אויף מיר, כאָטש דער אימפּעט טראָגט מיך נאָך מיינע ווייטיקן צו פֿאַרגעסן און אייך אַלעמען מיט עסן צו פֿאַרזאָרגן. קענסטו וואַרטן, איך זאָל דיר נאָך גוטס טון און דיר ליכטיק מאַכן דיין פֿינצטערע וועלט ? די איינציקע נחמה און ישועה פֿאַר אַן אָרעם קינד איז די הייליקע תּורה, וואָס גאָט ברוך־הוא האָט זיין פֿאָלק ישראל געגעבן ! ווען סטו לערנען תּורה און קענען, וועט זי דיך פֿון

דיין מאַמעס אָרעמקייט אַרויסנעמען. דו וועסט ווערן אַ וווילער יינגל, און אז די מזלדיקע שעה וועט קומען, וועט זיך געפינען אַ גביר, אַן עושר, וואס וועט דיך פאר זיין קינד פאר אַ חתן נעמען, דיר געבן אַ סך טויזנטער נדן, וועט צוליב דיר דיין טאטע-מאמע באַגליקן, און אפילו דער מזל פון דיינע אָרעמע שוועסטער וועט צוליב דיר אָנהייבן שיינען, דיין מאַמעס מי און צער וועט אנגעלייגט זיין, און ווער וועט צו מיר גלייך זיין?! דערווייל, יאסעלע, דאַרפסטו נאר האבן איינס אין זינען: ווילן לערנען און קענען לערנען! זיך נישט חברן מיט די חדר-יינגלעך, נישט מקנא זיין זייערע שיינע קליידער, נישט זייערע גוטע זאַכן און געלט, וואס דו וועסט זען ביי זיי; זייערע טאטע-מאַמעס זענען נגידים, רייכע און קענען זיי מיטגעבן אין חדר כל-טוב; דיין טאַטע-מאמע זענען ארעמע ליט. דערפאר אבער האסטו מער שכל פאר זיי, און אז דו וועסט נאר קענען לערנען, וועסטו נאך אמאל זיין רייכער פאר זיי. געדענק, יאסעלע, וואס איך זאג דיר אָן, און זאג עס מיר צו צו פאלגן!

כיענע האט עס מיט טרערן גערעדט. יאסעלע, אויף איר קוקנדיק, האט אויך געוויינט, און אז זיי האבן ביידע די טרערן זיך אפגעווישט, האט כיענע יאסעלען צו רב בערלען אין חדר אריינגעפירט.

ה

אין אנהייב איז ר׳ בערל מיט יאסעלען זיך באַגאנגען ווי מיט אַלע זיינע תלמידים און פלעגט אים שטענדיק ארויסשטעלן פאר אַ מוסטער קעגן אנדערע קינדער, זיי צו ווייזן, ווי אזוי מען דארף אַ רבין פאלגן און ווי אזוי מען ברויכט צו געדענקען, וואס מען לערנט. נאר ווי מיט אַן ארעם קינד אַן איינגעבעטנס ביי איר מאַן אין חדר, האט די רביצן זיך אנגעהייבן שאפן מיט אים, אמאל אין קרעמל נאך זאלץ און נאך גרויפן און אמאל אויך איר חיהלען צווויגן, ווען זי האט קיין צייט נישט לעבן וויג צו זיצן. מיט דער צייט איז זי דערצו אזוי געוווינט געווארן, אז זי פלעגט שוין מיט אַ טענה אנ-פאלן אויף איר מאַן, וואס ער האלט יאסעלען אמאל צו לאנג ביים חומש, בעת אין שטוב איז נאך אַ ברעקל האלץ נישט אריינגעטראגן געווארן, מיט וואס ווארעמעס צו קאכן.

ביסלעכווייז האט זיך אויך ר׳ בערל אליין צוגעווינט אוועק־צוקוקן פון יאָסעלען, צו פארגעסן אמאל צו לערנען מיט אים; און אמאָל, אז ער איז אין כעס געוואָרן אויף לייבעלען, שיינדעלע דער בעל־טאַקסיכעס, האט ער געכאַפּט דעם קאַנטשיק אים מכבד צו זיין און האט זיך אָבער דערמאָנט, אז דאָס איז לייבעלע, דאָס ציטעריקע נאָכגעגעבענע לייבעלע, און ער וועט ביי שיינדעלען דעם גאַנצן חן פאַרלירן פאַר אזא קלאַפּ, האט ער די האַנט פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן אויף יאָסעלען און זיך באַלד פאַרענטפערט, אז נישט אים, נאָר לייבעלען האט ער געמיינט צו טרעפן. יאָסעלע אַליין האט אויך פאַרשטאַנען, אז דאָס איז על־פּי־טעות געווען, בפרט אז דער רבי האט דעם שמיץ אזוי מיט רחמנות אַראָפּגעלאָזן, און אים האט עס נישט שטאַרק ווי געטון, האט ער נישט געוויינט און קיין טענות נישט געהאַט; נאָר דער טעות האט אָנגעהייבן זייער אָפט פאָרצוקומען און פון ...יינמאָל צום אַנדערן — אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. יאָסעלע האט שוין געפּרוּווט וויינען, שרייען, גאָר שווייגן און נאָר כליפּען, פאַרפאַלן! ר׳ בערל איז צו דעם טעות אזוי געווינט געוואָרן, אזוי ווי יאָסעלע וואָלט טאַקע לכתחילה צוליב דעם נאָר באַשאַפן געווען, זיין קאַנטשיק זאָל שטענדיק אומגערן אים טרעפן, ער מעג זיך צילן אויף וועמען ער וויל.

דאָס אָרעמע קינד האט געוווּסט, אז ער איז נישט שולדיק, אז ער האָט דעם קאַנטשיק נישט פאַרדינט; נאָר אז שולדיק איז דער רבי, האט ער נישט פאַרשטאַנען. ערשטנס, זאָגט דער רבי אַליין, אז דאָס איז אומגערן; צווייטנס, איז ער געווינט געווען נאָך פון דער היים, אז אים זאָל מען שלאָגן. ער האט כמעט קיינמאָל נישט געוווּסט, פאַר וואָס שלאָגט אים דער טאַטע, ער האט נאָר געוווּסט, אז ווען אים טוט ווי, גיט ער אַ געשריי, וויינט ער און כליפּעט, כאָטש ער וויל נישט שרייען, וויל נישט וויינען און כליפּען... נאָר אין די לעצטע עטלעכע טעג האט ער פונדעסטוועגן דערפילט, אז אים ווערט וואָס אַ טאָג פיל ערגער... שוין צוויי חדשים, אז כיענע האט נישט פאַרדינט אַ קאָפּעקע אַן איבעריקע, דעם רבין זיין שכר־לימוד צו שיקן, און ר׳ בערל האט שוין געהאַלטן פאַר פאַרפאַלן און גערעכנט, ער לערנט מיט יאָסעלען אומזיסט. „און פאַרוואָס זאָל איך לערנען אומזיסט?" פלעגט ער צו זיך רעדן און די כוונה אַריינלייגן אין קאַנטשיק און אין די ריטער, אז עס איי אַן עוולה פון כיענען, וואָס זי

צאָלט אים נישט. „איך האָב איר פריער געזאָגט, אַז איך קען מיט איר יאָסעלען אומזיסט נישט לערנען!"... געמיינט האָט ער, יאָסעלע וועט דאָס דערציילן דער מאַמען, און זי וועט פאַרשטיין, אַז דער רבי איז אין כעס.

— זאָל זי מיר צאָלן! — פּלעגט ער צו זיך רעדן. — נישט איך האָב זי געבעטן איר קינד צו מיר אין חדר אַריינגעבן, זי האָט נישט אָפּגעטרעטן און איך האָב אים מיט געוואַלט ממש אַריינגענומען, דאַרף זי מיר צאָלן; אַז נישט, זאָל ער גיין געזונטערהייט, וועל איך פאַר־שפּאָרן שטענדיק אכטונג געבן, ער זאָל די מזיקים מיינע צוריק נישט אַ קלאַפּ טון, ווען זיי שלאָגן אים. טאַקע אַ שטילער און טשעפּעט זיך נישט מיט קיינעם, אָבער אַזעלכע מזיקים, אַז זיי קענען מיך אַרויס־ברענגען פון געדולט, איז ער דאָך נישט מער ווי אַ קינד און קען אַמאָל ווערן פון זיי אַ קלאַפּ טון, אַ סימן מאַכן. און דאָס פעלט מיר נאָך!.. איך האָב שוין אַזוי אויך פון שיינדעלען, פאַר דער טובה, וואָס זי האָט מיר געטון, מיר מיט אַ האַלבן מויל דערלויבט דאָס אָרעמע קינד אין חדר אַריינצונעמען!

מיט אַזעלכע דיבורים פּלעגט ר' בערל פאַר זיך אַליין פאַר־ענטפערן זיך, וואָס ער פּייניקט אַליין דאָס אָרעמע קינד, וואָס ער לאָזט דאָס ווייב זיינס זיך שאַפן מיט אים, ווי מיט אַן אומזיסט משרת'ל, און וואָס ער לאָזט צו אָפט, אַז אויך זיינע זאַטע תלמידים זאָלן שלאָגן דעם אָרעמען האַלב־הונגעריקן יאָסעלען, ווייל ער איז אָרעמער פאַר זיי!

יאָסעלע אָבער האָט זיין מאַמען פון חדר גאָרנישט אויסגעזאָגט. ערשטנס, טאָר מען פון חדר נישט אויסזאָגן; צווייטנס, האָט ער אויף דער עלנטער מאַמען אַזאַ רחמנות געהאַט, אַז ער האָט נאָר געקענט וויינען קוקנדיק, ווי זי וויינט, און האָט שטענדיק זיינע אייגענע פּיין און ליידן פאַרגעסן.

— צו וואָס באַשאַפט גאָר גאָט אַ קבצן, אַן אָרעמאַן אויף דער וועלט? — הערט ער אָפט, קומנדיק פון חדר אַהיים, די מוטער טענהנדיק און וויינענדיק. — צו וואָס גיט ער אַזוינעם קינדער אויף צרות און פּיין, אויף הונגער און קעלט, אַז ער גיט אים נישט מיט וואָס זיי צו דערנערן, מיט וואָס זייער נאַקעטקייט צוצודעקן, זיי זאָלן, נעבעך, פון קעלט נישט אומקומען? — עסן, מאַמע, עסן! — בעטן זיי די הונגעריקע מאַמען זייערע... — עסן! נאַט, עסט מיין פלייש, מיין הויט אויף מיינע

ביינער, איך וועל קיין גרעסערן ווייטיק נישט פילן, ווי דער ווייטיק מיינער, וואס איך האָב אייך נישט צו געבן !..

דערזעענדיק יאָסעלען, אַריינקומענדיק אַ פאַרשמאַכטער, פון חדר, פרעגט זי :

— וואס זאָל איך דעם אָרעמען קינד געבן? פון אכט אינדערפרי ביז ביינאכט אין חדר געזעסן, אַ פאַרטריקנטער, אַ הונגעריקער, נעבעך. אט איז ער צו דער מאַמען געקומען זיך אָפּפאַסטן פון זיין נישט געבאָטענעם תענית, און די מאַמע, די פינצטערע, האט היינט אפילו אויף אַ פונטל ברויט נישט פאַרדינט, כאָטש זי איז מיילן אויסגעלאָפן פון איין נגידה צו דער צווייטער. גאָט זאָל שוין דיין עלנט און מיין צער צוזען אַמאָל, אָרעם קינד מיינס! נישטאָ היינט קיין וויעטשערע, לייג זיך שלאָפן, יאָסעלע, אַ הונגעריקער, אָרעם עופעלע!.. דערביי צעוויינט זי זיך אזוי, אז ער פאַרגעסט יין הונגער, און וויינענדיק ענטפערט ער :

— מאַמע, איך וויל נישט עסן, איך וויל נישט עסן. וויין נישט, וויין נישט, מאַמע!..

אָן אנדערש מאָל געפינט ער דער מאַמען, ווי זי זיצט אַריבערגעבויגן איבערן וויגעלע, וווּ זיינע צוויי ברידערלעך, דער צווילינג, ליגן,ביידע טויט-קראַנקע, נעבעך. זי ברעכט די הענט, גרויסע קיילעכדיקע טרערן קייקלען זיך איינע נאָך דער אַנדערער איבער אירע איינגעצויגענע באַקן, און טענהט :

— אָרעמע עופעלעך מיינע! צו וואס האָב איך אייך אויף דער וועלט געבראַכט? וואס האָב איך צו אייערע כשרע נשמהלעך געהאט? פאַרברענט פארשרפהעט זענען די ליפעלעך אייערע, אויסגעטריקנט, אויסגעמאָגערט די ביינדעלעך. אַ העליש פייער ברענט אייער לייבעלע און עסט עס אויף ווי אַ ליכט! אָ, אַן אייזערן הארץ מוז צעגיין, צעשמאָלצן ווערן קוקנדיק אויף אייך. און ווי זאָל אַ מאמעס הארץ עס זעענדיק נישט צעשפרונגען ווערן, אומשולדיקע נפשותלעך!

און די אומגליקלעכע מוטער הייבט אָן צו רייסן די האָר פון איר קאָפּ פאר ווייטיק. יאָסעלע וויינט זיך אויך פאַנאַנדער, נאָר די מאַמע, נישט פילנדיק זיך אַליין, גיט אַ געשריי אויף אים :

— דו האָסט מיר נאָך געפעלט? ווייניק צרות אפשר האב איך חוץ דיר? אָט שטייט עסן, עס אָפּ און לייג זיך שלאָפן!

נאָר יאָסעלע וויינט ווייטער, און כיענע לאָזט אויס איר האַרץ

צו אים, שלאָגט אים, קניפּט אים, זי ווייס אליין נישט, פאַרוואָס. יאָסעלע לאָזט זיך שלאָגן, קניפּן, קושט דער מוטערס הענט. אים דאַכט, אז איר איז עס גוט; ער פילט אַליין, אז דאס הערצל, וואס האט אים געקלעמט פון רחמנות, ווערט אים רויקער; די מוטער הערט אויף צו וויינען, ער לייגט זיך שלאָפן, מאָרגן קיין פרייליכערן בעסערן טאָג נישט צו האָבן ווי היינט!

ו.

איינמאָל, גייענדיק אַ הונגעריקער און אַ פאַרקלעמטער פון חדר אהיים, האט יאָסעלע עפּעס אויפגעהייבן אין גאַס. ער האט געפילט, אז אין דעם איז דא עפּעס געלט, און איז אָן אָטעם אַהיים געלאָפן.

— מאַמע, זע, וואס איך האב געפונען! — האט ער פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט פון לויפן, קוים ארויסגערעדט.

כיענע האט עס צוגענומען. עס איז געווען אַ בייטעלע מיט עטלעכע רובל. זי האט באַלד די טיר צוגעשפּאַרט, אז אַ זייטיקער מענטש זאל נישט אריינקומען, און גענומען דורכזוכן די מציאה, אַ רעכט ביסל זילבערגעלט און אַ פּאָר פּאַפּירלעך בילעטן, אינאיינעם אַ רובל צוועלף.

— גאָט האָט אונדז צוגעשיקט צו דער רעכטער צייט! — האט כיענע צעפרידן אויסגערעדט. ברוך, דער קראנקער מאַן אירער, איז אויך אראָפּגעקראָכן פון באַנק אַ קוק טון, וואס יאָסעלע האט געפונען.

— טאָמער איז דאס נאָך קודם יאוש? פריי זיך נאָך נישט! — האט ברוך, זעענדיק איר שמחה, געזאָגט.

— ווייס איך וואָס דו רעדסט, — האט זי זיך אָפּגערופן, — דער רבונו של עולם האט יאָסעלען צוגעשיקט אַ מציאה, איך זאָל האָבן מיט וואס פאַר אים שכר-לימוד צו באַצאָלן?

— וווּ האָסטו עס געפונען? — האט ברוך יאָסעלען געפרעגט.

— אין גאַס, לעבן חיים שענקער!

— אין גאַס, אין רשות הרבים און לעבן חיים שענקער, און היינט איז אַ יריד, קען טאקע זיין לאחר יאוש בעלים, איז טאַקע אַ כשרע מציאה! — האט ברוך געלערנט דעם פשט. — על כן, כיענע,

זאָגט ער, וואָלט אַ יושר זיין, דו זאָלסט מיר מאָרגן קויפן אַ פּאָר נייע שיך, איך האָב שוין נישט מיט וואָס אפילו אין שטוב אַרומצוגיין.

— מיט שיך ווּעסטו נישט פאַרזאַמען,—האָט כיענע געענטפערט,— פריער פאַר אַלץ נעם איך אַראָפּ מיר רובל און שיק מיט יאָסעלען זיין רבין אַוועק. און אז שוין יאָ קויפן שיך, וועל איך קויפן יאָסעלען אַ פּאָר נייע שיכלעך: ער דאַרף אין חדר גיין, און דאָס האַרץ איז מיר געגנוג אויסגעריסן זעענדיק, ווי די פינגערלעך קוקן אים שוין אַרויס פון זיינע שיכלעך... פאַרוואָס זאָל מיין קינד פאַרשעמט ווערן? ער לערנט דאָך פאָרט אין אַ נגידיש חדר! נאָכדעם וועל איך מאָרגן, אויפן יריד, קויפן אַ ביסל קאַרטאָפל, האָלץ, קאָרן מעל אַ פּאָר פּוד, וועט כאָטש זיין ברויט אין שטוב. און אז עס וועט נאָך עפּעס בלייבן, בין איך פריער פאַר דיר, מיר אַ פּאָר שיך צו קויפן. דו זיצט פאָרט אינדערהיים, איך אָבער מוז לויפן פאַרדינען אַ קאָפּיקע.

— זיך און איר בן סורר!—האָט ברוך געוואָרטשעט פאַר זיך.—איך ברויך שוין גאָרנישט... גאָרנישט!.. גיב דעם רבין צוויי רובל וועט אים אויך געגוג זיין, און פאַר אַ רובל קויף מיר אַ פּאָר שיך!

— וואָס זאָל איך מיט דיר טענהן,—האָט זיך כיענע נישט געקענט איינהאַלטן,—זעסטו דען נישט, אז גאָט האָט עס צוגעשיקט אינגאַנצן אפשר צוליב דעם רבינס שכר-לימוד? ווי אַ מענטש נעמט זיך פאָר אַזוי העלפט אים גאָט! איך האָב זיך פאָרגענומען צו צאָלן פאַר מיין קינד שכר-לימוד, אָט האָט ער טאַקע יאָסעלען אַליין זיין רבינס שכר-לימוד אין האַנט אַריינגעשיקט. עס איז אפשר גאָר אַ נסיון פונם רבונו של עולם, ער וויל זען ווי וועל איך מיין שבועה מקיים זיין, וואָס איך האָב ר׳ בערלען געשווירן אים צו צאָלן!..

אויף מאָרגן פרי האָט כיענע איינגעבונדן אין יאָסעלעס ארבע כנפות אַ דריי רובלדיקן בילעט מיט אַ רובל זילבער געלט איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל, געהייסן דאָס אָפּגעבן דעם רבין און נישט דער-ציילן קיינעם קיין מעשיות וואָס ער האָט געפונען. אַליין איז זי אַוועק-געלאָפן אין מאַרק עפּעס איינקויפן אין שטוב אַריין. יאָסעלע האָט דעם רבין אָפּגעגעבן דאָס געלט, דער רבי האָט אים אַ גלעט געטון, אים געזאָגט, ער איז גאָר אַ וואויל יינגל! האָט מיט אים היינט גע-לערנט, אַ סך געלערנט, נישט איין קלאַפּ, נישט איין שמיץ — נישט געררן נישט אומגערן — אים געגעבן. די רביצן האָט זיך אויך נישט גע-שאַפט היינט מיט אים, אין קרעמל איז זי אַליין געגאַנגען, און נאָר

אַ פּאָר מינוט האָט ער נאָך צוגעוויגט דאָס קינד, און דאָס האָט אים די רביצן געזאָגט: לאַנג לעבן זאָלסטו, יאָסעלע, וואָס פאַר אַ גוט קינד דו ביזט, און איך האָב דיך טאַקע אמת ליב!

וואַרעמעס איז ער אויך געגאַנגען עסן מיט אַלע יינגלעך צוגלייך. נאָך אינדערפרי האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט ער זאָל קומען עסן, היינט קאָכט זי וואַרעמעס, כאָטש זי האָט אים אין חדר מיטגעגעבן אַ מזומנע קאָפּיקע זיך וואָס צו קויפן, ווען דאָס הערצל וועט אים חלשן, און ווי גוט איז צו אים דער טאַטע היינט געווען! כיענע האָט אַ מציאה געהאַנדלט: פאַר צוועלף גילדן האָט זי געקויפט אַ פּאָר ווייבערשע שיך פאַר זיך און אַ פּאָר וואַרעמע פאַנטאָפל פאַר איר אַלטן. — אויף אים אויך אַ רחמנות! — האָט זי געזאָגט. — און אַ וואַרעמעס איז געווען גאָר אַ גוטער, מילכיקע פערפל, וואָס יאָסעלע האָט עס זייער ליב געהאַט.

אויף מאָרגן און איבערמאָרגן אויך אַזוי. אַ פּאָר נייע שיכלעך האָט די מאַמע פאַר אים געקויפט און הייזלעך נייע האָט זי אַליין אויפגעגנייט. דער שכן, דער שניידער האָט איר, פאַר אַ גוט וואָרט, צוגעשניטן. און אויך דער רבי איז גוט, גלייך ווי די פיר רובל זיינע האָבן זעלבסט דעם קאַנטשיק זיינעם אויסגעלערנט ער זאָל מער קיין טעות נישט האָבן. אפילו אין חדר איז שוין גאָר אַנדערש: אַז דער רבי איז גוט זענען זיינע תּלמידים אויך נישט שלעכט, הונגערן הונגערט ער שוין מער נישט, און קומט ער אַהיים איז ווידער גוט, די מאַמע וויינט נישט, דער טאַטע שעלט נישט, אפילו הוסטן הוסט ער ווייניקער.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ פּאָר וואָכן. יאָסעלע האָט כמעט פאַרגעסן די צרות זיינע פון אַמאָל און געמיינט: ער איז שוין גלייך מיט זיינע חברים אין חדר. אָבער ווי דערשראָקן און אומעטיק איז ער געוואָרן, ווען די מאַמע האָט אים איינמאָל געשיקט אין חדר אַריין און אויסער אַ שטיקל טרוקן ברויט האָט זי נישט געהאַט אים מיטצוגעבן אויף אַ גאַנצן טאָג!.. ער האָט זיך געבראָגזט, זיך געוואָלט איבערנעמען אַ ביסל, נאָר אַז ער האָט אין דער מאַמעס אויגן טרערן דערזען, איז ער אַוועק אין חדר מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט... און דאָ האָבן זיך ביסלעכווייז צוריק אומגעקערט די פּיין און יסורים פון אַמאָל. די רביצן האָט זיך מיט אים געשפּאַט נישט נאָר אין קרעמל און מיט איר קינד זיך ניאַנטשען, נאָר אָט איז זי אים מכבד צו גיין

מיט איר צום טייך, איר צוהעלפֿן די גרעט אַוועקטראָגן. וואָס אַ טאָג האט אויך דער רבי מיט זיין קאַנטשיק אַלץ אפטער זיין אַמאָליקן טעות געהאַט, און כאָטש יאָסעלען האט עס איצט נישט מער ווי געטון ווי אַמאָל, נאר יעדעס מאָל האָט עס זיין הערצל געפּיינ קט און ער האט דעם ווייטיק אָנגעהייבן פילן לענגער און טיפער ווי פריער. פריער האט ער קיין שאלות געפרעגט, קיין טענות געהאַט פאַרוואָס מען שלאָגט אים; ער האָט נאָר איין זאַך געוווסט, אַז אַ שמיץ טוט וויי, אז הונגער איז אַ פּיין, נאר איצט האט ער דערפילט, כאָטש נישט קלאָר, אז אויסער קלעפּ און הונגער איז דאָ עפּעס, וואס טוט נאָכ־כער ווי און פייניקט מער ווי קלעפּ און הונגער, און דאס איז די אָרעמקייט און די אומגערעכטקייט, וואָס ווערט אים צוליב זיין אָרעמ־קייט געטון... ער האט עס נישט איבערגערעדט, נישט געטראַכט אפילו, נאָר דאס הערצל זיינס האָט געפילט, אז נאָר זיין מאַמעס אָרעמקייט איז שולדיק אין אלע זיינע ליידן, און ער האט אָנגעהייבן צו וועלן זיין רייך... אזוי ווי לייבעלע, אזוי ווי משהלע און ווי אַלע יינגלעך אין חדר... און אז ער פלעגט דאַוונען, פלעגט ער זיך שוין נישט צוהערן צו די ווערטער וואס ער דאַוונט, ווי פריער, נאָר דאס הערצל פלעגט ביי גאָט בעטן: „גאָט מאַך איך זאָל נאָכאַמאָל אַ בייטעלע מיט געלט געפינען, אַ סך אַ סך געלט, מיין מאַמע זאָל רייך זיין ווי לייבעלעס מאַמע, ווי משהלעס מאַמע, זי זאָל נישט וויינען, דער טאַטע זאָל נישט הוסטן, נישט שעלטן און דער רבי זאָל מיך נישט שלאָגן!"

אין אַזעלכע געדאַנקען פלעגט ער אויך פאַרטראַכט זיין און אַמאָל נישט וויסן וואס דער רבי פרעגט און לערנט מיט אים, נישט הערן ווי די רביצן רופט אים, און פלעגט כאַפּן אַ שמיץ אַ קלאַפּ פאר זיין נישט ענטפערן צו דער מינוט, פאַר זיין נישט אָפּרופן זיך, ווען די רביצן שרייט צו אים. אָפּט אזוי פאַרטראַכטערהייט, פלעגט ר' בערל אַ שפּאַסל מאכן און אים געבן אַ שנעל אין נאָז, אים זאָגן, אז דאס קומט אים פאַר זיין פאַרטראַכטקייט. ר' בערל פלעגט אויך די קינדער הייסן אים געבן אַ שנעל אין נאָז, ווען זיי וועלן אים זען אזוי פאַרטראַכט, פאַרחלומט. חברה האָט מער נישט באַדאַרפט און יאָסעלעס נעזל איז שטענדיק רויט און געשוואָלן געווען פאר זיינע מחשבות, וועלכע קיינער האָט נישט געוווסט. גייענדיק פונדערהיים אין חדר און פון חדר — אַהיים, האָט ער אָנגעהייבן האַלטן דעם קאָפּ

אַראָפּגעבויגן, די אייגלעך זיינע האָבן אַ מציאה געזוכט, אַ מציאה, וואָס גאָט מוז אים צושיקן ווי ער בעט אים דריי מאָל אין טאָג אין יעדן דאַוונען. אויך אין שלאָף פּלעגט זיך אים חלומען: ער שטייט אין שול, אַלע יידן דאַוונען, ער דאַוונט אויך און בעט גאָט, די מאַמע זאָל רייך זיין, דער טאַטע זאָל נישט הוסטן, דער רבי זאָל נישט שלאָגן, נישט שנעלן אים אין נאָז, און ער זאָל זיין גלייך מיט אַלע יינגלעך אין חדר...

אָפּט פּלעגט זיך אים חלומען: ער געפינט געלט. אָט ליגט איין מטבע, ער הייבט אויף און וויל שוין לויפן צו דער מאַמען, נאר אָט זעט זיך פון זאַמד אַרויס נאָך איינע, און נאָך איינע, אַ סך, ער האט שוין פולע הענט, פולע קעשענעס, נאר איידער ער האט צייט אַלע אויפצוקלויבן גיט דער טאַטע אַ הוסט, ער כאַפּט זיך אויף, עס איז אַ חלום געווען. עס גלויבט זיך אים נאָך נישט און ער טאַפּט ארום זיך, נישטאָ, גארנישטאָ... און עס טוט אים נאר דאס הערצל וויי.

איין אַנדערש מאָל חלומט זיך אים ווידער ער געפינט געלט, אַ סך אַ סך געלט, נאר ער גלויבט זיך שוין נישט צי איז דאס באמת, צי נאר אַ חלום, ווי נעכטן, ווי אַלעמאָל. ער מאכט זיך סימנים, פּרווט צי איז דאס אויף אן אמת, און דאכט זיך, היינט איז שוין געוויס אן אמת, אָט זעט ער די מאַמען אין קיך, אָט זיצט דער טאטע און הוסט, ער הערט דעם הוסט, ער הערט אויך ווי די ברידערלעך זיינע אין וויג וויינען, און ער מיינט איצט איז שוין געוויס קיין חלום נישט, נאר ער ווייס נישט ווי אזוי דאס ווערט, עס הייבט זיך אָן גאר צו חלומען אנדערע זאכן: דער חדר, דער רבי, די רביצן און די גרעט אירע ביים טייכל, אויף דאס געפונענע געלט פארגעסט ער גאר און דערמאנט זיך ערשט, אז ער האט געלט געפונען, ווען ער כאַפּט זיך אויף, און ער פילט עס איז אים אויפן הערצל אזוי שווער, אזוי אוממוטיק...

כיענע האָט באַמערקט, אז איר יאָסעלע איז אן אנדער קינד געוואָרן, עפּעס איז ער פארטראַכט, שטענדיק אוממוטיק און רעדט ווייניקער ווי אַלעמאָל.

— וואס איז דיר, מיין קינד ?—האט זי געפרעגט,—טוט דיר דער קאָפּ וויי ? זי האט צוגעלייגט איר האַנט צו יאָסעלעס שטערן זען,

צי האט ער נישט ווארעמקייט.—אפשר דער בויך, יאסעלע?—פרעגט זי מיט שרעק קוקנדיק אים אין זיינע אוממוטיקע אייגעלעך.

— מיר טוט גאָרנישט וויי, מאַמע!—ענטפערט יאָסעלע.

— וואס דען ביזטו אזוי אוממוטיק און מען זעט קיין פרייע מינע נישט פון דיר?

— מאמע, — האט יאָסעלע געענטפערט, — ווען ווערסטו אויך רייך ווערן ווי לייבעלעס מאַמע?

— ווען גאָט וועט וועלן, מיין הארציק קינד. דו ווילסט דיין מאַמע זאָל רייך זיין?

— איך וויל, מאַמע, איך בעט ביי גאָט דו זאָלסט רייך ווערן!

— פארוואס ווילט זיך דיר דאס אזוי?—האט זי ווידער געפרעגט.

— אז דו וועסט רייך זיין, וועסטו קיינמאָל נישט וויינען, נישט קריגן זיך מיטן טאַטן, וועט דער טאַטע נישט הוסטן און נישט שעלטן מיך! — „וועט אים דער רבי נישט שלאָגן", האט ער מורא גע־האט צו זאָגן.

— גאָט מעג טאַקע אונדז ענטפערן!—האט כיענע אויפהייבנדיק אירע אויגן צום הימל פרום אַרויסגערעדט.—זאָרג נישט, יאָסעלע, זיי נישט אוממוטיק, דער אייגענער גאָט, וואס האט דיר איינמאָל שוין צוגעשיקט אַ מציאה, וועט דיר נאָכאַמאָל אַ מציאה און טאַקע אַ גרעסערע צו־שיקן!—אויף אן אנדערן אופן ווי רייך צו ווערן, האט כיענע גאָר קיין מעגליכקייט ביי גאָט נישט געפונען—זאָרג נישט, יאָסעלע, האט זי אים ווייטער געטרייסט, גאָט האָט נאָך אַ סך פריצים און די פריצים קענען נאָך אַ סך געלט פארלירן דו זאָלסט געפינען צו באַגליקן דיין מאַמען און זיך אַליין נאָך מער!

אזוי זענען אַ פאָר וואָכן אַריבער. אומזיסט בעט ער גאָט, אומ־זיסט בייגט ער דאס קעפל און די אייגלעך זוכן, דאס אַלץ איז ווי דער חלום זיינער, וואס ער שטייט אויף מיט ליידיקע הענטלעך. דער־ווייל וויל ער עסן, דערווייל הוסט דער טאַטע און שעלט און רופט אים: פויער, עשו, ליגט אויף דער מאַמעס קאַרק ווי איין עקזיקוציע! קראַנק ביזטו צו גיין פארדינען ווי אַלע אָרעמע קינדער? — שרייט ער. און יאָסעלע ווייס נישט פאַרוואס? ווי פארדינט מען? די מאַמע, זעט ער, איז אויך שטענדיק פאַרקלעמט און שוואַרץ ווי די ערד, זי הוסט שוין אויך צו צוביסלעך און כאַפּט זיך אָפּט פאַרן האַרצן, און אין חדר איז אויך נישט בעסער, דאָ האָט ער, חוץ קלעפּ און שנעלן

אין גאָז, אַ צונאָמען באַקומען: „דער בעל מחשבה!” וואס דאס איז אַ זעלכעס ווייסט ער נישט, נאָר דער רבי אַליין רופט אים שוין נישט אַנדערש, און אים ווילט זיך נאָך מער ווי פריער רייך זיין.

איינמאָל האט שייַנדעלע געשיקט מיטן משרת אירן אַ גאַנץ טיכל מיט זילבער געלט. „די באַלעבאָסטע האט אייך געשיקט זעקס רובל!” האט דער משרת געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. דער רבי האט אָנגעהייבן פאַנאַנדער קלויבן די מטבעות, אָבער אין דער רגע האט ער דורכן פענצטער דערזען פנחס סטאָליער, דער פאַריעריגער באַלעבאָס זיינער, ביי וועמען ער האט געוווינט, גייט צו אים, און ער האָט מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטון דאס געלט אין קעשענע אַריינשיטן. כאַפּנדיק האָבן זיך עטלעכע מטבעות אויף דער ערד אַראָפּגעקויקלט, און עטלעכע זענען אויך יאָסעלען אויפן שויס אַרויפגעפאַלן. אַ פּאָר יינגלעך האָבן געוואָלט אונטערן טיש אַרונטערקריכן אויפקלויבן די מטבעות, וואס האָבן זיך אַראָפּגעקויקלט, נאר דער רבי האט אַ ווונק געגעבן קיינער זאָל זיך נישט אַ ריר טון, און יאָסעלע האט אויך מורא געהאט דעם רבין צו דערלאַנגען די, וואס זענען ביי אים אויפן שויס אַרויפגעפאַלן.

— גוט מאָרגן, ר' בערל, — האָט פּנחס געזאָגט אַריינקומנדיק.

— גוט מאָרגן גוט יאָר, — האט דער רבי געענטפערט. — זיצט, ר' פּנחס!

— איך בין נישט געקומען זיצן, — ענטפערט פּנחס, — פּטרט מיך אָפּ און לאָמיך גיין. שוין צייט, ר' בערל, איבער זעקס רובל, וואס מיר קומט נאָך דירה געלט, לאָזט איר מיך לויפן באַלד אַ יאָר צייט.

— וואס דארפט איר לויפן? — פרעגט דער רבי, — אז איך וועל האָבן וועל איך אייך בתשואת חן אין שטוב אַריינטראָגן.

— הייסט עס, איר ענטפערט מיר איצט אויך דאס זעלבע וואס מיט אַ האַלב יאָר צוריק? ניין, איצט וועל איך נישט אָפּטרעטן, איצט מוזט איר מיר מיינס אָפּגעבן! — רעדט שוין פּנחס מיט כעס.

— נו, און אז איך האָב אָבער נישט? — פרעגט דער רבי.

— וואס הייסט איר האָט נישט? וואס איז דאס מיין דאגה? גיט איצט וויפל איר קענט, גיט דריי רובל, וועל איך מיט די אַנדערע דריי צו וואַרטן אַ חודש.

— אפשר נאָך שבת, הײנט האָב איך נישט, ר׳ פנחס!

— איך װעל אײך שױן נישט גלױבן ר׳ בערל. אַלעמאָל ענטפערט איר מיר, איר האָט נישט. איך װײס גאַנץ גוט, אַז אײַערע בעלי-בתּים זענען גוט געלט, הלוואי האָב איך שכנים אַזעלכע גוטע צאָלער! — װינטשט זיך פּנחס.

— הײנט האָב איך באמת נישט, אױף מײַן הן-צדק, איך האָב נישט! װי איר זעט מיך אַ ײדן, כאָטש קױלעט מיך פאַר אַ גראָשן!

— שװערט ר׳ בערל.

יאָסעלע הערט װי דער רבי שװערט פאַלש. — מעג מען שװערן פאַלש? — שרײַט עס בײַ אים אין הערצל, — דאָס בלוטל הײבט אים אָן צו קאָכן, ער גיט אַ טאַפּ די פּאָר מטבעות, װאָס ליגן בײַ אים אױפן שױס, ער װײסט נישט װאָס ער טוט, נאָר ער באַהאַלט זײ ערגעץ בײַ זיך.

פּנחס איז אַװעק אָן געלט. דער זײגער האָט געשלאָגן אײנס, און דער רבי האָט זײַנע תּלמידים געהײסן גײן עסן װאַרעמעס!

יאָסעלע איז אַהײם געלאָפן און מיט אַ געמאַכטער שׂמחה, װידער אַ געשרײ געטון: מאַמע, איך האָב װידער געפונען געלט!

כיענע איז אַ לעבעדיקע געװאָרן. זי האָט באמת געגלױבט, אַז גאָט טוט נסים מיט איר, זי האָט שױן לאַנג געװאַרט, איר קינד זאָל איר די גוטע בשורה אָנזאָגן מיט אַ נײַער מציאה, אָבער הײנטיקס מאָל טאַקע מיט אַן אוצר אַ גאַנצן. אַז יאָסעלע איז אַ מזלדיק קינד און גאָט העלפט איר צוליב אים, האָט ער איר שױן אַמאָל באַװיזן, פאַרװאָס איר אַ צװײטן מאָל נישט באַװײַזן, אַז איר קינדס מזל איז שױן טאַקע אױפגעריכט געװאָרן אינגאַנצן? אָבער װי אוממוטיק איז זי געװאָרן, װען יאָסעלע האָט צװײ צװאַנציק-און אײן צען-קאָפּיקעס אַרױסגענומען און איר דערלאַנגט.

— און דאָס איז גאָר? — האָט זי געפרעגט, — נישט כּדאי געװען מײַן שׂמחה! יאָסעלע, זיך פילנדיק שולדיק, האָט מורא געהאַט, די אױגן אױפצוהײבן און איז אַלײן אױך אוממוטיק און װי צעמישט געשטאַנען.

— כיענע, עס איז נישט גלאַט! — האָט זיך דער טאַטע אַרױסגעכאַפּט, — דאָס איז נישט אַ גלאַטע מעשׂה, פאַרװאָס געפין איך נישט, פאַרװאָס געפינסטו נישט? דו גײסט מער פאַר אים.

— נאָך װאָס װעסטו זאָגן? — האָט זיך כיענע אָפּגערופן — ליכטיקערע

אייגלעך ווי מיינע, ער דערזעט און איך־נישט, און פאַרוואָס זאָל ער נישט מזלדיקער זיין פאַר מיר?

—ווו האָסטו געפונען?—האָט ברוך האַלב געשריגן האַלב געפרעגט. יאָסעלע האָט געשוויגן.

— וואָס שטייסטו ווי אַ באַגראָבענער? שייגעץ, ווו האָסטו דאָס געלט גענומען? — האָט ברוך מיטן גאַנצן כּוח געשריגן.

יאָסעלע האָט אָנגעהויבן ציטערן ווי פון קדחת.

— נאַדיר אַ האַנט, כיענע, ער האָט עס געגנבעט. — האָט ברוך אויסגערעדט און זיך פאַרהוסט פון כּעס.

— איך זאָל עס בעסער נישט דערלעבן, רבונו של עולם! — האָט כיענע ברעכנדיק די הענט געשריגן.

— דו האָסט עס געפונען, יאָסעלע? — האָט זי זיך געפרוווט פרעגן, כאָטש דאָס האַרץ האָט איר שוין געזאָגט, אַז דאָ איז נישט גלאַט.

— געפונען! — האָט יאָסעלע שטיל און ציטערנדיק געענטפערט.

— געפונען? דו האָסט עס נישט געפונען! ווי געפינט מען דאָס לויזע געלט אין גאַס? — האָט זי אַלץ מיט מער חשד שוין שרייענדיק געפרעגט.

יאָסעלע האָט שוין נישט געענטפערט, נאָר אָנגעהויבן צו וויינען שטילערהייט.

— אַ ימח־שמו זאָלסטו ווערן! — האָט דער טאַטע אויפשפּרינגענדיק אַ געשריי געטון. — לאָז מיך, כיענע, איך וועל אים אַ טויט מאַכן! ווו האָסטו עס געפונען? גיכער, קום, ווייז מיר, אַז נישט וועל איך דיך ממיתן! יאָסעלע וויינט און ענטפערט אַ וואָרט נישט.

— ווו האָסטו עס געפונען? — האָט אויך כיענע געשריגן. — זאָג, ווייז, וויי צו מיינע יאָרן! דו שווייגסט? געגנבעט? אַ קלאָג צו דער ווּיסטער מאַמען דיינער!

מיט די רייד האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו אים, אים ווי אַ ווילדע גענומען רייסן, קניפּן און בייסן. אוי, אוי! — האָט זי גע־שריגן. — בעסער אַ קליינעם באַגראָבן דיך, איידער אויסהאָדעווען אַ גנב, וואָס זאָל מיר מיין פּנים פאַרשוואַרצן! פאַרוואָס קומט עס מיר, רבונו של עולם? האָב איך מיך ווייניק מקריב געווען פאַר אים? זיך ווייניק געבלוטיקט? פון זיך דעם ביסן ברויט אַרויסגעריסן און אים אַ העמדל, אַ שוך, אַ בגדל געמאַכט!,, מיין קינד וועט אַ למדן זיין מיין קינד

וועט קענען לערנען! מער ווי דאס האב איך דאָך ביי דיר נישט גע-בעטן, רבונו של עולם, און דאס איז מיין טרייסט, די נחמה מיינע, וואס איך האב זי דערלעבט?..

טרערן האָבן זיך אנגעהייבן גיסן פון אירע אויגן; זי האָט זיך היסטעריש אזוי פאַנאנדערגעוויינט, אזוי געכליפעט, אז יאָסעלע האט זי אזוי וויינענדיק נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האט געוווּסט, אז ער איז שולדיק, ער האט ערשט פאַרשטאַנען, וואס ער האט געטון. און האט שטארק חרטה געהאט, נאָר ווי צו פאַרריכטן האָט ער נישט געוווּסט, און ער האט נאָר געשריגן: „מאַמע, וויין נישט, איך וועל נישט מער!"

— זאָג שוין, וועמעס געלט איז דאס? — האט ברוך הוסטנדיק געשריגן.

— דעם רבינס, דעם רבינס. — האָט יאָסעלע וויינענדיק זיך מודה געווען.

— זעסטו שוין, מאַמע געטרייע, — האט ברוך צו זיין ווייב גע-שריגן, — זעסטו שוין, ווער איז אַ מבין אויף אים, איך אָדער דו? לאָז מיך, איך וועל אים אַ לעבעדיקן נישט לאָזן! און דאָ האט ער זיך ערשט גענומען צום עלנטן קינד.

— ברוך, דו וועסט אים פאר אַ קאַליקע מאַכן! — האט כיענע גע-שריגן און האט דאס אומגליקלעכע קינד קוים נאָך אַ לעבעדיקן אַרויס-געריסן פונם טאַטנס הענט.

— אַ גנב איז ערגער פון אַ קאַליקע! — האט ער געשריגן. — אַ קאַליקע איז נאָר אַ שטראָף פון גאָט, קיין חרפה נישט, אַ גנב אָבער איז אַ שטראָף און אַ חרפה אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט! רחמנות איז אכזריות! ווייז, אז דו ביסט אַ מאַמע, און רעכן זיך אליין אָפּ מיט אים. איך האָב שוין קיין כּוח נישט, דער הוסט דערשטיקט מיך אינגאַנצן... אוי, ער איז מקרב מיין מיתה, אַ מיתה-משונה אויף אים!

— אַ גנב איז מיין קינד, אַ גנב?! פינצטער איז מיר מיין וועלט, ביטער איז מיר! — האט די אומגליקלעכע מאַמע געשריגן. — ווער האָט עס אים געלערנט? איז דיין טאַטע אַ גנב? איז די פינצטערע מאַמע דיינע אַ גנבטע? זאָג, באַגראָבן זאָל איך דיך היינטיקן טאָג... פון וועמען האָסטו זיך געלערנט זיין אַ גנב?

— דאס דארף מען נישט לערנען, דאס ווערט שוין אַזוי געבוירן, אז בלוט, רחמנא לצלן! — האט ברוך נאָך הוסטנדיק דערקלערט.

— געבוירן! אזא בלוט?! ווי קומט צו אים אזא בלוט? — האט כיענע די הענט ברעכנדיק איבערגעפרעגט. — האב איך דען אין מיין משפחה גנבים? ער מעג זיין אזא צדיק און ערלעכער ייד, ווי מיין טאטע, עליו השלום, איז געווען, ווי מיינע ברידער, זיי צו לענגערע יאָר, זענען; סיידן אין דיין משפחה איז ווער געווען, און פון זיי האָט מיר די קויל געטראָפן, מיין קינד זאָל אַ גנב זיין!

— ער מעג געראָטן זיין אין מיין משפחה, — האָט זיך ברוך אָפּגעזרופן, — און נישט דאס מיין איר גאָר!.. דו ביסט אַ יידענע, כיענע, און ווי קבלה-ספרים שרייבן, איז אַ יידענע קיינמאָל נישט זיכער, אז אירע קינדער זאָלן אין איר אָדער אין איר מאַנס משפחה געראָטן זיין. אמאָל איז שולדיק אַ בייזע באגעגעניש, אמאל א שלעכטע מחשבה, אמאל מאכט זיך, הערט זי זיך אָן פון נארישע ווייבער, וואס האָבן ניין מאָס רייד, מעשיות פון גנבים, כל-בוניקעס. און דאס קינד ווערט שוין געבוירן מיט אזא בלוט, רחמנא לצלן. פארשטייסטו? אָט דאס מיין איך...

— אַ קנאפּע נחמה פאר מיר, אז איך פארשטיי דאס. — האט כיענע געקלאָגט. — ניין, ניין! — האָט זי פלוצלינג אָנגעהייבן שרייען ווי משוגע. — ער וועט קיין גנב נישט בלייבן! אַ יונג ביימעלע קען מען נאָך בייגן אהער און אַהין, און טאָמער האט עס פון אַ בייזער באַגעגעניש אין זיין בלוט, וועל איך עס אים ביז אַ טראָפּן אויסצאפּן, אויסזויגן!.. מיינס אַ קינד, ר' יאָסעלע מגידס אן אייניקל, וועט קיין גנב נישט זיין.

— קום, דו קליינער וואָרעם, קום צום רבין דיינעם, גיב אים אוועק זיין געלט, זאָל ער דיר די הויט אראָפּנעמען. זאָלן אלע יינגלעך זען, וועסטו וויסן אויף נאָכאמאָל אפשר געהיילט צו ווערן פון דער קליפּה, וואס האט זיך צוגעטשעפּעט צו דיר! — און זי האט איר ביז איצט ליב קינד אנגעכאפּט פארן הענטל, עס א שלעפּ געטון אָן רחמנות און געלאָפן, ווי דער אימפּעט וואָלט זי געטראָגן, נישט געפילט גאר, אז זי שלעפּט נאָך זיך א שוואך, הונגעריק, צעשלאָגן און צעביסן קינד, וואס האט שוין קיין כח און קיין אָטעם נישט כמעט נאָכצולויפן נאך איר.

— גאָט העלפט אייך, רבי קרוין! — האָט זי קוים אויסגערעדט אַריינקומנדיק, און געמוזט אַ פּאָר מינוט אָפּרוען, דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.

— אַ מסירהלע אַוודאי! — האָט ר׳ בערל געוואָלט טרעפן, — איך האָב אַלץ געקלערט, ער איז מיר אַן חדר צו שטיל, דערפאַר קערט ער איינדערהיים אַוודאי די שטוב איבער. אמת, יאָסעלע?

— וואָלט ער אַזוי פון קיין אַנדער שלעכטס נישט וויסן, — האָט כיענע מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט, — ווי ער ווייס איינדערהיים נישט פון שטיפן. דערפאַר איז דאָך טאַקע מיין קלאָג אַזוי גרויס! אַלע מאָל אַ גוט קינד, אַ שטיל קינד געווען, און פּלוצים איז אַ בייזע שעה אויף אים אָנגעפאַלן און נעמט און ברענגט מיר גאָר געלט!.. געפונען געלט, האָט ער געזאָגט; געמיינט אַוודאי, ער וועט דער מאַמען אַ שמחה מאַכן. — אַ קלאָג צו מיר! אין איך נאַר, אַ יידענע, וואָס ווייס טאַקע אַ זינדיקע אשה, איך האָב טאַקע געמיינט, ער האָט געפונען. דער מאַן אָבער מיינער — זאָל ער אַזוי געהיילט ווערן פון דער קרענק זיינער, וואָס פּייניקט אים שוין, נעבעך, דריי יאָר — ווי מיטן ערשטן קוק האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז נישט קיין כשרע מציאה! וואָס קלערט איר, איך האָב אים אַ האַלב־טויטן פון זיינע הענט אַרויסגעריסן, און פאַר איטלעכן קניפּ און ביס, וואָס ער האָט פון מיר געהאַט, מעג מיר גאָט אַ מזלדיק יאָר געבן! נאָר וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, די קויל האָט מיך שוין גוט געטראָפן: ער האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס איז אייער געלט. ווי־אַזוי איז דאָס געקומען צו אים, בין איך אַזוי צעמישט געווען, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אים צו פרעגן. נאָט אייך, רבי, איך האָב עס אייך אָפּגעבראַכט; סם זאָל איך בעסער נעמען, איידער צונעמען געגנבעט געלט! פריער גאָט, דערנאָך איר, ליבער רבי, אַלץ אין דער וועלט, קיין גנב זאָל מיין קינד נישט זיין!

— לאָה! — האָט דער רבי אַ געשריי געטון צו דער רביצן — זעסט, מען טאָר אַ מענטשן אומזיסט נישט חושד זיין; אָט איז דער האַלבער רובל, וואָס פעלט פון שיינדעלעס זעקס רובל! און דו האָסט געשריגן, אַז נאָר דער משרת האָט עס אַראָפּגעגנבעט, און דערווייל האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר פּעטש פון ר׳ שלמהן, ער זאָל זיך מודה זיין. זעסט שוין, ווער ס׳איז דער גנב? וואָלסטו גאָר אַמאָל געטראַכט אויף אים? אַזאַ שטילער וואָרעם, אַזאַ שייגעץ!

— שטיל וואסער גראבט טיף, א מפּלה וואלט איך אויף אים געטראכט! — האט זיך די רביצן אפּגערופן, אים מיט איר האנט די מארדעטשקע אויפהייבנדיק. — זאג, דו קליינער גנב, נישט גע־דאכט זאלסטו ווערן, וואס נאך האסטו ביז אהער שוין געגנבעט, וואס איך ווייס נאך נישט?

— לאה, האט קיין פּאריבל נישט, — האט זיך כיענע ארויסגע־כאפּט, — קלערט נישט אזעלכע זאכן! עס איז טאקע מיין שטראף, מיין חרפּה, אבער איך שווער אייך, אז דאס איז די ערשטע בייזע שעה אויף אים געווען, די ערשטע און די לעצטע, לאה קרוין: ער האט שוין גענוג געהאט פון טאטן זיינעם, פון מיר אויך, און איך בין גע־קומען בעטן אייער מאן, זאלן אים געזונט זיין זיינע הענט, ער זאל אים אויך גוט באשטראפן, מיין קינד זאל פארזאָגן א צענטן נאכאמאל גאר אזא שלעכטע דעה צו האבן.

כיענע האט גאר פון דאס ניי אנגעהייבן ביטער צו וויינען.

— וויינט נישט, כיענע, — האט זי דער רבי געטרייסט, — איך בין זיכער, אז דאס האט יאסעלע באמת דאס ערשטע מאל די נאריש־קייט געטון. א דאנק אייך פאר דעם האלבן רובל, וואס איר האט מיר אפּגעבראכט; איך הארעווע מיך גענוג אָן, איידער איך הארעווע אויס אהאלבן רובל... מיר ארט נאר איצט, וואס איך בין צוליב דעם צו אַ מכשול געקומען חושד צו זיין שיינדעלעס משרת; און באמנות זאָג איך אייך: איך ווייס איצט גאָרנישט, ווי זאל דאָ זיין? עס פעלט גאָר, אז שיינדעלע זאל זיך דערוויסן, אז אייער יאָסעלע איז דער גנב געווען... נו, נו, וועט זי שוין האָבן טענות, וואס איך האב אזעלכן אין חדר אַריינגענומען. איך פארגין איר גאָרנישט, אז זי זאָל מיך נאָכאַמאל פרעגן, ווער איז גערעכט: זי צי איך? „פון קבצנים באַדארף מען זיך צו היטן, ווי פון פייער!" „כּל־בוֹ איז אין זייערע קינדער!" — זאָגט זי מיר תמיד, און איך שווער איר אַלץ, אז עס איז דווקא נישט אזוי, אז זי האט אַ טעות. פון דער אנדערער זייט איז אַ יושר מפייס צו זיין דעם בחור דעם משרת, וואס איך האב אים חושד געווען, און ר' שלמה האט אים דערווייל מכבד געווען מיט אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש. אָט וואס איך קלער: דעם בחור וועל איך זאָגן, אז איך האב דאס געלט געפונען, שיינדלען גאָר קיין מעשה נישט דערציילן. אייך, יינגלעך, זאג איך אָן, די היט וועל איך אַראָפּשינדן, טאַקע נישט אויף צו פלייסן, ווער עס וועט עפּעס אויסזאָגן, וואס איר זעט

און וואס איר הערט דאָ, געדענקט, שקצים, וואס איך זאָג, און שווערט, אז איר וועט נישט אויסזאָגן? — אַלע יינגלעך האָבן געשוווירן.

— און איצט, יאָסעלע, וועל איך זיך נעמען צו דיר. האָט קיין מורא נישט, כיענע! — האָט ר' בערל געזאָגט. — אַ גרויסער כּוח ליגט אין דער רוט. און טאָמער האָט ער באמת אַ מחשבה געהאַט צו ווערן אַ גנב און האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ קליין גנבהלע, וועט ער באַלד וויסן, ווי ביטער און זויער דאָס איז, און וועט שוין אויס־שפּייען... נישקשה, עס וועט אים צו רפואה זיין!

מיט די ווערטער האָט ר' בערל פון נייעם בעזים עטלעכע גוטע ריטער אַרויסגעצויגן, גענומען יאָסעלען ביים הענטל, אַליין די הייזלעך לויז געמאַכט און אים אויפן בענקל אַוועקגעלייגט.

— כיענע, אייער מצווה אים טאַקע פאַר די פּיס צו האַלטן! — האָט די רביצן, צו כיענען זיך ווענדנדיק, געזאָגט. — לאָז אַזאַ איינער טאַקע וויסן, אַז די מאַמע אַליין הייסט און וויל, אַז מ'זאָל אים שמייסן פאַר אַזאַ זאַך. גאָט וועט אייער צער צוזען און אייער קינד וועט געראַטעוועט זיין.

כיענע האָט אירע אַלע כּוחות צוזאַמענגענומען דערביי צו שטיין, נאָר קוים האָט זי דערזען זיין צעביסן און צעשלאָגן לייבעלע פון נייע און אַלטע קלעפּ און שלעג, האָט זיך אין איר אַ געפיל פון רחמנות אויפגעכאַפּט, דער קאָפּ האָט איר אָנגעהייבן שווינדלען, אין די אויגן איז איר פינצטער געוואָרן, און זי האָט געפילט, אָט־אָט פאַלט זי חלשות. דער רבי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר און האָט דערווייל געשמיסן ווי ער האָט געקענט. פּלוצים האָט כיענע ווי מיט די לעצטע כּוחות אַרויסגעשריגן:

— מיט רחמנות, רבי, האָט רחמנות!.. — און איז אין חלשות געפאַלן.

ז

אַז כיענע איז צו זיך געקומען און האָט מיט איר פאַרטוך אָפּגעווישט דעם פּנים פונם קאַלטן וואַסער, וואָס די רביצן האָט אויף איר פּונם מויל געשפּריצט, האָט זי יאָסעלען דערזען שטייענדיק לעבן

זיך, און ער שרייט ווי אַ ווילדער: „מאַמע! מאַמע! אוי, מאַמע, נישט שטאַרב!"... זעענדיק, ווי דער רבי דריקט די מאַמען זיינע פאר דער נאָז; די רביצן נעמט אַ שלוק נאָך אַ שלוק וואַסער אין מויל און שפּריצט אויף איר; נאָך אַ ייד אַ שכן איז אַריינגעלאָפן, איר גע־קוועטשט די שלייפן, און זי איז בלאַס ווי אַ טויטע, גיט זיך קיין ריר נישט, קיין קרעכץ אפילו, — האט יאָסעלע געמיינט, די מאַמע זיינע איז שוין געשטאָרבן, און זיין שרעק און אנגסט האט אים אויף אַ ווײַלע געלאָזט פאַרגעסן זיינע אייגענע יסורים און פּיין. — אוי, מאַמע, נישט שטאַרב, נישט שטאַרב, טייערע מאַמע מיינע, איך וועל מער קיינמאָל, קיינמאָל נישט גנבענען! — האט ער געשריגן און דער מאַמעס נאַסע קאַלטע הענט געקושט.

— דו לעבסט, יאָסעלע? דו שטייסט נאָך אויף דיינע פיסעלעך, מיין אָרעם קינד? — האט כיענע מיט אַ פאַרחלשט קול געפרעגט.

— וואס רעדט איר עפּעס, כיענע, גאָט איז מיט אייך! — האט די רביצן מיט גרויס פאַריבל איר אויסגערעדט. — וואס האט איר געמיינט, אַ גזלן איז מיין מאַן, ער וועט אייער קינד ביזן טויט, חלילה, פאַר־שמייסן? ער האט אפשר נישט פאַרדינט נאָך שטאַרקערע שמיץ? אָפּגעשמיסן, ווי מען שמייסט אלע ייִנגלעך, אַ ביסל ציטעריקערע פון אים אויך!..

— איך רעד, איך ווייס דען וואס איך רעד? — האט זיך כיענע פאַרענטפערט. — מיין ווייטיק רעדט אין מיר. נישט געפּרוווט זאָל גאָר ווערן אַ יידישע מאַמע צו אזא צער, צו אזא ווייטיק... האט נישט קיין פאַריבל, ר' בערל! אדרבה, געזונט זאָלן זיין אייערע הענט, און אז אייערע ריטער וועלן אים צו רפואה זיין, ער זאָל שוין מער אַזוינס נישט טון, וועל איך מיין גאַנץ לעבן גאָט בעטן פאר אייך און וועל אייך אייביק דעם חסד נישט פאַרגעסן..

כיענען איז אין האַלדז טרוקן געוואָרן.

— גיב, יאָסעלע, אַ ביסל וואַסער! — האָט כיענע געבעטן, — און אז זי האט אַ שלוק געגעבן, געפילט זיך אַ ביסל שטאַרקער, האט זי זיך ווידער צו איר קינד געווענדט:

— זעסט, וואס דו האָסט פון דיין מאַמען געמאכט? נאָך איין רגע און איך וואָלט שוין אפשר מיינע אויגן אויף אייביק נישט גע־עפנט... נישט מיט מ י ר נאָר מיט ד י ר, מיט דיין קראַנקן טאַטן און מיינע אָרעמע קינדער האָבן די גוטע מענטשן חסד געטון, וואס די

האָבן מיך נישט געלאָזט שטאַרבן פאַר דער צייט. זאָג, יאָסעלע, דו ווילסט, איך זאָל נאָך לעבן, דו און דיינע שוועסטער און ברידערלעך זאָלן קיין פאַרוואָגלטע עלנטע יתומימלעך נישט בלייבן, זאָלסטו פון היינט אָן נישט טון מער אזא נאַרישקייט, אזא זינד אַ שווערע און אַ חרפה ווי גנבענען! געדענק, זאָל דיר נישט גלוסטן גאָר יענעמס, פיינט האָבן ווי חזיר זאָלסטו יענעמס געלט, יענעמס האָב, ווי פיינט עס האט עס די מאמע דיינע, דער טאטע דיינער, און דער גוטער טרייער רבי דיינער! זאָג עס אים צו, דעם גוטן רבין דיינעם, גיב אים אַ קוש אין האַנט און שווער אים, אז דו וועסט נישט מער, וועט ער דיר מוחל זיין, וועל איך דיר מוחל זיין, וועלן דיינע חברים דיר מוחל זיין, און גאָט וועט שטאַרקן דיין האַרץ, דו זאָלסט עס מער טאָקע נישט וועלן.

יאָסעלע האט דעם רבין אַ קוש אין האַנט געטון, נאָר שווערן האָט ער שוין נישט געקענט.

— וואס שווערסטו נישט? — האָט כיענע געפרעגט.

— נעם מיך אַהיים, מאַמע! — האָט יאָסעלע קוים אַרויס-גערעדט. — דער קאָפּ טוט מיר וויי. אוי, אין שטוב איז אַזוי פינצטער געוואָרן!

— נעמט אים, כיענע, טאָקע אַהיים. — האט דער רבי געראטן, זעענדיק, ווי דאס קינד האָט זיך פּלוצים אַזוי פאַרענדערט. — איך בין אים מוחל, ער וועט מאָרגן אויך צייט האָבן צו שווערן!

כיענע, שוואַך און דערשלאָגן, האָט מיט די לעצטע כּוחות איר געפּייניקט קינד אַהיים אַוועקגעטראָגן און אין איר בעט עס באַלד אַוועקגעלייגט.

— צו רפואה! — האָט ברוך זיין ווייב באַגעגנט. — איך זע שוין, עס האָט געמוזט זיין אַ גוטע באָד. אָט אַזוי ווייס איך, אז דו ביזט אַ מאַמע? ווי דען, לאָזן אים זיין אַ גנב?

כיענע האָט אפילו געוואָלט אויסלאָזן איר האַרץ צו אים, נאָר זי איז אַזוי פאַרקלעמט געווען, אז זי האט אַ וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. אַ גאַנצע נאַכט האָט יאָסעלע געבּרענט ווי אַ פייער, אומרויק געשלאָפן און פון שלאָף געקרעכצט. אַ שטראָם רחמנות האט דער אָרעמער מוטערס האַרץ פאַרטרונקען. זי האָט זיך ערשט דערמאָנט, אז אַ חוץ אַ שטיקל טרוקן ברויט אינדערפרי האָט יאָסעלע אַ גאַנצן טאָג אין זיין מויל נישט געהאט... און אַ הונגעריק קינד האט זי אליין אַזוי פיל

געקניפּן און געביסן, האָט דער טאַטע אַזוי פיל געשלאָגן, און דער־נאָך — דע־ רבי!.. און פאַר אירע אויגן האט זיך פאָרגעשטעלט זיין צעריסן לייבעלע אין דער מינוט, ווען דער רבי האט אים דעם ערשטן שמיץ געגעבן. זי האט אויפגעהייבן דאס העמדל און איר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן: ווי צעשניטן, צעריסן דאָס עלנטע לייבעלע איז:

— אליין מיין קינד צו דער עקדה געפירט! — האט זי מיט א גע־ווין געקלאָגט. — אליין מיין קרבן צום מזבח געבראכט און דעם שוחט דאס מעסער דערלאנגט!.. ווי קענסטו עס צוזען, רבונו של עולם, און נישט טרייסטן נאָכאַמאָל דאס געפּייניקטע קינד און די אָרעמע מאַמע זיינע נחת אַ סך צו דערלעבן!? פאַרוואָס, פאַרוועץ? פאַר גאָרנישט! באַנאַרישט זיך אַמאָל, דערויף איז ער דאָך אַ קינד. וואָלט זיין מאַמע שיינדעלע און נישט כיענע געווען, וואָלט ער עס גאָרנישט געטון די נאַרישקייט, און אז יאָ, וואָלט מען אים נישט אזוי געפּייניקט... פאַררעכנט זאָל עס אונדז ביידן זיין, טאַטע געטרייער, און שיק אים צו די רפואה, געזונט צו זיין און ערלעך צו זיין, גאָט אין הימל!

אויף מאָרגן איז יאָסעלע אויפגעשטאַנען, כאָטש שוואַך ווי נאָך אַ קרענק. אָבער אז די מאַמע האָט אים געפרעגט: „וואָס טוט אים וויי?" האָט ער געענטפערט: „גאָרנישט, גאָרנישט!"

כיענע האָט געוואָלט אים נישט לאָזן היינט גיין אין חדר, נאָר ברוך האָט געשריגן:

— זאָל ער גיין! רעד אים נאָר איין, אז ער איז קראַנק! ער האָט שיין געדרשנט דער תּנא ברא דיינער! זי האט שוין פאַרגעסן, וואָס נעכטן איז געווען!

און יאָסעלע איז אַוועק אין חדר. ביי דער טיר אָבער איז ער שטיין געבליבן און מורא געהאַט אין חדר אַריינצוגיין, ביז די יינגלעך האָבן אים דערזען און געזאָגט דעם רבין. ר׳ בערל איז אַרויסגעגאַנגען, אים פאַר אַ הענטל אַריינגעפירט, צוגעפירט צום טיש און האָט גע־עפנט פאַר אים אַ חומש.

— זאָג! — האָט דער רבי געטייטלט אין חומש און אים געהייסן די ווערטער פאַרטייטשן.

— לא תגנוב! זאָלסט נישט גנבענען! — האָט יאָסעלט פאַר־

טייטשט און טרערן גרויסע זענען אויף די ווערטער פונם חומש געפאַלן.

— נאָכאַמאָל!

— לא תגנוב! זאָלסט נישט גנבענען! — און אַזוי דריי מאָל.

— איצט נעם דאָס חומש אין האַנט און שווער, אז דו וועסט נישט גנבענען מער קיינמאָל.

יאָסעלע האָט געשווירן.

— געדענק, דו האָסט געשווירן ביים חומש. — האָט דער רבי ווייטער גערעדט. — זייט עדות אַלע ייִנגלעך, אז טאָמער וועסטו נאָכאַמאָל עפּעס וואס גנבענען, וועל איך דיר פריער די הויט אַראָפּשינדן און דערנאָך דיך פון חדר אַרויסטרייבן!

— מיר זענען עדות! — האָבן די קינדער זיך אָפּגערופן.

— און קיינער זאָל אים מער נישט רופן גנב, איר הערט? — האט ר' בערל אָנגעזאָגט.

— איצט קומט לערנען!

— און דו, שיינער מענטש, — האט די רביצן געזאָגט צו יאָסעלען, — גיי וויג צו דאס קינד, נאָר נעם דאָרט גאָרנישט צו, דו הערסט? — צו די חדר ייִנגלעך האָט זי געזאָגט שטילערהייט: — קינדער, איר זאָלט שטענדיק אַכטונג געבן אויף אים, בעת איך גיי אַוועק! ער איז טאַקע אַ גוט ייִנגל, אַ שטיל קינד, אָבער אַ ביסעלע צו לאַנגע הענטלעך!..

חברה האָט עס מער נישט באַדאַרפט.

קליינע קינדער זענען צייטנווייז אויך גרויסע חיות ווילדע, קיין רשעות איז זיי נישט צו קליין פון זייער פאַרגעניגן וועגן. באַגעגנגען זיי אין קאָמפּאַניע אַמאָל איינעם, וואס האט נאָך זיין גאַנג און קליידער דאס אומגליק זייער אויפמערקזאַמקייט אויף זיך צו ווענדן, איז ביי זיי רעכט, גאָר אָן אַ שום פאַרוואס, נאָך צו לויפן נאָך יענעם מיט געשריי און געפילדער, מיט בלאָטע און מיט שטיינער, עס העלפט קיין גוטע און קיין בייזע רייד נישט, חברה בעגלייט דעם גאַסט ווי איר געפעלט... און גומל מעג יענער בענטשן, ווען ער ווערט ענטרונען פון זיי אָן אַן אָפּגעריסענעם בגד אָדער נאָך ערגער — אָן אַ לאָך אין קאָפּ.

כאָטש יאָסעלע האָט קיינמאָל קיין ייִנגל אין חדר נישט פאַרטשעפּעט און אפילו צוריקגעבן אַ ייִנגל, וואָס האָט אים געטשעפּעט,

האָט ער אַלעמאָל מורא געהאַט און כאָטש דער רבי האָט אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל אים נישט רופן גנב, האָבן זיך אָבער די קינדער נישט געקענט ענטזאַגן פון זייער נאַטור, זיך נישט צו רייצן און נישט פאַרגינען זיך יאָסעלען אַלע קרענקונג און יסורים אָנצוטון; קוים האָט זיך דער רבי אָפּגעקערט, האָט אים באַלד איינער אָדער עטלעכע מיט אַמאָל אַ געשריי געטון: „גנב!“ משהלע מזיק איז אַ בעלן געווען צו נעמען אַ שטריקל און גיין אויסמעסטן ווי לאַנג יאָסעלעס הענט זענען און האָט אַלע ייִנגלעך בחוש געוויזן, אַז יאָסעלעס הענט זענען מי יודע ווי לאַנג.

יאָסעלע האָט דערפון שרעקלעך געליטן, מער ווי פון רבינס קאַנטשיק, מער אַ סך ווי פון זיינע ריטער אפילו, נאָר דאָס, איז נאָך ווייניק געווען און אין חדר האָבן די ייִנגלעך אַ לידעלע אָנגעהייבן צו זינגען. ווער האָט דאָס לידעלע אויסגעטראַכט האָט קיינער נישט גע-ווּסט, נאָר אַלע האָבן געזונגען:

אַ גנב איז יאָסעלע.
געשמיסן אים אין טאָסעלע,
געשמיסן מיט אַ ריטעלע,
אויף אַ גנב ברענט דאָס היטעלע!

דאָס לידעלע האָט יאָסעלען הייסע ביטערע טרערן געקאָסט, און ווי ער פלעגט אַמאָל גאָט בעטן, זיין מאַמע זאָל רייך זיין ווי שיינדעלע, לייבעלעס מאַמע, ווי אסתּר — משהלעס מאַמע, זיין טאַטע זאָל נישט הוסטן אים נישט שעלטן און דער רבי זאָל אים אומגערן נישט שלאָגן — אַזוי האָט איצט, אינדערפרי און ביינאַכט, צו יעדעס מאָל דאַווענען, זיין הערצל צו גאָט געשריגן: „גאָט, זיי מיר מוחל, איך וועל מער נישט גנבענען, מער קיינמאָל נישט גנבענען, נאָר זאָל מיך די רביצן נישט היטן, זאָלן מיינע חברים נישט רופן מיך גנב, און זאָלן זיי דאָס לידעלע נישט זינגען!“

אַ פּאָר וואָכן זענען אַריבער, און די מאַמע האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו זאָגן אים איר מוסר, וואָס פלעגט ביי אים צונעמען דאָס לעצט ביסל געזונט, אויך דער טאַטע האָט כמעט זיין שנאה צו אים פאַרגעסן און סיידן ביי אַ גרויסן כעס פלעגט ער נאָכאַמאָל צו די ווערטער: „פּויער, עשו“ אויך דאָס וואָרט „גנב!“ צולייגן. אין חדר אפילו האָט זיך שוין דאָס לידעלע האַלב צוגעגעסן, נאָר דער קאַנטשיק דעם רבינס האָט זיין טעות נישט געוואָלט פאַרגעסן אונ

אפטער ווי פריער פלעגט ער איצט אים טרעפן, ווען נאָר דער רבי האט זיך געצילט אויף אַן אַנדער יינגל, און כאָטש דער קאַנטשיק איז נישט בעסער און נישט ווייכער געוואָרן אָון פלעגט יאָסעלען נישט ווייניקער וויי טון ווי פריער, פונדעסטוועגן פלעגט מען פון אים אַ געשריי הערן אָדער אַ כליפּ — זעלטענער, אַ סך זעלטענער ווי פריער.

יאָסעלע האָט אַלץ פּאַר גוט אָנגענומען, דעם קאַנטשיק, דאס קינד ניאַנטשן, צום טייך מיט דער רביצן מיט די גרעט גיין, אַלץ גוט אַבי נישט הערן דעם נאָמען „גנב”, אַבי נישט הערן דאס לידעלע, וואָס טוט אים אַ סך מער וויי ווי די אַלע זאַכן, און ער איז שוין כמעט צעפרידן געווען אַזוי, אז עס האָט זיך אים שוין אויפגעהערט צו וועלן רייך זיין. גייענדיק אַהיים האָבן שוין זיינע אייגלעך מער נישט געזוכט צו געפינען, נישט קיין קליינע נישט קיין גרויסע מציאה און ער האט ווייטער געלערנט און האָט געוואָלט לערנען. נאָר איינמאל האט לייבעלע שיינדעלע די בעל טאַקסעטעס בן־יחיד אין חדר געבראַכט אַ מעסערל, אַ קליין מעסערל מיט אַ שפאקטיוו, וואס זעט זיך דורך אַ פּיצל גלעזל גאַנץ קריאת־שמע. אַ פעטער זיינער האט עס אים אַ מתנה מיטגעבראַכט פון אויסלאַנד.

דער רבי אַליין איז טשעקאָווע געווען אין שפאקטיוו אריינ־צוקוקן און האט די חידושים באַלד דער רביצן געוויזן; זי אָבער האט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין ווי קען אזא גרויסע קריאת־שמע אין אזא קליין מעסערל אַריינקריכן? דער רבי האט אפילו געמאַטערט זיך איר צו געבן פאַרשטיין, אז דאס איז מיט אזא אחיזת עינים, אָדער אזא מין שפאָקטיוו, וואס ליגט אַ גרויסער שכל דאָרין, נאר זי האָט נישט אויפגעהערט צו טענהן, אז איר מוח פאַר־נעמט עס נישט.

אַ גאַנצן טאג האָבן זיך אַלע יינגלעך אָנגעשפּילט מיט דעם מעסערל, געקוקט מיט איין אויג און געלייענט די ווערטער, און אפילו מנשה מילנערס ביידע בנים, וואס אין סידור האָבן זיי מיט מאַטערנעש קוים עברי געזאָגט, האבן אין דער שפאקטיוו כמעט אַ האלבע קריאת־שמע איבערגעלייענט. דאס מעסערל איז אומגעגאנגען פון איין יינגל צום אנדערן, ביז דער רבי האט זיך ענדלעך אנגע־בייזערט און געהייסן לייבעלען דאס מעסערל באהאלטן און לייבעלע האט עס באהאלטן. יאָסעלען האט זיך אויך געוואלט אַ קוק טון אין

שפּאַקטיוו, און האט זיך געבעטן אים אויך צו ווייזן וואס אלע זען דאָרט, נאר משהלע מזיק האָט נישט דערלאָזן. — ווייז אים נישט, לייבעלע, ער וועט עס צוגנבענען! וועסט זען, געדענק וואס איך זאָג דיר!— האט משהלע געשריגן, און לייבעלע האָט אים נישט געוויזן. פאַרנאַכט, אז דער רבי האָט שוין מיט די קינדער בענטשן און קריאת-שמע געלייענט, האט לייבעלע אַ כאַפּ געטון אין קעשענע און צו וויינען אָנגעהייבן: דאס מעסערל איז נישטאָ... דער רבי אַליין האָט גע-האַלפן זוכן אין לייבעלעס אַלע קעשענעס, נישטאָ!

איין ייִנגל האט אַ געשריי געטון: „יאָסעלע האט דאס מעסערל געגנבעט!" און משהלע מזיק האט עדות געזאָגט, ער האָט אַליין געזען ווי יאָסעלע האט זיין האַנט אַריינגעשטעקט אין לייבעלעס קעשענע.

— יאָסעלע!—האט דער רבי אַ געשריי געטון.

— איך האָב אים געשיקט אין קרעמל נאָך זאַלץ!—האט די רביצן זיך אָפּגערופן,—וואס איז, וואס דאַרפסטו אים?

— איך האָב מורא עס הייבט זיך אָן אַ נייע חתונה,—האט דער רבי געענטפערט זייער אומצופרידן,—אין דער מינוט איז יאָסעלע אַריינ-געקומען מיט אַ ליימענעם טעפּל מיט זאַלץ און דערלאַנגט דער רביצן צוזאַמען מיט דעם רעשט פון אַ צענער.

— יאָסעלע,—האט דער רבי גאָר מיט אַ פריינטלעכער מינע גע-זאָגט,—קום אַהער, איך וויל דיך וואס פרעגן.

יאָסעלע איז צוגעגאַנגען, נישט פילנדיק די שוואַרצע וואָלקן, וואס האָבן זיך מיט אַ מינוט פריער אָנגעקליבן איבער זיין אָרעם קעפּעלע.

— זאָג יאָסעלע,—האָט דער רבי אים גלעטנדיק געפרעגט,— דו האָסט צוגענומען לייבעלעס מעסערל? אויף אַ צופלייִשן, מסתמא, פאַרוואס לייבעלע רופט דיך גנב! זייער רעכט, גיב אים טאַקע נישט אַוועק, גיב עס מיר, וועל איך אים שוין קיינמאָל נישט אָפּגעבן, עס וועט ליגן ביי מיר, ביז לייבעלע וועט שווערן, אז ער וועט דיך קיינמאָל נישט שלאָגן, קיינמאָל נישט זינגען דאָס נאַרישע לידעלע זינגען... אמת?

דאס הערצל האט דערפילט, אז דאָ הייבט זיך עפּעס נישט גוטעס אָן און מיט טרערן אין די אייגלעך האט ער געענטפערט:

— רבי, איך האָב דאס מעסערל נישט גענומען, נישט געזען אפילו!

דער רבי האט אים שטאַרק אין די אויגן אַריינגעקוקט אַ פּאָר מינוט נאָכאַנאַנד. יאָסעלע האט דעם קוק נישט געקענט אַריבערטראָגן און האט אָנגעהייבן צו וויינען.

— אז דו האָסט דאס מעסערל נישט גענומען וואס נאָך וויינסטו?— האָט דער רבי שוין ערנסטער אָנגעהייבן, — אז דו וויינסט איז דאָך טאַקע אַ סימן, אז דו ביזט שולדיק, טאָ גיב טאַקע בעסער מיט גוטן אַוועק, איידער איך נעם די ריטער.

— ווי דאס איז אַ ספר פון גאָט, איך האָב דאס מעסערל אפילו נישט געזען!—שווערט זיך דאס עלנט קינד ביים חומש און ציטערט שוין מיט אַלע אברים.

— נישט געזען? אָבער גענומען האָסטו עס? — לערנט דער רבי דעם פשט.

— גענומען אויך נישט!

— האָסטו עס געגנבעט!

— געגנבעט אויך נישט, רבי! מען טאָר נישט גנבענען, איך האב דריימאָל ביים חומש געשווירן: איך וועל מער נישט גנבענען, און וועל קיינמאָל מער נישט גנבענען!

— דער וואָס קען גנבענען קען שווערן פאַלש, פאַרשטייסטו קליינער ממזר?— גיט דער רבי אים צו פאַרשטיין.

— און ווער עס גנבעט איינמאָל, גנבעט נאָכאַמאָל אויך!—לייגט צו די רביצן.—אַ שאָד אזא שיין מעסערל, ער וועט עס אַוועקגעבן פאַר אַ קאָפּיקע, נאַדיר אַ האַנט! פאָלג מיך, בערל, טרייסל אים אויס די קעשענעס וועסטו עס געפינען!

און ר׳ בערל נעמט טאַפּט איבער יאָסעלעס שטיקל בגדל, הייסט אים די שיכלעך און די זעקלעך אויסטון, נעמט אויך זיין היטעלע אַראָפּ פון קעפּל, טאַפּט דעם אייבערשלאַק און אונטערשלאַק, נישטאָ... און ר׳ בערל הייבט אן צו גלויבן, אז יאסעלע איז נישט שולדיק. נאר לייבעלע, וואס וויינט און קלאגט אויף זיין טייער מעסרל און מיינט נישט מער, דאס מעסערל זאל זיך געפינען, און משהלע מזיק, וואס האט גיכער דאס מעסערל אַליין צוגענומען און ערגעץ באַגראָבן — שרייען און שווערן, אז יאסעלע האט דאס מעסערל געגנבעט און אין הויף ערגעץ באַגראבן.

— אַ מיאוסע—מעשה!—שרייט דער רבי,—דאס מעסערל זאל זיין, עס מעג מיר מיין לעבן קאסטן! און אזוי שרייענדיק ציט ער-

אַרויס עטלעכע פּיכטע ריטער פונם בעזעם און לייגט יאָסעלען אויפן בענקעל.

— זיי זיך מודה!—שרייט ר' בערל מיט רציחה און שמייסט,—זיי זיך מודה, זאָג, ווו האָסטו דאָס מעסערל באַהאַלטן?

יאָסעלע שרייט פון ווייטיק, נאָר אָן ווערטער.

— זיי זיך מודה, שייגאַץ,—הייבט בערל ווידער אָן,—ווערט אפילו די מאַמע דיינע דערפון נישט וויסן, זיי זיך מודה, גיכער, ווו האסטו דאס מעסערל באַגראָבן?

יאָסעלע רעדט אַלץ נישט נאר ער שרייט נאָך מיט די לעצטע כוחות.

— זאָג, גיכער דו קליינער גנב, זאָג, אז נישט שלעפּ איך דיך פאר די אויערן צו דער מאַמען דיינער, זאָל זי דיך שלאָגן, פאר איר וועסטו זיך מודה זיין!—פּרוווט נאך דער רבי און לאָזט די ריטער מיט מער כוח ווי פריער.

— אוי רבי, איך שטאַרב, נישט שמייסט מער, איך וועל שוין זאָגן!

— שרייט דאס געפּייניקט קינד.

דער רבי הערט אויף צו שמייסן—שאַ, עס גייט אויף אַ דרך,— זאָגט ער און וואַרט, יאָסעלע זאָל אָנהייבן אויסזאָגן, נאָר יאָסעלע וויינט נאך און זאָגט נישט.

— וואס זאָגסטו נישט?—פרעגט בערל אומגעדולדיק.

— וואס זאל איך זאָגן? — פרעגט יאָסעלע כליפּענדיק.

— ווו דו האָסט דאס מעסערל באַגראבן? זאג!

— איך ווייס נישט!

— ווידער איך ווייס נישט?—קומט דער רבי אַריין אין רציחה און הייבט אָן אים טרייסלען ווי אַ לולב. — וואַרט, דו וועסט באַלד וויסן, צו דער מאַמען קום, דו ממזר, צו דער מאַמען! זאָל זי שטאַרבן פון מיינעטוועגן, וואס זי האט אזא טייער קינד! שטום האט זי געמעגט ווערן, איידער איך האב מיך געלאזט איבעררעדן פון איר, דיך אין מיין חדר אַריינצונעמען! אוי, אוי! האט ר' בערל געשריגן ווי אַ ווילדער, מיין גאַנצן נאמען וועל איך מיר צוליב דעם איינעם איבערפירן! צו דער מאַמען קום, לאמיך מיין כעס אויסלאזן צו איר... און ר' בערל האט אנגעטון דאס היטל, גענומען דעם שטעקן אין איין האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט האט ער יאסעלען אַ כאַפּ

געטון און אים אַרויסגעשלעפּט פון חדר און נאָכאַנאַנד געשריגן: צו דער מאמען קום!

— אוי רבי, פירט מיך נישט צו דער מאַמען! זי וועט שטאַרבן, — האט יאסעלע געבעטן.

— טאָ זאג, ווו האסטו דאס מעסערל באַגראבן?

— אין הויף, אין אַגריבעלע! — האט ער געענטפערט, מען זאל אים נאר צו דער מאַמען נישט פירן.

— קום ווייז, ווו?

— איך וועל ווייזן, ווייזן, רבי! פירט מיך נישט צו דער מאמען!

און דאס אָרעם קינד האט דעם רבין אין הויף געוויזן ווו ער האט דאס מעסערל, כלומר׳שט, באַגראָבן. און ער האט געגראָבן מיט ציטערנדיקע הענטלעך די ערד, אַליין נישט ווויסנדיק וואס עס גראָבט, וואס עס זוכט.

— פאַרוואָס געפינסטו נישט? — האט בערל ווידער מיט כעס אָנגעהייבן.

— רבי גוטער, רבי טייערער, — האָט יאָסעלע, פלוצלונג אָנגענומען דעם רבינס האַנט און האט אָנגעהייבן קושן און מיט ביטערע טרערן באַגיסן, — איך האָב דאס מעסערל נישט גענומען, נישט געגנבעט, נישט געזען אפילו און נישט באַגראָבן. אונטערן בלויזן הימעל שווער איך, און גאָט איז אַן עדות, אז איך האב דאס מעסערל נישט גענומען! — שלאָגט מיך נישט, אז נישט וועט גאָט אייך שטראָפן! ער איז מיין עדות און ער וועט זיך אָננעמען פאַר מיר!

יאָסעלע האט עס אזוי פייערלעך און רירנדיק ארויסגערעדט, אז די עטלעכע ווערטער זיינע האָבן אויפן רבין געווירקט אַ טראַכט צו טון: טאָמער ווייס דאס קינד טאקע פון קיין זאַך נישט, מוז זיך גאָט באמת אָננעמען פאר אים! און ער האט כמעט אָנגעהייבן ציטערן פאר די שטראָף וואס אים קומט דערפאַר.

— טאָ ווער דען האָט דאס מעסערל גענומען? — דאס מעסערל איז דאָך געווען, לייבעלע איז פון חדר נישט ארויס, ווער־זשע איז דער גנב?

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, רבי! — האט יאָסעלע געטענהט.

ר׳ בערל האָט אָנגעהייבן איבערטראַכטן אלע קינדער, ווער פון זיי קען פעיק זיין אזא מעסערל צו גנבענען, און ער האָט זיך דערמאנט, אז משהלע מזיק האט די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן עפּעס

נישט ווי אַלעמאָל, נישט ווי אלע קינדער.—„עס קען זיין, זיין ארבייט,—
האט ער צו זיך גערעדט,—נאר גיי טשעפּע זיך מיט אים, טאָמער גע-
פין איך ביי אים נישט, בין איך פשוט מיט מיין לעבן נישט זיכער:
איצי שניטקרעמער, דער טאטע זיינער, קען מיך אין אסטראג אריינ-
זעצן, אָדער קומען אין חדר מיר אַראָפּלאָזן אַ פּאָר פּעטש... אפילו איך
זאָל ביי אים יאָ געפינען, וועל איך מיר נישט קענען אויסצאָלן — אזוי
איז שלעכט און נישט אזוי איז אויך ביטער! וואָלט עס כאָטש אַ פּשוט
מעסערל געווען, וואָלט איך, אפילו אַ האַלב קערבל פון קעשענע אָנווערן,
אָפּקויפן לייבעלען; אזא מעסרל! און גיי ווערג זיך, דארף מעשה שטן,
זיין אַ מעסערל מיט אַ שפּאקטיוו; מיט אַ קריאת-שמע. — אויסבראַכן
זיך האט געמעגט יענער אויסלענדער די הענט, וואס האט געמאכט אזא
מעסערל, און מיר זאָל דאָס אומגליק דורך אים טרעפן!"

— קום אהיים צו דער מאַמען דיינער,—האט בערל פלוצלונג צו
יאָסעלען געזאָגט גאָר מיט אַן אַנדערן טאָן, — דערצייל איר קיין
מעשיות נישט, אז איך האב דיך געשמיסן, און עס פאַרדריסט מיך
טאקע, אפשר ביזטו טאקע נישט שולדיק, איך בין אָבער אויך נישט
שולדיק, און אויף מיר דאָך וועט לייבעלעס מאַמע שרייען.

— פירט מיך נישט צו דער מאַמען, רבי טייערער! — בעט זיך
דאס קינד,—זי וועט שטאַרבן, איך האָב מורא.

— אז דו האָסט נישט גענומען,—טרייסט אים ר' בערל,—ברויכסטו
נישט מורא צו האָבן, וועט זי דיך נישט שלאָגן, נאַרעלע!

— פאַרוואָס האט מיך דער רבי געשמיסן און געשלאָגן, כאָטש
איך האָב נישט גענומען?—פרעגט דאס קינד כליפּענדיק.

— איך ווייס דאָך נישט, צי יאָ צי ניין, — פאַרענטפערט זיך
ר' בערל.

— פאַרוואס האט דער רבי נאָר מיך אַליין געשמיסן? — פרעגט
יאָסעלע ווידער, — אפשר האט אַן אַנדער יינגל דאס מעסערל
גענומען?

— פאַרשטייסט פארוואס נאר דיך?—ערקלערט אים דער רבי,—
וייל דו האָסט שוין געפּרווט אַמאָל זיין אַ גנב... געדענקסט, אפשר
איז דענסמאָל אויך אַ ליגן געווען? אַ יינגל, וואס מען האט שוין גע-
כאַפּט אַמאָל ביי אַ גנבה, דארף נישט אין כעס זיין, אז מען איז אים
חושד נאָכאַמאָל, כאָטש אפשר אומזיסט... פאַרשטייסט?

יאָסעלע האט נישט געענטפערט, נאר די טרערן זיינע האָבן זיך

פון דאסניי אָנגעהייבן גיסן, און נישט רעדנדיק מער איין וואָרט, איז ער ציטערנדיק מיטן רבין צו זיין היים געקומען.

כיענע איז ווי אַ פאַרשטיינערטע זיצן געבליבן און נישט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן, אז זי האט אויסגעהערט בערלס ספור וועגן מעסערל. ברוך אָבער האט זיך באַלד מיט כעס אַ וואָרף געטון צו זיין קינד און עס אָנגעהייבן שלאָגן.

— אָן כעס, ר׳ ברוך, מיט בייזן מאכט מען ערגער! — האט דער רבי זיך אַריינגעמישט, — נאָר מיט גוטן, און נישט איר וועט ביי אים דערגיין, די מאמע זיינע מוז אים אויספאָרשן, מיט גוטן, ווי אַ מאמע קען.

— ווי זאל מען נישט זיין אין כעס, אַ גנב! ? — האט דער טאטע געשריגן, — איך וועל אים אַ לעבעדיקן נישט לאָזן, אָט שוין זאל זיין דאס מעסערל! דו הערסט, דו ממזר, דו גנב! און ער האט זיך ווידער גענומען צו יאָסעלען.

— אַוועק פונם קינד! — האט כיענע אַ געשריי געטון נישט מיט איר קול, — מיין ממזר, מיין גנב! איך וועל פאַר אים ליידן, און דו וויסטער טאַטע, פרוּוו נאר אַ פינגער אויף אים נאָכאַמאָל אַרויפלייגן, וואס מיר וועט אין האנט אַריינפאַלן, וועט פליען דיר אין קאָפּ אַריין!

— זייער שיין, זייער פיין! — האט דער קראַנקער שמש הוסטנדיק געזאָגט — זעט איר שוין, ר׳ בערל, אין וועמען דער גנב איז געראָטן? שעמען דאַרפסטו זיך! זאגט, ר׳ בערל, צי האָב איך רעכט!

— כעס איז בכלל אַ מדה מגונה, און ווי באַלד איר זייט אין כעס, איז שוין נישט גוט! — האט זיך ר׳ בערל אָפּגערופן — כיענע, איר וועט מיטן גוטן דעם גאנצן אמת דערגיין, נאר מיטן גוטן, איך בעט אייך כיענע, נאָר מיט גוטן! פריער שפעטער, מוז זיך דער אמת באַווייזן, און טאמער וועט זיך טאקע אַרויסווייזן, אז שולדיק איז אַן אנדער יינגל, נישט יאָסעלע, איז באמת אַ זינד אַ גרויסע אומזיסט אים צו שלאָגן!

— אזוי שולדיק זאָל איך קומען פארן רבונו של עולם, ווען מיין שעה וועט קומען! — האט כיענע געשווירן, — אַ מאמעס הארץ פילט ווען איר קינד איז שולדיק און ווען נישט!.. איך האָב נישט פאַריבל אויף אייך, חבי, וואס איר זייט מיין קינד חושד, וואס זאל אַ פרעמדער זאָגן, אז אַן אייגענער טאטע רעדט נישט בעסער? נאר אָפּדאַרן מעג

יענעם די הענט, ווער עס האט דאס מעסערל געגנבעט, און איבער אים האט מען מיין אָרעם קינד אזוי געפייניקט!.. רבונו של עולם, באַוויז דיין אמת, דיין משפט אויף דער וועלט, און זאל מיין קללה דעם איינמאָל אין מיין לעבן, יענעם אָנקומען, ווער עס האט זי כשר פאַרדינט!

— צום חדר האט עס נישט, — האט בערל ווי זיך פארענטפערנדיק געזאָגט — זאָל יאסעלע קומען מאָרגן אין חדר, דאס מעסערל וועט זיך געפונען, איצט גלויב איך אַליין, אז א־יער קינד וויס פון דעם נישט, אַ גוטע נאכט!

— אַ גוט יאָר! — האט כיענע געענטפערט. — און ר' בערל איז אַוועק אַהיים זייער צעטראגן: וואס וועל איך ענטפערן שיינדעלען, וואס וועט מיר אַ וודאי נישט שווייגן, וואס ביי מיר אין חדר זאל מען ביי איר איינציק קינד צוגנבענען אזא טייער מעסערל! און נאָך ערגער, ווי ערקלערט מען איר, אז דווקא דער, וואס מען איז אים מער חושד, איז וויניקער שולדיק און אפשר טאקע גארנישט שולדיק? זאגן איר, אז משהלע מזיק האט געקענט דאס צונעמען? עס פעלט מער נישט! נו, אַן אָנשיקעניש, אַ נסיון אן אמתער!..

קומנדיק אין חדר האט ער שוין די קינדער נישט געפונען, זיי זענען זיך אלע צולאָפן, און אויך לייבעלע, וואס האט אליין נישט געוואָלט וואַרטן ביז דער רבי וועט קומען מיטן מעסערל, איז אַהיים אוועק מיט פאַרשוואָלענע אויגן פון וויינען. קומנדיק אַהיים האט ער באלד כליפענדיק דער מאמען זיינער דערציילט, אז דאס טייערע מעסערל האט יאסעלע כיענע דער שמשטעס יינגל ביי אים צוגע־גנבעט. — יאָסעלע איז אַ גנב, — האט דאס ציטריקער קינד דער־ציילט — וואס האט ביים רבין אַליין אַמאָל געלט געגנבעט, די 50 קאָפיקעס, וואס סהאט אמאָל פון דעם געלט געפעלט, בעת דער טאטע האט געשלאגן חאַצקל דעם משרת. די רביצן זאגט: „יאסעלע האט לאנגע הענט און, אז ער ציט אויס זיינע הענט, קען ער פון צען איילן ווייט אַרויסנעמען פון קעשענע!" — די לעצטע ווערטער האט דאס קינד געהערט פון די חדר יינגלעך ערקלערנדיק, וואס מען מיינט „לאנגע הענט".

— פארוואס האסטו מיר גאר קיינמאל נישט געזאגט, אז דער יאָסעלע, אַ מיתה־משונה אויף אים, איז אַ גנב? — האט די מאמע גע־

פרעגט, -- וואלט איך געוווּסט, וואלט ער שוין לאנג אין חדר נישט גע-
ווען, און וואלט היינט דיין מעסערל נישט געגנבעט.

— דער רבי האט נישט געהייסן אויסזאגן, אלע יינגלעך האבן
געשוווירן נישט אויסצוזאגן פונם חדר, — האט לייבעלע וויינענדיק דער-
ציילט, — איצט האט דער רבי אים אויך געשמיסן און ער האט צוגעזאגט
עס אָפּצוגעבן אינדערהיים ביי אים.

שיינדעלע איז אין אנגעצונדענע געוואָרן, אויסהערנדיק איר
ציטעריק קינדס ביטערע נייעס, און האט שוין געוואלט לויפן
זיך אפּרעכענען מיט בערלען, נאר דער האט זי אפּגעהאלטן און
האט געזאגט :

— האב צייט, עס קען זיין, דער רבי וועט עס באלד אפּבּרענגען.

— מיינסט אַוודאי איך וועל מיך פוילן אריבערצוגיין צו כיענען,
דעם גנבס מאמען ? — האט שיינדעלע געשריגן, — זאל דער רבי נישט
אפּברענגען, זי וועט מיר מוזן אפּגעבן דאס מעסערל כאטש קראנקער-
הייט ! אזא שפלה, מיט וואס פאר שבועות און חרמות זי האט זיך
געשוווירן, אז איר ממזר וועט זיך אפילו נישט צורירן צו מיין
קינדס אַ קאפּיקע אדער אן אנבייסן און איך נאַר האב מיר געלאזט
איינרעדן און געהייסן דעם רבין איר ממזר אין חדר אריינגעמען,
כדי ער זאל ביי אים אויסנארן און אוועקגנבענען אלץ, וואס דאס
קינד נעמט מיט, און אַוועקגעבן דער מאמען זיינער ! היינט גיי
דערקען אַ מענטשן, רעדט, דאכט זיך, מיט גאָט און לערנט גאר
איר קינד גנבענען ביי די חדר-יינגלעך און איר ברענגען אין
שטוב אריין !

— איך האב דיר לאנג געזאגט, — האט זיך ר' שלמה אפּגע-
רופן, — אזא ארעמאן איז אַ גנב ! קומט צו דיר אן ארעמאן
אריין, לאז אים שטיין ביים טיר, גיב אים זיין נדבה, אז דו האסט
אַ גוט הארץ און לאז ער גיין געזונט ! קומט אריין צו דיר כיענע
אדער אנדערע אזעלכע זאגערינס און ווילגעלערנטע, רוקט מען איר
אין האנט אריין אַ פאר גראשן און אויס מחותנתטע ! דו אבער ביזט
נישט בעסער פאר אלע ווייבער. קומט אריין אַ כיענע, אַ שפלה,
נעמסטו זי אריין אויבנאן, האסט מיט איר עסקים, הערסט אויס
אירע אויסגעטראכטע מעשיות : זי האט אַ קינד מיט אַ פיין קעפּל,
וויל אים תּורה לערנען, גלויבסטו און הייסט דעם רבין פון אונדזער
איינציק קינד ער זאל אים אין חדר אריינעמען, צו אונדזער לייבעלען

א חבר! נא דיר א חבר! אן עס לא היה, זענען זיי די ווייבער, און זיי זענען נאך גערעכט!

— נו, נו, איך וועל זיך מיט איר אפרעכנען! — האט שיינדעלע זיך אפגערופן ווי אויף להכעיס פאר איר מאנס מוסר, — א קראנקע וועט זי מיר דאס מעסערל אפגעבן און איר פוס וועט מער אויף מיין שוועל נישט ארויפטרעטן? וואס האב איך מורא פאר איר? זי וועט מיך שעלטן און פלוכן, זי האט א גוט פיסקל? וועלן אירע קללות פאלן אין טיפן ים און אויסגיין צו אירע הענט און פיס! אומזיסטע קללות, נישקשה, קומען נישט אן!

— אָבער צו וואָס האסטו דאס איגנגאצן באַדארפט? — האט דער מאַן נישט אויפגעהערט צו מוסרן זי — ווילסט זיין אַ גוטע? מען טאָר קיין גוטער נישט זיין צו קבצנים! זאָלסט זיי די העמד פון לייב אַוועקגעבן, וועסטו פאר זיי נישט יוצא זיין, איז דאָך טאַקע גלייכער, אז מען האט לכתחילה מיט זיי קיין מגע-ומשא נישט... גוט געווען צו כיענען, געגעבן איר, געשטאָפּט, נאַ דיר איר דאנק, איצט וועט זי דיר נאָך מאַכן אַ שם און נאָך פלוכן אויך... אַ מצווה אויף דיר!

— זאָל זי עס מער נישט האָבן ביי איר לייב און נשמה וואס איך האב איר דיינס איבערגעגעבן! — האט שיינדעלע שוין אויף איר מאַן זיך געוואָרפן — איך ווייס דאָך, אז דו מיינסט, אז איך גיב אזא כיענען איבער דיין באָבעס ירושה, פאַרקרענקען מעג איך עס, וואס זי האָט פון מיר געהאט חוץ אַ גילדן פאַר פאַריאָריקע ערב יום-כפור-דיקע ליכט-מאַכן! איך וואָלט געוווסט, אזא מפלה אויף איר, וואָלט איך זי מיט שטעקענעס געיאָגט פון מיין שטוב.

און אזוי האבן זיך מאַן און ווייב געקריגט אַ שטיק אינדער-נאַכט ביז לייבעלע איז אַ ווייגענדיקער אַנטשלאָפן געוואָרן.

ר׳ בערל, קומנדיק צוריק פון כיענען, האט אויך אַ גוטע שעה מלחמה געהאַלטן מיט זיין ווייב: זי האט געשריגן, אז ער איז אַ טראַפּקע, אַ ליימענער דישעל, און אים איז רעכט, אז יאָסעלע האט דאס מעסערל נישט גענומען, ווייל כיענע, מסתמא, האט דיך מיט איר געשליפן צינגעלע, זאָל עס איר נאָר אָפּגענומען ווערן איינ-גערעדט. אז נישט, גרויסער נאַר מיט דער לאַנגע באָרד! — האט זי געשריגן, — אז נישט יאָסעלע האט גענומען, קומט דאָך אויס, אז איך אָדער דו זענען די גנבים!

אז דאס האט געקענקט צונעמען יעדעס ייִנגל אין חדר פּונקט אַזוי ווי יאָסעלע, אז אויף אַזא קונציק מעסערל וואָלט אפשר דער גרעסטער צדיק אַ ייִנגל נישט געקענט ביישטיין ביים נסיון, און מער פּאר אַלעמען האט עס געקענט און טאַקע, אפשר געוויס, צוגענומען משהלע מזיק, ווי אים איז אלץ מער קלאָר געוואָרן, האָט ער מורא געהאט, אַ יידענע האט אַ לאנגע צונג, און זי וועט עס אַרויסרעדן, נו, נו, מער דאַרף איך נישט! האט ער געטראכט, און האט זיין חשד אויף משהלע מזיק נישט אויסגעזאָגט.

— ביי אן אַנדערן מלמד, וואָלט ער זיך מודה געווען! — האט די רביצן אלץ געטענהט.

— קיין אַרעסטאַנט וועט מען דאָך אַזוי נישט שמייסן, ווי איך האב אים געשמיסן! — האט בערל געענטפערט, — ביזט דאַכט זיך, אַליין דערביי געשטאַנען און האָסט געזען! און שטעל דיר פאָר, דו נאַרישע אשה, ווען דאָס אָרעם קינד איז היינט גראָד נישט שולדיק, מיינסטו, שווייגט גאָט פאַר אַזא אומזיסט פּייניקן אן אומשולדיקן?

— וואס וועסטו אָבער ענטפערן שיינדעלען? ווייסט דען נישט, אז דו שפּילסט דאָ מיט פייער? — האָט זי אירס געטענהט.

— דערפאר טאַקע הייבט זיך מיר דער מוח! — האט בערל געקרעכצט, און האט טאַקע אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן פון עגמת־נפש.

גוט און רויק, כמעט רויקער ווי אַבי־ווען האָט כיענע די נאכט געשלאָפן. זי האָט טאַקע, נאָך ר׳ בערלס אַוועקגיין, זיך גענומען צו יאָסעלען אויספרעגן מיט גוטן און מיט בייזן, טאָמער ווייס ער פאָרט כאָטש פון אַ שטיקל נגיעה צו דעם מעסערל, און אז זי האָט זיך איבערצייגט פון אַלע זיינע תשובות, אז ער איז אינגאַנצן, פון אָנהייב ביזן סוף, אומשולדיק האט זי זיך גוט אויסגעוויינט, קוקנדיק ווי צעשניטן זיין געפּייניקט לייבעלע איז, אים גוט אָנגעקושט, געדאַנקט גאָט, וואָס איר קינד איז קיין גנב נישט, זיך שלאָפן געלייגט און ביז טאָג אפילו זיך נישט אויפגעכאַפּט. אויף מאָרגן פרי האט זי יאָסעלען אין חדר געשיקט און אים געזאָגט, ער זאָל ביי זיך גאָרנישט אַראָפּ־געפאַלן זיין, גאָט וועט זיין אומזיסטע פּיין און יסורים צוזען און דער אמת וועט זיך באַווייזן!

דער רבי האָט אים אַ וואָרט נישט גערעדט, נישט צו גוטן נישט צו בייזן, נאָר לאה די רביצן האָט גענומען דיפּלאָמאַטיש און עדל אים

אויספרעגן, טאָמער וועט איר געראָטן מיט רייד, וואס איר מאַן איז נישט געראָטן מיט ריטער און קלעפּ.

— זאָג דו גנב, אַ כּפּרה זאָלסטו ווערן, דו וועסט טאַקע נישט אָוועקגעבן דאָס מעסערל? געבן זאָל דיר גאָט יסורים פאַר אַלע יידן!

— יאָסעלע האָט זי נאָר אָנגעקוקט אָבער נישט געענטפערט.

— וואָס שטומסטו? שטום זאָלסטו ווערן, איך פרעג דיך דאָך!

— איך האָב נישט געגנבעט דאס מעסערל, נישט געזען אפילו!

— האָט יאָסעלע געענטפערט קורץ און שאַרף.

— זאָלסטו שוין אַזוי נישט זען ליכט אין דיינע אויגן ווי דו האָסט דאָס מעסערל יאָ געזען! וואַרט, וואַרט דו ממזר, גנב קליינער, איך וועל ערשט זיך נעמען צו דיר, דיין רבי איז נישט ווערט, וואָס ער גייט אויף דער וועלט, וואס ער האלט אזא גנב איז חדר!

יאָסעלע האָט נאָר אָנגעקוקט די נאַרישע יידענע, וועלכע ער האט אַלעמאָל געפאָלגט אין פייער און וואַסער, און ער האָט זי אין דער רגע פיינטער געהאַט פאַר אירע רייד, אַלס דעם רבין פאַר זיינע שמיץ. פּלוצלונג האט זיך ברייט די טיר פאַנאַנדערגעעפנט און שיינדעלע מיט איר בן-יחיד זענען אריין.

שיינדעלע, אַ דיקע יידענע מיט אַ דריי עטאַזשענעם גאָרטל, מיט אַ האַלדז פערל גרויסע, אינגאַנצן רויט ווי פייער, האָט פאַרגעסן פון כעס אפילו גוט מאָרגן צו זאָגן. ר' בערל האט איר פריער געזאָגט: גוט מאָרגן!

— נו, רבי, שיין האָב איך אויסגעפירט, אָט דאָס קומט מיר פאַר אַלעם גוטן, וואָס איך האב געטון פאַר אייך, איר זאָלט צו מיין קינד אַ חבר אַ גנב צוזעצן, אַ קבצניש קינד, אַ שלעפּער ערגעץ, זאָל עס נישט אויסגערעדט זיין, און ער זאָל אים טאָג-טעגלעך באַגנבענען פון קאָפּ ביז די פיס!?.. ווו איז דער רבי? איך מיין: ווו זייט איר, ר' בערל? ווו איז אייער השגחה אייער הדרכה, פאַר-וואס איר נעמט שכר-לימוד? אַ שיינע הדרכה קען שוין זיין, אז ביים רבין איז רעכט אריינצונעמען אַ ממזר אַ גנב, נישט געדאכט זאל עס ווערן, די קינדער זאָלן זיך פון אים אויסלערנען „כל-בו!"

— זעצט זיך, שיינדעלע, רוט אָב אַ ביסל! — האָט דער רבי גע-

בעטן צורוקגדיק צו איר אַ בענקעל, וואס ער האָט מיט זיין פּאָלע די־שטויב אָפּגעווישט.

— איך בין נישט געקומען זיצן ביי אייך,—האָט שיינדעלע ווייטער אָנגעהייבן,—איך בין געקומען דאס מעסערל אָפּנעמען, עס מעג מיך אַ האַלב לעבן קאָסטן; עס גייט מיר נישט אזוי וועגן עצם מעסערל, כאָטש אַ טייער אויסלענדיש מעסערל, אויף וואס איר זייט גאָר קיין מבין נישט; ווי קומט איר דערויף גאר אַ מבין צו זיין? איר זייט דען אַמאָל געוועזן אין אויסלאַנד זינט איר לעבט? נאר אַ כפּרה דאס מעסערל פאר מיין לייבעלעס מינדסט נעגעלע, איך וואָלט פאר זיין וויינען און קלאָגן אַ גאנצע נאכט מי יודע וואָס נישט גענומען; אָפּ־גענומען זאָל ווערן כיענעס ממזר דעם גנב דאס לעבן, ווי עס איז מיין איינציק קינד אָפּגענומען געוואָרן אַ שטיק געזונט! צו וואס האב איך עס באַדארפט? צו וואס האט עס מיר געטויגט, איר זאלט אזעלכן אין חדר האבן? איר,*רבי, זייט שולדיק!.. איך בין אַ יידענע, וואס האב איך געוווסט? איך האב געמיינט, אז איר נעמט אים אַריין אין חדר, מסתמא ווייסט איר דאָך, אז עס איז אן ערלעך קינד, הייִנט נאַט אייך זיין ערלעכקייט! נאר וואס רעד איך, וואס עפּעס הייִנט? שוין דריי וואָכן, אז איר ווייסט, אז ער איז אַ גנב אַ ווייסל פון אויג, ביי אייך אַליין האט ער געלט געגנבעט, אלע קינדער ווייסן עס און רופן אים גנב, נאר איר האט זיי פאַרשווירן נישט אויסצוזאָגן, און דאס וועל איך אייך קיינמאל נישט מוחל זיין! אַ שיינע מעשה, כלעבן, נישט אויסזאָגן, הייסט מען אַ קינד, אז אַ רבי גיט אַמאל אַ שמיץ, אַ קלאפּ, אבער נישט אויסזאגן, אז אין חדר איז דאָ אַ ייִנגל אַ גנב, און נאך וואס פאר אַ גנב, אַ שלעפּער ערגעץ? ניין, רבי, דאס פארשטיי איך שוין גאָרנישט, סיידן, נאר גלייכער אז מען שווייגט.

— שיינדעלע, באַרויקט זיך, — האט ר׳ בערל מיט הכנעה גע־בעטן,—איר זייט טאקע גערעכט, ווי איך בין אַ ייד גערעכט! אָבער איך בין אויך נישט שולדיק, א קינד, האב איך גערעכנט, טוט אמאל אַ נארישקייט האב איך אים גאנץ גוט אָפּגעשמיסן פאר זיין מאמען אין די אויגן און האב עס גארנישט אנגענומען פאר אַ גנבה. אַ שטיל קינד, פרעגט אלע ייִנגלעך, צי האט ער אמאָל וועמען אפילו א האר גע־קרימט? מיט דעם מעסערל איצט איז טאקע א מיאוסע מעשה, אָבער איך

ווייס נאך נישט צי האט ער עס געגנבעט, צי האט מען עס בכלל גע-גנבעט, אפשר האט עס לייבעלע פארלוירן ערגעץ?

— אלע בייזע חלומות צו מיינע שונאימס קעפּ! — האט שיינדעלע אשפּיי געטון און זיך אווארף געטון אויפן רבין — וואס מיינט איר עפּעס, רבי, איך בין א קליין מיידעלע, אז איר ווילט פון מיר חוזק מאַכן? איך ווייס נישט, מיינט איר, אז ער האט זיך מודה געווען, אז ער האט עס זיין מאַמען אוועקגעגעבן? געגעבן זאָל צו איר ווערן אלע קרענק און יסורים, וואס האָט געזאָלט זיין מיר, מיין מאַן און מיין איינציק קינד! נאַ דיר גאָר אַ נייעס, איך האב געמיינט, אז דאס מעסערל האט איר שוין לאַנג אָפּגענומען, און לייבעלע האט אויך אנדערש נישט געמיינט, אז דער רבי וועט אים באַלד, ווי ער וועט אין חדר אַריינגיין, עס אָפּגעבן, איך בין נאָר געקומען אייך אויס-רעדן די עוולה, וואס איר האט אַ גנב ביז איצט אין חדר געהאַלטן, און טאקע זען, אז פאר מיינע אויגן טרייבט איר אים אַרויס, ערשט איצט הער איך גאָר, אז דער רבי אַליין מאַכט גאָר חוזק דערפון... פון וואַנען ווייס איך, זאָגט איר, צי דער גנב האט געגנבעט?.. — אז עס טרעפט זיך אַ גנבה, קומט אויס נאָך אייערע רייד, דארף מען פריער זיך נעמען צום רב, דערנאָך ערשט צום בעדער? פריער מסתמא, איז מיין לייבעלע דער גנב און נאָך אַזעלכע בעלעבאַטישע קינדער, און דערנאָך וועט איר אַ קלער טון, עס קען אפשר זיין, אז כיענעס ממזר און גנב האט געקענט צונעמען דאס מעסערל!.. פע, שעמען זיך דארפט איר, רבי, ער האט זיך מודה געווען, וואס ווילט איר מיר איינרעדן, אז איר ווייסט נאָך נישט, צי ער האט עס געגנבעט!?

— אז איך האב אים געשמיסן, האט ער זיך כלומרשט מודה געווען — האט דער רבי איר געוואָלט דערקלערן — אבער באמת האט ער אַליין נישט געוווסט וואס ער איז זיך מודה.

— אזא שמייסן איז דאס מסתמא געווען! — האָט שיינדעלע מיט אַ ביטערן געלעכטערל געזאָגט. וואס קומט אַרויס פון די רייד? איך זע דאָך, אז איר האַלט פאַר אים שטאָל און אייזן, איר מיינט: ער וועט נאָך בלייבן ביי אייך אין חדר? זאג איך אייך, אז דאס זאָלט איר זיך גאָרנישט איינרעדן, סיידן איר ווילט, מיין לייבעלע זאָל נאָך היינט פון אייער חדר אַרויס; און מיט גאָטס הילף, וואס שיינדעלע וועט טון וועט אויך אסתרל, אויך שרהלע און חוהלע — טון, און נישט

איין רעכטע מאַמע וועט איר קינד צו אייך אין חדר לאָזן גיין, איר ווילט אים האַלטן? געזונטערהייט! האט אייך אַ חדר פון בלויסע גנבים, כל-בוניקעס און ממזרים, וועט עס אייך אפשר מער לוינען ווי צו זיין אַ מלמד פון באַלעבאַטישע אָרנטלעכע, ערלעכע קינדער... נאר צום מעסערל האט עס נישט, דאס מעסערל זאל זיין, עס מעג זיך די גאַנצע וועלט איבערקערן, דאס מעסערל זאָל איך שוין האָבן! ווו איז ער דער גנב? ווייזט מיר אים, איך וועל אייך ווייזן אַ קונץ, אז מיר וועט ער אַוועקגעבן.

—יאָסעלע!—האט דער רבי אַ געשריי געטון,—קום אַהער!

יאָסעלע איז צוגעגאַנגען. אין מויל האבן אים די צענדלעך געציטערט פאר שרעק.

— אָט דאָס איז ער?—האָט שיינדעלע אים אָנקוקנדיק געזאָגט און אַ שפיי געטון. אָט מיט דעם קליינעם שלעפער וועל איך נישט אויספירן? איבער דעם פערזענעניש האָט מיין לייבעלע אַ גאַנצע נאַכט געוויינט? מיר וועלן זען, צי וועל איך אויספירן צי נישט! ביי מיר האט זיך אַ סאָלדאַט אַ גנב מודה געווען, אז איך האָב אים אַ פּאַטש נאָך אַ פּאַטש אַראָפּגעלאָזן, און מיין גנבה מיר אין שטוב אַריינגעטראָגן, וועט דער קליינער בענקאַרט זיך נישט מודה זיין?

— דאָס מעסערל גיב אַהער, דו גנב!—האט פלוצלונג שיינדעלע אַ געשריי געגעבן צו יאָסעלען, און אים מיט דער פולער האַנט אַראָפּגעלאָזן אַ פאטש איבער זיין גאַנץ פנימל — דאָס מעסערל גיב אַוועק, אז נישט וועלן זיך דאָ דיינע טרפהנע ביינדעלעך צעשיטן אונטער מיינע הענט! און נישט קוקנדיק, וואָס האט זיך אָנגעהייבן גיסן ביים קינד בלוט פון נעזל, האט זי עס ווייטער געשלאָגן, געריסן און געשריגן: דאס מעסערל גיב אַוועק, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן ביז איך וועל דאס מעסערל האָבן! ר' בערל האט באמת מורא געהאַט זי זאָל דאס קינד דאָ ביי אים אין חדר נישט טויטן און האט געבעטן:

— שיינדעלע, איך בעט אייך, לאָזט אים אָפּ, וויפל איז ווערט אזא מעסערל? אַ האַלבן רובל? אַ רובל? רעכנט מיר אַראָפּ פון שכר-לימוד; אים טרייב איך אַרויס פון חדר ווי איר זאָגט, נאָר שלאָגט נישט אַ פרעמד קינד, ער איז שוין גענוג געשלאָגן און געפייניקט געוואָרן.

— טאָ טרייבט אים אויך אַרויס, שוין, די מינוט זאָל זיין פוס

דאָ נישט זיין! און נישט וואַרטנדיק ביז דער רבי וועט עס טון האָט זי אַ כאַפּ געטון דאס צעבלוטיקט קינד און עס אַרויסגעשטויסן פון טיר.

— וואָן, אַרויס! דיין פוס זאָל דאָ נישט זיין, דו גנב!—האָט זי געשריגן.

— לאה,—האט דער רבי געהייסן,—גיי נעם אים אַריין אין הויף און וואַש אים אַרום דאס בלוט.

— וואס האט איר מורא?—האט שיינדעלע געשריגן,—איך וויל נאָר מיינע הענט נישט פּאַצקן, איך וואָלט זיין מאַמען אַליין דאס פּנים אויספּראַסקן, וואס נעמט זי צו גנבות ביי איר קינד! דאס איז דאך איר גאַנצע כּוונה געווען, וואס זי האט אים צו אייך אין חדר געשיקט! תּורה דאַרף ער לערנען... אויך מיר אַ מענטש אויף דער וועלט! גנבענען דאַרף ער, און זי האָט קיין בעסערן אָרט נישט געפונען ווי דאָ ביי אייך!! קום, לייבעלע, אַהיים, היינט וועסטו נישט לערנען, איך וועל דיר קויפן אַ שענער מעסערל, און דאָס מעסערל זאָלן זיי האָבן צו שטעכן זיך, רבונו של עולם, פאר מיין קינדס צער און טרערן, נעבער!

ח

יאָסעלע איז אַהיים געקומען אַ צעבלוטיקטער, אַ צעביילטער. די מוטער האט אים קוים דערקענט.

— ווידער דער רבי?—האט זי אַ דערשראָקענער געפרעגט,— ווער האט דיך אזוי צעשלאָגן? איינגעשלאָגן זאָל יענער ווערן פון גאָט!

— נישט דער רבי, מאַמע!—האט דאס קינד געענטפערט,— לייבעלעס מאַמע האָט מיך געשלאָגן, געהרגעט, איך זאָל דאס מעסערל אָפּגעבן, דאס מעסערל, וואָס איך האב נישט געזען אפילו.

— און דער גוטער רבי דיינער האָט געלאָזן שלאָגן דיך ביי אים אין חדר?

— ער האָט נישט געוואָלט לאָזן, נאָר זי האָט מיך געשלאָגן און פון חדר אַרויסגעטריבן!—האט דאס קינד מיט נאָך מער געוויין דערציילט,—אוי מאַמע, פאַרוואס לאָזט גאָט מיך אזוי אומזיסט שלאָגן?

ער ווייסט דאָך, אז איך בין נישט קיין גנב, אז איך האב דאס מעסערל נישט געזען אפילו!

כיענע האָט געציטערט פון כעס. דאס געזיכט איז איר בלאַס געוואָרן, זי האט די ליפּן מיט די ציינער פאַרביסן און נישט עטפּערנ־דיק איר צעבלוטיקט קינד אויף זיין פראַגע, האט זי עס אַ כאַפּ גע־טון פארן הענטל און געזאָגט:

— קום, מיין אָרעם קינד! קום אָט אזוי צעשלאָגן און צעבלוטיקט צו שיינדעלען, זאָל די גאנצע וועלט זען ווי מען שלאָגט אן אָרעם, פרעמד קינד אומזיסט און אומנישט! קום, וואס איך האב אויף מיין פאַרקלעמט, ביטער הארצן וועל איך אויסלאָזן צו איר קאָפּ! זאָל זי וויסן, אז איין אָרעם קינד האט אויך אַ מאַמען און איז נישט הפקר, יעדער זאָל עס מעגן שלאָגן און בלוטיקן ווי אים זיין ווילד, שלעכט הארץ גלוסט. זי וועט מיין קינד אַרויסטרייבן פון חדר? אַרויסטרייבן זאָל גאָט די נשמה אירע פון איר גראָבן גוף!

— און איך זאג דיר, גיי נישט, כיענע! — האט זיך ברוך אַריינגעמישט, — גיי נישט, טשעפּע זיך נישט מיט די גבירים! זיי האבן קיין גאָט אין הארצן... און וואס קען אַ קבצן קעגן אַ גביר אויספירן?

— איך האב נישט וואָס אָנצווערן! — האט כיענע געענטפערט, — וואס איך האב פון שיינדעלען, זאָל זי עס האָבן פון גאָט! איך מוז איר ווייזן, אז מיין קינד איז קיין ממזר נישט, כאָטש אויסקילן מיין הארץ אויף איר, אז איך האב קיין אנדערן קלאָגער און ריכטער נישט.

און כיענע איז אַוועק צו שיינדעלען מיטן צעבלוטיקט קינד.

שיינדעלע און איר מאַן זענען ביים טיש געזעסן און גע־געסן פרישטיק, ווען כיענע איז אין שטוב אַריין. שיינדעלע האט גאָר אנדערש נישט געמיינט ווי זי האט כיענען דערזען, אז דאס האט זי אָפּגעגעבן געגנבעט דאס מעסערל, און האט מיט שמחה אַ גע־שריי געטון:

— ווער איז גערעכט? איך האב געזאגט, מען וועט דאס מעסערל אין שטוב אַריינטראָגן. איך האָב אַלעמאָל געזאָגט: כיענע איז אן ערלעכע און וועט נישט וועלן איר קינד זאָל אַ גנב זיין!

— מיין קינד איז קיין גנב נישט, שיינדעלע, קיין ממזר אַוודאי נישט! — האט כיענע זיך אָפּגערופן און דאס הארץ איז

איר אזוי פאַרקלעמט געווען, אז זי האט כמעט נישט געקענט ווייטער אַ וואָרט אויסרעדן, כאָטש וואס צו רעדן האט זי גענוג געהאַט.

— ווער זאָגט, חלילה, אַ ממזר? — האט שיינדעלע געפרעגט.

— א י ר, שיינדעלע! א י ר האט מיין אָרעם קינד ערגער ווי אַ ממזר געשלאָגן! זאָלן יידן זען ווי אַ יידענע האט אַ האַרץ אַ פרעמד, אָרעם קינד צו שלאָגן און צו בלוטיקן... פאַרוואס? פאַר ווען? וואס האט ער אייך געטון? וואס האט ער אייער קינד געטון? ווי האט מען עס קיין גאָט אין האַרצן נישט, צו מיינען, אז אַ מאַמע קען עס צוזען און זיך נישט מאַכן וויסנדיק, ווייל איר זייט שיינדעלע, אַ גבירה, און ווייסט נישט פון די פיין און יסורים, וואס אַן אָרעמע מאַמע טראָגט אין איר האַרצן!

— זאָל ער נישט זיין קיין גנב! נאָך נישט אזוי האָב איך אים באַדאַרפט שלאָגן, אַ לעבעדיקן האָב איך אים נישט באַדאַרפט אַרויסלאָזן פון מיינע הענט. זאָל ער נאר דאס מעסערל אָפּגעבן, געגעבן זאָל צו אים ווערן קרענק און יסורים!

— קיינער איז פון יסורים נישט פאַרזיכערט, שיינדעלע! מיינט נישט, אז איר זייט די גבירה און איך — די קבצנטע, האָב איך עפּעס מורא פאַר אייך. איך האָב נישט אזא גזלניש האַרץ אין מיר, איך זאָל אייער קינד שלאָגן אָדער שעלטן אפילו, ווי איר האט מיין קינד געשלאָגן און געשאָלטן, נאר ביי גאָט בעט איך: ער זאָל אייך באַצאָלן, א י י ך, נישט אייער קינד, זאָלן די הענט אָפּדאַרן, א י ר זאָלט איינגעשלאָגן ווערן פון גאָט, אז קיין דאָקטאָר און קיין רופא זאָל אייך נישט קענען העלפן, אייער בלוט זאָל זיך אזוי גיסן פון האַרצן און פון האַלדז, ווי מיין אָרעם קינדס בלוט האט זיך געגאָסן פון אייערע הענט!

— שטיל הולטייקע! — האט ר' שלמה דער בעל טאַקסע אַ געשריי געטון — חאַצקל, האט ער אַרויף געטון דעם משרת, נעם זי אָן די חצופה פאַר די האָר און וואַרף זי אַרויס ווי אַ הונט הינטערן טיר! —

— חאַצקל, — האט זיך אויך שיינדעלע אַרויסגעכאַפּט, — אָט איבער דעם קליינעם גנב האָסטו פון נאָ'עבאָס צוויי פּעטש געלייזט! ער, אָט דער גנב האט דעמאָלט דעם האַלבן רובל געגנבעט ביים רבין, און דיך האט מען חושד געווען און געשלאָגן אומזיסט. גיי רעכן זיך

אַפּ פאר דיינע בזיונות! דאס וואס זי שעלט מיך, זאל עס מין גאר ארן, זיך צוהערן וואס אַ ווערמדיקע צינג בילט? צו איר קאפּ, צ איר לייב און לעבן! אַ העזה אַ ביסל פון אזא שפלה! זי איז גאר געדערכט?

— חאַצקל, אַ רובל אַ פּאטש!—האט ר׳ שלמה געבאָטן — צווי רובל באַקומסטו מזומן פאר די צוויי פעטש, וואס איך האב דיר דאָ מאלס איבער דעם ממזר געגעבן, נאר לערן אן די קבצנטע פאר דער העזה, ביי מיר אין שטוב מיין ווייב צו שעלטן פאר דעם, וואס מען איז יידן און מען וויל זי מיט איר גנב אין גויעשע הענט נישט אריינגעבן.

— שקר, באווייז זיך!—האט חאצקל אַ געשריי געטון.—זעט איר באַלעבאס, אז סוף גנב לתליה! אט וועל איך אים מכבד זיין פאר מיינע בזיונות און אומזיסטע קלעפּ! — מיט די רייד האט ער זיך געוואלט אַ ווארף טון אויף יאסעלען און אויף זיין מאמען, נאר כיענע האט געכאפּט אַ לייכטער, וואס איז איר ביי דער האנט געשטאנען און אַ ווארף געטון אים אנטקעגן. חאַצקל האט דעם קאפּ איינגעבויגן, דער לייכטער איז געפלויגן אין שפיגל, וועלכער איז אין שטיקלעך צעפאלן. חאצקל איז ווילד געווארן, און איידער כיענע האט צייט געהאט נאך עפּעס צו כאפּן מיט וואס זיך אפּצוראטעווען פון אים, האט ער זי שוין אין זיינע געזונטע הענט געהאלטן, געשלאָגן מיט די פויסטן אין רוקן, אין הארץ און ווו ער האט געטראפן. כיענע האט זיך מיט די ציינער איינגעשטשעמעט אין אים, און דאס האט חאצקלען נאך ווילדער געמאכט. ר׳ שלמה האט אַ פענצטער געעפנט, דעם קאפּ ארויסגעשטעקט און געשריגן: גאָרדאָוואי, ראַזבוי! שיינדעלע האט אַ ספּאזמע באַקומען, האט געוויינט און געשלוקערצט. לייבעלע האט געשריגן פון שרעק, יידן זענען פון גאס אריינגעלאָפן, מען האט חאצקלען אפּגעריסן פון כיענען, און זיין ערשטע זאך איז געווען אַ פּאטש אראָפּצולאזן דעם פארצווייפלטן יאָסעלען.

— נאַ, ווייס אויך וואס פאר אַ טעם עס האט דער כיבוד, וואס איך האב דיין מאמען מכבד געווען!—האט ער געזאגט.—עס איז אַ גארדאוואי אריינגעקומען, געפונען א פולע שטוב מיט יידן, מאנסלייט און ווייבער, קליין און גרויס, צעבלוטיקטע צעשלאגענע מענטשן, א צעבראכענעם שפיגל און איבערגעקערטע שטולן, אלע רעדן, אלע שרייען און עס איז שווער א ווארט צו פארשטיין. באלד איז אויך

אַ קוואַרטאַלנע געקומען, יידן האָבן די היטלען אַראָפּגעכאַפּט, אויף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן, און ר׳ שלמה האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע, דאָס הייסט: ווי דאָס קליינע ממזרל יאָסעלע איז אַ בעוווסטער גנב פון אַלעמאָל, ער האָט איצט אויך געגנבעט אַ מעסערל, נו איז זיין מאַמע, וואָס איז נישט בעסער פאַר אים און לערנט אים צו גנבענען, געקומען צו מיר אין שטוב, געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, צו־בראָכן אַ טייערן שפּיגל, איבערגעשראָקן די גאַנצע פאַמיליע, צוביסן, צובלוטיקט האַצקלען, פאַרוואָס, ווייס איך אַליין נישט!

דער קוואַרטאַלנע האָט געבעטן טינט און פעדער, האָט אויפגע־שריבן אַ פּראָטאָקאָל, געפרעגט כיענען ווער זי איז? ווי זי הייסט? וואָס איז איר פּרנסה? געפרעגט אויך יאָסעלען, ער זאָל אים זאָגן ווי לאַנג באַשעפטיקט ער זיך שוין מיט גנבות?.. כיענע האָט אויף אַלע זיינע שאלות נישט געענטפערט. יאָסעלע האָט גלאַט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט אים. דער קוואַרטאַלנע האָט דעם פּראָטאָקאָל איבער־געלייענט, ר׳ שלמה האָט אונטערגעשריבן, און דער גאָרדאָוואָי האָט די מאַמען מיט איר קינד אַוועקגעפירט אין צערקל. שיינדעלע האָט נאָך אַלץ ספּאַזמירט, ביז אַ דאָקטאָר איז געקומען, האָט באַלד אין אַפּטייק געשיקט, און שיינדעלע האָט זיך באַרויקט אַוועקגעלייגט קראַנק אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. דערנאָך האָט דער דאָקטאָר אויך האַצקעלן דעם משרת פאַרבונדן זיין צעביסענע האַנט, און אים אַ צייג־ניש אַרויסגעגעבן, אַז ביז די וווּנד וועט זיך אינגאַנצן נישט פאַרהיילן איז ער נישט פעיק צו קיין שום אַרבייט.

יידן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען דערציילן די נישט געוועזענע נייעס, וואָס זיי האָבן מיט זייערע אויגן געזען און מיט זייערע אויערן געהערט, אין שטאָט האָט געקאָכט און געקלונגען.

אַז יאָסעלע כיענעס קען זיין אַ גנב, האָט מען נאָך געקענט גלויבן, נאָר אַז כיענע זאָל האָבן אַזאַ העזה, שלמהן און זיין ווייב קומען שעלטן ביי אים אין שטוב, און נאָך מער—באַווייזן אַזאַ גבורה צוצוברעכן אַ טייערן שפּיגל פון הונדערט רובל און צו קאַלעטשען האַצקעלן דעם משרת, וואָס האָט אַ גבורה דעם געזונטסטן קצב פון שטוב אַרויסצוואַרפן, — דאָס איז אַלמען געווען אַ חידוש נפלא. און ווען מען דערציילט נישט, אַז מען האָט עס מיט אייגענע אויגן געזען,

וואָלט אפשר קיינער נישט געגלויבט, והא ראיה, אז עס איז אמת, מען האט טאקע כיענען ארייגעזעצט און זי זיצט.

עס האבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואס האָבן כיענען גע־רעכט געגעבן, נישט ווייל זיי האָבן געוויסט פארוואס, נאר גלאט אזוי, ווייל זיי האָבן תכלית שנאה פיינט געהאט ר׳ שלמהן און נאָך מער— שיינדעלען, און די האָבן ביינאכט, צו מעריב אין בית־המדרש, געמאכט אַ גאַנץ געשפרעך דערפון.

— הערט איר יידן,—האט יונה וואַסערטרעגער געזאָגט,—מילא, כיענע מיט איר ייגנל זענען פאַרפאַלענע, זיי זיצן פעסט, אבער אויף ר׳ ברוך שמש מיט זיין צווילינג, איז אַן עלנט. איך האב אים היינט אַן עמער וואַסער אַריינגעטראָגן און האב געזען ווי ער ביאנטשעט זיך, נעבעך, מיט די קינדער. ער האט מיר געשווירן, אז ער האט נאָך אין זיין מויל נישט געהאט, נישט ער, נישט דאס צווילינג. ער האט אפילו נישט געוויסט, אז זיין ווייב זיצט, איך האב עס אים דערציילט, און איך האב געמיינט, אז אָט קאנטשעט ער, אזוי האט ער זיך פארהוסט. אז ער איז צו זיך געקומען האט ער נאר געשריגן: איך האב איר געזאָגט, זי זאָל נישט גיין קריגן זיך מיט אַ גביר! און ער איז אפילו מצדיק את הדין אויף איר, נאר אַ רחמנות איז אַ גרויסער.

— יידן,—האט זיך אָפגערופן ר׳ שואל דער שוחט, זייער אַ חשובער ייד אין בית־המדרש — מען טאָר איין צד נישט אויסהערן! איר ווייסט דאָך: איך קום דאָך אַריין צו אונדזער בעל־טאקסע כמעט אַלע טאָג, און קען אייך זאגן, אז מעשה שהי׳ כך הי׳: כיענעס ייגנל האט געלערנט ביי ר׳ בערלען, שיינדעלעס ייגנל לערנט אויך ביי ר׳ בערלען, פארשטייט איר מיך, האט שלמהס ייגנל געבראכט אין חדר א מעסערל, האט כיענעס ייגנל, זאָגט מען, געגנבעט דאס מעסערל, האָט שיינדעלע כיענעס ייגנל צובלוטיקט, האט כיענע שיינדעלען אָנגעשאָלטן פאר דעם, האט זיך שלמה איינגעשטעלט פאַר זיין ווייב און געהייסן חאַצקלען ער זאָל זי שלאָגן, האט חאַצקעל זי געשלאָגן, האָט כיענע צובראָכן אַ שפיגל, עד שנתגלגל הדבר און כיענע זיצט! אָט דאס איז דער גוף הענין, ואידך פרושא הוא... כלומר: ברוך מיט זיין צווילינג, וואס זענען, לכל הדעות, נישט שולדיק, גיין אויס פשוט פון הונגער. און אזוי ווי פדיון שבויים איז גלאט אַ מצווה אַ גרויסע, בפרט אז די שבויה איז אַ ווייב פון אַ קראַנקען מאַן,

אַ מאמע פון קליינע עופעלעך, איז טאקע אן עוון פלילי מען זאל זיי לאָזן שטאַרבן פאר הונגער; על־כּן איז אַ יושר גדול, אז יידן, וואס קענען רעדן מיט אַ פריץ זאָלן טאקע באלד גיין צום פריסטאַוו, דערציילן אים דעם גוף הענין גאָר אָן פּרושים אזוי ווי איך דערצעל אייך, און טאָמער ברויך עס קאסטן אַ פּאָר קערבלעך, ער זאל כיעגען באַ־פרייען, איז אַ מצווה גדולה, אז יעדער זאל געבן בנדבת לבו, איך גיב אַ גילדן.

— אויף להכעיס שיינדעלען, אַ מפלה אויף איר,—האט זיך ארויס־געכאַפּט אַ קצב,—גיב איך צוויי גילדן, זאָלן יידן געבן כאָטש צו גילדן, וועט זיך צוזאַמען נעמען עטלעכע רובל.

יידן האבן געגעבן וויפל איינער האט געקענט. עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר, וואס האבן זיך אָנגענומען צו רעדן מיטן פריסטאַוו און מען איז אַוועק אין צערקל. דאָ האָבן זיי זיך דערוווסט, אז נאָך מיט אַ שעה פריער האט דער פריסטאַוו שוין אַרויסגעלאָזט כיעגען מיט איר יינגל. פארוואס, ווייסט מען אפילו נישט, נאר מען קלערט, אז דער פריסטאַוו, כאָטש זייער אַ שטרענגער פריץ, האט פונדעסטוועגן קיין הארץ נישט געהאט צו האלטן אַן אָרעמע פינצטערע יידענע, נעבעך, מיט איר צעשלאָגן צעבלוטיקט קינד איינגעשפּאַרט, בפרט, אז ער האט דערזען, אז זי שפּייט מיט בלוט און איז טויט קראנק פון די קלעפּ, וואס זי האט ביי שלמהן געכאַפּט.

י

די עטלעכע רובל, וואס מען האט אין יענעם צו מעריב ביים עולם אין בית־המדרש צוזאַמענגעקליבן, זענען שטאַרק צו נוץ גע־קומען. כיענע האט אַ גאנצע וואָך נאך דעם צוגעקרענקט און נישט געקענט אין גאס ארויסגיין עפּעס פאַרדינען; מיט די עטלעכע רובל האט איר עלטער מיידל, אַ קינד פון צוועלף יאָר, וואס זי האט געהאט מיט אַ יאָר פריער צו אַ דאמסקן שניידער אַוועקגעגעבן, דאס גאנצע געזינטל ביים לעבן דערהאלטן.

שכנים פון אַרום פלעגן אַריינקומען זיך נאָכפרעגן אויף כיענעס געזונט, אַמאָל עפּעס אַריינברענגען פאר די הונגעריקע קינדער, נאָר יעדעס מאָל זאָגן יאָסעלען מוסר, ווייזן אים ווי די מאמע איז איבער

אים קראַנק, ווי עס וואָלט צו קיין אומגליק נישט געקומען, ווען ער, יאָסעלע, וואָלט נישט אַ גנב געווען.

— מיין קינד איז נישט קיין גנב! — פלעגט כיענע יעדעס מאָל זאָגן, — איך בעט אייך, מאַכט אים קיין שלעכטן נאָמען נישט. וואָלט ער באמת אַ גנב געווען, וואָלט איך, אדרבה, דערצו נישט געקומען! ביי די ווערטער, פלעגן שטענדיק אירע טרערן זיך ווי וואַסער גיסן.

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן כיענען געראָטן, זי זאָל זיך משפטן מיט שיינדעלען, מיט ר׳ שלמהן, רופן אַ דאָקטאָר און ער זאָל אויפווייזן, אַז זי איז קראַנק און שפייט מיט בלוט, ווייל מען האָט זי ביי זיי אין שטוב אַזוי געשלאָגן, און פאַר אַזאַ זאַך קענען זיי גיין אין סיביר. נאָר כיענע האָט געענטפערט: זאָל זיי גאָט משפטן, ביי מענטשן וועל איך גאָר נישט געווינען!

אַז כיענע איז פון בעט אַראָפּ, צום ערשטן מאָל אויפן גאַס אַרויס, איז איר ערשטע זאַך געווען צו גיין זוכן אַ נייעם רבין פאַר יאָסעלען. אומזיסט האָט זי אָבער געזוכט, אומזיסט האָט זי יעדן מלמד געהייסן פרעגן ר׳ בערלען: צי האָט זי אים נישט ביז אַ קאָפּיקע אָפּגעצאָלט? און זאָל ער זאָגן, צי איז טאַקע יאָסעלע אַזאַ גנב ווי דער נאָמען זיינער, וואָס נאָר שיינדעלע האָט אים אין שטאָט געמאַכט. עס האָט איר בעטן נישט געהאָלפן; וועגן שכר־לימוד, האָט בערל אָפן געזאָגט, אַז כיענע האָט אים אפשר נאָך מיט מער כבוד ווי די רייכע באַצאָלט, נאָר וועגן דעם, צי איז יאָסעלע אַ גנב? האָט ער געענטפערט: „גלייכער אַז מען שווייגט... אַ שאָד, עס האָט געקענט פון אַזאַ קינד אַרויס אַ כּלי אַ יינגל". כאָטש בערל האָט מיט זיין ווערטל: „גלייכער אַז מען שווייגט" אפשר גאָר דעם היפּך געמיינט, פונדעסטוועגן האָט קיין מלמד אפילו אַ ספק גנב נישט געוואָלט אין חדר אַריינעמען, בפרט, אַז אַלע חדר יינגלעך האָבן שוין יאָסעלען געקענט, און ווו זיי פלעגן אים נאָר באַגעגנען, פלעגן זיי שרייען: „יאָסעלע גנב! אָט גייט דער מעסערל־גנב!"

ביי כיענען האָט דאָס צוגענומען דאָס לעצט ביסל חיות.

לאָזן יאָסעלען אָנקומען צוריק צום טאַטן, ער זאָל מיט אים לערנען ווי אַמאָל, האָט זי נישט געקענט. ברוך, וואָס איז פריער צו יאָסעלען נישט מער ווי אַ שטרענגער בייזער פאָטער געווען איז איצט

אים טאַקע אַ שונא אין לעבן געוואָרן. — איבער אים, איבער דעם פּויער, איבער דעם גנב וועלן מיר אַלע אין דער ערד אַריין אָן אַ פּייט! — פּלעגט ער וואָרטשן גאנצע טעג. — און כיענע פּלעגט מוזן יאָסעלען מיטנעמען מיט זיך וווּהין זי גייט, אים נישט צו לאָזן אַליין מיטן טאַטן, וואָס האָט אזא אומזיסטע שנאה אויף אים. קריגן זיך אָדער אויסטענהן זיך מיט איר מאַן ווי אַ מאָל, האָט זי שוין קיין כּוח געהאַט, דאָס רעדן איז איר שווער אָנגעקומען, און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז יעדע קריג און אויפרעגונג איז איצט פאר איר אַ גרויסע סכּנה.

נאָר ווי האָט זי געקענט נישט אויפגערעגט זיין? אויפן גאַס פּלעגן איר, צוליב איר קינד, אָפט נאָכלויפן קליינע חדר יינגלעך און שרייען: אָט גייט יאָסעלע גנב, יאָסעלע מעסערל גנב! און אַמאָל נישט זשאַלעווען זי מיט איר קינד מיט בלאָטע, מיט שטיינער צו פאַרוואַרפן. און איינמאָל האָט איר אַ גאַנץ שיינע באַלעבאָסטע, ביי וועלכער כיענע פּלעגט דווקא אָפט פאַרדינען עטלעכע גילדן, אָפן געזאָגט, אז זי האָט אויף איר שטאַרק פאַריבל, וואָס זי קומט צו איר מיט איר יאָסעלען.

— איר זייט טאַקע נישט שולדיק, כיענע קרוין, — האָט יענע זי געטרייסט, — נאָר וועלכע מאַמע קען ערב זיין פאר איר קינד? קוים האָט עס שוין אזא נאַטור איז פאַרפאַלן! אַ גרויסער קען זיך אָפּהאַלטן אַמאָל, זאָגט מיין מאַן, אַ קליין קינד, קען עס נישט, און מאַכט זיך אים וואָס צוצונעמען ווען עס צונעמען, מעגן טויזנט מאַמעס זיין דערביי.

כיענע איז אזוי פאַרקלעמט געוואָרן פון די רייד, אז זי האָט באמת נישט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן, זי האָט נאָר די אויגן פול פון טרערן צום הימל אויפגעהייבן און דאָס האַרץ אירס האָט געשריגן: ענטפער גאָט, מיין אָרעם עלנט קינד, דו ווייסט דאָך דעם אמת!

איינמאָל אינדערפרי האָט דער דעסיאַטניק כיענען אַריינגעטראָגן אַ פּאָוויעסטקע. „מען רופט זי מיט איר יאָסעלען אין סוד”, האָט דער גאָרדאָוואָי געזאָגט און האָט פאַרלאַנגט כיענע זאָל אונטערשרייבן די אַנדערע העלפט פון דער פּאָוויעסטקע.

כיענע האָט די פּאָוויעסטקע אַריינגעטראָגן צום שכן, וועלכער האָט זיך פאר איר אונטערגעשריבן און איר דערקלערט, אז מען באַ-

שולדיקט זי, וואס זי האט אַ סקאַנדאַל געמאַכט ביי שלמה אייזנ־הערץ אין שטוב, צו בראָכן אַ שפּיגל און צו קאַלעטשט דעם משרת; חוץ דעם באַשולדיקט ער זי מיט איר ייִנגל יאָסעלע פאַר פאַר־שידענע גנבות.

כיענע איז אפילו בלאס און דערשראָקן געוואָרן, נאָר באַלד האט זי מוט געפונען און געזאָגט:

— לאָז זיין אַזוי! וואס וועט מיר דער סענדזשע טון?! צוויי מאָל שאַרבט מען נישט, און איינמאָל — קען מען נישט אויסמיידן!.. מיין טויט, ווי איך זע, איז שוין אַ בלויז נישט ווייט, איך האב שוין קיין הארץ נישט, קיין לונגען נישט, איך פיל יעדע מינוט ווי איך גיי אויס ווי אַ ליכט, און וואס זאָל מיך קימערן וועגן זיך? מסתמא איז מיר דאָך אַזוי באַשערט!.. זאָל מיין מלאך־המות שיינדעלע זיין... זאָל זי די מצווה האבן אָפּצונעמען אַ ווייב פון אַ קראַנקען מאַן, אַ מאַמען — פון קליינע עופעלעך, נעבעך, פאַר דער צייט! איך פאַרגין איר גערן די מצווה, און זאָל זי איר ביישטיין צו דעם קומנדיקן יום־הדין, צום ונתנה תוקף, רבונו של עולם!

עס האבן זיך געפונען מענטשן, וואס האבן כיענען שטאַרק צו־גערעדט, זי זאָל גיין צו ר' שלמהן, צו שיינדעלען, צופאַלן מיט טרערן און בעטן, זיי זאָלן רחמנות האבן, איר מוחל זיין, עס זאָל צו אַ סוד נישט אָנקומען; נאָר כיענע האט געענטפערט: פאַר גאָט דעם לעבעדיקן פאַל איך אַלע מינוט מיט אַ צעבראָכענעם הארצן און נידערגעשלאָגן, ער זאָל מיר מוחל זיין מיינע זינד און דערלענגערן מיינע יאָרן, איך זאָל נאָך קענען צו מיינע קינדער אַ מאַמע זיין, כאָטש ביז איך וועל זיי אויף די פיסעלעך שטעלן. צו אים שרייט מיין הארץ, ער זאָל מיין יאָסעלען באַשיצן פון אלע שלעכטס, און נאָך מער — פון שלעכטע מענטשן, וואס האבן אים אזא שלעכטן שם געמאַכט, און אז ער ענטפערט מיר נישט, וואס קען מיר די זינדיקע גראָבע שיינדעלע ענטפערן? ערגער ווי שלעכט קען מיר שוין נישט ווערן, לאָמיך כאָטש פאַר מיין טויט וויסן, אז איך האב מיך פאַר דער עבודה־זרה נישט געבוקט...

עס האבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואס האבן אויף זיך די מצווה גענומען, ר' שלמהן אַליין צו בעטן פאַר דער קראַנקע אָרעמע כיענען, ער זאָל איר מוחל זיין, אָדער אַזוי ביים רב איר אַ פּסק אַרויסגעבן און נישט צולאָזן מען זאָל זי דורכן סוד באַשטראָפן, אים

דערמאנט, אז זי איז פאָרט אַ בת־טובים, ר׳ יאָסע׳ע מגידס אַ טאָכטער, אַלעמאָל אַ פרומע, גוטע און ערלעכע אשה געווען, אים דערציילט, אז פון יענעם טאָג אָן שפייט זי מיט בלוט: חאַצקל האט איר די לונגען אָפּגעשלאָגן, און זי האט שוין פאר איר העזה כפל כפלים געהאט; נאר ר׳ שלמה האט געענטפערט: „יעדער איז אַ בעלן דעם אַנדערן צו הייסן זיין אַ גוטער, אַ מעביר על מדותיו! שטעלט אייך אָבער פאָר: ווען כיענע וואָלט עס אייך געטון און נישט מיר — וואָלט איר דען נישט נאָך טויזנט מאָל ערגער געווען קעגן איר ווי איך? אַ העזה אַ ביסל צו קומען צו מיר אין שטוב אַריין שעלטן מיין ווייב מיט טויטע קללות פאר מיר אין די אויגן! פארוואס? וואס איר יינגל איז אַ גנב אַ ממזר! און נאָך ווייניק אירע קללות, כאַפּט זי אַ לייכטער און צוברעכט מיר אַ טייערן שפיגל, מאכט מיר אָן אַ היזק איבער הונדערט רובל, און איך זאָל, ווילט איר, איר נאָך זאָגן: אַ דאנק כיענע, איר האָט שיין געדרשנט? ניין, אָנלערנען מוז מען אזעלכע קבצנים, זיי זאָלן וויסן ווי דרך־ארץ צו האָבן פאַר אַ בעלעבאָס. תרבות דארף מען זיי לערנען די הינט! היינט שענקען כיענען, וועט מאָרגן קומען זעליגל שוסטער, פיניע שניידער און איציקל שמיד און מיר אויפן קאָפּ אַרויפּ־קריכן... זאָלן, אדרבה, די קבצנים, די הינט זען, אז איך האָב קיין רחמנות נישט אפילו אויף אן אשה, אז איך קוק נישט אפילו, וואס זי איז אַ בת־טובים, און זאָלן זיי וויסן, אז מען טאָר קיין שייגאַץ נישט זיין קעגן אַ יידן אַ נגיד!" — כיענע האט זיך צום סוד צוגעגרייט, נישט טענות האט זי צוגעגרייט, נישט אַדוואָקאַטן האָט זי געדונגען, נאָר דאס עלטערע מיידל אירס האט זי פון שניידער אָפּגענומען, זי זאָל כאָטש האבן ווער עס זאָל פאר איר מאַן און אָרעמע קינדער אַמאָל אָפּקאָכן אַ וואַרעמעס, אז עס וועט זיין פון וואס צו קאָכן. פאר זיך האט זי, אין סוד גייענדיק, נישט מער מיטגענומען, ווי איר „קרבן מנחה", אַ סליחה און תחנות אַ גאַנצן פּאַק.

— „זייט געזונט אַלע", — האט זי וויינענדיק זיך געזעגנט מיט איר פאַמיליע, — „איך גיי אַ וודאי זיצן, א ברייטע טיר אַריין, אַ שמאָלע — אַרויס! גאָט ווייס, צי וועל איך דערלעבן נאָכאַמאָל צו מיין היים צו קומען? אין זיינע הענט גיב איך אייך איבער, זאָל ער אויך אייער מוטער זיין ווי ער איז דער איינציקער פאָטער פון אַלע יתומים! איר זייט אַלע, אפילו דער קראַנקער טאַטע אייערער, לעבעדיקע יתומים... ער וועט אויף אייך זיך דערבאַרעמען; האב

איך קענן אים געזינדיקט, זאל ער מיך אליין שטראָפן. איך וועל נישט זאָגן, אז זיין משפט איז אומגערעכט, חלילה, נאר אייך, עלנטע לעבעדיקע יתומים, זאָל ער נישט פאַרלאָזן, פון אייך זיין חסד און רחמים נישט אַראָפּנעמען... זייט אייך אלע געזונט!״

און נאָכדעם ווי זי האַט זיך איבער אירע קינדערש וויגעלע אויסגעוויינט, די קינדער גוט אָנגעקושט, דאס עלטערע מיידל אָנגעזאָגט און אָנגעבעטן, זי זאָל אויפּפאַסן דעם טאַטן, היטן די קינדער, האט זי גענומען יאָסעלען פאַרן האַנט, אַ קוש געטון די מזוזה, און איז אוועק אין סוד. גאנצע דריי שעה איז כיענע געזעסן און געוואַרט ביז מען האט זי אויסגערופן. נישט שלמה, נישט זיין ווייב האבן זיך דאָ געזען, נאָר ר׳ בערל דער מלמד, זיין ווייב און נאָך אַנדערע יידן האט דאָ כיענע באַמערקט און זי האט זיך נאָר געוווּנדערט, וואס שיינדעלע איז נישטאָ — ענדלעך האט דער ריכטער אָנגעהייבן לייענען דעם פּראָטאָקאָל און שלמה דעם בעל טאַקסעס זשאַלאָבע. כיענע האט זיך גוט צוגעהערט.

— זייט איר זיך מודה אין דעם וואס מען באַשולדיקט אייך? — האט דער סענדזשע געפרעגט, אז ער האט געענדיקט לייענען.

— איך בין מודה — האט זי געענטפערט — אז איך האָב שיינדעלען געשאָלטן ביי איר אין שטוב, פאַרוואס זי האָט מיין אָרעם קינד געשלאָגן און צעבלוטיקט. איך בין אַ מאמע, פּאַן סענדזשע, און זאָל מען מיר ווייזן ערגעץ אַ מאַמען, וואס וועט לאָזן איר קינד אזוי שלאָגן און צעבלוטיקן און נישט טון דאס אייגענע, וואס איך האב געטון, וועל איך איר אַ שפּיי טון אין פּנים און זאָגן: דו ביזט קיין מאמע נישט!

— און דעם שפּיגל האַט איר צעבראָכן? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— נישט דעם שפּיגל האב איך געוואָלט צעברעכן, עס טוט מיר טאַקע ווי דאס הארץ אויף אזא שאָדן! — האט זי געענטפערט, — צוברעכן האב איך געוואָלט חאַצקל משרת זיין קאָפּ, וואס ער האט זיך ווי אַ בייזער הינט אויף מיר און אויף מיין קינד געוואָרפן, ווייל זיין שיינער באַלעבאָס האט אים אזוי געהייסן.

— ווייסט איר דען נישט, אז מען טאָר נישט יענעם אַ קאָפּ צו-שלאָגן? — האטווידער דער ריכטער געפרעגט.

— פאַרוואס זאל איך עס נישט וויסן? איך ווייס גאַנץ גוט, האָט זי מיט פייער אָנגעהייבן רעדן, איך ווייס, אז מען טאָר אויף קיינעם אַ האַנט אפילו נישט אויפהייבן, און זאָל די גאנצע וועלט זאָגן, צי

האב איך, זינד איך לעב, אויף וועמען עס איז אַמאָל אַ האַנט אויפ־געהייבן? זאָגט יידן, האָט זי זיך צום פּובליקום געווענט, וואס שווייגט איר? איר האט טאקע אלע מורא פאר שיינדעלען?

דער ריכטער האט איר אויפמערקזאם געמאכט, אז זי ברויך נאר מיט אים רעדן, און דאס פּובליקום האט קיין רעכט נישט צו ענטפערן כל זמן ער פרעגט נישט.

— זאָל זיין אזוי! — האט זי צוגעגעבן,—אָבער זאָל מיר דער פאן סענדזשע זאגן, וואס וואָלט דער פאן סענדזע טון, אז אויף אים וואָלט זיך גאָרנישט געריכט ארויפוואַרפן אַ בייזער הינט אַ גרויסער, וואס קען אים אויף שטיקער צערייסן?

—אָבער אויף אייך איז נישט אַ הינט אָנגעפאַלן נאר אַ מענטש! — האט דער ריכטער געענטפערט.

— אַ מענטש... אמת אַ מענטש! — האט כיענע ביטער איבערגע־רעדט,—מענטשן אָבער זענען דאָ, זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאר מיינע רייד, אַ סך בייזערע און ערגערע פאר הינט!.. און אז איך בעט גאָט אַלע טאָג אינדערפרי: ער זאָל מיך אָפּהיטן פון אַ שלעכטע באַגעגעניש, בעט איך אים נישט, מיך מציל צו זיין פון אַ בייזן הינט, נאָר פון אַ שלעכטן שכן, פון אַ שלעכטן חבר, און פון א שלעכטן מענטשן, פאן סענדזע! בעסער וואָלטן מיך באגעגנט ביי שיינדעלען אין שטוב צען בייזע הינט איידער איין חאצקל... און דער חאצקל איז אויך אַ מענטש? אים טאָר מען אויך נישט ווארפן א לייכטער אין קאפּ, ווען ער פאלט אן אויף אן אומגליקלעכע, אָרעמע שוואכע אשה, וואס האט קיינמאָל א וואָרט מיט אים נישט אויסגערעדט?

דער סענדזשע האט געשוויגן, נאר געשריבן, עטלעכע מינוט כסדר געשריבן.

— חוץ דעם שפּיגל, וואס איר האט צובראכן און דעם סקאנדאל, וואס איר האט געמאכט, — האט דער ריכטער געזאגט ווייטער,—באַ־שולדיקט זיך אייער צוועלף־יעריק יינגל אין עטלעכע גנבות. איינמאל האט מען אים פארן האנט געכאפּט ביי זיין רבין, בערל שאץ, גנבענ־דיק געלט, נאך עטלעכע מאל — ביי זיין ווייב פארשידענע שטוביקע זאכן, און דערנאך — ביי שלמה אייזנהערצס א קליין יינגל פון זיבן יאר — א טייער מעסערל, און ביי נאך ענדערע — פארשידענע זאכן, און איר באשולדיקט זיך, וואס איר האט געוווסט פון די אלע גנבות

און האט זיי ביי איער ייגנגל צוגענומען און די גנבות באהאלטן. זייט איר זיך אויף דעם אויך מודה?

— פאַן סענדזשע, — האט כיענע מיט פייער געענטפערט, — וואס איך האב געטון האב איך נישט געלייקנט און אויך געזאָגט פאַרוואס איך האָב אזוי געטון, פון גנבה ווייס איך נישט, און מיין קינד — אויך נישט, דאס איז אַ ליגן! אַ ראיה, אז דאס איז אַ ליגן, אז די שונאים מיינע האָבן אייך געשריבן, אז מיין יאָסלע איז שוין צוועלף יאָר, זאָל דער פאַן סענדזשע אַליין זען זייער אמת. אָט איז מיין קינד, צי איז ער מער ווי זיבן יאָר? — אמת איז, אז נישט ווייסנדיק וואס ער טוט האט ער זיין הונגעריקער אָרעמע מאַמען אַמאָל געבראַכט פון חדר פופציק קאָפּיקעס, און האט געזאָגט, ער האט דאס געפונען; מיין מאַנן האט באַלד דערקענט, אז דאס איז נישט געפונענע, און ווען איך רייס אים נישט אַרויס פון טאַטנס הענט, וואָלט ער שוין פארשפּאָרט דאָ צו זיין!.. איך אַליין האב מיין ליב קינד אויך געשלאָגן, געביסן, געריסן; איך בין ווילד און משוגע געוואָרן אין יענער רגע פון דער מחשבה, אז מיין קינד איז אַ גנב. איך האָב אים אין חדר אַוועקגעשלעפּט, דעם רבין זיין געלט אין האַנט אָפּגעגעבן און אַליין אים פאַר די פּיסלעך געהאַלטן, בעת דער רבי האט אים פאַר זיין נאַרישקייט געשמיסן ערגער ווי מען שמייסט אַן ארעסטאַנט, ביז איך בין אין חלשות געפאַלן. זאָל, אדרבה, זיין רבי זאָגן, צי זאָג איך אפילו איין וואָרט ליגן? ווו איז ער? איך האָב אים דאָ ערשט געזען. ר' בערל, האט זי זיך ווידער צום פּובליקום געקערט, פאַרוואָס זאָגט איר נישט דעם אמת?

— ער וועט באַלד זאָגן, — האט זי דער סענדזשע באַרויקט, — איך וועל אים באַלד פרעגן. נו, און פון אַנדערע גנבות?

— פון קיין שום אנדערע גנבה ווייס איך נישט, פאַן סענדזשע, איך זאָל אַזוי פון מיין אָרעמקייט און ווייטיק אין האַרצן נישט וויסן!

דער ריכטער האט געהייסן אַריינרופן איינעם פון די עדות, דאס איז די קרעמערין געווען, צו וועלכער די רביצן פלעגט יאָסעלען שטענדיק שיקן קויפן, און זי האָט דערציילט, אז ביי איר אין קרעמל פלעגט מען שטענדיק גנבענען: אַמאָל קאָנפעקטלעך, אַמאָל טייערע סחורהס, און אפילו פון טישקעסטל פלעגט זייער אָפט געלט פעלן, נאָר זי האָט קיינמאָל נישט געקלערט, אז דאָס קען אָט דער יאָסעלע גנבענען, ווייל ער פלעגט זיך פאָרשטעלן פאַר אַ נעבעכל,

וואס קען קיין צווייַ נישט צייל̄ן; נאר זינט זי האט זיך דער־וווּסט, אַז ער האָט ביי זיין רבין אַליין געקענט גנבענען געל̄ט איז איר רעכט געוואָרן און זי האט אים געהיט ווי מען היט זיך פון פייער!

— קען מען זיך אָבער פון אַ גנב איינהיטן? — האט די קרעמערין בתמימות געפרעגט, — מען גנבעט ווייטער, און עס פעל̄ט מיר נאָך איצט מער און גרעסערע זאַכן, און דאס איז אַל̄ץ זיין אַרבייט!

— געכאַפּט פאַרן האַנט מיט עפּעס אַ גנבה האָסטו אים אַמאָל̄!

— האט דער ריכטער געפרעגט.

— אז איך וואָל̄ט אים פארן האנט געכאַפּט, וואָל̄ט ער שוין, דאַכט זיך, פאַרשפּאָרן נאָכאַמאָל̄ צו גנבענען! — האט די קרעמערין גע־ענטפערט,—דערפאר טאקע בין איך אין כּעס אויף אים, וואס איך קען אים נישט כאַפּן!

— איר מעגט זיך זעצן, — האט דער ריכטער צו דער קרעמערין געזאָגט, און האט די איבעריקע עדות געהייסן אַריינרופן.

די איבעריקע עדות האבן געזאָגט, אז די גאַנצע שטאָט ווייס שוין פון לאַנג, אז יאָסעל̄ איז אַ גנב, רייסט פון די הענט, און אז ער גייט אין גאַס לויפן אים נאָך ייִנגל̄עך און שרייען: „יאָסעלע גנב!" אַ פּאָר האָבן נאָך דערציילט, אז ביי זיי אַליין האט מען אַ פּאָר מאָל̄ קלייניקייטן געגנבעט, זיי האָבן דעם גנב געכאַפּט, אים אָנגעשלאָגן, און, דאכט זיך, דאס איז געווען יאָסעל̄ע, אַ קוראַט, געדענקען זיי אבער נישט. דער ריכטער האָט זיי געפרעגט: ווען? וואָס? ווי אַזוי? און פון זייער שטאַמלען און פאַריקן זיך אין די רייד האט מען אַרויס־געזען, אז דאס זענען גלאַט אָנגעשטעל̄טע עדות דריי פּאַר איין רובל̄, און ער האט זיי געהייסן זיך זעצן. ענדל̄עך האט מען אַריינגערופן ר׳ בערל̄ען. ביי כיַענען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן. ניכּר געווען, אז אויף זיינע עדות האט זי איר גאַנצע האָפענונג געהאט. נאָר ר׳ בערל̄ האט זיך אָפּגעקערט פון איר, זי זאָל̄ אים אזוי שארף אין די אויגן נישט אַריינקוקן, און האט דערציי̄לט, אז כאָטש ער האט יאָסעלען חוץ יענע 50 קאָפּיקעס קיינמאָל̄ מיט אַ גנבה אין האנט נישט געכאַפּט, קען ער פונדעסטוועגן נישט זאָגן, אז ער איז נישט קיין גנב, וואָרעם ער האט זיך אים אַליין מודה געווען, אז ער האט געגנבעט דאס מעסער̄ל און ערגעץ באַהאַלטן, און נאך דעם, אז ער האט אים פון חדר אַרויסגעטריבן האט זיך זיין ווייב ערשט אַרומגעקוקט, אז

איר פעלט אַ סך שטוביקע זאַכן, נאָר ער איז אויף אים מלמד זכות, ווייל ער ווייס, אז דאס קינד איז כמעט אַלעמאָל אַ הונגעריקער גאנצע טעג אין חדר געזעסן, און הונגער קען ברענגען צו אַלץ.

— ר׳ בערל, — האט כיענע אַ געשריי געטון נישט מיט איר קול, און מען האָט געזען ווי אלע אירע גלידער האָבן אַ ציטער געטון, — איר האט מורא פאר שיינדעלען צו זאָגן דעם אמת וואס איר ווייסט, זי זאָל אייך נישט מאַכן אויס מלמד, פאַרוואס האט איר קיין מורא פאַר גאָט אזא ליגן צו זאָגן? פאר גאָט, ר׳ בערל, וואס ווייסט דעם אמת און וואס קען אייך מאכן פאר אויס „ר׳ בערל״!? דערמאנט אייך נאר, אז איר באַגראָבט איצט אַן אָרעם אומשולדיק קינד! — אז עס גייט אַ יום-הדין, אז אָט באלד וועט איר שטיין פאַר דעם, וואס זעט, וואָס טוט זיך איצט אין האַרצן אייערן... זאָגט דעם אמת!

ר׳ בערל האט געשוויגן.

— איר שווייגט? גוט, איר האט מיך און מיין קינד באגראָבן, — האט כיענע ווידער אָנגעהייבן, — איר וועט אייך פון דאַנען אהיים אַוועקגיין צו אייער ווייב, צו אייערע קינדער, און איך מיט מיין אומשולדיק קינד — ווי די גנבים גלייך אין אָסטראָג, נאָר עס הערט גאָט און זאָל דער גאַנצער עולם דאס הערן, אז מיט אַ סך אַ ריינערן האַרצן גייען מיר אין אָסטראָג אריין ווי איר — אין אייער היים!..

נאך ערגער פאַר בערלען האָט זיין ווייב געזאָגט. מיט נייַן מאָס רייד האט זי אויסדערציילט וואס פאר אַ טייערע אשה שיינדעלע איז, אז זי האט אַ גוט האַרץ און קען אפילו נישט זען ווי אַ קינד מאַכט אַ קרומע מינע פאר איר, און באמת האט שיינדעלע יאָסעלען נישט מער ווי אַ גלעט געטון, אי אים האט אָנגעהייבן גיין בלוט פון נעזל, ווייס זי אליין נישט ווער איז שולדיק אין דעם. מיר איז, אדרבה, אַ גרויסער חידוש געווען, האט די רביצן ווייטער דערציילט, ווי איינגעהאַלטן שיינדעלע איז, אז כאטש יאָסעלע האט געגנבעט דאס מעסערל, וואס זי האט אַליין געהערט ווי ער האט זיך מודה געווען, זי זאָל אזוי הערן בשורות גוטע אויף איר און אויף כלל ישראל, און אַ גנב איז ער, וואס רייסט פשוט פון די הענט ארויס, פונדעסטוועגן האט אים שיינדעלע מער ווי אַ גלעט נישט געטון און נאר געבעטן: מען זאָל אים מער אין חדר נישט האַלטן.

דער ריכטער האט איר אַ פּאָר מאָל דערמאנט, אז זי זאָל רעדן צו דער זאַך און נישט דערציילן מעשיות, וואס געהער נישט דירעקט צום משפט, נאָר די רביצן האט אירס געטון און ווייטער דערציילט, ווי אזוי זי וויס, אז יאָסעלע איז אַ גנב אַ וויסל פון אויג. כיענע האט עס רו״ק געהערט אָבער אפילו אַ ווארט נישט געענטפערט.

— האט איר נאך אפשר וואס צו באמערקן? — האט דער ריכטער כיענען געפרעגט.

— צו באמערקן האב איך, פאן סענדזשע, אז ערשט דאָ אין סוד האב איך איינגעזען ווי נידעריק, ווי פאַלש מענטשן קענען זיין, ערשט דאָ האב איך דערקענט, אז אן אָרעמע אשה איז נאך שוואכער ווי אַ פליג, מיט אזא גבירה ווי שיינדעלע זיך צו משפטן! איך בעט דעם פאן סענדזשע מיך גיכער אָפּמשפטן, מער צו רעדן האב איך נישט.

— טאָמער ווילט איר זיך ווי עס איז אויסגלייכן צווישן זיך און שלום מאכן פאר דעם סקאנדאל און צעבראָכענעם שפיגל? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— איך פארשטיי נישט, ווי אזוי? — האט כיענע איבערגעפרעגט.

— מחילה בעטן, למשל, שלמהן מיט זיין ווייב, אָדער אזוי ווי עס איז דורכקומען, — האט דער ריכטער געדולדיק ערקלערט.

— איך זאל נאָך שיינדעלען מחילה בעטן? מחילה בעטן פאר־וואס זי האט מיין אָרעם קינד געשלאָגן, צובלוטיקט און איבער דער גאנצער שטאט אים אזא שלעכטן שם געמאכט, אז קיין מלמד וויל אים אין חדר נישט אַריינגעמען? מחילה בעטן ר׳ שלמהן, וואס ער האט אנגערייצט אויף מיר זיין ווילדן משרת און ער האט מיך געבראכט דעם שפיגל צו צוברעכן, און האט מיר דערנאך די לונגען אָפּגעשלאגן? ניין, פאן סענדזשע, וואס מיט מיר וועט געשען ארט מיך נשט אזוי שטארק, אָבער דעם צער פון מיינע קליינע עלנטע קינדער, ווען איך וועל שטארבן צוליב דעם פאר דער צייט, דאס איז מיין גאנצע דאגה, און די דאגה וועל איך פאר גאט דעם דיין אמת ברענגען, ווען מיין שעה וועט קומען... ווי זאל איך פאר אים, ואס זעט מיין הארץ, אזוי פאלש זיין און בעטן, כלומרשט, מחילה מיינע רוצחים און די רוצחים פון מיין גאנץ פאמיליעלע דאס אומגליקלעכע? איך בעט אייך, פאן סענדזשע, משפט מיך!

באשטראפט מיך, ווען איר דערקענט, אז איך בין שולדיק! — און אויפן הימל מיט איר האנט ווייזנדיק, האט זי ווייטער געזאגט: אָבער דארט אויבן, ביי גאט דעם לעבעדיקן איז אויך דא אַ משפט!.. און אויף זיין משפט האף איך איצט מער ווי אַלעמאל!..

— און וואס זאָגט איר? — האט דער סענדזשע געפרעגט שיינ-דעלעס אַדוואָקאט.

— איך בין באַפּאָלמעכטיקט נאר אַ משפט צו בעטן. אַזעלכע נידעריקע פרויען, וואס האָבן אַ העזה, דעם געערטעסטן מענטשן אין שטאָט אזא סקאַנדאל צו מאכן, אזא ערענס ווירדיקע פרוי ווי שיינדעלע— אזוי געמיין צו זידלען און שעלטן ביי איר אין שטוב, אַזעלכע פאר-דינען אין קיין פאל נישט קיין רחמנות, און איך בעט וואָס שטרענגער זי צו באַשטראָפן.

כיענע, וואס האט די גאנצע צייט אומרויק אַלץ געוואַרט שיינדעלע זאָל נאָך קומען דאָ קעגן איר טענהן, האט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אז דער, וואס שטייט דאָ רעכטס לעבן שטענדער, מישט זיך אַריין, פרעגט איבער די עדות און פאַרריכט וואס זיי דערזאָגן נישט, איז אן אַדוואָקאַט פון שיינדעלעס זייט. זי האט געמיינט דאס איז אויך אזא מין ריכטער, נאר איצט, אז זי האט דערהערט ווי ער שטעלט זיך אזוי איין פאַר שיינדעלעס כבוד, האט זי אַ געשריי געטון:

— פאַן סענדזשע, ווער איז דער? אים זע איך דאס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואס וויל ער פון מיר?

דער ריכטער האט איר געדולדיק דערקלערט דעם אַדוואָקאַטס ראָלע דאָ.

— אזוי? — האט כיענע איבערגערעדט, — האב איך ביז איצט גאָר אין טעות געלעבט. איך האב געהערט רעדנדיק פון אַדוואָקאַטן, וועלכע טענהן פאר דעם, וואס מען ברויך פאַרמשפטן, און זענען פאַר אים אַ מליץ יושר אין סוד, ערשט איצט זע איך, אז אן אדוואָקאט קען אויך זיין אַהער און אַהין... באַצאָלט אים איינער, פון טריף כשר צו מאַכן, מאכט ער פון טריף כשר, באַצאָלט אים אן אַנדערער פון כשר טריף צו מאַכן, איז אויך רעכט... אזוי ווייזט דאָך דאס אויס!..

דאס פובליקום האט אָנגעהייבן צו לאַכן, דער ריכטער האט זיך אָנגעבייזערט.

— אַ וודאי איז גרינגער מיט פרעמדע הענט יענעם צו באַגראָבן,

איידער זיך אַליין צו פּאַטשקען ביי דער קבורה פון אַן אָרעמע אשה מיט איר געזינטל! — האט כיענע מיט אַ ביטערן געלעכטערל ווידער אָנגעהייבן, — דער נגיד קען זיך אַלץ פאַרגינען. האט ר' שלמה גע-וואָלט מיך גוט אָנשלאָגן האט ער געהייסן זיין משרת חאַצקל, ער זאָל מיך פון אַלע טרעפּ אַראָפּוואַרפן, וויל ער איצט מיך אינגאַנצן קוילן, האט ער זיין אַדוואָקאט... צו וואס ברויך ער זיינע כשרע הענט מיט מיין בלוט איינריכטן, אז פאר געלט באַקומט מען אַ שוחט אויף טריפה ווי אויף כשר?! דאס פאַרשטיי איך גאַנץ גוט, פאַן אדוואָקאט, נאר דאס פאַרשטיי איך נישט, ווי קענט איר, וואס איר קענט מיך נישט און ווייסט מיך נישט, וואס אין אייער לעבן האט איר קיינמאָל אין מיין פינצטער שטיבעלע נישט אַריינגעקוקט, נישט געזען, אין וועלכער אָרעמקייט און דחקות איך לעב מיט מיין אָרעם געזינטל, ווי קענט איר, וואס איר האט נישט געזען און ווייסט נישט, ווי די קויל איז געפלויגן און נישט וועמען זי האט געטראָפן און ווער עס טראָגט די וווּנד פון איר, ווי קענט איר ווי גאָר אַ זייטיקער מענטש, וואס איז אפילו דערביי נישט געווען, זיך אָננעמען אַ שטן מקטרג צו זיין אויף מיר, מיר באַגראָבן און באַשיטן, ווייל דער גביר שלמה מיט זיין ווייב הייסן אייך? מען באַצאָלט אייך דערפאַר? אָבער חאַצקל דעם משרת האט זיין באַלעבאָס אויך צוגעזאָגט אַ רובל פאר יעדן פאַטש, וואס ער וועט מיר געבן, טאָ מיט וואָס זייט איר בעסער פאר דעם גראָבן יונג חאַצקל, פאַן אַדוואָקאט?

דאס פּובליקום האט געלאכט, דער ריכטער האט אויך צו-געשמייכלט.

— איך בעט דעם הערן ריכטער, — האט דער אַדוואָקאט זיך צום ריכטער געווענדט, — הייסן די פרעכע פּרוי פאַרמאַכן איר מויל.

דער ריכטער האט כיענען דערקלערט, אז נישט דאָ איז דער אָרט זיך אויסטענהן מיטן אַדוואָקאט איבער פראגן, וואס געהערן נישט דירעקט צום פּראָצעס, און האָט געהייסן דעם אַדוואָקאַט רעדן.

ערשט איצט האט דער אַדוואָקאט אָנגעהייבן, און אין אַ לאַנגער רעדע אויף אַ שעה צייט האט ער, פריער פון די רייד פון די עדות אויפגעוויזן, אז כיענע מיט איר יינגל זענען באַקאַנטע גנבים, און אים איז אַ וווּנדער, וואס זי שטייט ערשט פאַרן געריכט צום ערשטן מאָל. דערנאָך האט ער זיך געמיט צו באַווייזן, אז עס זענען דאָ פיל אַזעלכע מאַמעס, וואס אונטער דעם אויסרייד: זיי שיקן זייערע

קינדער אין חדר, פירן זיי אויס גרויסע און קליינע גנבות טאַקע דורך די זעלבע קינדער, אַזוי ווי כיענע די באַשולדיקטע דאָ האָט געטון. אַז כיענע האָט קיין אַנדערע כוונה נישט געהאַט, נאָר איר ייִנגל זאָל באַגנבענען די רייכע קינדער, און דורך די רייכע קינדער— אַן אײַנגאַנג צו מאַכן איר קליינעם גנב צו די רייכע מאַמעס פון זייַנע חברים, צו קענען דאָרט שפּעטער באַגנבענען, באַווייַזט שוין דער פאַקט, וואָס אַזאַ אָרעמע ייִדענע האָט איר קינד דווקא צו בערלען אין חדר אַוועקגעגעבן, ווו עס געפינען זיך נאָר רייכע קינדער. און אַז מען זאָל אין אַכט נעמען, אַז פאַר אַלע אָרעמע קינדער איז דאָ ביי ייִדן אַ תלמוד־תורה, ווו אָרעמע עלטערן ברויכן אײן קאָפּיקע נישט צאָלן פאַר לערנען זייערע קינדער, און באַטראַכטנדיק, אַז ייִדן זענען בכלל אַ פאָלק, וואָס לעבט מיט אַ רעכענונג, קיין איבעריקען גראָשן אָן אַ צוועק נישט אויסצוגעבן, זעט מען קלאָר און דייטלעך אַז דער גאַנצער צוועק כיענעס איז געווען: איר קינד זאָל איר נאָר גנבות איבערטראָגן דורך דעם חדר. באַטראַכטנדיק ווידער כיענען אַליין ווי זי האָט זיך דאָ אין סוד געהאַלטן, דאַרף מען אַ גאַנץ קליינער מבין זיין, האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער דערוויזן, וואָס פאַר אַ מין אשה זי איז, און אַז אַ סוד איז ביי איר אַ שפּילכעל. איבערהויפּט ברויך דער הערר ריכטער וויסן, אַז ביי ייִדן איז דאָ אַ קלאַס ווייבער אונטער דעם נאָמען זאָגערינס, גאָטספּאָרטיקע און ווילגעלערנטע, וואָס דער רוב פון זיי באַנוצט די פּראָפעסיע נאָר צו האָבן איין אײַנגאַנג אין רייכע הייזער, צו קענען גנבענען און אַרויסטראָגן אַלץ, וואָס זיי קומט צו דער האַנט, וואָס דורכדעם קומט אָפט פאַר דאָ אין סוד אַזוי פיל משפּטים, וואָס ייִדישע ווירטינס באַשולדיקן זייערע שטוביקע באַדינטע אין פאַרשידענע גנבות, וואָס באמת איז די אמת שולדיקע גאָר צו זוכן צווישן די פאַרמיינטע הייליקע זאָגערינס און ווילגעלערנטע. און מען קען זיכער זאָגן, אַז נאָר איבער אַזעלכע ווייבער ליידט אַזוי פיל די אומשולדיקע דינערשאַפט ביי ייִדן, ווי דער פאַל האָט געטראָפן מיט דעם משרת חאַצקעל, וועלכער איז אַזוי אומזיסט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן און שלעק באַקומען איבער דעם קליינעם גנבעל, ביי דער געשיכטע מיט דעם האַלבן רובל, וואָס ער האָט ביי זיין רבין געגנבעט. על־כן, כדי עס זאָל טאַקע געשען די אמתע גערעכטיקייט, ברויך מען אײנמאָל פאַר אַלעמאָל כיענען, וואָס איז געוויס אַן אָנפירערין פון אַ גאַנצער אַרגאַניזירטע, באַנדע ווייבער,

גנבעטעס אונטער דער מאסקע פון זאָגערינס, שטרענג באשטראפן, זי זאָל פאַר אַ משל דינען אַנדערע! אויך בעט איך דעם הערן ריכטער אין אכט צו נעמען איר באַגיין זיך ביי דעם באפאָלמאכטן מיינעם אין הויז, און דערמאנען, אז שלמה שמערעלאָוויטש אייזנהערץ איז דער רייכסטער קופיעץ אין שטאָט, אַ מענטש, וואס פאַרדינט מיט רעכט אכטונג פון יעדן, און די פרוי זיינע, וואס איז אַ שטילע פרוי, וואס טוט נאר חסד און רחמים פאר אָרעמע און האט קיין הארץ נישט שלעכטס צו טון אפילו אזא גנב, וואס האט ביי איר איינציק קינד שטענדיק דעם לעצטן ביסן אויסגענארט, ווי עס האָבן דא דערציילט אייניקע פון די עדות און באזאָנדערס — לאה שאַץ, בערל דעם מלמדס ווייב, באַטראַכטנדיק די העזה פון אזא כיענען אַריינצופאַלן אין אַ שטיל פרידלעך הויז אינמיטן טאָג, שעלטן און זידלען ערגהאַפטע מענטשן, צוברעכן שפיגלען און מעבל אין שטוב, וואס פון שרעק אַליין איז די ערנסווירדיקע פרוי אייזנהערץ קראנק געלעגן אַ פאַר טעג, אין וואס די באַשולדיקטע לייקנט אפילו נישט — דאס אלץ צו זאַמען גיט מיר דאס רעכט צו פאַרלאַנגען די שטרענגסטע שטראָף פאַר דער באַשולדיקטע, אין וואס איך צווייפל גאָרנישט.

— האט איר נאָך וואס צו זאָגן? — האט דער ריכטער כיענען געפרעגט ווי דער אַדוואָקאט האט זיין לאנגע רעדע געענדיקט.

— איך האב נאר דאס צו זאָגן, — האט כיענע געענטפערט, — אז נישט איך, נישט מיין קינד זענען נישט קיין גנבים! אז פון אלץ, וואס דער געדונגענער שטן מקטרג האט דא אָנגערעדט, ווייס איך נישט. וואס איך האב געטון האב איך נישט פאַרלייקנט, און געפינט דער פאן סענדזשע מיך פאַר שולדיק, זאָל ער די גאַנצע שטראָף אויף מיר אַליין אויסגיסן, איך וועל אלץ פאר גוט אָננעמען, נאר מיין אָרעם קינד, נישט ווי אַ גנב פאַרמשפטן! מיר, אן עלטערער קען אייער שטראָף קיין גרויסע שלעכטס נישט טון, מיין טרייסט איז: גאָט ווייס דאָך מיין אמת! אַ קליין קינד אָבער, וואס ברויך ערשט צו לעבן אָנהייבן, וואס וועט באלד אפשר קיין מאַמען אויך נישט האָבן, און וועט מוזן אָנקומען צו לייטישע חסדים, קען אייער שטראָף זייער פיל שלעכטס טון... חסד פאר מיין קינד, פאַן סענדזשע, גערעכטיקייט און רחמים פאר אן אומשולדיקן בעט די עלנטע מאַמע זיינע! מער האב איך קיין כוח, קיין טענות און קיין ווערטער נישט!

דער ריכטער האט געשריבן און געשריבן, ענדלעך האט זיך דאס פּובליקום אַנידערגעשטעלט און דער ריכטער האט דעם אור־טייל געלייענט:

— פאַרן סקאַנדאַל און אומרו אין שלמה שמעראָלאָוויטש אייזנ־הערצס הויז, פאַראורטייל איך כיענען צו זיצן צען טעג, די באַ־שולדיגונג אויף איר ייִנגל, יאָסעל באָרוכאָוויטש שמש, אין פאַר־שידענע קליינע און גרעסערע גנבות, אַזוי ווי די באַשולדיגונג די מוטער זיינע, כיענען, אין באַהאַלטן און פאַרבאָרגן די דאזיקע גנבות, רעכנט דער געריכט פאר נישט דערוויזן און דערקענט זיי פאר אומשולדיק.

דער ריכטער האט געגעבן אונטערשרייבן פריער דעם אַדוואָקאַט, דערנאָך כיענען.

— איך דאנק אייך, פאַן סענדזשע, — האט כיענע געזאָגט, — איך בין מיט אייער משפט צופרידן, אַבי מיין קינד איז נישט פאַרמשפט געוואָרן ווי אַ גנב. נאר איין בקשה האב איך נאָך: זאָל מען מיך באַלד, טאקע פון דאנען אַוועקפירן אַהין, וווהין איך דארף זיצן. איך וויל נאָך אויף ראש־השנה, צי אַ געזונטע, צי אַ קראנקע, נאָר אַ לעבעדיקע צו מיין מאַן און אָרעמע קינדער קומען!

דער ריכטער האט געהייסן דעם פּאָליציאַנט אָפּפירן כיענען אין פּאָליציע.

— גיי מיין קינד אַהיים, — האט כיענע יאָסעלען אָנקושנדיק גע־זאָגט, — זאג דעם טאטן, דער סוד אַליין זאָגט, אז דו ביזט נישט קיין גנב! זאָג אים, אז איך בעט אים, ער זאָל דיך אומזיסט נישט שלאָגן, וועט מיר מיין תפיסה גרינגער זיין. און דיך בעט איך, געוויין זיך, מיין קינד, אויסצוקומען אָן דער מאַמען ווער ווייס, אפשר וועט דיר דאס באַלד צו נוץ קומען. זיי נאָר ערלעך, פרום און גוט צו אַלעמען, וועט גאָט ברוך הוא אויך דיין צער צוזען!

יא.

אַ פּאָר טעג פאר ראש־השנה איז כיענע באַפרייט געוואָרן. די וואס האָבן איר מוטער געקענט האָבן געשוווירן, אז זיי האָבן גע־

מיינט, אז דאס גייט רחלע די מגידטע, אן איינגעבויגענע קראַנקע יידענע און נישט איר טאָכטער כיענע, וואס איז אַלעמאָל אזא לעבעדיקע, אזא בריה געוועזן! בסך־הכל צען טאָג איז כיענע גע־זעסן, און מער ווי מיט צען יאָר איז זי געעלטערט געוואָרן. גייענדיק פון פּאָליציע אַהיים האט זי זיך אַ וודאי צענמאָל צוגעזעצט אָפּרוען, מיט קיינעם אַ וואָרט נישט גערעדט. „זי איז נאָר אַ שאָטן פון אַ מאָליקע כיענען, האט מען גערעדט, און עס זעט אויס, אז זי קוקט שוין אין קבר אַריין!"

ראש־השנה אין שול איז כיענע ווי אַ פארשטיינערטע געזעסן, נישט געזאָגט, נישט געלייענט, אפילו נישט געוויינט!.. געזעסן איז זי אויך נישט אויף איר אָרט נאר ביים טיר ערגעץ, נענטער צו דער לופט.

דערפאר יום־כפור, — דערציילן ווייבער, — האט כיענע די וועלט איינגעלייגט מיט איר וויינען און יאָמערן, און וועמען איז אין קאָפּ געלעגן זיך צוצוהערן צו דעם חזן מיט זיינע העלפער? די וואס האָבן כיענען געהערט, אירע תפלות צו גאָט, איר רחמים בעטן פאר איר מאַן און קינדער, האט ערשט זיך דערוווּסט, וואס הייסט יום־כיפור און וואס הייסט בעטן גאָט מיט אַ צע־בראָכענעם האַרצן!

און נישט אומזיסט האט זי אזוי די שול איינגעלייגט, דאס האַרץ האט איר געזאָגט, אַ פּנים, דערציילן ווייבער, אז דאס איז איר לעצטער יום־כיפור... זי האט זיך טאקע מיט אַלע אַרומיקע ווייבער געזעגנט, זיי מחילה געבעטן, טאָמער האט זי וועמען פון זיי נישט ווילנדיק אַמאָל פּוגע בכבוד געווען, געבעטן נישט פאַרלאָזן אירע קליינע קינדער, און אז ווייבער האָבן זי געטרייסט: זי וועט איר צער אין פריידן אַמאָל דערציילן, האט זי געענטפערט: מיינע קינדער סיידן, איך וועל זייער עלנט באַלד דעם לעבעדיקן גאָט דער־ציילן, אויב איך וועל נאָר ווערט זיין, צו זיין הייליקן כסא הכבוד צוצוטרעטן.

צו נעילה פּונקט איז זי פּלוצלונג שוואַרץ געוואָרן ווי די ערד. פון האַלדז האט זיך איר אַ גאָס געטון אַ טייך בלוט, עס האט קיין וואַסער, קיין געשריי און געוואַלט נישט געהאָלפן. מען האָט זי נאָך פאר מעריב, האַלב געטראָגן האַלב געפירט, צו איר היים געבראַכט, און ביז טאג איז זי שוין געלעגן אויף דער ערד, אַריבערגעדעקט

מיט דעם שוואַרצן געוואַנט, וואס אַ שמש האט געבראַכט. צוויי ליכטלעך האָבן אין אירע בענטשלייכטער געברענט איר צוקאָפּנס און לעבן אירע פיס האָבן זיך אויף דער ערד געוואַלגערט, שוין אָן כּוח פון וויינען און קלאָגן, איר קראַנקער מאַן, איר עלטער מיידל; דאס אַנדערע מיידל האט איינעם פון צווילינג אויף די האנט געהאַלטן און געוויינט, דאס אַנדערע קינד האט אַ שכנה אַריינגענומען צו זיך. נאר מער פאַר אַלעמען האָט יאָסעלע געוויינט, זיך געריסן די האָר און געשלאָגן דאס קעפּל אָן וואַנט.

— אוי מאמע, מאמע! — האט דאס אָרעם קינד געשריגן, — נישט שטארב, טייערע מאַמע מיינע! שטיי אויף, בעסער וועל איך שטאַרבן, אוי מאַמע, מאמע, מיינע!

די וואס זענען אַריינגעקומען האָבן געוויינט הערנדיק, ווי דאס פארצווייפלט יינגל האט זיין גוטע מאַמען באַקלאָגט.

עס האט נישט לאנג געדויערט, דער אָרון איז געקומען, חברהשע ווייבער האבן כּיענען איר רעכט געטון, און א לוויה האט זי געהאט נישט ווי אַבי אַ קבצנטע ערגעץ... אין איר גאַנצן לעבן האט מען פון כּיענען אזוי פיל אין שטאָט נישט גערעדט ווי אין די לעצטע עטלעכע וואָכן, בפרט פון איר סוד האָט מען דערציילט ביז דעם טאָג פון איר טויט, דעריבער, אז מען האט דערהערט, אז אָט האט זי גענומען און איז גאָר אַוועקגעשטאָרבן, איז יעדער אַבעלן געווען צו זען ווי שטאַרבט אזא רעדערקע, ווי באַגראָבט מען אזא כּיענען! און צוליב דעם האט זי געהאט אַ לוויה, אַ גאַנץ שיינע לוויה. אז מען האט זי אין קבר אַריינגעלייגט און נאָך דער דריטער לאָפּעטע ערד, ווען די קברנים האָבן זי מחילה געבעטן, אז אַלץ וואס זיי טון איר איז דאס נאָר פון איר כּבוד וועגן, האבן ברוך און די קינדער אזא קלאָג און געוויין אויפגעהייבן, אז מען האט נישט געהערט און נישט באמערקט ווי איין שמשטע האט זיך איבער דעם נאָך האַלב אָפענעם קבר איינגעבויגן און האט אַריינגעשריגן: „כּיענע, שיינדעלע בעט אייך מחילה און בעט, איר זאָלט אַ גוטע בעטערין זיין פאר איר, פאר איר מאַן און פאר זייער איינציק קינד!“

יאָסעלע האט וויינענדיק קדיש געזאָגט, אויסוויייניק און קלאָר יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט, און די טרערן זיינע האָבן נישט אויפגעהערט צו גיסן זיך.

— כּיענע האט נישט אומזיסט אזוי די וועלט איינגעלייגט פאר

איר יאָסעלען !—האָבן ווייבער, צוריקגייענדיק פון גוטן אָרט, גערעדט.— אזא קדיש איז אלץ ווערט, טאקע איר מי זאָל אָנגעלייגט זיין, גאָט אין הימל, און איר קדיש זאָל שוין קיין גנב אויך נישט זיין מער !

מאַנסלייט האָבן געשמועסט, וואס טוט מען איצט מיט ברוך דעם שמש, מיט זיינע צוויי פיצלעך קינדער ? ערשט אפשר אַ האַלב יאָר, אז די ערשט געשטאָרבענע מאַמע זייערע האט זיי אנטוויינט, וואָלט זיך געפינען עפעס אַ רייכער חשוך-בנים, וואס זאָל די קינדער צובעמען, זיי אויסהאָדעווען פאר אייגענע, וואָלט געווען אַן אמתע ישועה, צום אומגליק איז אונדזער שטעטל געבענטשט פון גאָט און קיין בעזדיעטניקעס זענען גאר נישטאָ,

מען האט גערעדט און גערעדט און מען איז צו דעם תכלית געקומען, אז ברוך מיט זיינע צוויי פיצלעך קינדער זענען איין אמתע עגלה ערופה אויף דער שטאָט און מען ווייס פשוט נישט ווי זיך איין עצה צו געבן.

די פאָר טעג שבעה, וואס ר׳ ברוך איז געזעסן, האט אים און זיינע קינדער קיין ברויט נישט געפעלט. יידן זענען נישט קאַרג אַ וואָלוועלע מצווה צו קויפן, און אַרומיקע שכנים האָבן צו דער סעודת הבראה אַריינגעטראָגן בייגל מיט אייער, וואס איז גענוג געווען פאר אים און זיין געזינטל אויף היינט און אויף מאָרגן. לייט האָבן נאָך מקנא געווען ברוכס גליק, וואס ער דאַרף בסך-הכל נישט מער ווי דריי טעג שבעה זיצן ווייל „דער יום-טוב נעמט אויף זיך !”

אלטע באַלעבאַטים, וואס האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אז ברוך איז זייער שמש געווען, האָבן דאס מאָל דערמאנט, פון דעם רגל-געלט דעם נייעם שמש, פאר ברוכן פיל ווייניק אַראָפּצונעמען. אַנדערע האָבן אויך חלה, פלייש און קאַרטאָפל אַריינגעשיקט, ברוך מיט זיין געזינט זאָלן קיין פאַרשטערטן יום-טוב נישט האָבן.

יאָסעלע איז יעדן טאָג, אינדערפרי און ביינאַכט, געגאַנגען אין בית-המדרש קדיש זאָגן, און כל-זמן ער איז נאָך ביים עמוד אַ ניי יתומל געווען, די ווונד אין זיין הערצל — נאָך פריש און זיין קולכל ווי די אייגלעך זיינע זענען נאָך פול טרערן געווען, איז קיינעם אויפן זינען נישט אַרויפגעקומען, צו דערמאנען אים, אז ער איז אַ גנב; קוים אבער איז דער יום-טוב אַריבער, דער עולם איז צו זיין קדיש צוגעוווינט געוואָרן, און ווער עס זאל זיך איינשטעלן פאר אים

האט ער שוין נישט געהאט, האָבן די עלטערע קדיש זאָגער אים אָנגעהייבן פון עמוד אַוועקצוטרייבן, און ער האט אָפט ווידער אָנגעהייבן הערן די ווערטער: „גנב!“ „יאָסעלע גנב, גיי אין סוד זאָגן קדיש!“

אינדערהיים האט אויך אָנגעהייבן וואס אַ טאָג אַלץ ערגער ווערן. פון די פינף גילדן אַ וואָך, וואס ברוך האט נאָך פון אַ מאָליקע שכירות באַקומען האט דאס עלטערע מיידל נישט געקענט אַלעמען זאַט מאַכן. מען האט שוין פאַרקויפט כיענעס פיער בענטשלייכטער, פאַרקויפט שכנים אַ פּאָר קישנס איבעריקע, דאס אַלץ האט דאס געזינטל אויפגע-געסן; דער באַלעבאָס פונם שטיבעלע, ווו ברוך האט געוווינט, האט די דירה אָפּגעזאָגט, און אז ברוך האט דערפילט דאס גאַנצע פעקל צרות, וואס זיין ווייב האט אים געלאָזן האט ער זיין כעס אויסגעלאָזן צו יאָסעלען, וועלכן ער האט שולדיק געמאַכט אין אַלע אומגליקן וואס איז אויף אים געקומען, און דעם אָרעם קינד האט חוץ הונגער אויך קללות און קלעפּ נישט געפעלט.

איין יונה וואַסערטרעגער האט זיין חסד נישט אַראָפּגענומען פון ברוכן מיט זיין געזינטל און חוץ די עמער וואַסער, וואס ער האט, פון כיענעס טויט אָן, אָנגעהייבן אַריינטראָגן כסדר יעדן טאָג אומזיסט, האט ער כּוחות אַוועקגעלייגט צו מאַכן אַ טאָלק מיט דער אָרעמע פאַמיליע, מען זאָל זיי, חלילה, אין איין טאָג טויטע נישט גע-פינען אויסגעגאַנגענע פון הונגער, נעבעך. און איינמאָל שוין שפּעט אין אָוונט איז יונה אַריינגעקומען צו רבי ברוכן זייער מיד, און נאָכדעם ער האָט מיט אַ ברעג פאָלע דעם שווייס אָפּגעווישט האט ער געזאָגט:

— לעבן זאָלן יידן! יידן זענען טאַקע אַ פאלק און גאָט מעג טאַקע יידן העלפן! אמת, עס האט מיך געזונט געקאָסט ביז איך האב עס געפּועלט, אָבער דערויף בין איך יונה, איך האב אַמאָל אַ חיתוך הדיבור, אז מען דארף מיט אַ נגיד אַ דבר טון, אז עס זאָל אים ביים דופק אָננעמען! איך האָב גערעדט און גערעדט מיט דעם גבאי פון ביקור-חולים, ביז מיך האט אַ נויט שווייס אָפּגעגאָסן, אָבער איך האָב פּאָרט געפּועלט און איך האב שוין אַ צעטל, מען זאָל אייך צונעמען אין הקדש אַריין. איך האב שוין אפילו אייער בעטל געזען. הלוואי האב איך, אינדערהיים געזונטערהייט, קיין ערגער נישט! עסן גיט מען, אַ דאקטאר מיט רפואות זענען אויך דאָ, און אז גאָט ברוך הוא

וועט ווען וועט איר נאָך דאָרט געגעזן ווערן פון אייער הויסט. מיט אייערע בנות האב איך גאָר קיין דאגה נישט: געצל שניידער וויל אייער שרהלען צונעמען און נאָך צאָלן איר אויף אַ שוך אַ קליידל אויך. פאַר אייער רחלען וועל איך אויך געפינען אַן אָרט; ביז וואַס ווען, מעג זי זיין ביי מיר. מיין ווייב האָט אָנגענומען אַ פּוד פעדערן צופּליקן פאַר אַ רייכער כלה, וועט זי איר צוהעלפן און איר ברויט כשר ביי מיר פאַרדינען. יאָסעלען גיב איך אַ וועק אין תּלמוד-תּורה און איך וועל אים באַשטעלן טעג; וועט ער ווערן לערנען, וועט אים גוט זיין, אלא נישט, — קען איך אים מיין קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס נישט אַרויפזעצן! מיט אַ ייִנגל איז קיינמאָל קיין דאגה נישט: איז נישט דאָס, איז יענץ! אין ערגסטן אופן, וועל איך אים אָוועקגעבן צו אַ בעל-מלאכה, נישט אַזוי, ר׳ ברוך? אַ בעל-מלאכה אַבי אַן ערלעכער ייִד! די גרעסטע דאגה מיינע איז געווען וועגן אייער צווילינג, דיביידע ייִנגלעך זאָלן לעבן. פאַלט מיר איין אַ פּלאַן, אַז שמחה פאַקטער דער חשוך-בנים, דאַרף די טעג האָבן יאָרצייט, פאַרוואָס טאַקע זאָל אַזאַ ייִד אַ נגיד נישט צונעמען די אָרעמע יתומימלעך און זיי אויס-האָדעווען קדישים פאַר זיך? ברוך שאמר והי׳ עולם! געזאָגט און געטון! שמחה איז טאַקע געקומען, געדאַוונט, קדיש געזאָגט, יידן אַ שיינע נדבה געגעבן פאַר אַ פּרק משניות, וואָס זיי האָבן געלערנט נאָך זיין פאָטער, טאַקע גאַנץ שיין. אַז גאָט העלפט, פאַרוואָס נישט? ר׳ שמחה, מאַך איך צו אים פאַרן גאַנצן עולם, איר זייט מקים כיבוד אב על צד היותר טוב! גאָט זאָל אייך טאַקע דערפאַר מאַריך ימים זיין, אָבער אַ לעבעדיקער מענטש, זאָג איך, ברויך אַ טראַכט צו טון: וואָס וועט זיין נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט מיר? ווער וועט נאָך מיר קדיש זאָגן? נאָך מיר לערנען אַ פּרק משניות? אַ יאָ, רבותי, זאָג איך, מיין שאלה איז אַ שאלה? שמחה האָט טאַקע אַ ביטערן זיפץ געטון — ווי איינער זאָגט: וואָס בין איך שולדיק, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט?

— זיפצט נישט, ר׳ שמחה! — האָב איך אים געטרייסט, — איר זייט טאַקע נישט שולדיק, נאָר גאָט ברוך הוא האָט אייך געהאָלפן, איר קענט קינדער האָדעווען, אין חדר געבן, זיי פאַר יידן מאַכן זיי זאָלן גאָטס תּורה לערנען, נאָר ער האָט אייך קיין אייגענע קינדער נישט געגעבן; כנגד זה, זאָג איך, האָט גאָט איינעם געשטראָפט, ער האָט אים דווקא קינדער געגעבן, שיינע קינדער, בריליאַנטענע קינדער,

נאר ער האט די מאמען זייערע, זאג איך, צוגענומען איידער זי האט נאָך צייט געהאט זי אויף זייערע פיסלען צושטעלן, און דער טאטע זייערער איז קראנק, לא עליכם, זאג איך, קען זיין אייגענע נשמה אין זיין גוף קוים דערהאַלטן און דאַנקט גאָט פאר'ן חסד, וואס מען נעמט אים צו אין הקדש אַריין... נו, זאג איך, פרעג איך אייך, רבותי, און טאקע אייך אויך, ר' שמחה, ברויכט איר זיפצן איבער דעם, וואס איר האט נישט קיין קינדער קיין אייגענע, בעת דאָ וואַלגערן אַזעלכע טייערע צוויי יינגלעך און קענען, חלילה, איטלעכע מינוט פאר הונגער אויסגיין? איז נישט גלייכער, פרעג איך, אז איר זאָלט זיי צונעמען, אָט די דאָזיקע קינדער, אויסהאָדעווען פאר אייגענע, זיי אין חדר געבן, און זיי זאלן, נאָך הונדערט און צוואנציק יאָר, נאך אייך קדיש זאָגן און אַ פרק משניות לערנען?

אַלע האָבן געשוויגן.—וואס שווייגט איר, יידן?—האב איך אַ געשריי געטון,—איך האב מיינס אָפגערעדט, איצט רעדט איר! רעדן קאָסט דאָך קיין געלט נישט, זאָג איך, וואס שווייגט איר?

אַ וודאי האָבן יידן גערעדט און גערעדט, און שמחה איז מרוצה געוואָרן צוצונעמען איין קינד. — דאס בראָד נישט! — האב איך זיך אָפגערופן,—דער גאט וואס העלפט אייך זאָלט ווער העלפן אויף פעפער אויך! דער גאט וואס האט אייך געהאָלפן אויף איין יתום צוצונעמען וועט אייך העלפן דעם אַנדערן אויך מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים! ווילט איר ביידע צונעמען איז רעכט, אז נישט איז גלייכער גארנישט. בקיצור, איך האב געפועלט, מאָרגן קומט שמחה מיט זיין ווייב, און אז דער רבונו של עולם וועט נאר וועלן, וועלן אייערע קינדער ביי אים אויסוואַקסן אין כל-טוב! — נו, ר' ברוך, בין איך גערעכט, איך זאָג, אז לעבן זאל מען נאר צווישן יידן! און יידן זענען טאקע אַ פאלק, מיר אזא יאָר!

די צוויי עלטערע מיידלעך האבן זיך שטילערהייט אויסגעוויינט אויף דעם תכלית, וואס ברוך האט פון דער מאַמעס געזינטל געמאַכט, נאר וואס האָבן זיי פון בעסערס געוווּסט?

אויף מאָרגן איז טאַקע געקומען שמחה מיט פערעלע זיין ווייב, אַ דיקע יידענע אין יום-טובדיקע קליידער. יונה האט זיי אַריינגעפירט צו ברוכן, זיי האבן די קינדער באַטראכט, כאָטש אויסגעדאַרטע מאָגערע, אָבער פארט שיינע, ליכטיקע קינדער. פערעלע האט געוויינט קוקנדיק אויף זיי, אויף זייער אָרעם וויגעלע און נאָך אָרעמערע

בעט געוואַנט. זי האט זיי אָנגעקושט און מיט טרערן אין די אויגן האט זי איינעם דעם מאַן דערלאנגט און איינעם האט זי אַליין אויפן האַנט גענומען און געזאָגט: אייער פרומע מאַמע, וואס האט נישט זוכה געווען פון אייך נחת צו דערלעבן, זאָל אין איר ד׳ יליקער רו אַ גוטע בעטערין זיין פאר מיר און פאר מיין מאַן, מיר זאָלן אייך קענען אויסהאָדעווען צו תורה און חופה און מעשים טובים! זאל זי דארט אויסבעטן, אז אייער אמתער טאטע, שוועסטער און ברודער זאָלן מיט מיר און מיט מיין מאַן צוגלייך פיל נחת און גדולות נאך פון אייך דערלעבן!

שכנים, מאנסלייט און ווייבער, האבן שמחהן מיט זיין ווייב, „מזל טוב!“ געזאָגט. אָנגעווונטשן אלדאס-גוטס. שמחה האט דאָ אַ לעקעך און בראָנפן געמאַכט, פערעלע האט יאָסעלען און זיינע שוועסטער קעז און פוטער געגעבן, און ברוכן אַ פאר רובל געלאזן און זענען מיטן צווילינג אוועקגעפארן. יונה האט פון שמחה אַ כוסע גע-מאכט און טראגנדיק זיין קאראמישל מיט די צוויי עמער וואסער האט ער אַ גאנצן טאג געשריגן: יידן זענען טאקע אַ פאלק, און גאט מעג טאַקע יידן העלפן!

יב.

אין אַ פאר טעג ארום איז שוין ברוך אין הקדש אויף זיין בעטל געלעגן, ווי יונה זאגט, ווי אַ מאַנאַרך! — שרהלע איז צוריק צו געצל דעם דאמסקן שניידער אנגעקומען. רחלע איז דערווייל ביי יונהן געזעסן, געהאָלפן זיין ווייב פעדערן פליקן, און נאר מיט איין יאסעלען איז נאך קיין טאלק נישט געווארן. אין תלמוד-תורה וואלט מען אים צוגענומען, נאר וואס טוט מען מיטן עסן?

אומזיסט איז יונה וואסערטרעגער אומגעלאָפן בעטן זיינע באלע-באטים, ווען ער טראגט וואסער, זיי זאלן יאסעלען צו איין טאג אין וואך עסן געבן, קיינער אבער איז דערויף נישט מרוצה גע-ווארן.—כיעגעס יינגל האט אזא שלעכטן שם,—האבן זיי געענטפערט,— איבער אים איז די מאמע זיינע אין אסטראג געזעסן, איבער אים איז די געשטארבן און עס איז געווארן אַ תל פון איר געזינטל, און לויט מען דערציילט, איז ער טאקע אַ גנב, וואס רייסט פשוט פון

די הענט. ווי קען מען א זעלכן אין אַ שטוב אריינלאזן, אדער אין אַ קיך אפילו, ווו עס איז נישט מעגלעך אים איינצוהיטן ער זאל נישט גנבענען?

אומזיסט האט יונה געשווירן, אז דאס אַלץ איז אַ ליגן, אויס־געפויקט איבערן שמאָט פון שיינדעלע די בעל־טאַקסעטע, ימח שמה! יאַסעלע איז אַן ערלעך קינד, קען לערנען און וויל לערנען, און עולם הבא וועט מען זיך קויפן, אז מען וועט אים געבן אַ טאָג אין וואָך אָפּעסן.

— שווערט נישט, יונה, — האט מען אים געענטפערט, — מען קען אין היינטיקע צייטן פאר אייגענע קינדער נישט שווערן, בפרט פאר אַ פרעמד קינד, וואס איז שוין אין סוד געשטאנען!.. אַ כלל, אז מען קלינגט איז אַ חגא!..

יונה האט געזען, ער האט קיין ברירה נישט, איז ער אַוועק צו הערשעל שוסטער. כאָטש אַ שוסטער, נאר אַ גאנץ פרומער ייד און אַ גוטער בעל־מלאכה. אבער הערשעל האט פאַרלאנגט אַ כתב מאַכן, אז ביז פופצען יאָר זאָל יאָסעלע זיין ביי אים אומזיסט, און דערנאָך זאל ער ביי אים דינען דריי יאָר, פאר פופציק רובל אַ יאר גע־האלט. אזא כתב, אָבער, האט ברוך בשום אופן נישט געוואָלט אונטערשרייבן.

— איר ווייסט דאָך, ר׳ יונה, אז דער גאנצער רצון כיענעס, עליה־השלום, — האט ברוך דערקלערט, — איז געווען, יאָסעלע זאל זיין אַ למדן, און וואס זאל איך אייך ליגן זאָגן? מיין רצון איז עס אויך געווען אלעמאָל, כאָטש איך האב שטענדיק איר, עליה השלום, געהייסן אויף להכעיס, — זאל זי מיר עס מוחל זיין, — אים אַוועקגעבן צו אַ שוסטער; געמיינט האב איך עס נישט, ווייל איך ווייס, אז יאָסעלע האט אַ פייערדיק קעפּל צום לערנען, האט אַן אייזערנעם זכרון און אַ שארפע תפיסה, אָן עין־הרע. אין גוטע הענט, קען ער אַרויס אַ מופלג. על־כן, זאָל שוין אייער מצווה אינגאַנצן זיין, גיט אים דערווייל אַוועק צו אַבי אַ בעל־מלכה, ער זאל נאר האבן ווו איבער צו ווינטערן. פאַר־שטייט איר, אויף זומער, אם ירצה השם, קען גאָט העלפן, אים אַוועקצושיקן אין ווילנא, יוו עס וווינט אַ פעטער זיינער, כיענעס אַ לייבלעכער ברודער, אַ מופלג גדול; זאל ער מיט אים לערנען.

און יונהן איז דער פּלאַן געפעלן, און ער האט ווידער גערעדט מיט דעם בעלי־מלאכה, צונעמען יאַסעלען אזוי אָן אַ כתב — נאר

אַ רעכטער האָט עס נישט געוואָלט, און יונה האָט אים אַוועקגעגעבן צו זעליגלען אַ פֿיינער יונג, אַ שוסטער אַ לופֿטיקע זאַך, וואָס האָט צייטנווייז ליב דעם טרונק. יונה האָט עס אַפֿילו געוווּסט, נאָר וואָס שייך איז עס צו יאָסעלען?—זאָל ער טרינקען וויפֿל זיין האַרץ גלוסט, —האָט יונה געזאָגט,—אַבי יאָסעלע זאָל האָבן ווו אַ קאָפּ צוצולייגן ביז זומער, און זאָל זיך נישט אַרומטרייבן ליידיק אין די גאַסן.

נישט אַזוי גרינג איז יונהן אָנגעקומען איינצורעדן יאָסעלען, ער זאָל גיין צו זעליגלען ווערן אַ שוסטער. — די מאַמע וועט מיך קומען ווערגן!—האָט דאָס קינד געקלאָגט און געוויינט,—איך וויל בעסער לערנען. גיט מיך אין חדר, איך וועל נישט וויינען אַפֿילו, אַז דער רבי וועט מיך שלאָגן, נאָר גיט מיך נישט אַוועק צו אַ שוסטער!

עס האָט אים אָבער זיין קלאָגן און וויינען נישט געהאָלפֿן. יונה איז אַליין אַ מטופּל מיט קליינע קינדער געווען און אַ גרויסער אביון דערצו, און יאָסעלע האָט קיין ברירה געהאַט און איז אָנגעקומען צו זעליגלען.

צוויי וואָכן האָט דאָס אָרעם קינד זיך געוואַלגערט ווי אַ הינט ביי זיין מייסטער דעם פֿייִנעם יונג. כל עבֿודת-פּרך ביי אים געטון: וואַסער און האָלץ געטראָגן, שטיוול געפּוצט, שפּענער געקליבן פֿאַרן באַלעבאָס אין פֿרעמדע הויפֿן, אַ נבֿנע געווען יעדן פּועל און קיינמאָל זיין נאָמען „יאָסעלע“ נישט געהערט.

— „גנבֿ, גנבֿיעץ, ממזר, אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין!“ קיין אַנדערע נעמען האָט ער בכלל ביי זעליגלען נישט געהאַט.

— גנבֿיעץ, גיי געם אַריין פֿאַר אַ גילדן בראָנפֿן!—פֿלעגט אים דער באַלעבאָס אַליין זאָגן.—„גנבֿ, — פֿאַר אַ זעקסער פּעך!“ גנבֿ, דער-לאַנג די טשוועקלעך! גנבֿיעץ — די דראַטווע, אַ מפּה דיר אין קאָפּ!..

איינמאָל האָט מען יאָסעלען געכאַפּט, ווי ער האָט אַ קיישל מיט שפּענער אַרויסגעטראָגן פֿון אַ פֿרעמדן הויף, וווּ זעליגעל האָט אים געשיקט. מען האָט די שפּענער ביי אים צוגענומען און נאָך גוט אָנגע-בראָכן די ביינער.

יאָסעלע איז געקומען אַ צעשלאָגענער מיט אַ ליידיקן קיישל צוריק, דערפֿאַר האָט אים זעליגעל נאָך צוגעלייגט עטלעכע קלעפּ און געשריגן: גנבֿ, ווער האָט דיך געהייסן גנבֿענען? קליי בן האָב איך דיר אָנגעזאָגט!

— איך האב געקליבן! — האט יאָסעלע געזאָגט,—געקליבן ווי אלע טאג.

— אַ ליגן, דו האסט געגנבעט!—האט זעליגעל געשריגן— קלויבן איז גנבענען?

יאָסעלע האט דעם אונטערשיד צווישן קלויבן און גנבענען נישט געוווסט, און אז אויף מאָרגן האט אים דער מייסטער געשיקט נאכאמאָל מיטן קיישל קלויבן, האט ער געענטפערט: קלויבן איז אויך גנבענען... איך וויל קיין גנב נישט זיין! דערפאר האט אים דער מייסטער געשלאָגן געהרגעט, און אַ גאנצן טאג קיין עסן נישט געגעבן.

איינמאָל, ווען יאסעלע איז פון מעריב געקומען, האט אים דער מייסטער צוגערופן, עפעס אזוי גוט, אזוי פריינטלעך, אז דעם פארשטויסן קינד האט זיך נישט געגלויבט צי מען מיינט עס אים.

— יאָסעלע,—מאכט דער מייסטער,—דו ווילסט אַ זויערע אוגערקע?

יאסעלע האט מורא געהאט צו ענטפערן. אַ פּאָר מאל האט מען אים שוין אָפּגענארט מיט אזא שאלה, און אז ער האט געענטפערט: יאָ, האט מען אים געזאגט אַ גראָב וואָרט, און דער מייסטער מיט די פּועלים האָבן געהאט צו לאכן.

— אויף נאמנות, אן אוגערקע, אַ זויערע!—שווערט זיך דער מייסטער.—איך מיין נישט אָפּצונאַרן היינטיקס מאָל, נאר טאקע באמת אַן אוגערקע; זאָג־זשע, דו ווילסט?

— איך וויל! — האט יאסעלע געענטפערט, צוליב צו טון דעם מייסטער.

— טאָ נעם דאס טעפל, קריך אַריין דורכן פענצטערל אין קעלער, דארט אין ווינקעל רעכטס שטייט אַ פאס מיט אוגערקעס... נעם אָן אַ פול טעפל, איך וועל ביים פענטער שטיין, וועסטו מיר דער־לאַנגען! באַווייז, אדרבה, דיין האנט־מלאכה און מאך עס אָפּ אָגיל ואשמח, קיילעכדיק און שפּיציק. עפעס טויגסטו זיך אויף פינגער־מלאכה!

— מען טאָר נישט גנבענען! — האט יאָסעלע געענטפערט.

— גנביעץ, ווען זאָגסטו דאס? — האט זעליגעל אַ געשריי גע־טון,— און בעלט ביים רבין מעג מען גנבענען? אַ מעסערל אין חדר, שטייט דיר אָן? אַ לעפל ביי שיינדעלען אין קיך, איז כשר? אן איינבראך אויף דיר? מיינסט איך ווייס נישט ווער דו ביזט?

יאָסעלע האט מורא צו ענטפערן און שווייגט.

— דו גייסט צי נישט? — פרעגט זעליגעל, — וואס שטייט דיר נישט אָן?

— איך וויל קיין אוגערקע נישט, — פּרוּווט זיך יאָסעלע אָפּזאָגן. — זעליגעל האט אים אַ בריק געטון מיטן פוס — און דאס ווילסטו? און מכּות פון דער דאזיגער נאַכט פון פּסח ווילסטו? אזא גנביעץ, אסור, אויב מען טאָר אים האַלטן אין אַ יידישע שטוב! — עס האט זיך אויסגערופן אן אַנדער יינגל, און אין עטלעכע מינוט שפּעטער האט דער מייסטער מיט אַלע פּועלים געגעסן זויערע אוגערקעס מיט ברויט. יאָסעלען, פאר זיינע עקשנות, האט מען אפילו קיין טרוקן ברויט אויך נישט געגעבן.

פון יענעם טאָג, פלעגט זיך די געשיכטע מיטן קעלער, אַלע נאכט ווידערהאָלן, אַלע נאכט פלעגט מען קניפּלעך ציען: ווער עס זאָל אין קעלער אַריינקריכען, און מען פלעגט עס אזוי מאַכן, אז דאס קניפּל האט אַלעמאָל יאָסעלע געמוזט אַרויסציען; יאָסעלע האט אָבער אַלע טאָג געשריגן, ער וויל קיין אוגערקעס נישט, און דער מייסטער האט געהייסן, דעם אנדערן יינגל, וואס האט באַדארפט גיין אנשטאט יאָסעלען, אים אַראָפּלאָזן דריי פּעטש, וואס יענץ יינגל פלעגט עס באַלד מקיים זיין מיט אַ הוספה פון אייגענעם יושר. און נישט אוגערקעס אַליין האט מען פון קעלער געשלעפּט, אויך זויערע קוואס-עפּל, ציבעלע, קאַרטאָפל און אלץ, וואס אַ יוסטע באַלעבאָסטע גרייט אָן אויף אַ גאנצן ווינטער. יאָסעלען האט מען קיינמאָל אפילו צו פארזוכן נישט געגעבן און איינמאָל האט דער מייסטער גוזר געווען:

— אויב דער גנב וועט מאָרגן נישט גיין אָננעמען אין קעלער אַ קיישל קאַרטאָפל מיט אַלע זיבן זאַכן, אָט הערט איר אַלע, ווי איך שווער ביי מיין יידישקייט, אז איך טרייב אים ארויס ווי אַ הינט, נאָך מיט עטלעכע פּעטש צידה לדרך! איך האב פיינט אַ בעל-גאווה, אז עס שטייט אונדז אַלעמען אָן, מוז אז גנביעץ אויך אָנשטיין! אַ מפּלה וואָלט איך אויף אים געקלערט... דאס איז דאָך נאר אַן עקשנות! זיי-זשע וויסן, גנביעץ, אז מען מעג גנבענען פאר אַ מעמען מעג מען פאר אַ מייסטער אַ וודאי... אַ גנב ביזטו דאָך סיי ווי, נאר דו ווילסט מיך נישט פאָלגן ווּהין איך שיק דיך, טאָ וואָס-זשע טויגסטו מיר? געדענק גנביעץ, מאָרגן וועט דיין יום-הדין זיין! אי אַרויס-טרייבן וועל איך דיך, אי אַ גנב וועסטו בלייבן!

אַ גאַנצע נאַכט, נאָך אַזאַ מוסר, האָט זיך יאָסעלען געחלומט: ער זעט די מאַמע זיינע, זי איז אַזוי בלאַס, אַזוי אויסגעמאָגערט, און עס טוט איהם וויי דאָס הערצל קוקנדיק אויף איר. „זע, מיין טייער קינד, בעט זי איהם, זיי נישט קיין גנב, גנבע נישט קיין אוגערקעס, קוק אויף מיר און זע, ווי איך בין געוואָרן איבער דיר, אין אָסטראָג געזעסן און אַזוי קראַנק בין איך!.. וויל בעסער לערנען, יאָסעלע, די תּורה וועט דיך פון אַלע שלעכטס אייגהיטן! זיי נישט קיין שוסטער, מיינע אבות אבותינו זענען קיין שוסטערס נישט געווען, ווי קומסטו דערצו?" — ער וויל איר ענטפערן ער וויל זיך אויסוויינען פאַר איר, אויפן האַרצן איז איהם אַזוי שווער אַזוי ביטער!.. פּלוצלונג דערמאַנט ער זיך, זיין מאַמע איז דאָך געשטאָרבן, און מיט אַן אַנגסט-געשריי, דאַכט איהם, בעט ער זיך: אוי מאַמע, ווערג מיך נישט, איך וועל נישט זיין קיין שוסטער! און אָט דערזעט ער אונטער איר רויטע טוך, די ווייסע תּכריכים אירע. זי הייבט אויף איר אויסגעטריקנטע טויטע הענט און זאָגט: האָב קיין מורא, איך בין נישט געשטאָרבן! — דו ביזט יאָ געשטאָרבן, איך זאָג דאָך קדיש נאָך דיר! — שרייט ער מיט אַנגסט.

— גוט גוט, מיין קינד, זאָג קדישים אַ סך, אַ סך, וועל איך גאָט בעטן פאַר דיר! — טרייסט זי איהם. — און אָט זעט ער ווי זי הייבט זיך אויף, זי גייט נישט, נאָר זי שוועבט און טראָגט זיך אין די לופטן, אַט איז זי שוין אַריבער איבערן פאַרקן און טראָגט זיך אַזוי הויך און אַלץ ווייטער, ווייטער, ביזן בית-עולם. ער שרייט מיט אַנגסט: מאַמע, מאַמע! נאָר ער איז עפּעס אַזוי הייזעריק, דאַכט איהם, אַז כאָטש ער שרייט מיט די לעצטע כּוחות הערט ער די אייגענע שטימע נישט.

די יינגלעך, וואָס האָבן זיך מיט איהם צוזאַמען אויף דער ערד געוואַלגערט, געשלאָפן, הייסט עס, האָבן זיין פאַרשטיקט אַנגסט-געשריי דערהערט און האָבן איהם אויפגעוועקט.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט, גנביעץ? — האָט איהם איינער פון זיי געפרעגט, — איך האָב געמיינט גזלנים זענען אָנגעפאַלן און מען קוילעט אונדז, מיט אַזאַ מין קול האָסטו געשריגן.

— דאָס שמייסט מען זיין נשמה אויף יענער וועלט, פאַר די עבירות זיינע, — האָט אַן אַנדער שוסטער-יינגל דערקלערט. — אַלעמענס

נשמה פליט ביינאַכט אַרויף אויפן הימל, ביי אַ רשע אָבער פליט זי גלייך אין גיהנום אַריין, און דאָרט כאַפּט זי פּייערדיקע שמיץ.

כאָטש עס איז נאָך אַ שטיק צום טאָג געווען און די אַנדערע זענען באַלד צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן, האט שוין יאָסעלע מער נישט געשלאָפן, ער האט נאר מיט שרעק געקלערט און געטראַכט וועגן דעם חלום און וועגן דעם, וואס היינט וועט זיין דער יום־הדין זיינער, ווי דער מייסטער האט אים געזאָגט. ער האט אָבער גאָרנישט געקענט אָפּטראַכטן, אז דער זייגער האט שוין זעקס געשלאָגן, און דער מייסטער האט מיט אַ בריק און זייט אַלע זיינע פּועלים אויפגעוועקט, האט זיך יאָסעלע אויך אויפגעהייבן און איז אַוועק אין בית־המדרש דאַוונען און קדיש זאָגן. און „קדישים" האט ער היינט געזאָגט אַ סך, אַ סך... עס האט זיך אים עפּעס געדאכט, אז די מאַמע זיינע איז אין ווייבערשער שול, זי הערט זיין קדיש, זי ענטפערט: „אמן, יהא שמה רבא" און זי ווינקט אים, ער זאָל נאָך נישט אַוועקגיין און וואַרטן. ער וואַרט אָפּ דעם צווייטן מנין, ער זאָגט ווידער קדיש, עס דאַוונט שוין דער דריטער מנין, ער בלייבט איין אַבל אינגאַנצן בית־המדרש און זאָגט אַליין אַלע קדישים.

ענדלעך איז דער עולם זיך צוגאַנגען, און ער איז אויך אַרויס־געגאַנגען, נאָר ביים שוועל איז ער שטיין געבליבן, און עס פאַרדריסט אים: פאַרוואָס דאַוונט מען גישט אַ גאַנצן טאָג?.. אז מען וואָלט אַ גאַנצן טאָג דאַוונען, טראַכט ער, וואָלט איך אַ וודאי הונדערט קדישים זאָגן! דעם גאַנצן טאָג דאָ זיין, און נישט ברויכן גיין צוריק צום מייסטער! — דערמאַנענדיק זיך אָן מייסטער, גיט אים עפּעס ווי אַ שטאָך אין הערצל, און ער הייבט זיך אָן דערמאַנען, אז דער מייסטער וועט אים באַלד גוט הרגענען, וואס ער האט זיך אַזוי פיל אויפגע־האַלטן ביים דאַוונען. אַלע פּועלים האבן שוין דאָרט לאַנג אָפּגעגעסן, טראַכט ער, און וואס פאר אַ תירוץ וועל איך אים ענטפערן, וואס איך קום אַזוי שפּעט פון דאַוונען?

— גיין, איך וועל מער נישט גיין צום מייסטער! —רעדט ער צו זיך און הייבט אָן גיך צו גיין, נישט ווִיסנדיק וווהין ער גייט. אַ פּאָר שעה איז ער אַזוי אומגעגאַנגען, ביז עס האָט אים אָנגעהייבן צו הונגערן, נאָר וואס שטאַרקער עס הונגערט אים, גייט ער אַלץ גיכער, גיכער ביז ער קוקט זיך אַרום, אָט איז ער ביים טייכל, ווו ער פלעגט אַמאָל אַזוי אָפט מיט דער רביצן גיין מיט די גרעט. ער

איז צו צום וואַסער, זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז און אָנגעזעטיקט ... מ'האָט אים נישט געלאָזט טרינקען, כאָטש אים האָט זיך טרינקען גאָרנישט געוואָלט; ער האָט געמיינט, טאָמער וועט ער דערמיט יוצא זיין אנטשאַט עסן. עפּעס האָט אים געדאַכט, אַז עס וויל זיך אים טאַקע נישט מער עסן, — אונטער געלענט אַ ביסל דאָס האַרץ — טראַכט ער, און גייט צוריק אין שטאָט אַריין. אָט איז ער אויפן מאַרק, און אָט וואַלגערן זיך אַ פּאָר שטיקלעך אַרומגעביסענע עפּל, און דאָרט וו די ווייבער זיצן מיט אַלערליי קריי-טעכער, וואַלגערט זי ווי הפקר אַ צעוויאַניטע, קרעציקע אוגערקע, און נאָך ווייטער — אַ האַלב מערל... ער קלייבט עס אויף, ווישט אַרום די בלאָטע און עסט אויף מיט אַפּעטיט. ער פילט זיך געשטאַרקט, און דערמאַנט זיך, צייט צו גיין דאַוונען מנחה, קדיש נישט פאַרשפּעטיקן. אין בית-המדרש פאַרגעסט ער אָן אַלץ, דאַוונט מנחה אויסווייניק, זאָגט קדיש, בלייבט שוין דאָ ביז נאָך מעריב. מיט קנאה און מיט אַ באַטריבט הערצל קוקט ער צו, ווי איטליכער ישיבה-בחור נעמט זיך אַ ליכט, שמעלצטצו צום טיש, עפנט אַ גמרא און לערנט. ווי האָט זיך אים געוואָלט אַזוי גליקלעך זיין! ער איז צו צום ספרים-אַלטער זוכן אַ חומש.

— וואָס זוכסטו, ייִנגעלע? — האָט אים אַ ייִד געפרעגט?

— אַ חומש!

— וואָס דאַרפסטו אַ חומש?

— איך וויל לערנען!

— האָסט קיין חדר נישט?

— ניין!

— ווער ביזטו?

— יאָסעלע!

— וואָס רעדט איר מיט אים? — האָט זיך אַ ישיבה-בחור, וואָס איז צום אַלמער צו, זיך אַריינגעמישט, — דאָס איז דאָך דאָס קליינע גנבל, ערשט נישט לאַנג אין סוד געשטאַנען, נאָט אייך אַ האַנט, ער וויל גנבענען אַ ספר!

— אמת, ייִנגעלע? — האָט דער ייִד געפרעגט.

— איך וויל נישט גנבענען, איך וויך לערנען אין חומש! — האָט יאָסעלע געענטפערט, — גיט מיר אַ חומש וועל איך לערנען.

— נאַדיר אַ חומש, איך וועל זען, צי קענסטו לערנען און צי ווילסטו טאַקע; קום, זעץ זיך לעבן מיר.

און יאָסעלע האט מיט לוסט און פאַרגניגן געלערנט חומש פארן ייד. דער ייד האט נישט געברויכט אים אונטער צו זאָגן.

— ביזט אַ וואויל ייגגל! — האט דער ייד געזאָגט. — נאָר זאָג מיר, אז דו קענסט אזוי גוט לערנען פארוואס רופט מען דיך גנב?

— יאָסעלע האט נישט געענטפערט, נאָר טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אייגלעך.

— האָסט אַמאל געגנבעט? — האט דער ייד ווידער געפרעגט.

— איך וועל נישט מער, קיינמאָל נישט! — האט דאס פארקלעמט קינד געענטפערט.

— זע-זשע, זאָלסט נישט גנבענען מער, נאר לערנען זאָלסטו, וועסטו נאָך זיין אַ לייט! — האט אים דער ייד געטרייסט. — פרעגן אים: צי האָט ער היינט געגעסן? צי האט ער וווּ צו שלאָפן? האט דער ייד פארגעסן, אָדער עס איז אים אפשר גאָר אויפן זינען נישט אַרויף, אז עס קען זיין, דאס קינד האט נישט צו עסן און האט אפילו קיין היים נישט.

כל זמן דער ייד איז אין בית-המדרש געווען האָט יאָסעלען קיינער נישט אָנגערירט, גאר קוים איז זיין באַשיצער אַרויס האט דער שמש, וואָס האָט אַלעמאָל אַ כעס געהאט אויף יאָסעלעס טאטן, פאר די 5 גילדן שכירות, וואס מען האט פון זיינע אַראָפּגענומען צוליב אים — צוגעכאַפּט ביי יאָסעלען דעם חומש, פארלאָשן די ליכט און אים ארויסגעטריבן.

— אַהיים גיי, אַהיים, די שייגאץ! — האט ער געשריגן.

ווּ איז זיין היים? — דאס איז דעם שמש דאגה נישט געווען.

מיד פון אַרומגיין אַ גאנצן טאג האט זיך יאָסעלע פאַרקליבן אין אַ ווינקעל ערגעץ פון גרויסן בית-המדרש-פאָרהויז, זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, און דורכגעשלאָפן אַ גאנצע נאכט, ביז יידן זענען געקומען דאוונען דעם ערשטן מנין.

און ווידער האט ער אזוי אַ טאָג צוגעבראכט: אַ פארפוילט, אָדער אָפּגעגריזשעט שטיקל עפל, אַ צעוויאניעטע מערל, אָדער אנדערע אַזעלכע ארויסגעוואָרפענע גוטס, וואס ער האט נאר געקענט אין מויל אריינעמען איז אים געגנוג געווען, צו גאָט קיין טענות נישט געהאט און ביי קיינעם אַ ביסן נישט געבעטן, אין טייך האט אים קיין וואסער נישט געפעלט, און היינט האט אים נאָך אַ גליק געטראָפן: אַ יידענע,

וואס האט דאָ גרעט געוואשן האט אים אַ מזומענע קאָפּיקע געגעבן, פאר צוהעלפן אוועקטראָגן די נאסע גרעט פון טייך אהיים. ער האט געקויפט פאר א קאָפּיקע ברויט, און איז טאקע היינט אמת זאט געווען.

צו מעריב איז אָבער דער נעכטיקער ייד שוין נישט געווען, און דעם חומש צו לערנען האט ער שוין נישט באקומען. דער שמש האט אים ווידער ארויסגעטריבן, נאר היינט שוין מיט רחמנות איס געהייסן גיין אין חסידים שטיבל, דאָרט קען מען אים נישט, וועט מען אים לאָזן אפילו דעם קאָפּ זיך ארויפדרייען.

יאָסעלע איז אַוועק אין חסידים שטיבל. קיין ישיבה-בחורים זענען דאָרט נישט געווען, דערפאר קיין ספרים אויך נישט. פינצטער, באר איין ליכטל האט אין עמוד געברענט. דער שמש, אן אַלטער האַלב בלינדער ייד, האט גאָרנישט באמערקט, אז נאָך ווער איז דאָ חוץ אים, און יאָסעלע איז פארקראָכן צווישן אויוון און געשלאָפן ווי א גראף.

אויפן דריטן טאָג האט אים יונה וואסערטרעגער ביים טייך גע- כאפט. אים גאנץ גוט פארן אויער אָנגעריסן און געשריגן:

— שייגאָץ, אזוי פיל מי איך האב ארום דיר געהאט, צום סוף קריכסטו אין אַ פרעמדן קעלער אוגערקעס גנבענען! ביזטו דאָך באמת אַ גנב, און אז אַ וועלט זאָגט: אַ גנב ; זאָל מען גלויבן. זעליגל האט דיך אַרויסגעטריבן, שיין האב איך אויסגעפירט!

— נישט איך האב די אוגערקעס פון קעלער געגנבעט, איך האב נישט געוואָלט גיין, דערפאר האָט מיך דער מייסטער געשלאָגן, ווי איך בין אַ ייד ווי נישט איך! — האט יאָסעלע געשווירן.

— טאָ קום צום מייסטער, לאָמיך אויספירן אויג אויף אויג, — האט יונה געזאָגט.

— איך האב מורא, ער וועט מיך הרגענען. איך וויל נישט זיין קיין שוסטער, איך וויל לערנען אין בית-המדרש, ווי אַלע לערנען!

—ווו עסטו ? ווו שלאָפסטו ?

יאָסעלע האט נישט געוווסט וואס צו ענטפערן.

— גיי צום מייסטער שוין צוריק, בעט אים מחילה, וועט ער דיך באָך צונעמען, אז נישט וועט פון דיר ווערן אַ בראָדיאַגע, וואס שלעפט זיך ארום שלינג ואן שלאַנג, און אויב אפילו דו ביזט ביז איצט

נישט געווען קיין גנב, וועסטו עס מוזן ווערן. — גיי=זשע, א י ך הייס! — האט יונה געשריגן.

— איך וויל נישט זיין אַ שוסטער, איך וועל נישט גיין, צו זעליגלען, כאטש הרגעט מיך! — האט יאָסעלע געענטפערט ענטשידן.

— ביזטו דאָך טאַקע אַ שייגאַץ, פאָלגסט מ י ך אויך נישט? טאָ גיי טאקע אין דער ערד אַריין; ווי דו וועסט ברייען אזוי וועסטו טרינקען! גאָט איז מיין עדות, איך האָב געטון וואס איך האב געקענט... יונה האט גענומען זיין קאַראָמיסל צו נעמען זיינע עמער וואַסער, נאר יאָסעלע האָט געמיינט: ער וויל אים שלאָגן, אָון איז אנטלאָפן געוואָרן. יונה האט אים נאָכגעשריגן:

— אז אַ וועלט זאָגט: „אַ נישט רעכטער" זאל מען גלויבן, אזא שייגאץ, אזא שקאָץ!.. אזוי האט דאס פארלאָזן קינד עטלעכע טעג צו-געבראכט, פון קיין זאַך קיין דאגה נישט געהאט, מיטן הונגער איז ער, פון זינט ער געדענקט, אן אַלטער באקאנטער געווען, און גע-שלאָפן האט ער דאָ אין פאָרהויז, אָדער צווישן אויוון אין חסידים שטיבל, נישט ערגער, ווי ביי זעליגעל דעם מייסטער זיינעם אויף דער ערד; נאר איין זאך האט אים זיין לעבן פאַרביטערט און פלעגט שטענדיק טרערן אָנפילן זיינע אייגלעך, און דאס איז געווען, ווען ער פלעגט באַגעגנען יינגלעך, וואס גייען אין חדר און פון חדר. — אַלע יינגלעך גייען, — פלעגט זיין הערצל שרייען אין אים, — ווייסן ווהין זיי גייען, האָבן אַ חדר, אַ רבין, און האָבן אַ היים, איך האָב גאָרנישט... גיי ארום אין די גאסן, לערן נישט, און האָב קיין היים אויך נישט! און ווי האט ער מקנא געווען יענע יינגלעך, און ווי פלעגט ער גאָט בעטן, ער זאָל ווידער האבן אַ רבין, אַ חדר! זאָל כאָטש דער רבי שלאָגן, נאר אַ חדר, אַ רבין און לערנען!.. קיין היים האט ער שוין נישט געבעטן, ווי קען ער שוין אַ היים האָבן, אז ער האט קיין מאַמען נישט? — איינמאָל פארבייגייענדיק אַ חדר, ווו אַ ניימאָדישער ווילנער מלמד האט מיט זיינע תלמידים געקנעלט, און דערהערנדיק ווי דער רבי לערנט פסוק מיט די קינדער מיט אזא שיינעם ניגון, האט ער זיך פון אָרט נישט געקענט אָפרייסן, און האט אונטערן פענצטער זיך צוגעהערט וואס מען לערנט און ווי מען לערנט. פון יענעם מאָל אָן פלעגט ער אלע טאג שעהן גאנצע שטיין לעבן פענצטער. דאס הערצל פלעגט אים צעגיין, און ער פלעגט די ווערטער פון פסוק שלינגען, ביז

די ייִנגלעך פלעגן אַ ויסגיין, אים דערזען און אָוועקטרייבן מיט זידלערייַ און געשרייען: גנב, גנב!

איינמאל האט ער זיין שוועסטער שרהלען באַגעגנט. זי האט נאָך נישט געוווּסט, אז ער איז פון זעליגעל שוסטער אנטלאפן. יאָסעלע האט איר דערציילט, און זי האט אָנגעהייבן צו וויינען.

— וויין נישט, — האט ער זי געטרייסט, — איך וועל נישט זיין קיין שוסטער. די מאַמע האט מיך אין חלום געבעטן, איך זאָל נישט זיין קיין שוסטער, איך זאל לערנען, און איצט לערן איך, אזוי גוט לערן איך, נאך בעסער ווי ביי בערלען, שרהלע!

— וווּ לערנסטו?

— קום, איך וועל דיר ווייזן, — האט ער ווי מיט שמחה געענטפערט, און האט זיין שוועסטערל צוגעפירט צום פענצטער. די הערסט, שרהלע? דאָ לערנט מען בעסער און שענער ווי ביי בערלען! דאָ זיץ איך אלע טאג און איך לערן אויך גלייך מיט אַלע ייִנגלעך! האט ער זיין שוועסטער מיט פרייד דערציילט — און פרעג מיך עפּעס, וועסטו זען ווי איך ווייס אַלץ, וואס מען לערנט דאָ אין חדר! און ער האָט פאר זיין שוועסטער אָנגעהייבן זאָגן דעם פסוק מיט דעם זעלבן שייִנעם ניגון אויסווייניק, פונקט ווי ער האט דאָ אונטערן פענצטער געהערט.

—ווּ ביזטו? ווּ שלאָפסטו? — האט שרהלע מיט געוויין געפרעגט.

— אין חסידים-שטיבל, — האט ער געענטפערט, — דאָרט איז דער שמש אַ בעסערער ווי אין בית-המדרש, ער טרייבט מיך נישט אַרויס, ווי יענער, וואס גיט מיר אפילו אַ חומש נישט.

— און ווּ עסטו? און וואס עסטו, מיין אָרעמער יאָסעלע? — האט זי ווייטער געפרעגט. יאָסעלע האט אויף דער שאלה נישט געוווּסט וואס צו ענטפערן, גלייך ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל געהערט, און האט געשוויגן, נאר טרערן האָבן זיך אין זיינע אייגלעך באַוויזן.

— קום מיט מיר, מיין טייערער יאָסעלע, איך וועל זיך מיט דיר מיין לעצטן ביסן טיילן! — האט דאס גוטע שוועסטערל כליפּענדיק געזאָגט. — קום, האָב קיין מורא נישט, מיין באַלעבאָס וועט מיר גאָרנישט טון, אז איך וועל דיר אַ האַלב פון מיין וואַרעמס און וויעטשערע אָוועקגעבן!

און זי האט אים צו זיך אַוועקגעפירט, מיט אים דאס ביסן

געטיילט. ר׳ געצל דעם שניידער איז דאס דווקא געפעלן, וואס שרהלע האט אזא גוט הארץ. — אַ רחמנות איז דאָך טאקע אויף דעם אָרעם קינד! — האט ער געזאָגט, און האָט שרהלען אַ וואָרט נישט איבערגערעדט, ווען זי פלעגט יעדעסמאָל פון איר פרישטיק און מיטיק אַ העלפט פאר איר ברודערל באהאלטן. שרהלע האט פון אירע עטלעכע גראָשן, וואס פלעגן איר צופאַלן, פון אָפּטראָגן אַ שטיקל אַרבייט, גע־קויפט פאר איר ברודערל אַ העמדל און אַ פּאָר זעקלעך, שיכלעך גאַנצע האט אים נאָך זיין גוטע מאַמע, פאר איר טויט, פאַרזאָרגט. שרהלע פלעגט אים אויסקעמען, אַרומוואַשן, אים געבן זיין חלק פרי־שטיק, און יאָסעלע איז גליקלעך געווען. גליקלעך דערמיט, וואס קיינער שלאגט אים נישט, און נאָך גליקלעכער — וואס ער לערנט, כאָטש אויפן גאס, אונטער אַ פענצטער ערגעץ, נאר די טעג זענען נאָך געווען וואַרעמע, די פענצטער כמעט אַלעמאָל אָפן, און ער הערט און פאַרנעמט קלאָר יעדעס וואָרט, וואס דער רבי לערנט דאָרט אינעווייניק, און ער געדענקט אזוי גוט דעם שיינעם ניגון מיט אַלע טייטש־ווערטער, אז עס ווילט זיך אים אַמאָל אונטערזאָגן יענעם ייִנגל, וואס בלייבט שטיין ביי אַ וואָרט ערגעץ און ווייס נישט דעם „טייטש“. נישט די זילזולים פון די חדר־ייִנגלעך, נישט זייער שפּייען אויף אים, דורכן פענצטער, האָבן אים געקענט אַוועקטרייבן פון זיין ליב ערטל, וואס גאָט האט אים צוגעשיקט. ער לערנט... מער ווי דאס האט אים נישט געפעלט און דאָס האט ער דאָ! — איינמאָל האט אַ ייִנגל פון חדר צי גערן, צי אומגערן, אַרויסגעגאָסן אויף אים אַ טאָץ הייסע טיי. יאָסעלע האט אַ האַרצרייסנדיקער אַ געשריי געטון. דער מלמד איז אַרויסגעלאָפן, אים אין חדר אַריינגעפירט. צום גליק איז די טיי נישט שטאַרק הייס געווען און קיין בלאָזן אויף זיין לייבעלע זענען נישט אויפגעלאָפן.

— ייִנגעלע, ווער ביזטו? וואס טוסטו דאָ? — האט דער מלמד מיטליידנדיק געפרעגט.

— איך לערן דאָ! — האט יאָסעלע בתמימות וויינענדיק געענטפערט.

— ווו? וואס? דאָ אויפן גאס?

— מיין מאַמע איז געשטאָרבן! — האט דאס קינד דערקלערט. — איך האב קיין חדר נישט, הער איך דאָ אונטערן פענצטער אַלץ, וואס איר לערנט מיט אייערע ייִנגלעך.

— נו, זאג, אדרבה, וואס קענסטו שוין פון אזא לערנען? איז

דער מלמד טשיקאַווע געווען,—און יאָסעלע האט אָנגעהייבן אויסווייניק איבערצוזאגן אַלץ, וואס ער האט געדענקט פון דעם, וואָס ער האט זיך אָנגעהערט ביז איצט.

דער מלמד האט זיך געחידושט, געקוועטשט מיט די פּלייצעס דאס אָרעם קינד געגלעט איבערן קעפּל, און איז אַ בעלן געווען אים צו לאָזן קומען אַלע טאָג אין חדר אַריין; נאָר די תלמידים זיינע, און די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, ווו דער חדר איז געווען, האָבן אים געזאָגט, אז דאס ייִנגעלע, דאַכט זיך, גאָר אַ נעבעכל, איז אָבער אַ גנב ידוע, און אז איבער אים האט בערל כמעט זיין גאַנצן חדר פאַרלוירן, און עס איז נישט כדאי אזעלכן אין חדר אַריינצולאָזן, דעריבער האט דער מיטליידנדיקער מלמד יאָסעלען געזאגט, אז אונטערן פענצטער מעג ער זיצן אלע טאג וויפל ער וויך, ער זאָל אים נאר געבן אַ האנט אויף חלק לעולם הבא, אז ער וועט קיינמאָל ביי זיינע ייִנגלעך נישט גנבענען. די חדר ייִנגלעך האט ער געגעבן צו פאַרשטיין, ווי גרויס די עבירה איז, זיך צו רייצן און נאך באַליידיגן אן אָרעם קינד אַ יתום, וואס האט נישט קיין מאַמען, וואס זאָל אים געבן אין אַ חדר, כאטש ער וויל לערנען און קען לערנען; אדרבה, עס איז אַ מצווה אים צו העלפן מיט וואס איינער קען, און נישט זשאַלעווען אַמאָל אַ שטיקל ברויט אים צו דערלאַנגען דורכן פענצטער, אנשטאט צו שפּייען אויף אים!

פון יענעם טאָג אָן האָבן די חדר-ייִנגלעך אָנגעהייבן רחמנות האָבן אויף יאָסעלען, און אָפט פלעגט אים נאָך ווער פון זיי, דורכן פענצטער דערלאַנגען אַ שטיקל ברויט מיט פוטער, אַ האַלבע בייגל, וואס פלעגט אים בלייבן פון אייגענעם פרישטיק, און יאָסעלען זעענדיק אין די אויגן געוואָרן. ווו צו נעכטיקען האט ער שוין אויך געהאט: ער איז מיטן אַלטן שמש פון חסידים-שטיבל דורכגעקומען, פאַרן אויסקערן דאס שטיבל אַלע פרימאָרגן און פאַר אָנגיסן וואַסער אין כיור, האט ער אים געלאָזט שלאָפן צווישן אויוון, פראַנק און פריי, אַ גאנצע נאכט. געדאַווענט האט ער שטענדיק אין „עולמשען" בית-המדרש. ער האט געפּרוווט אַמאָל דאָ דאַוונען, נאר אז מען האט אים אין קדיש אונטערגעזאָגט: „ויצמח פורקניה" און ער האט עס נישט געזאָגט, האט באַלד אַ הייסער חסיד אים גוט אָנגעריסן פאַרן אויער און אָנגעזאָגט, אז אויב ער וועט נאָכאַמאָל אזא העזה האָבן

נישט צו זאָגן ויצמח פּורקניה אין קדיש, וועט ער אים אין שטיבל קיינמאָל נישט אַריינלאָזן.

יאָסעלע האט עפּעס דעם ויצמח פּורקניה פיינט געהאט, ער ווייס אַליין נישט פאַרוואס, און נאָר צוליב דעם, ער זאל נישט מוזן זאָגן ויצמח פורקניה, פלעגט ער בעסער אַלע טאָג, אינדערפרי און ביינאַכט לויפן אין בית-המדרש דאָרט צו דאַוונען און קדיש זאָגן. אין בית-המדרש פלעגט ער אויך אַמאָל אַ חומש באַקומען, ווו כאָטש איבער צו חזרן דאס וואס ער האט אַמאָל ביים טאַטן און ביי ר׳ בערלען געלערנט. און ווי גליקלעך איז ער געוואָרן, אז זוכנדיק אַמאָל אַ חומש האט ער עפּעס אַ ספר געעפנט און אים האט זיך אויפגעמישט אָט די פּאָר קאַפּיטלעך ישעיה, וואס ער האט אויסגעלערנט ביי דעם ווילנער מלמד אונטערן פענצטער! ער האט איצט בחוש געזען וואס ער האט אויסווייניק געלערנט. די אותיות און די ווערטער זענען אים אזוי ליב, אזוי טייער געווען, אז אים האט געדאַכט אז זיינע אייגלעך זענען אים גאָר ליכטיקער געוואָרן, און ער האט די פּאָר קאַפּיטלעך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

— יינגעלע, — דו קענסט שוין „סוואַרבע״ (עשרים וארבעה) ? — האט אים אַ ייד געפרעגט, זעענדיק ווי ער לערנט אזוי פלייסיק.

יאָסעלע האט נאך נישט געוווסט, אז דאס וואס ער לערנט איצט, רופט מען עס „סוואַרבע״ — ער געדענקט נאָר, אז זיין רבי ר׳ בערל האט אַמאָל געזאָגט, אז דעם אַנדערן זמן וועט ער מיט אים אָנהייבן „סוואַרבע״, און ער האט זיך איצט פאָרגענומען צו בעטן זיין שוועסטער שרהלען, זי זאל אים קויפן אזא סוואַרבע, וועט ער אַלע נאכט קענען אפילו אין חסידים-שטיבל לערנען און חזרן. — נאָר דאָ האט זיך איין אומגליק געטראָפן: ביי געצל שניידער איז פּלוצלונג פאַרפאַלן געוואָרן אַ שטיקל טייערע צודאט פון אַ גבירהס אַ קלייד, און דער חשד איז געפאַלן אויף יאָסעלען. שרהלע האט אומזיסט געוויינט און געשוווירן, אז נישט זי, נישט איר עלנט ברודערל ווייסן פון דער גנבה נישט, געצל אָבער האט איר געענטפערט:

— דו ביזט טאקע אַן ערלעך קינד, פאַר דיר וועל איך אַליין שווערן אָבער פאַר דיין ברודערל וועל איך נישט ערב זיין! אז אַ וועלט שרייט, מוז דאָך עפּעס זיין!.. נאָר צי וואס ברויך איך אים חושד זיין? טאָמער נישט, האב איך גאָר אַן עבירה, און צי יזאס טויג עס מיר? זאל ער בעסער נישט גיין אַהערצו, וועל איך אים

אַ וודאי נישט חושד זיין, ווילסטו אים פון ד עסן וואס געבן, קיין עוולה נישט, אָבער גיב אים אַמאָל אין אַ וואָך, אָדער מאַך עס אזוי, אז דו זאָלסט קיין צייט צושלאָגן און ער זאָל אַהערצו נישט ברויכן קומען, פאַרשטייסט?

און אז יאָסעלע איז באַלד דערויף געקומען, האט זיך שרהלע אויסגעוויינט גאַנץ גוט, געבעטן אים, ער זאָל צו איר קומען נאר שבת, דער באַלעבאָס וויל נישט ליידן, זי וועט זוכן אן עצה, ווי אים זיין חלק עסן איבערצוגעבן. — וואָלט יונה אזוי ווייט נישט גע-רוינט,--האט זי געזאָגט--וואָלט איך אַלע טאָג ביי יונהן פאַר דיר עפּעס לאָזן. באַדיר, דערווייל, עטלעכע קאָפּיקעס, וועסטו זיך קויפן. גיי, מיין אָרעם ברודערל, אונדזער מאַמעס זכות וועט דיר בייסטיין, און גאָט וועט מיר צושיקן אן עצה ווי דיך נישט צו לאָזן הונגערן גאַנצע טעג!

— קויף מיר אַ סוואַרבע, שרהלע! — האט ער ווי קלאָגנדיק גע-בעטן,--נעכטן איז שוין אין חדר צוגעמאַכט געוועזן דאס פענסטער, און איך האב שוין גארנישט געהערט, וואס דער רבי האט דאָרט גלערנט. אז איך וועל האבן אַ סוואַרבע וועל איך ביינאכט אין „שטיבל" אַליין לערנען. סוואַרבע, שרהלע, איז אזא גוטע זאַך, איך וואָלט גאַנצע טעג נאָר לערנען סוואַרבע.

שרהלע האט אים צוגעזאָגט צוזאַמענצוקלויבן געלט אויף אַ סוואַרבע, און יאָסעלע איז אן אוממוטיקער אַוועק צום חדר. דאָ האט ער דערזען ווי מען שטעלט אַריין די טאָפּעלטע פענצטער, מען פאַר-שמירט און מען פארקלעבט אַלע שפּאַלטן. ער הערט נאך אפילו לערנענ-דיק דאָרט אינוויינ‏יק, אָבער נאר אַ קול, אָן ווערטער, הערט ער... און ער זעט איין, אז ער האָט שוין מער נישט וווּ צו לערנען. ער איז נאך אַ צייט געזעסן אונטערן פענצטער ווי אַלעמאָל, אבער ענדלעך איז ער אַוועק, און דאס הערצל האט אים וויי געטון זיך צוגעזעגענען מיט דעם ערטל, וואס איז אים אזוי ליב און טייער געוואָרן.

אויף מארגן האבן זיך טאַקע אנגעהייבן די אסיענדיקע רעגנס מיט די גרויסע און טיפע אסיענדיקע בלאטעס, די קאַלטע גרויע טעג מיט די פינצטערע, שוידערדיקע נעכט, און דעם ארעם קינד איז ערשט רעכט פינצטער און שוידערדיק געוואָרן. אין שטיבל האט ער בייטאג נישט געקענט זיין: באַלד נאכן דאַוונען, פלעגט דער שמש דאס שטיבל

פארשליסן און אַליין ערגעץ אַוועקגיין, פון בית-המדרש האבן אים, די ישיבה-בחורים מיטן שמש, שטענדיק ארויסגעטריבן, און ער האט קיין ברירה נישט, שלעפט ער זיך אַרום, אויסגעצווייקט פון רעגן דורך די בלאָטיקע גאסן, ביז עס קומט מנחה-צייט און ער מעג פראנק און פריי אין בית-המדרש אַריין.

אַ פאר טעג האט ער אַזוי דורכגעלעבט, נאר אויפן דריטן טאג האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט שוין, פון די עטלעכע קאָפּיקעס נישט מיט וואס זיך ברויט צו קויפן. ער שטייט שוין אַ גאנצע שעה ערגעץ אונטער א ברעג דאַך, באהאלט זיך פון רעגן, דאָס הערצל חלשט, עס איז שוין נאך האַלבן טאָג, און ער האט נאך אין זיין מויל נישט געהאט. ער געדענקט דעם חשבון נישט, און פרוווט נאָך זוכן אין די קעשענעס זיינע, טאמער איז נאך דא אַ קאפּיקע. ער זוכט, טאפּט, נישטאָ? ער דערמאנט זיך, עפּעס איז דאָך דא אַ מארק אויף דער וועלט און דאָרט פלעגט ער דאָך געפינען אַמאָל עפּעס מיט וואס דאס הערצל אונטער צו לעבן. און נישט קוקנדיק אויפן רעגן און בלאטע לאזט ער זיך צום מארק; נאר אט איז ער שוין דאָרט און געפינט דעם גאנצן פלאץ פארלאָזן און ליידיק. ער דערמאנט זיך דעם טייטש-וואָרט: תוהו ובוהו. „וויסט און לער!" רעדט ער פאר זיך, פונקט אזוי זעט אויס דער מארק! „עס זעט זיך שוין כמעט אפילו די בלאָטע נישט ארויס. וואסער בלאָטיקע, על פני תהום, אויף דער אָבערפלעך פון אפגרונט!" טראכט ער. נישטא קיין ווייבער מיט אויפּס, נישטא קיין גויים מיט וועגן. אנשטאט ערגעץ אַ שטיקל אַרומגעביסן עפּל, אנשטאט אַ מערל, וואס וואלט אים איצט מחיה זיין, זעט ער אויפן גאַנצן טייך נאר רעגנבלעזלעך, וואס ווערן פארשווינדן אָן אַ שיעור און אַ צאל.

עס פאלט אים איין צו פרווון ציילן די בלעזלעך, און ער פארגעסט אויף אַ ווילע, אז ער איז הונגעריק און צוליב וואס ער איז געקומען אַהערצו. ער ציילט און ציילט און עפּעס דאכט זיך אים אויס, אז דאס זענען נישט פשוטע בלעזלעך, נאר אויגן אַזעלכע, וואס קוקן אויף אים... אפשר זענען דאס גאר נשמהלעך? טראכט ער, אט לעבט איינע, אט שטארבט איינע...

דער רעגן ווערט דערווייל גרעסער, און פלוצלונג, אויס בלעזלעך...—אלע נשמהלעך אויסגעשטארבן, אין הימל אַריינגעפלויגן, גאט האט זיי צוגענומען!—טראכט ער פאר זיך. נאר לאנג טראכט ער

נישט, ער פילט ווי דאס וואסער קריכט שוין אַריין אין די שיכלעך זיינע, דער רעגן נעמט אים דורך ביזן לייבעלע, ער טוט אַ ציטער און הייבט אן לויפן צוריק. וווהין צוריק? ער ווייס אַליין נישט, נאר עס ציט אים נעבעטער צום בית-המדרש. אט איז ער שוין אין פארהויז, ער דערזעט דעם שמש און וויל שוין מאכן פליטה, נאר עפעס איז דער שמש צו אים אזוי גוט היינט, ער טרייבט אים נישט נאר אַרויס, נאר ער דערלאנגט אים נאך אַ בעזעם אָפּצורייניקן די בלאטע פון זיינע פיסלעך, און הייסט אים אַריינגיין אין בית-המדרש זיך אָפּטריקענען ביים אויוון.

ער איז אזוי גליקלעך פון דעם שמשס גוטסקייט, אז ער פארגעסט גאר, אז ער איז הונגעריק. ער זיצט לעבן אויוון, טריקענט זיך און ווארעמט זיך, ביז מען האט אנגעהייבן דאוונען מנחה. צווישן מנחה און מעריב כאפט ער אַ דרעמל, נאר אט גיט מען אַ קלאפּ אויפן בימה און מען זאגט „והוא רחום”. ער טשוכעט זיך אויס, דאוונט מעריב און זאגט קדיש. דער בית-המדרש ווערט ליידיק, די ישיבה בחורים פארמאכן די גמרות. יאסעלען הייבט אָן מוטשן דער הונגער, ער חלשט כאטש עפעס נעמען אין מויל, און ער לאזט זיך גיין צוריק אַהיים דאס הייסט: צו זיין נאכטלעגער אין חסידים-שטיבל.

פאַרבייגייענדיק אַ נידעריק, אָרעם שטיבעלע, דערזעט ער דורכן פענצטער ווי אַ מאַמע מיט קינדער זיצן אַרום דעם טיש און עסן וויעטשערע. ער דערמאנט זיך אן זיין מאַמען, און איז מקנא יענע קינדער, וואס האָבן אַ מאמע, אַ היים און אַ וויעטשערע. עס ווערט אים עפעס אזוי ביטער צום מוט, אזוי פינצטער אין די אייגלעך, אז ער קען נישט ווייטער גיין. אַ היבשע ווילע שטייט ער אזוי און קוקט נאָך אין פענצטער.—כאטש איין שטיקל ברויט, אז איך זאָל האבן! — טראַכט ער, און דער הונגער גיט אים מוט אַריינצוגיין בעטן אַ שטיקל ברויט, וואס ביז איצט האט ער עס נאָך קיינמאָל נישט געפּרווט. די יידענע נעמט צוזאַמען די געבליבענע שטיקלעך ברויט פון טיש און דער-לאנגט אים. ער גיט נאָר אַ קוק אויף איר אזוי רירנדיק, אָבער אַ דאַנק זאָגן קען ער נישט און לויפט ארויס מיט אַ שמחה.

גייענדיק עסט ער דערווייל צו ברעקעלעך. „ווייניקער ווי אַ כזית מעג מען עסן אומגעוואַשן”, געדענקט ער, האט אים זיין טאַטע אַמאָל געזאָגט. „אין „שטיבל” וועל איך זיך וואַשן!” און ער לויפט מיט

אימפּעט צום „שטיבל". דאָ האָט ער זיך באַלד געוואַשן און אויפ־געגעסן דאָס איבעריקע, כאָטש עס איז שוין פיל נישט געבליבן. אַרונטערגעלייגט דאָס מויל אונטערן קראַן פון כיור און זיך אָנגע־טרונקען, געבענטשט, קריאת־שמע געליינט און זיך שלאָפן געלייגט.

פאַרטאָג, אַז דער שמש האָט אים אויפגעוועקט אויסקערן דאָס שטיבל, האָט אים דער קאָפּ עפּעס אַזוי ווי געטון, אַזוי שווער געווען די אויגן צו עפענען און אויפצושטיין, אַז קוים איז דער שמש אַוועק פון אים, איז ער באַלד ווידער איינגעשלאָפן. צום צווייטן מאָל וועקן האָט ער זיך מיט אַלע כוחות אַ ביסל אויסגעטשוכעט, אויסגעגענעצט און איז אויפגעשטאַנען.

אַ גאַנצן טאָג האָבן אים אַלע ביינער געבראָכן, און אַזוי קאַלט ווי היינט איז אים נאָך קיינמאָל נישט געווען. און ווידער שלעפּט ער זיך אַרום אין די בלאָטעס, און ווידער קומט ער אין בית־המדרש, דאַוונט מנחה און זאָגט קדיש, דאַוונט מעריב און זאָגט ווידער קדיש, נאָר דאָס קולכל זיינס ציטערט און איז צעבראָכן, דער אָטעם קורץ, און ער בלייבט שטיין ווי אָפּגעהאַקט נאָך יעדע טעלעכע ווערטער. — ער פילט ער איז קראַנק—נאָר דאָס איז פון דעם, וואָס איך האָב היינט נישט געגעסן! טראַכט ער, אַז איך וועל אָפּעסן וועל איך גע־זונט ווערן! טרייסט ער זיך, און עס בלייבט ביי אים נאָכאַמאָל אַרייגצוגיין אין יענעם שטיבעלע, וווּ ער האָט נעכטן אַ שטיקל ברויט באַקומען.

נאָר היינט טרייבט אים אַהין נישט דער הונגער, עפּעס האָט אים אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהונגערט, נאָר ער וויל בעטן אַ שטיקל ברויט פון רפואה וועגן, עס זאָל אים, מיינט ער, דער קאָפּ אַזוי נישט ווי טון, און עס זאָלן אַזוי נישט ברעכן און ציטערן אַלע גלידער פון קעלט.

— אַלע טאָג ביי מיר, יינגעלע! — באַגעגנט אים די יידענע, — איך בין נישט איינע אין שטאָט! איך דאַנק גאָט, איך האָב פאַר מיינע אייגענע קינדערלעך! נעכטן ביי מיר, גיי היינט, יינגעלע, צו אַן אַנדערן אַריין!

יאָסעלע האָט שוין חרטה און וויל שוין אַרויסגיין אָן אַ רפואה, נאָר די יידענע נעמט אים אָן פאַר דער האַנט און זאָגט: קום, איך וועל דיר ווייזן וווהין אַריינצוגיין, און ער פאָלגט די יידענע און גייט אַריין גלייך אין אַ קיך ערגעץ. און דאָ איז אַזוי ליכטיק, אַזוי וואַרעם!..

„אז איך זאָל קענען זיך דאָ אָנוואַרעמען, אויסשלאָפן, וואָלט איך באַלד געזונט ווערן!" טראַכט ער; „ניין, עסן וויל איך גאָרנישט!" נאָר אין קיך איז קיינער נישטאָ און ער בלייבט שטיין ביים טיר. באַלד איז די קעכן אַריין און האָט זיך ווי דערשראָקן. אויפן טיש האָבן זיך געוואַלגערט זילבערנע לעפל.

— ווי אַזוי ביזטו דאָ אַריין? — האָט די קעכן געפרעגט, איבער-ציילנדיק דאָס זילבער.

— אַזוי! — האָט יאָסעלע געענטפערט.

— אַ קלאָג צו חאַצקלען, — האָט די קעכן געשאָלטן—לאָזט דאָס זילבער אויפן טיש און גייט זיך אַרויס, כאָטש צוטראָג די גאַנצע קיך! האָסט שוין עפּעס וואָס צוגענומען דאָ, יינגעלע?

— גאָרנישט גענומען, אָנוואַרעמען זיך אַ ביסל, וועל איך געזונט ווערן, וועל איך באַלד אַוועקגיין! — האָט יאָסעלע געענטפערט,—איך וויל קיין שטיקל ברויט אויך נישט אפילו...

אין די רייד איז חאַצקעל אַריינגעקומען. ניש ווויסנדיק, איז יאָסעלע צו שיינדעלען אין קיך אַריין. חאַצקל האָט אים באַלד דערקענט.

— זע נאָר מיט וועמען זי רעדט! — האָט ער אַ געשריי געטון,— דאָס איז דאָך דער גנב, וואָס טוט ער דאָ? געקומען עפּעס צו לאָפן, ימח שמו! מיט די רייד האָט ער יאָסעלען אַ שלעפּ געטון צו זיך — זאָג, ממזר, וואָס טוסטו דאָ? האָסט פאַרגעסן אַ פּנים מיינע אַמאָליקע קלעפּ, אַז דו קומסט שוין ווידער? נאַ! — האָט ער אים אַ פּאַטש אַראָפּ-געלאָזן — און געדענק, אַז עס איז דאָ אַ חאַצקלע אויף דער וועלט, און אַ טויט וועט ער דיר מאַכן, אַז דיין פוס וועט דאָ אויפן שוועל אַרויף נאָכאַמאָל!

— שלאָג אים נישט, חאַצקלע, איינגעשלאָגן זאָלסטו ווערן פון גאָט! — האָט די קעכן געשריגן,—ווי האָט מען דאָס אַזאַ הארץ אזאַ קראַנק קינד אַזוי צו שלאָגן?

נאָר חאַצקלע האָט זיך זיינס געטון און יאָסעלען ווייטער גע-שלאָגן. זאָל ער וויסן פון נאָכאַמאָל וועגן! — האָט ער געשריגן, פאַר שיינדעלען זאָל איך אַזוי מורא האָבן לעבעדיקערהייט, ווי איך האָב מורא פאַר זיין מאַמען טויטערהייט. — אַ גנב מעג מען שלאָגן, נישקשה!

— אָבער ער האָט נאָך גאָרנישט געגנבעט, אַן איינבראָך אויף

דיר! — האט די קעכן געטענהט, — לאָז אים אָפּ. אַ קראַנק קינד, מיינע שונאים זאָלן זיין פּנים און זיין געזונט האָבן!

— פריער אים אויסטרייסלען, זען צי האט ער דאָ נישט עפּעס צוגענומען, — האט חאַצקל נאָכגעגעבן, — דערנאָך — קטשאָרטו מאַטערי!

און חאַצקל האט גענומען יאָסעלען טרייסלען, זוכן אין זיינע קעשענעס. אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען. דיין גליק, ממזר, וואס דו האָסט נאָך קיין צייט געהאט עפּעס צונעמען, איך וואָלט דיך אַ לעבעדיקען נישט געלאָזן — מאַרש, פּאַשאָל! און פאַרזאָג דיינע אור-אייניקלעך אין חאצקעלס הענט נישט אַריינצופאַלן!

מיט די ווערטער האט חאצקל די טיר געעפנט, און מיט עטלעכע זעצן אין זייט און אין רוקן, דאס צוטומלט, האלב טויט קינד פון אלע טרעפּלעך אראָפּגעשליידערט. אַ היבשע ווײַלע איז יאָסעלע ליגן געבליבן אויפן גאס, נישט ווייסנדיק און נישט פילנדיק וואס מיט אים טוט זיך, נאר די קעכן, וואס איז טשיקאווע געווען צו וויסן, צי ער האט נאָך כּוח אַהיים צו גיין, איז ארויס, אים צוגעהאָלפן זיך אויפ-הייבן, און אים געהייסן גיין אהיים.

יאָסעלע איז נאָך געגאנגען עטלעכע טריט אַליין, באלד אָבער האָבן זיך אים די פיסלעך אונטערגעבראָכן, און ער האט זיך מיט די לעצטע כּוחות קוים צום פארקן צוגעשלעפּט. דאָ האָט ער זיך אַנידער-געזעצט, געמיינט, אָפּרוען זיך אַ ביסל, נאר באלד האט ער זיך פאר-געסן ווו ער איז. פייערדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט פאר זיינע אייגלעך, און דאכט זיך, אזוי פינצטער ארום אים, פונדעסטוועגן זעט ער עפּעס מענטשן, אַזעלכע מאָדנע הויכע מענטשן, מיט דריי נעזער, מיט פינף נעזער — מיט אַ סך קעפּ, זיי זען אויס ווי חאצקל, ווי שיינדעלע, דיקע, הויכע ביזן הימל... ער שרעקט זיך פאר זיי, ער ציטערט, זיי ווילן אים שלאָגן, נאר אָט, דאכט זיך, שטייט די מאמע זיינע, זי וויינט, זי גלעט אים, זי לייגט אים אין בעט, טוליעט אים, נישטאָ מער קיין מענטשן, די מאמע אויך נישטאָ... נאר שרהלע שטייט לעבן אים און גיט אים א סווארבע, א טייערע סווארבע מיט רויטע גרויסע אותיות, און די אותיות טאנצן, שפּרינגען... און אָט הערט ער ווי דער טאטע הוסט און הוסט; נאר עפּעס דאכט אים, אז נישט דער טאטע נאר ער אליין הוסט עס און נאָך יעדן הוסט שטעכט אים אזוי אין זייט... ער טאפּט מיט דער האנט, וואס שטעכט

אים אזוי? ער הערט ווי ער קרעכצט, דער אָטעם איז אים אזוי שווער, און אזוי קרעכצט ער ווייטער, ביז ער ווערט אנטשלאָפן.

— אַ גאַנצע נאכט האט גערעגנט געגאָסן, אַ לעבעדיקער מענטש איז אויפן גאַס נישט ארויס. פאר טאָג ערשט, אז ר׳ שואל דער שוחט איז אין בויניע געגאנגען, מיט די חלפים אין איין האַנט און מיט זיין גרויסער לאַמטערנע אין דער־אַנדערער, האט ער אין וועג יאָסעלען געפונען.

ר׳ שואל איז בכלל קיין פחדן נישט געווען, פונדעסטוועגן איז ער מיט שרעק אָפגעשפרונגען צוריק, אז ער איז צו נענטער און דערזען עס ליגט אַ קינד און קרעכצט.

— וואס קען עס זיין? — וואס זאָל עס באַדייטן? — פרעגט זיך ר׳ שואל.—אין אזא נאכט, וואס אַ הינט איז אויפן גאַס נישט אַרויס, ווי קומט עס, עפעס נישט גלאַט!

ער האט די לאַטערנע צוגערוקט נענטער און האט דערזען.

—אַ יידיש קינד, אויף מיין הן צדק! וואס איז דאס, ביין, מען טאָר אַזוי נישט פאַרבייגיין, איך מוז באַלד געוואָר ווערן! און שואל האט זיך איינגעבויגן, אַ טאפ געטון דאס קינד. — אַ טשעקאַווע זאַך, —האט ער ווידער געזאָגט,— אַ ווארעם קעפל... איך האב געמיינט עס וועט זיין — אַ דערפרוירן, נאַדיר גאָר, הייס ווי פייער, אַ טשעקאַווע זאַך!

— שטיי אויף, ייִנגעלע! — האט שואל אָנגעהייבן עס וועקן,— שטיי אויף, האט ער עס פארן קעפל אויפגעהייבן.

יאָסעלע האט די אויגן געעפנט.

— אוי. די זייט! — האט יאָסעלע געקרעכצט.

— ווער ביזטו, ייִנגעלע? זאָג, ווער ביזטו? — האט שואל עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט, ביז ער האט עס פאנאנדערגעטשוכעט.

— יאָסעלע! — האט דאס אָרעם קינד קוים אַרויסגערעדט.

— וועלכער יאָסעלע? — האט שואל ווידער געפרעגט.

— דער גנב!

— דער גנב? יאָסעלע? אַ וודאי כיענעס ייִנגל!

— מיין מאַמע איז דאָ ערשט געווען! — האט דאס קינד געקרעכצט.

— דיין מאַמע איז געשטאָרבן, נאַרעלע, דעריבער, וואלגערסטו

זיך אַזוי אויפן גאַס! — האָט שׂאול ווי פאַר זיך גערעדט.—נאָר זאָג מיר, ווי טוסטו אַזאַ נאַרישקייט און לייגסט זיך שלאָפן אין אַזאַ שלאָגס־רעגן אויפן גאַס? וואָס ביזטו אַהיים נישט געגאַנגען? נאָך צו מעריב נעכטן האָב איך דיך געזען, און האָב געמיינט דו גייסט אַהיים.

— איך האָב קיין היים נישט! — האָט יאָסעלע קוים אַרויסגעקרעכצט.

— ביזטו דאָך טאַקע גאָר־נישט קלוג, — האָט אים ר׳ שׂאול צו פאַרשטיין געגעבן, — איך האָב געמיינט, ביזט אַ קלוגער יינגל. נאַרעלע, אַז דו וואָלסט צו מיר אַריינגעגאַנגען נעכטיקן וואָלט איך דיך אויך נישט אַרויסגעטריבן. ווי נעכטיקט מען דאָס אין אַזאַ קעלט און רעגן אויפ׳ן גאַס? עס איז דאָך סכנת נפשות!

יאָסעלע האָט שוין נישט געענטפערט, עס האָט אים אָנגעהייבן וואַרפן אין קעלט, און ר׳ שׂאול האָט געהערט ווי עס טרייסלען זיך אים די צענדלעך אין מויל.

— זעסטו, — האָט ער געזאָגט מיט רחמנות,—האָסט זיך טאַקע שוין צוגעקילט! קום מיט מיר, איך וועל דיך אין אַ שטוב אַריינפירן. קיין ייד וועט דיך נישט אַרויסטרייבן, וועסט זיך אָנוואַרעמען אַ ביסל. יאָסעלע האָט נישט געענטפערט.

— וואָס שווייגסטו, נאַרעלע? קום גיכער, — האָט ר׳ שׂאול מיט רחמנות אים אָנגענומען — קום, מיין קינד, איך האָב מורא, דו ביזט שוין גוט קראַנק... אַזאַ נאַרישקייט, אַזאַ נאַרישקייט! איך פאַרשטיי עס גאָר־נישט, וואָס האָסטו זיך לכתחילה געקלערט, אַז דו האָסט זיך דאָ שלאָפן געלייגט?

און ר׳ שׂאול האָט אים געפּרוווט פאַר אַ הענטל אָננעמען, אים אַריינפירן ערגעץ, נאָר דאָס עלנט קינד האָט שוין אויף די פיסלעך זיך נישט געקענט שטעלן.

— ביזט גוט קראַנק, אָרעם קינד! — האָט דער אַלטער ייד מיט אַ שווערן זיפץ אַרויסגערעדט,—וואָס טו איך מיט דיר?

ער האָט די חלפים זיינע אין בוזעם אַריינגעשטעקט, גענומען יאָסעלען אויף די הענט, זיך געוווּנדערט ווי גרינג ער איז. „ווי אַ קינד אפשר פון דריי יאָר!״ האָט ער פאַר זיך גערעדט, ער האָט אים צום בעל־טאַקסע געוואָלט אַריינטראָגן ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און געזאָגט: נישט כדאי! בעסער צו אַן אַנדערן ייד... כאָטש איך האָב גאָר קיין צייט נישט. די קצבים וועלן דאָרט משוגע

ווערן... זאָלן זיי משוגע ווערן! ווי דען? לאָזן אים אויפן גאַס?— נו, אַ מעשה, אַ מעשה נורא ממש! איך וואָלט עס גאָר אויף דיר נישט גערעכנט, נאַריש קינד!

און אין ערשטן יידישן פענצטער, ווו עס האט נאר אַ שיין פון אַליכט זיך געוויזן, האט ר׳ שואל אָנגעקלאַפּט, געבעטן עפענען די טיר.

— אזא מעשה, אזא מעשה! — האט ר׳ שואל געקרעכצט אין שטוב אַריינקומענדיק.—אַ קינד, נעמט און לייגט זיך שלאָפן אונטער אַ פאַרקען, אין אזא נאכט, וואס האט עמערוויז געגאָסן!.. האט קיין דאגות נישט און שלאָפט מסתמא שטארקער ווי אַ דערוואַקסענער מענטש; הערט גאָר־נישט, אז עס רעגנט אויף אים, שלאָפט זיך אָן דאגות, און נעמט און קילט זיך צו; און איך האב מורא אל תפתח פה לשטן, ער האט זיך אַ גאנצע חתונה אָנגעמאכט... גוט נאָך, וואס איך האב עס דערזען! צו מיין היום איז אָבער אַ מהלך רב פון דאנען; בין איך מיך מיישב: יידן זענען דאָך יידן, וועלכער ייד וועט נישט לאָזן אַ קינד, וואס וואַלגערט זיך אין אזא נאכט אויפן גאַס, צו זיך אין שטוב אַריינטראָגן, ביז וואנען וואס?— אָט האב איך עס צו אייך אַריינגעטראָגן.

— אַ יידיש קינד? — האט דער באַלעבאָס געפרעגט.

— אַ יידיש קינד, אַ יתומל! נאך נעכטן צו מעריב קדיש גע־זאגט נאך דער מאַמען זיינער. אַ כשרה פרומע אשה געווען די מאמע זיינע!.. דער באַלעבאָס האָט א קוק געטון אויף דאס קינד און האט עס באַלד דערקענט.

— דאס איז דאָך דאס יינגעלע, וואס אלע רופן אים גנב!— האט דער באַלעבאָס געזאָגט.— עפּעס אַ גאנצע מעשה האט מען מיר אָנדערציילט אויף אים. נאר דאס איז נישט מיין זאַך — מיר, זעט איר, איז דער יינגעלע דווקא געפעלן. הערט אויס אַ מעשה וואס קען זיך פארלויפן: עפּעס איינמאָל, באַמערק איך אין חדר, אז מיינע יינגלעך קוקן זיך איטלעכע ווילע איין אין פענצטער, און האָבן דאָרט עפּעס צו טון מיט איינעם; בייזער איך מיך אָן אויף זיי, און קלער גאָרנישט. נאר וואס אַ שייגאַץ אַ יינגל קען! איז זיך אַמאָל מיישב איינער פון מיינע חדר־יינגלעך און נעמט אַ טאָץ הייסע טיי און גיסט דורך דורכן פענצטער און בריט אָפּ עמעצן. איך הער אַ געשריי, איך לויף ארויס, און דאס האַרץ איז מיר צעגאנגען! אָפּגעבריט, נעבעך, אָט טאקע דעם אייגענעם יינגעלע—איך דערקען אים גאנץ גוט—איך נעם

אים אריין אין חדר, איך טו אים אויס די הייזלעך, אַ דאנק גאָט! קיין בלאָזן נישטאָ, מסתמא נישט גאנץ הייס געוועזן, די טיי, נאָך בסים, ווי איך בין אַ ייד!—יינגעלע, וואס טוסטו דאָ אונטערן פענצטער?—פרעג איך.

— איך הער צו ווי מען לערנט דאָ! — ענטפערט ער מיר.

— וואס לערנט מען דאָ? — פרעג איך טשיקאַווע.

— נו, וואס מיינט איר? האט ער מיר נישט אָפּגעזאָגט אַ גאנץ קאפּיטל ישעיה אויסווייניק, פּונקט ווי איך לערן מיט מיינע חדר-יינגלעך? דאס הארץ איז מיר פאַרקלעמט געוואָרן, באַנעמנדיק די גאנצע תולדות פון דעם יינגעלע, און איר מעגט מיר גלויבן, ר׳ שואל, ווען איך הער נישט מן הצד, אז בערל שעפּטלס האט צוליב אים פאַר-לוירן אַ האלבן קנעלונג, וואָלט איך בשמחה רבה אים צו מיר אין חדר אריינגענומען און וואלט מיט אים געלערנט אומזיסט. אינמיטן בין איך דאָ אַ גר ביי אייך אין שטאָט... און איך ווייס באמת נישט, ווי געפינט זיך נישט פאר אזא קינד, וואס האט אזא תשוקה צו לערנען, קיין קרוב, קיין גואל, וואס זאל זען ער זאל, נעבעך, לאיבוד נישט גיין? נא, אַ באשערטע זאך מסתמא! דארפט איר גיין אים געפינען אויפן גאס, נעבעך, און אים אריינטראָגן צו מיר... דער רבונו של עולם, אַ פּנים ווייס, אז איך האב רחמנות אויף אים, האט ער אייך אָנגעוויזן מיין טיר וווהין אַריינצוגיין! זאָל אייך זיין צו מצווה, ר׳ שואל, מגלגלין זכות על ידי זכאי!

— איך האב, בעת מעשה, גאָר קיין אנדערע מחשבה נישט גע-האט, ווי אריינטראָגן מיין מציאה צו ר׳ שלמהן, אונדזער בעל-טאקסע, —האט ר׳ שואל דערציילט,—אינמיטן דערמאן אָיך מיר די גאנצע גע-שיכטע, וואס דאָ איז געשען מיט דעם אייגענעם יינגל, צוליב ר׳ שלמהס ווייב, און גיב בעת-מעשה אַ קלער: אפשר איז דאס דעם בעל-טאקסע אונדזערן אַ נסיון פון אויבן? נישט כדאי, רעכן איך, אַ יידן צו אַ נסיון צו ברענגען, אין וועלכן ער וועט זיכער נישט ביישטיין! און איך נעם און טראג אים אריין צו אייך, לאז ער זיך טאקע דורכ-ווארעמען זיינע ביינדעלעך! בעט אייער ווייב, זי זאָל אים גוט איינ-דעקן, אפשר וועט ער איבערשוויצן און געזונט ווערן. צום דאווענען, וועל איך, אם ירצה השם, אַ רעד מאכן אין בית-המדרש, און איר וועט זען, יידן וועלן נישט לאָזן עס זאל אזעלכעס מיט אים פאסירן

נאָכאמאָל! מען דארף נאר קענען מעורר זיין יידן, ווערט שוין אלץ רעכט! „נתבעין למשכן ונותנין", א מאָנער ברויך מען האבן, בלייבט א ייד קיין בעל-חוב נישט!..

— א גוטער צאָלער אָבער, ר' שואל, ברויך נישט צו ווארטן ביז מען וועט קומען מאָנען!.. ער געדענקט זיין חוב אליין, און נאך איידער יענער קומט מאָנען, טראָגט ער אים אין שטוב אריין!..—האט דער ווילנער מלמד באמערקט,—און דאס איז טאקע פון אייביק אָן אונדזער חסרון! מיר יידן, האָבן אין זיך קיין אייגענע התעוררות נישט, צו יעדער גוטע זאך ברויכן מיר האָבן א מעורר מן החוץ... וואלט נישט גלייכער געווען, אז מען וואלט בעסער מקדים זיין יעדע רעה זי זאָל נישט קומען?

— איר זייט צו יונג, ר' בצלאל! — האט זיך ר' שואל אָפּגע-רופן,—מען טאר אויף יידן נישט מלמד חובה זיין, שווערע צייטן היינטיקע, ר' בצלאל!.. מען ברויך דעם רבונו של עולם דאנקען, אז יידן קענען נאך באצאָלן, ווען מען מאָנט שוין ביי זיי. דאס זענען אויך נסים גרויסע...

דערווייל האט דעם מלמדס ווייב יאָסעלען אראָפּגעצויגן די נאסע בגדימלעך זיינע, אים אוועקגעלייגט אויף בעטגעוואנט און גוט איינגע-דעקט. זי האט אָבער נישט איין וואָרט פון אים געקענט ארויסבאקומען, ער האט געפיבערט און געזעדט פון היץ.

— א טויט קינד, גאָט ווייסט, צי ער וועט דעם טאָג דער-לעבן? ! — האט דאס ווייבל די מאָנסלייט דערציילט, מיט שרעק אויף איר געזיכט,—זאָל ווער לויפן נאָך אַ דאקטאר, אפשר קען מען אים נאָך ראטעווען!

— ווייסט איר וואס, ר' בצלאל, לויפט איר, זייט מוחל, אין בוינים אריין זאָגט די קצבים, זיי זאָלן שיקן נאָך מיין איידעם. זאָל ער היינט קוילן, איך וועל לויפן ברענגען נחמן דעם פעלטשער!

אין עטלעכע מינוט אַרום, איז ר' שואל צוריק אַריין מיט נחמן דעם פעלטשער, וועלכער האט באלד דערקענט, אז יאָסעלע האט גע-כאַפּט אַ שארקע לונגען-ענטצינדונג, און איז אין אַ גרויסער סכנה; על-כן איז זיין עצה: מען זאל אים וואס גיכער אַוועקטראָגן אין הקדש, ווו עס איז דאָ אַ שטענדיקער דאקטאר מיט אן אַפּטייק. — דאָ איז פאר אים קיין אָרט נישט, ביז מען וועט אהערצו ברענגען פאר אים אַ דאקטאר מיט רפואות, קען ער אריין אין אַ נאָך גרעסערע סכנה.

נישט געוואָרט איין מינוט האָט דער אַלטער ר׳ שאול געגומען דאָס קראַנקע קינד ווי אַ קוואָטער אויף ביידע הענט. דאָס ווילנער ווייבל האָט עס איינגעוויקלט און צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמע דעק, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געזאָגט: גייט, ר׳ שאול, אַ מינוט איז אַ סך, ראַטעוועט דאָס אָרעמע קינד! גאָט וועט, צוליב זיין מאַמעס זכות, דורך אייך אים זיין אמתע רפואה צושיקן! איך וועל נאָר דאָ מיינע קינדער אָנטון, וואַשן און ברכה מיט זיי אָפּזאָגן וועל איך באַלד קומען אין הקדש, לעבן אים זיין. דאָס הארץ צוגייט מיר פון רחמנות.

— איך בין אַ שכיר יום,—האָט דער מלמד זיך פאַרענטפערט.— איך מוז אָפּדאַוונען און לויפן אין חדר אַריין, אַז נישט וואָלט איך אייך נישט לאָזן, ר׳ שאול, אים אויף אייערע הענט טראָגן, איך בין יינגער און מיר וואָלט עס געווי׳ס גרינגער זיין ווי אייך.

— קיין שווערע משא, ר׳ בצלאל, — האָט ר׳ שאול געענטפערט,— אַן אויסגעפייניקט לייבעלע, נעבעך... וועגט אינגאַנצן ווי אַ קינד פון דריי יאָר. וואָלט מיר אַזוי גרינג זיין עס צו ראַטעווען, ווי גרינג דאָס אַוועקטראָגן ביזן הקדש וועט מיר זיין.

דריי טעג איז יאָסעלע אין הקדש געלעגן. אויסער דעם אַלטן ר׳ שאול שוחט, וואָס פלעגט עטלעכע מאָל אין טאָג קומען געוואָר ווערן, פלעגט אָפט דעם ווילנער מלמדס ווייב שעות גאַנצע זיצן לעבן אים, דאָס קישעלע אונטער זיין קעפל צורעכט לייגן, די רפואה אים געבן, און האָט צו אים טרייקייט אַרויסגעוויזן ווי אַ מוטער צו איר קינד. מער איז קיינער צו אים נישט געקומען, מיט אים זיך נישט אינטערע- סירט. דער אייגענער פאָטער זיינער זעלבסט, וואָס איז דאָ אין דעם זעלבן הויז אונטער אַן דאַך געלעגן, האָט נישט געוווּסט אין וועלכער סכנה זיין עלנט קינד ליגט דאָ לעבן אים. ברוך דער שמש איז אליין, אין דער צייט, געפערלעך קראַנק געווען, און ווען איז עס אין זיבען געלעגן אין אַזאַ צושטאַנד אים די גוטע בשורה אָנצוזאָגן.

ערשט אויפן דריטן טאָג האָט זיך יונה וואַסערטרעגער, ביי שיינדעלען אין קיך, דערוווּסט, וואָס מיט יאָסעלען טוט זיך.

די קעכן האָט אים דערציילט, אַז זי האָט אין יאַטקע געהערט, אַז כיענעס ייבגל האָט מען אַ דערפרוירענעם אויפן גאַס געפונען, און ער ליגט איצט געפערלעך קראַנק אין הקדש.

יונה האָט נישט געוואָרט, און מיט די ליידיקע עמער אין ביידע הענט, איז ער געלאָפן גלייך צום הקדש. פאַרביילויפנדיק פאַרביי

געצל דעם שניידער, איז ער אַריין געוואָר ווערן, טאַמער ווייסט שׂרהלע עפּעס. שׂרהלע האָט נאָך אָבער פון גאָרנישט געוווּסט; שבת אַ גאַנצן טאָג האָט זי איר ברודערל געזוכט, דער שמש פון שטיבל האָט איר געזאָגט, אַז שוין עטלעכע נעכט נעכטיקט ער דאָ נישט.

— קום שׂרהלע, גיכער, צום הקדש, קום! — האָט יונה אָן אָן אָטעם, כמעט, אַרויסגערעדט, אַז ער האָט געזען, אַז זי ווייס נאָך פון גאָרנישט.

— דער טאַטע איז אפשר? — האָט שׂרהלע אַ דערשראָקענע גע-פרעגט און מורא געהאַט דאָס שרעקלעכע וואָרט, „קראַנק", אָדער „גע-שטאָרבן" אַרויסצורעדן.

— נישט דער טאַטע, יאָסעלע, נעבעך, איז קראַנק, זאָגט מען, שטאַרק קראַנק, און ליגט שוין דעם דריטן טאָג אין הקדש.

— אַ קויל האָט מיך געטראָפן! — האָט דאָס צוועלף יעריקע מיידל אַ געשריי געטון, — אַ דונער האָט מיך אָנגעשלאָגן! אוי, איך בין אַליין שולדיק, אַ וודאי פאַר הונגער, פאַר קעלט קראַנק געוואָרן, ביז איך האָב זיך צוגעקליבן ווי אים פון מיין חלק עסן איבערצוגעבן!.. אוי, מיין אָרעם ברודערל, מיין טייער יאָסעלע, מיין הארץ און מיין אויג פון מיין קאָפּ!

אָן אָן אָטעם זענען זיי ביידע אין הקדש אַריין, גלייך צוגע-פאַלן צו יאָסעלעס בעטל. לעבן אים איז געזעסן דאָס ווילנער ווייבל און געקוקט ווי דאָס עלנט קינד מאַטערט זיך.

— יאָסעלע, מיין ברודערל, מיין הארץ! — איז שׂרהלע צוגעפאַלן צום בעט און אַ ים טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטון איבערן קראַנקען קינד. נאָר יאָסעלע האָט שוין נישט געהערט, אָדער קיין כּוח שוין נישט געהאַט צו ענטפערן.

— יאָסעלע, ענטפער מיר! שׂרהלע, דיין פינצטערע, ביטערע שוועסטער שטייט דאָ! ענטפער מיר, יאָסעלע, דערקענסטו מיך? — האָט זי געקלאָגט און מיט אַ האַרץ-רייסנדיק געשריי איר ברודערל געוועקט. דאָס קינד האָט די אייגלעך געעפנט, שטאַר און ליידנדיק געקוקט און באַלד צוריק צוגעמאַכט.

— כאָטש איין וואָרט רעד מיט מיר, יאָסעלע, מיין קרוין!.. איין וואָרט כאָטש פאַר דיין עלנטע שוועסטער... יאָסעלע, עפן די אייגעלעך, מיין ברודערל, זע ווי איך שטיי דאָ לעבן דיר!.. מיין הארץ, מיין ברודערל, איין קוק נאָך אויף מיר.

יאסעלע האט נאכאמאל די אייגלעך, ווי איבערגעוואלט, גע־עפנט. שרהלע איז אַרויפגעפאַלן אויף אים, געגומען קושן אים מיט דורשט און מיט פאַרצווייפלונג. עס האט אויסגעוויזן, אז מיט איר קושן האט זי געמיינט די גאנצע קראנקהייט זיינע אויסזויגן אָדער אין זיך אַריינזויגן.

— מיין ברודערל, מיין יתומל, לעב נאך, מיין טייערער יאָסעלע! זיי געזונט, מיין עלנטע נשמהלע, איך האב דיר אַ סווארבע געקויפט! לערנען האָסטו געוואָלט און אזוי גוט געקענט!.. לעב נאָך, יאָסעלע, איך וועל דיך שוין נישט אַוועקלאָזן פון זיך, נישט אַוועקלאָזן! ווי מיין אויג, ווי מיין האַרץ און ווי מיין לעבן דיך היטן... מיט מיר וועסטו זיין, יאָסעלע, אָדער איך וועל מיט דיר אויפן גאס אונטערן בלויזן הימל זיך וואַלגערן, ביז גאט וועט אונדזער צער צוזען!.. האָב רחמנות, גאָט אין הימל! שענק מיין ברודערל דאס געזונט, שיק אים זיין רפואה, אָדער נעם מיך צו פאַר אים, פאַר יאָסעלען, אונדזער מאמעס איינציקער טרייסט... איר נחת, ביז איר לעצטע מינוט!.. אוי מאַמע, כאַמע, וואס שווייגסטו?! וואס בעטסטו פאַר דיין טייער קינד נישט? פאַר יאָסעלען, מאַמע, אויף זיין קראַנק בעטעלע!

דאס ווייבל, וואס איז דערביי געזעסן האט אויך געוויינט און געכליפעט הערנדיק שרהלעס טענות. יאָסעלע האט אַ היפשע ווילע די אייגלעך אָפן געהאַלטן, געקוקט אויף שרהלען אזוי טרויעריק אזוי ליידנדיק, אז עס האט זיך געדאַכט ער רעדט צו איר, ער באַ־קלאָגט זיך פאַר איר אויף זיינע יסורים, וואס פייניקן אים איצט... באַלד אָבער האבן זיך די אייגלעך פאַרמאַכט, עס האט אויסגעוויזן ער איז אנטשלאָפן געוואָרן, ער שלאָפט געשמאַק, ער כראָפעט אפילו... באר ר׳ שואל, וואס איז צום בעט צוגעקומען, האט נאכן כראַפען דערקענט, וואס פאַר אַ שלאָף עס איז. ער האט געגעבן א ווונק יונהן, ער זאל די נשים אַרויספירן. יונה, אבער, וואס איז ווי אַ דערשלאַגענער געשטאַנען און אן אויג נישט אַראפגענומען פון קראַנקען קינד, וועלכעס איז אים ערשט אזוי ליב און אַזוי טייער געווארן, אז ער וואלט, אין דער מינוט אַ האַלב לעבן אים אַוועקגעגעבן, האט דעם ווונק ר׳ שואלס נישט פאַרשטאַנען, און ר׳ שואל האט אַליין אנגע־הייבן רעדן:

— גייט שוין אַוועק פון אים, נשים! ער האט שוין זיינע חשבונות מיט אייך געענדיקט, אויסגעצאלט אַלע זיינע חובות אין זיין קורצן

לעבן!.. איצט גרייט זיך זיין נשמהלע צו צוקומען באלד אַהין פון וואַנען זי שטאַמט אַרויס. שטערט אים נישט, לאזט אים רויק שטאַרבן און גייט אַוועק. פירט זיי אַרויס, ר׳ יונה, און טראגט אריין אַ ליכט, עס וועט באלד יציאת נשמה זיין.

יונה, וואס איז ביז איצט ווי אַ תּם נידערגעשלאָגן געשטאַנען, האָט זיך ווי פון אַ שווערן שלאָף אויפגעכאַפּט און האט שרהלען איבערגוואַלט פון בעטל אַפּגעריסן, ווי אַ קליין קינד אויף זיינע ריזיגע הענט פון הקדש זי אַרויסגעטראָגן. דאס ווילנער ווייבל איז מיט שרהלען אויפן גאס שטיין געבליבן און האט צוגעהאָלפן דאס אומגליקלעכע שוועסטערל קלאָגן און וויינען. יונה האט אַ פּאר גראָשענע ליכטלעך אריינגעטראָגן, אָנגעצונדן, געגעבן איינס ר׳ שואלן און איינס האט ער אַליין געהאַלטן, און האט מיט טרערן יציאת נשמה דער-וואַרט. יאָסעלע האט זיך נישט פיל געמאַטערט, זיין גאַנץ לעבן איז אזא מין גסיסה געווען, און לייכטער ווי ער האט געלעבט איז ער געשטאָרבן.

— ברוך דין אמת! — האט ר׳ שואל אויסגערעדט און יאָסעלען צוגעדריקט די האַלב אָפן געבליבענע אייגלעך.

אין אַ שעה צייט האט מען שוין יאָסעלען אַרויסגעטראָגן פון הקדש. די לוויה איז געווען נאר פון עטלעכע געצעלטע מענטשן: ר׳ שואל, יונה, געצל שניידער איז אויך געקומען, אַ פּאָר שמשים, חוץ דעם שמש, וואס האָט יאָסעלען אין אַ קינדערשען קעסטל געטראָגן מיט אַ רימען איבערן שולטער אַריבערגעלייגט.

מער ווי דאס ווילנער ווייבל מיט שרהלען, איז פון ווייבער קיינער נאָכן אָרון נישט נאָכגעגאַנגען. שרהלע האט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן, זיך צו באַפרייען פון ווייבלס האנט, וואס האט זי געפירט. איר האט זיך געוואָלט אַרויסרייסן איר ברודערל פון דעם שמש, וואס טראָגט אַוועק איר האַרץ, איר קרוין אַהין פון וואַנען עס קומט שוין קיינער נישט צוריק. — לאָזט מיך צו מיין ברודערל! — האט זי געשריגן, — ער לעבט נאך! ער איז נישט געשטאָרבן, ער האט נישט געקענט שטאַרבן, מען האט אויף אים אַלעמאָל נאר אַ בלבול געמאַכט, און איצט איז אויך אַ בלבול... ער איז נישט גע-שטאָרבן, אוי לאָזט מיך... ניין, איך וועל נישט לאָזן אים אזוי יונג אין דער ערד אַריינלייגן.

אַ שמש האָט געמוזט צוהעלפֿן זי נישט צוצולאָזן צום אָרון. דאָס ווייבל איז שוין אָן כּוחות געבליבן.

אַז מען האָט שוין יאָסעלען אין קבֿר אַריינגעלייגט האָט זיך שׂרהלע ווי אַ ווילדע אַרויסגעריסן, איז צוגעפֿאַלן צום אָפֿענעם קבֿר און געשריגן: מיין ברודערל, מיין יאָסעלע! אוי יידן, זעט ווי שיין ער איז! ער לעבט נאָך! האָט רחמנות, גיט מיר אים אַוועק, איך האָב שוין מער גאָרנישט אין מיין לעבן!..

— גענוג וויינען, גענוג קלאָגן, מיין טאָכטער! — האָט ר׳ שאול זי פֿאַרן האַנט אָננעמענדיק געזאָגט:—דיין ברודערל איז געשטאָרבן... געשטאָרבן ווי עס שטאַרבט אַן אויסגעלייטערטער ריינער נפֿש. לאָז אים זיין רעכט טון, און זיי געטרייסט דערמיט, וואָס נישט אַ יינגל אַ גנבֿ ערגעץ, איז מען דאָ מקבר, נאָר אַ קליין קדושל, וואָס האָט פֿון זיין געבוירן טאָג ביז זיין טויט געליטן פֿאַר פֿרעמדע זינד, פֿאַר פֿרעמדע רשעות!.. אַ גוטער בעטער זאָל ער שוין פֿאַר דיר זיין און פֿאַר כּלל ישׂראל!

אַ פּאָר גרויסע טרערן, וואָס האָבן אין דער גאַנצער צייט, ביי דעם אַלטן פֿרומען ייד ווי פֿאַרגליווערט אין די אויגן געפֿינקעלט, האָבן זיך ענדלעך לויזגעריסן, זיך געקויקעלט איבער זיינע איינגעפֿאַלענע, איינגעצויגענע באַקן, איבער זיין שניי ווייסן באָרד, און זענען גלייך אין אָפֿענעם קבֿר אַריינגעפֿאַלן.

קוקנדיק אויף ר׳ שאולן האָט זיך אויך יונה וואַסערטרעגער צו-וויינט, און ר׳ שאולן האָט מי געקאָסט אים איינצושטילן.

— אפֿשר בין איך שולדיק אין זיין ייִנגען טויט, — האָט יונה קלאָגנדיק געכליפּעט, — אַזאַ קינד, אַזאַ כּשר ערלעך קינד! ווי אַ מלאך שיינט ער פֿון קבֿר אַרויס! זיי מיר מוחל, יאָסעלע, איך האָב נישט געוואָלט, חלילה, שלעכטס טון דיר!

צו מעריבֿ האָט יונה אין בית-המדרש קדיש געזאָגט.

— אַ יאָר צייט, יונה? — האָט מען פֿון עולם אים געפֿרעגט.

— ניין, נישט אַ יאָרצייט, נאָך כיענע די מגידטע, זאָג איך קדיש.

— ווו איז איר קדיש?

— איר קדיש איז שוין דאָרט, ביי איר אין גן-עדן!

— דאָס יינגל כיענעס? דאָס גנבֿעל, מיינט איר, ר׳ יונה?

יונה האָט נישט געענטפֿערט און איז פֿון בית-המדרש אַרויס.

דער עולם האט יונהן נישט פארשטאנען, געקוועטשט מיט יד פלייצעס און געענטפערט: „שיכּור, מן הסתם!“

אז די קעכן האט אויף מאָרגן פרי אָנגעזאָגט שיינדעלען, אז כיענעס יינגל, דאס גנבעל, איז געשטאָרבן נעכטן אין הקדש, האט שיינדעלע געענטפערט: „איידער גרויסערהייט אין אָסטראָג, איז אַ וודאי גלייכער קליינערהייט אין קבר! אַ כפּרה, זאָל ער זיין, רבונו של עולם, פאר מיין איינציק טרייער קינד, פאר מיין בן־יחיד לייבעלען, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר!“